STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07385

DURKH ZIBN FAYERN

Grigory Vinokur

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערשל וויינרויך

דורך זיבן פייערן

ראָמאַן

פארלאג: פרינטינג בר. ראוזען

תשי"א | ניו יאָרק — ברוקלין | 1951

THROUGH SEVEN FIRES

(A Novel)

By

Herschel Weinrauch

Copyright, 1951 by Herschel Weinrauch
7602 — 21st Ave. Brooklyn, 14 N. Y.

Printed in U. S. A.
RAUSEN BROS.
417 Lafayette Street
New York 3, N. Y.

311

הערשל ווײַנרויך

„...וואויל איז דעם מענטש, וואָס איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פון רשעים..."

„...צו גאָט איז די ערד און אַלץ וואָס אויף דער ערד, די גאַנצע וועלט און די וואָס זיצן אין איר !.."

(תהילים)

„...און מיין געשיכטע, וואָס איר וועט דאָ לייענען, איז נאָר אַ טראָפּן פון דער גרויסער, וואונדערבארער און דאָך זייער טרויעריקער יידישער געשיכטע.

איך בין דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום און האָב זוכה געווען באַ ג—ט צו בלייבן לעבן..."

(ה. ווייגרויך)

אַ וואָרט פאַרן אָנהויב, וואָס איז אייגנטלעך אויך אַ ראָמאַן...

(אָנשטאָט אַ פאָרעדע)

בראשית ברא אלהים... און גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג. אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט.

די צאָל זיבן איז פאַרהייליקט געוואָרן ביי די מענטשן. זעקס טעג אין דער וואָך אַרבעט מען, אויפן זיבעטן טאָג רוט מען.

ווען אַ מענטשן וועלכן עס גייט גוט זאָגט מען: ער איז אויפן זיבעטן הימל!... גייט אים אָבער שלעכט; ער איז אין זיבעטן גהינום!...

זיבן איז הייליק און זיבן איז אַ ליגן...

די מנורה באַשטייט פון זיבן ליכט... זיי האָבן זיך געהאַט אָנגעצונדן די זיבן ליכט אין מיין לעבן און זיינען באַלד פאַרלאָשן געוואָרן... פיל צרות בין איך אויסגעשטאַנען. איך בין שוין געווען ווי מ'זאָגט: „אויפן פערד און אונטערן פערד..." איך האָב שוין געהאַט זיבן גוטע און זיבן שלעכטע יאָר...

געבוירן געוואָרן בין איך אין איינעם אַ שבת־טאָג, ווען אַלץ אין שטעטל האָט גערוט. מיין טאַטע, דער יינגער מענטש, וואָס האָט סמיכות אויף רבנות געהאַט און קיין רב ניט געוואָרן, האָט געהאַט אַ טבע, שבת בייטאָג זיך אַרומדרייען איבער דער שטוב און זינגען מיט זיין שיין קול: „...שינה בשבת איז תענוג און תענוג בשבת איז שינה!..." און דאָ בין איך געקומען אויף דער וועלט מיט אַ געשריי, אים צעשטערט זיין תענוג, אַליין ניט גערוט און קיינעם רוען ניט געלאָזט...

מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיין מאַמע האָט געהאַט אַ צווייטן מאַן און איך אַ שטיף־טאַטן, אַ גרויסן קבצן און פריילעכן קירזשנער, וואָס פלעגט מיך שלאָגן דווקא שבת, ווען אַלע יידן האָבן גערוט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין גורל איז אַזאַ, ווי ביי אַן אומרו פון אַ זייגער... יאָ, די וועלט איז אַ שיינער זייגער און איך זיין אומרו...

מ'זאָגט אַ ווערטל: דער דאַך ברענט און דער זייגער גייט!...

נאָך אַלע מיינע איבערלעבענישן, פּאַסירונגען און אוואַנטורעס בין איך געוואָרן אַ שרייבער. איך האָב אָנגעשריבן עטלעכע ביכער און צום סוף האָב איך איבערגעדיכטעט מיינע איבערלעבונגען אין אַ פאָרם פון אַ ראָמאַן אונטערן נאָמען „דאָס ייִנגל פון אַכרימאָווע".

איך האָב באַשריבן די צייט ווען דער העלד פון דעם ראָמאַן איז געבוירן געוואָרן, ערב דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג פון יאָר 1904 און פאַרענדיקט האָב איך מיט פרידן־צייט פון גאָר אַ נייער תקופה.

דער בוך איז שוין געווען פאַרטיק, ערשט אַרויס פון דרוק.

און אומגעריכט איז אָנגעפאַלן היטלערס חיל אויף אונז... זיי האָבן חרוב געמאַכט שטעט און דערפער, געהרגעט יונג און אַלט, פאַרניכטעט אַלץ, וואָס אויף די וועגן איז געווען... עס איז חרוב געוואָרן די דרוקעריי, וואו מיין בוך האָט זיך געדרוקט. עס איז חרוב געוואָרן דאָס הויז, וואו איך האָב געוואוינט. און איך אַליין, איינער אַליין, בין צופעליק ניצול געוואָרן... פון געטאָ בין איך אַנטלאָפן און אַ פרייוויליקער אַוועק אויפן פראָנט קעמפן קעגן די דייטשן. ליגנדיק אין אַ שוץ־גרוב, בעת עס איז געווען אַ שטילשטאַנד, האָב איך ביי זיך אין אַ קליין נאָטיץ־ביכל פאַרשריבן די נעמען פון די קאַפּיטלען, וועלכע איך האָב פאַרגעדענקט פון מיין פאַרלוירן געגאַנגענעם ראָמאַן.

אָ, וויפל פייערן האָבן געברענט אויף מיינע וועגן, אין מיין לעבן!... הונגער, קעלט, צרות, שרעק, שלאַכטן, פּאָגראָמען האָב איך דורכגעמאַכט. אַלץ איז איצט פאַרביי. איך בין אַדורך: „פייער און וואַסער און מעשענע רערן"!...

איך בין געבליבן לעבן.

איך האָב מיין ראָמאַן אויפסניי אָנגעשריבן. איך האָב אויך אָנגעשריבן נייע קאַפּיטלען צו דעם בוך און באַוויזן דעם העלד פונם ראָמאַן בעת דער גרויסער מערדערישער צווייטער וועלט־קריג. באַוויזן ווי אַזוי אַ ייִדישער ייִנגערמאַן, אַ קאָסמאָפּאָליט, ווערט אַ נאַציאָנאַלער ייִד... און כאָטש אין זיין לעבן איז דער העלד פון דעם ראָמאַן אַדורך פיל מערער פון זיבן פייערן, באַצייכן איך דאָס בוך מיט דעם סימבאָלישן נאָמען: „דורך זיבן פייערן".

דער ראָמאַן איז דער ערשטער פון אַ דריי־ביכער סעריע. כראָנאָלאָגיש באַהאַנדלען די ביכער פאָלגנדע היסטאָרישע פעריאָדן:

ערשטער בוך: פון 1904 ביז 1923.
צווייטער בוך: פון 1923 ביז 1946.
דריטער בוך: פון 1947 ביז 1950.

ערשטער טייל

„בוימער אין וואַלד זיינען אויך
ניט גלייך".

„ביי גאָט זיינען אַלע מענשן
גלייך".

(יידישע שפּריכווערטלעך)

1. ערשטע געשעעניש!

ווייס און פארקאָוועט מיט אַן אייז־פּאַנצער איז געווען דאָס אומענדלעכע רחבותדיק פעלד מיט דעם ברייטן טראַקט, וואָס פירט דורך עפּעס אַ פאַרוואָרפן שטעטל צו די מסחר־צענטערן פון פּאָדאָל, וואָלין און פּוילן. דער איינזאַמער בוים, וואָס טרעפט זיך דאָ אויפן האַלב־וועג פון אייזנבאַן־סטאַנציע און שטעטל איז אויך געצירט אין ווייסן אַ פאַרגליווערטער געשטאַנען. דער איינזאַמער ברונעם ניט ווייט פון דעם בוים איז אויך מיט אַ ווייסקייט באַדעקט געווען און האָט אויסגעזען עלנט, ווי אַ פאַרגעסענער קורגאַן... און ווייטער אַביסל איז געשטאַנען אַ נאַקעט־פאַרפרוירענער, איינזאַמער, ווייס־שטיינערדיקער צלם מיט דעם פאַרפייניקטן, רחמנות־אַרויסרופנדיקן ווייס־שטיינערדיקן יעזוס, נאָר ער האָט איצט ביי קיינעם קיין רחמנות אַרויסרופן ניט געקענט, ווייל פּוסט איז געווען דער סטעפּ, דער וועג פאַרשאָטן און קיין לעבעדיקער נפש האָט ניט געוואַגט אין דעם אַ טאָג זיך לאָזן אין דער וועלט...

און דער וואַלד, וואָס האַרט ביים שטעטל, מיט זיינע שוואַרצע און גרינע ביימער איז איצט מיט הוילע ווייס־גלאַנציקע, גלעזערנע צווייגן געשטאַנען פאַרגליווערט, גלייך ווי אַ מין ווייסער טויט וואָלט אַ דורכן וואַלד פאַרביי... די פּויערישע כאַטעס פונם דאָרף אַרום שטעטל האָבן זיך, ווי אייז־קריעות, אינם ווייס־שנייאיקן אָקעאַן געדוכט... דאָס גיך־פליסיקע שיין טייכל מיטן בריקל, וואָס פאַר־איי‎ניקט דאָס דאָרף מיטן שטעטל איז איצט אַ דורכאויסיק ווייס־שימערירנדיקס געוואָרן... די איינציקע אין דעם גאַנצן קאַנט, דריי־גאָרנדיקע רויט־ציגלדיקע מיהל, וואָס איז אין דעם שטעטל ניט ווייט פונם טייכל געשטאַנען, האָט אין דעם טאָג ניט געאַרבעט און זי האָט איצט אויסגעזען ווי אַ גרויסע ווייס־מאַרמענע גלאַנ־ציקע מצבה...

אינם שטעטל איז אויך אַלץ ווייס, פאַרפרוירן, פאַרקאָוועט, טויט און פּוסט געווען... אין מאַרק זיינען די קלייטן פאַרהאַקט.

די טאַרהאָוויצא — וויסט. די באַלעבאַטישע גאַסן מיט די שיינע הייזער — שטיל, פאַרשנייט. די אָרימע גאַסן מיט די צעקרימטע ביידלעך — אַ וויסטער בית־עולם. די מיטל־גאַסן מיט די ווייס־געפרוירענע שטרויענע דעכער אויף די הייזער זיינען געווען פאַר־גליווערטע און ווען ניט די שוואַרצע רויכעלעך איבער די דעכער, וואָלט מען געמיינט, אַז קיין לעבעדיקער מענש איז אין זיי ניטאָ...

אין איינעם אַ הויז פון די מיטל־גאַסן, מיט אַ ווייס־געפרוירענעם דאַך איז געזעסן ביי אַ קליין פענצטערל אַ ייד מיט אַ צוויי־שפּיציקער גרויער באָרד. אין שטוב איז געווען גוט אויסגעהייצט און וואַרים און נאָר דאָס קליינע פענצטערל איז געווען פאַרקאָוועט מיט אייז און די שויבן האָבן זיך צעבליט מיט שניי־ווייסע קווייטן, צווייגן און אויזאָרן... דער ייד איז אַריין מיט זיין באָרד אין אַ שויב, מיט טרערנדיקע אויגן געוואָלט אַרויסקוקן אויף דעם אינדרויסן, נאָר ער האָט גאָרניט געזען. האָט ער אָנגעהויבן צו אָטעמען און הוכקן אויף דער שויב אַזוי לאַנג ביז עס איז געוואָרן אַ קיילעכ־דיקער גלאַנץ און דערנאָך איז דער גלאַנץ דורכזיכטיק געוואָרן. ער האָט דערזען דער ייד אַ שטילע און ווייסע פאַרגליווערטע גאַס... און מיט אַ מאָל האָט עפּעס געפּלאַצט אין דער שטילקייט. עס האָט אַ קרעכץ געטאָן די אייז־געקאָוועטע ערד און עס האָט זיך אויפ־געהויבן אין אַ געדריי אַ ווייסער שטורם־שטויב... די ווייסע זאַווערוכע האָט אַזוי געדרייט, אַז שטיקער שטרויענע דעכער האָבן זיך אָפּגעריסן און זיך געטראָגן אין דער לופט... און באַלד איז צוריק שטיל און טויט מיט ווייסן גליווער אַלץ געשטאַנען. דער ייד איז פון פענצטער אַוועק, אַ קוק געטאָן אויף דער טיר, וואָס פירט צו דער קיך און ער האָט אויסגעשריגן:

— בע—ביילע!... ס׳אַ פראָסט אין דרויסן, ביילע. ס׳אַן עברה אַ הונט אַרויסלאָזן אין דרויסן, ס׳אַן עברה...

אויפן רויט־געשמירטן ליימענעם דיל, געשפּרייט מיט אַ שווערן גרין־פּליושענעם קילים איז געזעסן אַ קינד און האָט זיך געשפּילט מיט אַן אַלטן סידור. דער ייד האָט דאָס קינד גענומען אויף די הענט.

— סענדערל, נו, קענסט שוין נשמהלע לערנען?... זאָג סענ־דערל: אלף, בית!...

ער האָט געגלעט דאָס קינד מיט זיין גרויסער האַנט איבער דעם בלאָנד־האָריק קעפּעלע און דעם אַריינגעקוקט אין די קליינינקע פּייערלעך פון די קאַרע אויגעלעך.

— זאָג סענדערל: אלף, בית!...

דאָס קינד האָט געקוקט אויפן אַלטן און האָט קלוג געשמייכלט... ס׳האָט באַטראַכט די גרויע באָרד, וואָס איז געווען צעקעמט אין צוויי שפּיצן אויף רעכטס און אויף לינקס, די גרויסע טונקל־בלויע, טרערנדיקע און דאָך גוטע, נאַאיוו־קינדערישע אויגן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסטענהן, דאָס קינד, מיט דער וועלט:

— דזע, דזע, דזע!...

— יאָ, נשמהלע — האָט דער זיידע אַ קוש געטאָן דאָס קינד אין שטערן — איך בין זיידע, זיידע בין איך, יאָ!. און דיין טאַטע זיצט און לערנט און דיין מאַמע איז געפּאָרן האַנדלען... — און דערמאָנענדיק זיך אין דעם פּראָסטיקן אינדרויסן האָט ער אַ זיפץ געטאָן — דיין מאַמע... — און ווידער צו דער קיך זיך געווענ־דעט: — בע, ביילע!...ס׳אַ פּראָסט אין דרויסן, ביילע. ס׳אַן עברה אַ הונט אפילו אַרויסלאָזן אין דרויסן. ס׳אַן עברה, ביילע!...

דאָס קינד איז אַריין מיט די ווייסינקע הענטעלעך דעם זיידן אין באָרד. ס׳האָט פעסט געהאַלטן די צוויי באָרד־שפּיצן אין די פויסטעלעך און געלאַכט...

— לאַכסט סענדערל, לאַכסט פון זיידן?... לאַך, לאַך, מיין קינד. פון אַן אַלטן מעג מען לאַכן!... דערלעב דו מיינע יאָרן. איך בין שוין זעכציק יאָר אַלט און קיינמאָל קראַנק ניט געווען. אָבער תורה, סענדערל, זאָלסטו קענען מערער פון מיר... אי, תורה, תורה... איך בין אַ ייד אַ פּשוטער, אַ פּראָסטער, אַ סעדער הענדלער, אַ פּויער... אויפן ווייסן צוויט פון די עפּל־בוימער קען איך זיך אויס מערער, ווי אויף די שוואַרצע אותיות פון דער גמרה... נו, מילא... מיין טאַטע האָט אויך קיין תורה ניט געקענט, נאָר ער איז געווען אַ פרומער ייד און ער האָט געלעבט הונדערט מיט צען יאָר...

דאָס קינד האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון זיידנס רייד. עס האָט צוגעצויגן מיט די הענטלעך דעם זיידנס באָרד נענטער צו זיך און איז אַריין מיט דעם ליכטיקן פּנים׳ל אין זיידנס פּנים אַריין.

— דזע, דזע, דזע!...

— אָ, דו שייגעץ איינער — האָט דער זיידע געברומט. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דער ערד, אויפגעהויבן דעם סידור און מיט אַ פינגער אים געוויזן אויף די שוואַרצע, פעטע אותיות און גע־טישטעט: — אלף, בית, גימל, דלת!...

דאָס קינד האָט נאָכגעזאָגט:

— בע, בע, בע!...

עס איז אריין א פרוי, פון א יאָר זעכציק, א שטאַלטנע, א הויכע, א שיינע מיט א העל־זיידענע געקווייטלטע פאַטשיילע אויפן קאָפּ, ארומגעבונדן אויף א פויערישן שטייגער. פון אונטער דער פאַטשיילע האָבן זיך געזען עטוואָס גרוילעכע און איינציקע ווייס־זילבערנע האָר. דאָס איז געווען א שטאָלצע יידענע נאָך אין פולן ברען פון לעבן... דער וואָס ווייס ניט, וואָלט איר קיינמאָל מערער ווי פופציק יאָר ניט געגעבן. זי האָט מיט גרויס נחת א קוק געטאָן אויפן קינד פון איר עלטסטער טאָכטער. די שוואַרצע אויגן האָבן זיך מיט פריידיקע פייערלעך צעשפּילט און זי איז צו צום מאַן און אָפּגעריסן פון אים דאָס קינד.

— דו אַלטער פּאַפּערעק!... וואָס מאַטערסטו דאָס קינד?... וואָס פאַר אַן אלף־בית לערנסטו מיט א קינד, וואָס איז ערשט קוים א יאָר אַלט?!...

און דער אַלטער האָט געלאַכט, זיך געווישט א טרער, וואָס איז אים געפלאָסן איבערן געזיכט און געלאַכט מונטער, פריילעך:

— בע, ביילע, דאָס קינד איז קלוג... עס פאַרשטייט דאָס קינד אין סידור, ווי איך בין א ייד!...

— אַלטער נאַר!...

זי האָט געוואָלט מיטן קינד אויף די הענט ארויסגיין אין קיך, וואו עס האָט זיך געקאָכט א גאַנצער טאָג אין דעם גרויסן און ברייטן רוסישן אויוון, נאָר פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א סקריפּע פון דער טיר און פון קיך אין שטוב איז אריין א יידענע, א שכנטע פון קייגנאיבער, א ווייסע, א פאַרפרוירענע, אָן א גוט מאָרגן איז זי אריין און האָט אָנגעזאָגט די „גוטע בשורה" מיט א געשריי:

— רב ישראל, ביילע, וואָס שווייגט איר?... מאַטל קלייבט זיך דאָרט מיט די יינגען צו דער גרענעץ לויפן!...

און זי איז באַלד צוריק ארויסגעלאָפן פון שטוב, די יידענע.

דער אַלטער ישראל איז געבליבן שטיין, ווי א געפּלעפטער. דאָס ווייב זיינס, ביילע, מיטן איניקל אויף די הענט — א דערשטוינטע... און באַלד זיינען זיי געקומען צו זיך. זיי האָבן פאַרשטאַנען: ס'איז געשען!...

— ביילע, דערלאַנג מיר דעם טולעפּ — האָט ישראל דער ערשטער אויסגעשריגן. — און דאָס קינד וויקל איין אין א וואַרימער קאָלדרע!...

ביילע איז אײַלנדיק אַרײַן אין דעם צווייטן צימער, אין דעם אַלקער און פון דאָרט, פון דעם שראַנק אַרויסגענומען אַ גרויסן טכוירענעם טולעפּ און אים דערלאַנגט דעם מאַן. דערנאָך האָט זי דאָס קינד אײַנגעוויקלט אין אַ פּוכיק־וואַרימער קאָלדרע. דער אַלטער האָט אָנגעטאָן דעם טולעפּ און דאָס אייניקל געכאַפּט אויף די הענט און עס אויך אין טולעפּ אַרײַנגענומען און דאָס צום האַרצן צוגע־דריקט. ער איז אַרויס פון שטוב מיט אַ געשריי:

— כ׳וועל אים ווײַזן דעם גוי, אַנטלויפן צו דער גרענעץ... כ׳וועל אים אָנוואַרפן דאָס קינד, וועל איך אים, און זאָל ער לויפן!...

ביילע האָט נאָכגעשריגן:

— ישראל, נאָר מיט גוטן. ווייז ניט אַרויס דעם פּאַפּערעק, ישראל!...

און זי איז צו צום פענצטער, געוואָלט אַרויסקוקן אויף דער גאַס, נאָר די שויבן זײַנען שטאַרק פון אײַז און פראָסט פאַרקאָוועט געווען און זי האָט גאָרניט געזען, האָט זי זיך הויך אויפן קול צעוויינט:

— אַז וואָס איז שולדיק דאָס קינד?!...

און דער פראָסט אין דרויסן האָט זיך געשטאַרקט און נאָר דער זיידע מיט דעם אייניקל אויף די הענט, צו זײַן האַרצן צוגע־טולעיט, איז איבער דער גאַס געגאַנגען... ער האָט זיך געאײַלט דער אַלטער, ער האָט זיך געאײַלט און ניט געהערט דעם סקריפּ פון דעם האַרטן שניי אויף דער פאַרקאָוועטער ערד פון אונטער זײַנע פיס. ער האָט עפּעס געמורמלט און ניט געזען דעם ווייסן־פראָסטיקן דאַמף פון זײַן מויל. ער האָט ניט געפילט, ווי זי ווערט אים געקאָוועט די באָרד, באַקומט אַ גלאַנץ און ווערט איין שטיק אײַז... איין געדאַנק האָט אים געטריבן און רוען ניט געלאָזט: שנעלער, גיכער, באַווייזן... אונטערוואַרפן דאָס קינד און זאָל ער דאָן האָבן אַ האַרץ, מאַטל, פאַרלאָזן זײַן קינד, לויפן מיט יינגן צו דער גרענעץ!...

אָט איז ער אַדורך דעם מאַרק־פּלאַץ. פון ערגעץ אַ גאַס טראָגט זיך אַ געזאַנג, גלעקער קלינגען אינם קלויסטער... ניין, ניין. עס דוכט זיך אים נאָר. ער האָט אויסגעמיטן די אָרימע געסלעך, די ביידלעך, און איז אַרויף אויף דער שטילער, איצט פאַרגליווערטער פון שניי־זאַווערוכע באַלעבאַטישער גאַס. אָט־אָט איז דער גאַניק. דער גאַניק פון זײַן, ישראל פּאַפּערעקס, ערשט גרויס הויז אויף דער באַלעבאַטישער גאַס, זײַן נדן פאַר דער טאָכטער, אים דעם גרויסן

למדן, וואָס האָט סמיכות אויף רבנות אין דער גרויסער ניקאָ־לאַיעווער ישיבה באַקומען, אים מאָטלען האָט ער דאָס הויז אויסגע־בויט, און איצט וויל ער אַנטלויפן, אַנטלויפן און איבערלאָזן זיין עלטסטע, זיין קלוגסטע, זיין שענסטע טאָכטער פאַר אַן עגונה... איבערלאָזן זיין ערשט געראָטן אייניקל פאַר אַ לעבעדיקן יתום... ניין! ... ער וועט דאָס ניט דערלאָזן! ...

ער איז אַוועק צום גאַניק פון זיין איידעמס הויז... ער איז צו און האָט ווי זייער אָפּט אין זיין לעבן פון צופיל באַקלערן אַ זאַך געטאָן פּונקט קאַפּויער, פּאַפּערעק, ניט באַקלערט... ניט אין שטוב האָט ער דאָס קינד אַריינגעטראָגן, נאָר אויפן גאַניק ביי דער טיר עס אַוועקגעלייגט און איז אַליין צוריק צו זיך אַ היים געלאָפן מיט אַ מטושטש נעפלדיקן געדאַנקן־פרייד:

— ער וועט ניט לויפן מאָטל. ער וועט נאָר עפענען די טיר און זיך אויפן קינד אָנשטויסן! ...

אַז דאָס קינד איז אין אַ פּוכיק־וואַרימער קאָלדרע איינגעוויקלט און וועט ניט פאַרפרוירן ווערן אויפן גאַניק אין דעם איז דער זיידע געווען זיכער, נאָר אַז מאָטל איז שוין אפשר פון לאַנג אַנ־טלאָפן און די טיר פון זיין הויז שטייט אַ פאַרשפּאַרטע, אַ פאַרשלאָ־סענע, וועגן דעם האָט דער אַלטער, מיט זיין קאַפּויער־קאָפּ קיין קלער ניט געטאָן...

און דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט. און עס האָט ווידער די ווייסע זאַווערוכע און קנוילן זיך געדרייט און געריסן שטיקער שטרוי פון די דעכער... קיין משוגענעם הונט האָט מען אין גאַס ניט געזען... עס האָט זיך אין דער באַלעבאַטישער גאַס באַוויזן נאָר דער פּאַן סאָצקי, דער איינגנטלעכער בעל הבית פון שטעטל. ער איז געגאַנגען שיכורלעך און אויפגעלייגט. אויף זיינע לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס האָבן אייז-ליכטלעך געציטערט מיט ווייס־גלאַנציקן בליאַסק. ער איז געווען אויפגעלייגט און שיכורלעך פון דעם גוט יום־טוב בעטן און גראַטולירן די בעלי הבתים יידן פון שטעטל מיט דעם, וואָס דער רוסישער אימפּעראַטאָר האָט געמאָלדן דעם יאַפּאַנישן מיקאַדאָ אַ מלחמה... ער האָט געזונגען מיט אַ רעוועדיקן כאָרבעל „באָזשע צאַריאַ כראַני...” און אַלעמאָל אויסגעשריגן:

— מיר וועלן זיי מיט די היטלעך פאַרוואַרפן, די יאַפּאַנ־טשיקעס! ...

און פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ געוויין, אַ קינדערישן

געוויין... ניין, א קעצעלע מיאוקעט... און ער איז ניכטערער און גוטהארציקער געוואָרן.

— אך מענשן, מענשן... שלעכטע מענשן... ווער וואַרפט אין אַזאַ פראָסט א קעצעלע ארויס אויף דער גאַס?...

ער איז געבליבן שטיין זיך איינגעהערט... דאָס קול פון קעצעלע, דאָס געוויין האָט זיך פון גאַניק געטראָגן, אַנטקייגן וועלכן ער איז איצט געשטאַנען... ער איז ארויף אויפן גאַניק פון מאָטל וואלכאָווס הויז און דערזען א קינד... א קינד איינגעוויקלט אין א פוכיק־וואַטאָווער קאָלדרע ליגט און וויינט... ער האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר:

— עהיי!... מאָטל!... עפן!... אַ אונטערגעוואָרפן קינד ביי דיין טיר געפונען!... עפן!... מאָטל!...

די טיר איז געווען פארהאַקט. קיינער האָט ניט געעפנט. האָט ער זיך אָנגעשטויסן דער פאַן סאָצקי:

— מאָטל איז אויך אַנטלאָפן מיט די יינגען צו דער גרעניץ!... רבי מאָטל... גוי... כא, כא, כא!... יידן ווילן ניט מלחמה האלטן!... אָבער דאָס קינד וועמענס איז?... אפשר מאָטלס?... ישראל פאַפערעק׳ס אייניקל?... אהאַ, אַ דורען... ער איז אויף אַלץ פייאיק!...

און ער איז אַראָפּ, דער פאַן סאָצקי פון דעם גאַניק מיטן קינד אויף די הענט און זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן מיט משונה ווילדע אויסשרייען און געלעכטערס:

— אהאַ!... א קינד אונטערגעוואָרפן!...

ער איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מיטן קינד אויף די הענט, געקלאַפּט אין די טירן און פענצטער און געשריגן מיט א ווילדן געלעכטער:

— אהאַ!... ישראל פאַפערעק׳ס אייניקל!...
— אהאַ!... אויפן פראָסט א קינד ארויסגעוואָרפן!...
— אך, יידן!... שלעכטע מענשן!...
— אהאַ!... א קינד!...

עס האָבן זיך צעפראַלט טירן פון רייכע, באַלעבאַטישע און אָרימע הייזער. אויף דער גאַס זיינען ארויס איבערגעשראָקענע יידן מיט צעקרימטע פנימער, מיט רויטע, שווארצע און גרויע ציטערנ־דיקע בערד, וועלכע זיינען באַלד ווייס־געפרוירענע געוואָרן...

די ידיעה, אז דער פאַן סאָצקי טראָגט זיך אום מיט עפּעס א קינד אויף די הענט און דראָט די יידן, האָט זיך שנעל צעשפרייט אי־

בערן שטעטל. יידן האָבן געשפּירט אין דעם עפּעס אַ מין גזרה און זיינען ארויס אין גאַס מיט געבעט, טרערן און שווערע געלט־בייטלען... מ'האָט פארגעסן אין אויסערגעוויינלעכן ווייס־שטורם'־דיקן טאָג. מ'איז ארויס אויף דער גאַס מיט חניפה און געוויין, נאָכיאָגנדיק דעם פּאַן סאָצקי.

— געוואלד יידן אַ גזרה!...

— טייערער פּאַן סאָצקי, גיב אָפּ דאָס קינד!...

— פּאַני סאָצקי, האָב רחמנות!...

— יידן בעלי בתים, נותן'ט אים עפּעס אין דער יד!...

— או, געוואלד, ער'ט אונז אומגליקלעך מאכן!...

— רב אישיקע, איר זייט דאָך עפּעס אַ מענש ביי נאטשאל־סטווע, וואָס שווייגט איר?...

— לויפט יידן צו שימע־מאָטיען!...

— פריער גאָט און דערנאָך שימע־מאָטיע!...

— פּאַן סאָצקי, גיב אָפּ דאָס קינד!...

— גוטער פּאַן!...

און דער סאָצקי איז געגאנגען פאַראויס מיטן קינד אויף די הענט, זיך געשטיקט פון געלעכטער ארויסלאָזנדיק פון מויל אַ ווייס־פראָסטיקן דאַמף:

— אהאַ!... אַ קינד!... אונטערגעוואָרפן!... אהאַ!... יידן!...

דער עולם איז געוואקסן. געוואָרן גרעסער און גרעסער. עס זיינען שוין ארויס פון די הייזער אויך ווייבער און מיידלעך... מ'איז פאַראויס געלאָפן דעם פּאַן סאָצקי און מ'האָט זיך אים געוואָרפן פאַר די פיס.

— גוטער פּאַן!...

— גיב אָפּ דאָס קינד!...

און ער איז אַלץ געגאנגען פאַראויס און פאַראויס מיט זיין ווילד־שפּאָטישן געלעכטער און מיטן אַלעמאָל ווייִנענדיקן און אַלע־מאָל שטיל־געוואָרענעם קינד אויף די הענט... ער האָט פאַקערע־וועט צום מארק־פּלאַץ און איז געבליבן שטיין... אנטקעיגן האָט זיך פון ערגעץ אַ גאַס צום מארק־פּלאַץ געטראָגן אַ פּראָצעסיע פון ווייטע און נאָענטע דאָרפס־יינגען, אַ שווארצע פּראָצעסיע אין דעם אַ ווייס־פראָסטיקן טאָג, אַ פּראָצעסיע מיט צלמים, איקאָנעס, מיט אַ ווייס־בלוי־רויטער פאָן און מיטן קייזערס, ניקאָלאַי דעם צווייטנס בילד... פאַראויס דער פּראָצעסיע איז דאָס קליינ־

וואוקסיקע גלח'ל מיטן פארפרוירענעם ווייס ציגן־בערדל געגאנגען, דאָס גלח'ל פון דעם איינציקן אין דעם קאנט רעכטגלוביקן קלויס־טער, דאָס פּאָטערל פאנטעליי גאָנטע... מ'איז געגאנגען מיט געזאנג און לויב צו גאָט און דעם קייזער:

— סלאָווסיא, סלאָווסיא, נאש רוסקי צאר!...

און

— מנאָגי ליעטאָ, מנאָגי ליעט, מנאָגי ליעט!...

און מען איז פּלוצלונג געבליבן שטיין מיט אָפּגעהאקטע לידער און צעעפנטע מיילער אנטקעגן דעם פּאן סאָצקי מיטן קינד אויף די הענט און די עדה צעשראָקענע און צו דער ערד צוגעוואקסענע ייִדן... נאָר איין רגע איז מען געשטאנען פארגליווערט, נאָר איין רגע האָט איין פּראָצעסיע די צווייטע באטראכט... און באלד האָט דאָס גלח'ל גאָנטע אַ שפּאָן געטאָן פאָרויס צום פּאן סאָצקי און ביטרע, מבינותדיק מיט אַ קליין גרין אויגעלע אַ פינטל געטאָן:

— אַ פּראַוואָסלאַוונע קינד?...

די ייִדן האָבן זיך אַ וואקל געטאָן. מ'האָט זיך פון אָרט אָפּגעריסן:

— ניין, פּאָטערל!... נים קיין פּראַוואָסלאַוונע, אַ ייִדיש קינד!... אַ ייִדיש!...

— אַ ייִדיש?... האָט גאָנטע אנטוישט איבערגעפרעגט דעם פּאן סאָצקי.

— יאָ, אַ ייִדיש!... — האָט דער סאָצקי געענטפערט.

און די שקצים פון גאָנטעס פּראָצעסיע האָבן פעסטער געדריקט אין די הענט זייערע דרענגער און ארויסגעקוקט אומגעדולדיק אויף זייער פירערס באפעל... נאָר ראפּטאָם האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון גלעקלעך, אַ היימיש־באקאנטער געקלאנג... עס איז אָנגעפאָרן אַ שליטן מיט אַ „טרויקע" ווייסע פערד נאשפּיץ. פון שליטן איז ארויס דער גרעסטער גביר פון שטעטל, דער בעל־הבית פון דער דריי־גאָרנדיקער, רויט־ציגלדיקער מיהל, אַ קורץ־פּיסיקער ייִד מיט אַ קליין רויט־גרויליך בערדל אויף אַן אָנגעשוואָלן קיילעכדיקן געזיכט. דאָס איז געווען שימע־מאָטיע.

— ראַזוידים!... אַ היים גייט זשידקעס!... — האָט דער פּאן סאָצקי אַ קאָמאנדעווע געטאָן צום עולם און האָט אונטערגע־טראָגן דאָס קינד צום גביר, און מיט אַ בויג און חניפהלע דערקלערט:

— טאַק טשטאָ, פּאַן כּאראָל, אַ קינד אַ ייִדיש קינד. ישראל'ס איינִיקל, זאָגט מען!...

— כ'ווי שוין, כ'ווי!... — האָט אַ ברום געטאָן שימע־מאָטיע. — ליג עס אַריין אין שליטן!...

און ער האָט דאָ אויפן אָרט אַרויסגענומען אַ גראָבן טייסטער מיט רויטע און גרינע אַסיגנאַציעס, ניט ציילנדיק האָט ער אַ עטלעכע געגעבן דעם סאָצקי און גאָנטע'ן.

— מאַרגאַריטש, וואָט!...

ער איז צוריק אַריין אין שליטן, גענומען דאָס קינד אויף די הענט און איז אָפּגעפאָרן... דער סאָצקי האָט אים אָפּגעגעבן טשעסט און גאָנטע האָט זיך איבערגעציילמט, און די יידן זיינען מיט אַ גרינגערן געמיט זיך צעגאַנגען אַ היים...

אויפן אַנדערן טאָג האָט דער פּראָסט נאָכגעלאָזט. אָבער די יידן האָבן נאָך זייערע קליטן אין מאַרק ניט געעפנט... דער איינציקער רעכטגלויביקער קלויסטער האָט אויך היינט געקלונגען אין זיינע גלעקער, ווי צו אַ חגא, כאָטש ס'איז אַ פּראָסטער וואָכי־קער טאָג געווען... די פּראָצעסיע מיטן גלח'ל גאָנטע און זיינע שוואַרץ־מאה'איקע יינגען האָבן אויך אויפן צווייטן און דריטן טאָג איבער די גאַסן זיך געטראָגן און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן... דער פּאַן סאָצקי האָט פּאַרגעזעצט גיין צו די יידן, בעלי־בתים פון שטעטל גוט־יום־טוב בעטן און גראַטולירן זיי מיט דער מלחמה פון רוסלאַנד מיט יאַפּאַן... ער איז ער געווען שיכורלעך און גוטמוטיק און אַלץ געשריגן:

— מיר וועלן זיי מיט די היטלעך פאַרוואַרפן, די יאַפּאָנטשי־קעס!...

און ווען ער איז געקומען צו רב ישראל'ן, איז פאַר אים געשטעלט געוואָרן אַ גאַנצער עמער „האָרילקע" מיט אַ גרויסן טעלער געפילטע, פעפערדיקע, יידישע פיש... דער פּאַן סאָצקי האָט זיך גוט אָנגעטרונקן און אָנגעגעסן און אויף דעם האָט זיך פאַרענדיקט זיין פּרעטענזיע צום אַלטן...

אָבער אָכרימאָוועך יידן האָבן בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין רב ישראלן פאַר זיין אומבאַטראַכטן טאַט... נאָך זייער לאַנג האָט מען אין שטעטל גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי דער אַלטער פּאָפּעריעק האָט זיין ערשט אייניקל אויפן פּראָסט אַרויסגעוואָרפן און שיעור דורך דעם אַ גזרה אויפן שטעטל געבראַכט...

2. פֿאַרוואָס האָט דער זיידע אַרויסגעוואָרפֿן דאָס אייניקל?

צוויי יאָר האָבן זיי געלעבט אין קריג, זיך איבערגעבעטן און זיך ווידער צעקריגט... אויפֿן דריטן יאָר איז אַ קינד געבוירן און ביידע, מאַן און ווייב, דער ציכטיקער אויפֿגעקלערטער מאָטל און די שיינע, פֿאַרעקשנטע שייווע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די קריג האָט זיך געענדיקט... מ׳דאַרף לעבן צוליבן קינד...

נאָך פֿון קינדווייז אָן האָט מען אין שטעטל אָכרימאָווע גע־האַלטן, אַז ער מאָטל, דאָס יתומ׳ל, וואַקסט אַ למדן, אַ גאון און ער וועט מיט זיין תורה און חכמה אָנצינדן אַ ליכט אויף דער גאַנצער וועלט און וועט באַרימט מאַכן דאָס שטעטל, וואָס איז אַזוי באַליבט ביי יעדן היגן יידן...

מאָטל׳ס עלטערן זיינען פֿרי געשטאָרבן און ער האָט זיך דערצויגן ביי אַ פֿעטער, אַ פֿרומען יידן, אַ שוחט פֿון דעם שטעטל. דער פֿעטער האָט קיין קינדער ניט געהאַט און ער האָט מאָטלען דערצויגן, ווי אַן אייגן קינד. אַלטע לייט, וואָס האָבן נאָך עפּעס פֿאַרגעדענקט פֿון פֿאַרצייטנס פֿלעגן אַפֿילו דערציילן פֿאַרשיידענע מעשׂיות וועגן אָפּשטאַם פֿון דעם פֿריילעכן און פֿרומען ייִנגל. מ׳האָט דערציילט, אַז מאָטל שטאַמט כּלומרשט פֿון קריסטן, וועלכע זיינען זיך מגייר געווען און אָנגענומען דעם יידישן גלויבן... און דאָס אַליץ האָט דעם ייִנגל אין זיין משפּחה נאָך מער רעספּעקט צוגעגעבן און אַ הייליקייט אויף זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן... אָפּט אין אַ שפּאַס פֿלעגן יידן אַפֿילו אַ זאָג טאָן אויפֿן ייִנגל „מאָטל גוי"... אָבער אין די ווערטער איז פֿיל ליבע געווען צו דעם פֿרום־פֿריילעכן ייִנגען למדן...

דאָס בר־מצוה־ייִנגל מאָטל האָט געהאַט אַ שיינעם קאָפּ לאַנג־לעבע טונקל־בלאָנדע האָר מיט אַ פּאָר טיפֿע קאָרע אויגן, אין וועלכע עס האָט שטענדיק אַ פֿריילעך פֿייערל געברענט... בעת׳ן דאַווענען און לערנען אין דער באַלעבאַטישער קלויז פֿלעגט ער אַזוי האַרציק זינגען מיט זיין שיין קול, אַז ער פֿלעגט אַלעמען פֿאַרכּישופֿן. אַליץ אַרום אים האָט מיטגעזונגען. די נשמה פֿון יעדן יידן, וואָס האָט געהערט זיין ניגון, פֿלעגט אָנגעפֿילט ווערן מיט לעבנסלוסטיקייט און מונטערקייט און עס האָט זיך דאַן געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט איז מיט געזאַנג איבערפֿולט...

ישׂראל קראַוועץ, וועמען דאָס שטעטל האָט פֿון לאַנגע יאָרן אָן גערופֿן ישׂראל פּאַפּערעק, האָט געזוכט אַ שידוך פֿאַר זיין עלטסטער

טאָכטער בתשבע, וועלכע מ'האָט אין שטעטל גערופן: שייווע ישראל פּאָפּערעק'ס טאָכטער.

אויף אייגענע קאָסטן האָט ישראל געשיקט דאָס יינגל קיין ניקאָלאַיעוו אין דער דעמאָלסט גרויס-באַרימטער ישיבה... פינף יאָר האָט דאָס שיינע מיידל, שייווע געוואַרט אויף איר חתן... און אָט איז ער געקומען צוריק קיין אָכרימאָווע דער חשובער לאַנג-דערוואַרטער גאַסט... ער איז געקומען אַ בלאָנדלעך-זיידענער יינגערמאַנטשיקל מיט פּאַפּירן פון רבנים, גאונים און ראשי ישיבות, וואָס באַשטעטיקן, אַז ער מאָטל וואָלכאָוו האָט געלערנט „דאָרט-און-דאָרט", האָט געענדיקט און קען זיין רב... נאָר דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אין אים אַנטוישט. אַנשטאָט יענעם קליינעם פרום-פריילעכן יינגל מיט די בלאָנדלעכע געקרייזלטע פּאות האָט מען פאַר זיך דערזען אַ ערנסטן יינגערמאַן מיט אַן אונטערגעהאַקטע קאַפּאָטע און מיט אַ שיין קיילעכיק פּנים אָן אַ סימן פון באָרד און פּאות... און נאָך מערער האָט זיך אין אים אַנטוישט די כלה זיינע, די שיינע פּאַרעקשנטע שייווע...

אַלע טרוימען אירע זיינען מיט אַמאָל בטול געוואָרן. אירע פּאַלאַצן האָבן זיך איינגעוואָלגערט. איר שיינע שיף איז אונטער-געגאַנגען... קיינער, קיינער האָט ניט געוואוסט פון דער גרויסער פאַנטאַסטישער נאַטור, וואָס איינע פון די שענסטע מיידלעך פון אָכרימאָווע האָט פאַרמאָגט... האָט זיך דען געקענט אימיצער פאָרשטעלן, אַז שייווע דאָס אַכצן-יאָריקע מיידל מיט די סאַמעטענע דורכזיכטיק-זוניקע האָר, מיט די גרויסע טונקל-בלוילעכע אויגן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ אַ גאַנצע וועלט, און מיט די שיינע בלוט-רויטע ליפּן, וואָס מאָגען אַזוי מ'זאָל זיי קושן, אַז אָט די שייווע טרוימענדיק וועגן איר באַשערטן, זעט פאַר זיך מאָטלען אין אַ שוואַרצער זיידענע קאַפּאָטע, מיט אַ שוואַרץ-סאַמעטענער יאַר-מעלקע אויפן בלאָנדלעכן קאָפּ... ער זיצט איבער אַ גרויסן, אַלטן ספר, ער שאָקלט זיך און לערנט שטיל, נאָר מיט גרויס התלהבות, ער זאָגט עפּעס און דאָס בלאָנדלעכע בערדל ציטערט אַזש און דאָס געזיכט איז מיט גאָלדענע שטראַלן באַשיינט...

ווי קומט גאָר צו אַ מיידל פון אַ פּראָסטן יידן אַזעלכע טרוי-מען?

אין די זומערדיקע אויפדערנאַכטן ווען מ'נעכטיקט אין סאַד און מ'היט די עפּלבוימער, האָט איר ווייזט אויס דער טאַטע פיל מעשיות דערציילט וועגן דעם בעל-שם-טוב און רב נחמן בראַסלאַ-

ווער, ווייל דאָ אין די קאַנטן איז גרויס זייער טעטיקייט געווען און זייער השפּעה אויף די היגע יידן איז נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן... און קען זיין, אַז אין דעם מיידלשן חדר ביי רב איצי דעם שרייבער האָט זי ביכלעך וועגן מהר״ל און שבתי־צבי געלייענט?... יעדנפאַלס האָט זי געוואָלט זען איר חתן ווי עפּעס אַ גרויסן יידן, אָבער בשום אופן ניט מיט קיין אונטערגעהאַקטע קאַפּאָטע אַזוי, ווי עס גייט שימע־מאָטיעס זינדל, וועלכער האָט אָפּגענאַרט דעם טויבנס איינציקע טאָכטער, זי דערנאָך פון שטעטל פאַרטריבן און דעם טויבן פון מיהל אָפּגעזאָגט... אָ, זי האָט זיי פיינט די ייִנגעלייטלעך, זיי האָבן ביי איר אַ פּנים מיט זייערע אונטערגעהאַקטע קאַפּאָטעס, ווי דעם פּאַן סאָצקע׳ס שייגץ, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג אַראָפּגעקומען פון קיעוו...

דער אַלטער ישראל איז אויך געווען אומצופרידן... ער האָט באַלד פאַרבעטן צו זיך אין אַ באַזונדער צימערל זיין צוקונפטיקן איידעם. מ׳איז דאָרטן געזעסן פאַרשפּאַרט אַ גוטע פּאָר שעה און וואָס מ׳האָט גערעדט איז פאַר אַלעמען געבליבן אַ סוד... אָבער אין אַ וואָך אַרום איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען כאַדאָראָם... מאָטל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות און האָט געגרינדעט אַ חדר וועלכער איז באַשטאַנען בלויז פון ניין קינדער. זיבן קינדער זיינען געווען פון די גרעסטע גבירים פון אָכרימאָווע, מאָנאַסטרישט און אומאַן, און נאָר צוויי קינדער זיינען געווען פון אָרימע עלטערן, אָבער דערפאַר גרויסע לערנערס, שאַרפע קעפּעלעך... פון גאַנצן קאַנט זיינען אָנגעקומען גבירים, טאַטעס מיט זייערע בן־יחידלעך. מ׳האָט זיך געוואָרפן מיט שווערע הונדערטער, נאָר מאָטל האָט מער קיין תלמידים ניט געוואָלט אַריינגעמען... איז מען געלאָפן צום צוקונפטיקן שווער, צו רב ישראל׳ן, און אַז מ׳האָט ביי אים ניט געפּועלט איז מען געגאַנגען צו דער שיינער כלה, צו שייווען. מ׳האָט איר טייערע מתנות געבראַכט, אַבי זי זאָל נאָר פּועלן ביי איר חתן אַריינגעמען אין זיין חדר נאָך אַ קינד... אָבער אויך שייוועס בעטן האָט ניט געהאָלפן. מאָטל איז ביי זיך געווען שטאַרק ווי אייזן און מיט אַ פעסטן ווילן:

— איך בין ניט קיין מלמד. איך האָב נאָר פאַר זיך געשאַפן אַן אייגענעם מנין!...

האָט זיך אַריינגעמישט דער גרעסטער גביר פון שטעטל, שימע־מאָטיע כאַראַל, און עס האָט אויך ניט געהאָלפן... זיינען צו אים געקומען די פיינסטע לייט און גבירים פון שטעטל רב מאיר בער־

געלסאָן און אישיקע וויינערס און זייערע שתדלנות זיינען אויך אומזיסטע געווען.

און גיך האָט שייווע מיט מאָטל'ן חתונה געהאַט. די חתונה איז געווען שטיל און באַשיידן ניט אַזוי ווי שייווע האָט געטרוימט... און זי האָט אים איר הייסע ליבע געשענקט און ער איז צו איר געווען גלייכגילטיק, פאַרטאָן אין זיינע אייגענע מחשבות, וואָס זיינען פאַר איר געווען ווילד און פרעמד... אַמאָל, אַמאָל האָט זיך אין אים זיין יינגלשע פרום־שטיפערישקייט דערוועקט און ער פלעגט אָנהויבן זינגען מיט זיין שיין קול... און ער פלעגט זיך אונטערגנבענען צו איר און זי שטאַרק, הייס און לײדנשאַפטלעך קושן... און דערנאָך איז ער ווידער אַוועק אין זיך אויף גאַנצע חדשים לאַנג.

און איינמאָל האָט ער צו איר געזאָגט:

— שייווע, איך וויל מיר זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע...

זי האָט אויסגעהערט זיינע רעיות, זיינע קלוגע, שיינע רייד. זי איז מיטגעריסן געוואָרן. און דאָך האָט זי געזאָגט דאָס פאַר־קערטע:

— ניין, מאָטל. מיר וועלן ניט פאָרן!

און פון דאַן אָן האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן די קריג. זי האָט זיך צוגעקוקט צו זיין לעבן־שטייגער און צו זיינע גענג און האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ניט אַזאַ מאַן האָט זי באַדאַרפט, ניט קיין למדן, נאָר אַ פשוטן...

און די קריג איז ווי אַ קרעצעלע געווען. וואָס מערער מ'קראַצט עס אַלץ מערער צעוואַקסט עס זיך... מ'האָט זיך שוין אַלע טאָג געקריגט...

אין אָכרימאָווע האָבן אַלע יידן גערעדט:

— ער'ט איר גט'ן, מאָטל.

— ער'ט זיך אָנקלייבן אַ פּויטיקע און וועט אַוועק קיין אַמעריקע!...

פאַר צוויי יאָר האָט מאָטל טאַקע אָנגעקליבן אַ פּויטיקע מיט געלד, אָבער ער האָט זיך מיט שייווע'ן ניט געג'גט און קיין אַמעריקע איז ער ניט געפאָרן. ער האָט נאָר פאַרמאַכט דאָס חדר. זיינע ניין תלמידים האָט ער געגעבן ברייוו צו גרויסע מענשן פון ניקאָלאַיעוו, זשיטאָמיר און לעמבערג, זיך מיט זיי וואַרים געזעגנט און ווייטער איז ער שוין איינער אַליין געזעסן טאָג ווי נאַכט איבער זיינע יידישע און ניט־יידישע ספרים און געלערנט...

איינמאָל האָט שייוּוע ביי אים דערזען אַ ספר, אין וועלכן עס זיינען געווען אויסגעמאָלט נאַקעטע קערפּערס פון מענער און פרויען. האָט זי געכאַפּט דעם בוך און איז מיט אים אַוועק צום טאַטן צו אירן. דער אַלטער ישׂראל איז געזעסן אין זיין אָפּגעזונדערטן צימער און פאַרצייכנט אין זיין חשבון־רעגיסטער די פאַרדינסטן און הוצאות פון דעם וואָגן אַנטאָנאָווער עפּל, וואָס ער האָט אָפּגע־שיקט צו דער באַן... און דאָ איז אַריין זיין עלטסטע, געראָטנסטע טאָכטער, שייוּוע, מיט אַ צעעפנטן ספר, וועלכן זי האָט פאַר אים אַוועקגעלייגט און האָט אויסגעשריגן:

— אַלטער פּאַפּערעק, איך דאַרף ניט ער זאָל שטודירן, מאָטל!... נעכיי וואָלסטו מיר פאַר אַ פּראָסטן מענטשן, פאַר אַ בעל־מלאכה חתונה געמאַכט...

דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן בוך מיט די נאַקעטע מענער און פרויען און האָט זיך פאַרשעמט. אָבער געזאָגט האָט ער ניט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט:

— טפּשה, וואָס פאַרשטייסטו?... דער רמב״ם איז דעם קייזערס לייב־דאָקטאָר געווען!... און ער מאָטל, דיין מאָטל שטודירט...

— איך וויל דאָס ניט, טאַטע!...

— גיי שוין, גיי!... — האָט דער טאַטע זי אַרויסגעשטויסן פון צימער.

און אַזוי איז דאָס געבליבן. שייוּוע האָט אָנגעהויבן צו פאָרן אויף די ירידים האַנדלען און מאָטל איז געזעסן אין שטוב און האָט געלערנט... מ׳האָט זיך איינס און דאָס אַנדערע ליב און פיינט געהאַט... אַלע טאָג האָט מען זיך געקריגט. די קריג איז געווען אַ שטילע, אַ באַלעבאַטישע, עס זאָל חלילה צו קיין מענטשנס אויערן ניט דערגיין. נאָר אויסהיטן האָט מען זיך ניט געקענט. גאַנץ אָכרימאָווע האָט שוין וועגן דער קריג געוואוסט... און מאָטל איז נאָך מערער פאַרטרוימט געוואָרן. ער האָט וועגן עפּעס געקלערט, געקלערט און זיך דערקלערן ניט געקענט... ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון אַ געדאַנק וואָס האָט אים פאַרפאָלגט און וואָס איז אים ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען פּיס־טראָט... ער האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם געדאַנק. ער איז געוואָרן אומרואיק, נערוועז. ער האָט אויף קיין אָרט ניט געקענט זיצן. עס האָט אים ערגעץ געטריבן. עמיצער האָט צו אים ווי געררעדט:

— ניין, ניט דאָ, ניט דאָ!...

— אוועק, אוועק!...

און פלוצלונג איז די קריג צווישן אים מיט שייווע׳ן איבערגע־ריסן געוואָרן... ער האָט זיך מיט מערער ווארימקייט און ליבע אָנגעהויבן באַציען צו דער פרוי... ער איז אָבער איצט נאָך מערער ווי פריער פאַרטרוימט געווען. ער האָט זיין לערנען אינ־גאַנצן פאַרלאָזט. און ער האָט זעלטן ווען איצט אין אַ בוך צו אין אַ ספר אַריינגעקוקט... עס האָט זיך עפּעס ביי אים אין האַרצן און אין מח איינגעבראָכן, ביז ער האָט ביי זיך געפּועלט:

— פאַרפאַלן, אַזוי מוז עס בלייבן!...

שייווע איז אויך געוואָרן רואיקער. זי האָט עפּעס אָנגעהויבן בליען און נאָך שענער ווערן. צום מאַן איז זי געוואָרן גוט און צוגעלאָזטער. זי האָט אים געטרייסט:

— דאַרפסט גאָרניט, ניט, מאָטל. זיץ אין שטוב און לערן.

און אין שטעטל אַכרימאָוו האָט מען גערעדט:

— זיי קריגן זיך שוין מער ניט מאָטל און שייווע.

און איינמאָל איז מאָטל אוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיט זיך געבראַכט אַ גאַנצן קאַסטן מיט שמעקעדיקע מאַראַנצן. ער האָט צו שייווען געזאָגט:

— עס, שייווע. אַלע טאָג זאָלסטו מאַראַנצן עסן, וועט דאָס קינד אונזערס אַ שיינס זיין!...

און אינם שטעטל האָט מען זיך אַרומגעקוקט:

— זעט נאָר, זי איז דאָך אַ שוואַנגערן שייווע, דעם פּאָפּע־רעק׳ס!...

און ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן איז אין שטוב אַ גרויסע פרייד געווען. דער שווער ר׳ ישראל פּאָפּערעק מיטן פעטער דעם שוחט ר׳ פנחסל וואָלכאָוו זיינען צו מאָטלן געקומען מיט אַ צו־ווינטשונג... מ׳האָט דאָס קינד אַ נאָמען געגעבן נאָכן טאַטן, נאָך מאָטל׳ס רב סענדער, דער ערשטער רב פון זיין פאַטאַל־לעגענדאַרער משפחה... און אַ ברית האָט מען געפּראַוועט ווי אַ גרויסע חתונה. נאָר מאָטל איז באַלד נאָכן ברית צוריק אין זיך אוועק. און געטראַכט האָט ער, אַז פאַרפאַלן, אַלץ איז שוין פאַר אים פאַרפאַלן. ניטאָ שוין מער קיין ליכטיקע טרוימען. נאָר איינס איז איצט דאָ, אַ קינד, אַ ליב קינד, און צוליב דעם קינד מוז ער לעבן דאָ אין אַכרימאָווע, נאָר צוליב דעם קינד...

אינם שטעטל אַכרימאָווע האָבן יידן גערעדט:

— מאָטל וועט שוין איצט קיין אַמעריקע ניט פאָרן...

— ער וועט ווערן רב אָדער צוריק עפּענען אַ חדר!...

און שייוועַ איז צוריק געפאָרן אויף די ירידים, געהאַנדלט מיט שניט־קראַם און געהאַט שיין פּרנסה... און מאָטל האָט צוריק איינער אַליין געלערנט. און אָפט פלעגט ער זיצן איינער אַליין אין שטוב מיטן קינד אויף די הענט. ער האָט דאָס קינד שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט עס אַליין געבאָדן, געוויקלט און אויף זיינע הענט אומגעטראָגן... ער האָט אים געזונגען פּסוקים פון תנ״ך און תהילים מיט זיין שיין קול און דאָס קינד האָט דאַכט זיך איינגעזאַפּט אין זיך דעם געזאַנג.

— נחמו, נחמו, טרייסט, מיין טרייסט!...

נאָר שווער און שוויגער פלעגן קומען און ביי אים צונעמען דאָס קינד צו זיך, כדי ער זאָל קענען זיצן און לערנען. און ער פלעגט בלייבן איינער אַליין מיט זיינע געדאַנקען... און שייוועַ, אַז זי איז געקומען פון יריד, האָט זי שטענדיק געבראַכט אַ מתנה דעם מאַן, אַ גילדן מגן־דוד׳ל, אַ זילבערנע מנורה׳לע אָדער אַ שיין אויסגעהעפט טלית־זעקל... און געטרייסט האָט זי מאָטלען:

— זאָרג ניט, מיין מאַן, ניטאָ וואָס צו זאָרגן!...

און פּלוצלונג, אומגעריכט, איז אין דעם ווינטער זייער גורל געלייזט געוואָרן... עס איז געווען אַ שווערער, אַ קאַלטער ווינטער. אַזוינע פרעסט האָט קיינער ניט פאַרגעדענקט אין דעם קאַנט. פון ווייטע מקומות האָבן זיך צו דעם שטעטל צוזאַמען מיט די פרעסט אומרואיקע קלאַנגען דערטראָגן. מ׳האָט גערעדט וועגן מלחמה מיט יאַפּאַן, וועגן גזרות אויף יידן און וועגן שווערע צייטן... יינגעלייט און באַלעבעסלעך זיינען שטילערהייט געלאָפן צו דער גרענעץ. אַמעריקע, דאָס גאָלדענע און גליקלעכע פריי לאַנד, איז איצט ביי יעדן יידן אין מויל געווען... און אַט האָט זיך שוין טאַקע די מלחמה מיט יאַפּאַן אָנגעהויבן. יינגעלייט און באַלע־בעסלעך האָבן זיך געמוזט מעלדן צו דער „פּריסוטסטוויע״... און דער טליענדיקער פונק פון מאָטל׳ס טרוימען, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָשן ווערן, האָט זיך אין די מלחמה־טעג צוריק צעפלאַקערט. ער איז עפּעס געפאַלן אויף אַ שכל מאָטל. ער האָט צופרידן־אומרואיק איבער דער שטוב אָנגעהויבן שפּאַנען. און איינמאָל האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגן דער פרוי, און מיט אַזוי פיל ליבע אין אירע אויגן אַ קוק געטאָן, אַז די וועלט, וואָס שפּיגלט זיך שטענדיק אָן אין זיי, האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— שייוע, — האָט ער געזאָגט — האָסט דאָס קינד שוין אנטוויינט, איז לאָמיר אין דרייען צו דער גרענעץ זיך לאָזן און אוועק פון דאַנען. קום פאָרן קיין אמעריקע, שייוע !...

איר האָט געדוכט שייוען, אַז זי קען אים שוין גוט מאָטל׳ן. כאָטש זי האָט אויסגעהערט זיינע שיינע רעיות און קלוגע רייד, נאָר צום הארצן איז איר דאָס ניט דערגאַנגען... נו, מילא, וואָס ער רעדט... אים אויף מלחמה וועט מען ניט נעמען... מיט געלט מאַכט מען אַלץ... און זי האָט קאַלט געענטפערט:

— ניין, מאָטל, מיר וועלן ניט פאָרן !...

איז ער ביי זיך אינגאַנצן אראָפּגעפאַלן. אָבער דער געדאַנק, אַז מ׳דאַרף לויפן צו דער גרענעץ, זיך ראַטעווען ווייל ס׳איז צייט, האָט רוען ניט געלאָזט. דערצו זיינען נאָך צו אים געקומען פאַר־שיידענע יינגעלייטלעך און מ׳האָט גערעדט... און פון אַלע רייד האָט שייוע ארויסגעטראָגן שטיקלעך געדאַנקען און אומפאַרשטענד־לעכע ווערטער: „דאָקטאָר הערצל, אימפעריאַליזם, קאַרל מאַרקס. ציוניזם. טעריטאָריע. קאַסמאָס. אַמעריקע״... און מאָטל האָט ביי זיך געפּועלט סוף־כל־סוף: „אַליי מ׳האָט מיך גענומען אויף דער מלחמה און איך בין דערהרגט געוואָרן !... עס וואָלט דאָך אזוי געקענט זיין ?...״ און ער איז געקומען צו אַ פעסטן באַשלוס: „אַנטלויפן, אַנטלויפן צוזאַמען מיט אַלע יינגען פון שטעטל. אַנטלויפן אַהין וואו זיין האַרץ גלוסט, וואו זיינע מחשבות טראָגן זיך אַהין אין דעם לאַנד פון זיין יוגנט־טרוים, אַהין אַהין אין ערגעץ־לאַנד, וואו יעדער וואָרט און יעדער געדאַנק איז פריי, וואו דער מענטש איז ווי אַ פויגל, וואו ער וויל קומט ער, אין שטאָט צי אין דאָרף, אין וואַלד צי אין פעלד, ביים טייך צי ביים ים... אומעטום מעג ער און קען בויען זיין נעסט, זיין היים !...״

און אין די טעג ווען שייוע איז ווידער געפאָרן אויפן יריד, האָט זי דאָס קינד ביי אירע עלטערן געלאָזט, כדי עס זאָל ניט שטערן מאָטל׳ן זיצן און לערנען... דער זיידע האָט ליב געהאַט דאָס ערשטע אייניקל. די באָבע האָט זיך אין דעם ניט געקענט אָנשפּיגלען צו זאַט... און נאָר ווען אַ שכנה איז אריין און האָט זיי אָנגעזאָגט די „גוטע בשורה״, אַז מאָטל לויפט אויך צו דער גרענעץ, גלייך מיט אַלע יידישע יינגען, נאָך דעם האָט דער זיידע געכאַפּט דאָס קינד, כדי עס אָפּצוטראָגן צום טאַטן צו זיינעם און מיט דעם אַליין שטערן אים דאָס לויפן צו דער גרענעץ...

ער האָט אָבער שטענדיק געטראַכט איינס, נאָר געטאָן האָט ער פונקט פאַרקערט... אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט דער אַלטער ישׂראל, אַ טבע, וואָס איז צו אים אַריבער בירושה פון זיין טאַטן און צו זיין טאַטן פון זיין זיידן, און דערפאַר האָט מען אים טאַקע, ישׂראלן און זיין גאַנצע משפחה גערופן: פּאַפּערעק!... אַנשטאָט אַריינטראָגן דאָס קינד צו מאָטל׳ן, זיך מיט אים גוט אויסטענהן און אים דערוויזן, אַז ער דאַרף ניט לויפן צו דער גרענעץ, איז ער גאָר אריין אין כעס דער אַלטער, זיך ניט באַטראַכט צי מאָטל איז דאָ אין שטוב, צי ער איז שוין אפשר אַנטלאָפן... ער האָט דאָס קינד, דאָס אייניקל, פשוט אונטערגעוואָרפן אונטער מאָטל׳ס טיר און זיך געטראַכט: „לאָז ער פּרוּוון מאָטל, איבער־שפּאַנען איבערן קינד און אַנטלויפן!...״

און אָט מיט די ערשטע געשעענישן הויבט זיך אָן די געשיכטע פון סענדער׳ן, די געשיכטע פון אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אינם באַגינען פונם קלוגן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט...

3. אַכרימאָווער גרים...

אינם שטעטל אַכרימאָווע בלאָנקעט אום אַ לעגענדע: אַן ערך מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן רוסישע פּויערים, וואָס האָבן ביים וואָלגאַ־טייך געלעבט, זיך מגייר געווען און זייענען אַריבער צו דער אמונה פון די אבות אברהם, יצחק און יעקב, האָבן אָנגענומען די תורה פון משה׳ן...

קרעכצנדיק אונטערן שווערן יאָך פון דער צאַרישער מאַכט און שקלאַפּערישער הערשאַפט האָבן די פּויערים אָנגעהויבן זוכן אַ רעטונג. עס האָבן זיך באַוויזן אינם פאָלק „יוראָדיווע״ — נביאים, וואָס האָבן איינגעזען דעם אומגליק פון די פּויערים ניט אין דער פּאָליטישער אָרדענונג, נאָר אינם גלויבן. זיי האָבן געטענהט, אַז אַלע צרות קומען נאָר איבער דעם, וואָס מ׳זאָגט ניט ריכטיק די תפילות, וואָס מ׳צלמט זיך מיט דריי פינגער און ניט מיט צוויי, וואָס די הייליקע בילדער, די איקאָנעס, זיינען געפעלשטע און וואָס דער גלעקער־געקלאַנג אינם קלויסטער איז ניט קיין ריכטיקער...

דאָס פּויערישע פאָלק האָט זיך אַ לאָז געטאָן זוכן דעם אמת... דעם ריכטיקן גלויבן פון דעם „אל רחמים״... מיינענדיק, אַז אינם אמתן גלויבן איז דאָ די לייזונג פון זייער שווערער דאָליע...

עס האָבן זיך געשאַפן הונדערטער רעליגיעזע סעקטעס און צווישן זיי אַזוינע, ווי די „ראַסקאָלניקעס", „יעוואַנגעליסטן", „מאָלאָקאַ־נער", „סובאָטניקעס" און „פּאַראַידישטע"... אַלע די סעקטעס זיינען געוואָרן גערודפט פון דער רעגירונג און קלויסטער... די אָנפירער פון די סעקטעס האָט מען אין די פינצטערע און נאַסע קאַזעמאַטן אויף קייטן פאַרשמידטע אַוועקגעזעצט. אייניקע פאַר־פאָלגטע, ווי אַ שטייגער די „סקאָפּצעס" כדי ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע און קלויסטער האָבן זיך אַליין לעבעדיקערהייט פאַרברענט... אַנדערע, ווי די „ראַסקאָלניקעס" זיינען קיין סיביר אין דער טיפעניש פון דער אוראַלטער טאַיגע אַוועק, זיך דאָרט אין דעם אומענדלעכן טאַיגע־וואַלד באַזעצט... און אייניקע, גאָר אַ קליינע טייל פון „סובאָטניקעס" און „פּאַר־אידישטע" זיינען געקומען מיט זייערע משפּחות אַריבער דעם דניעפּער, אין די יידישע שטעטלעך און זיך דערקלערט פאַר גרים, אָנהענגער פון יידישן גלויבן, פון יידישן בטחון, אַז די אויסלייזונג וועט ערשט קומען!...

אַ שווערן, גאָר אַ שווערן עול האָבן אויף זיך די גרים גענומען. זיי זיינען צוגעשטאַנען צו אַ פאָלק, וועלכעס מען האַסט און מען שלאָגט, צו אַ רעכטלאָז פאָלק, וועלכעס מען טרייבט פון די דערפער און אין קיין גרויסע שטאָט לאָזט מען זיי ניט אַריין... צו אַ פאָלק אַ פּראָלעטאַריער, אָן אַ היים, אָן אַ לאַנד, אַ צעזייט און צעשפּרייטס איבער דער גאָרער וועלט, און אויב עס פאַראייניקט זיי יאָ עפּעס איז זייער אַלגעמיינער גורל, זייערע אַלגעמיינע צרות, זייער גערעכטיקייט, זייער גאָט און זייער תורה... און זיי די גרים האָט זיך נאָך שווערער געלעבט, ווי די יידן, ווייל פון קריסטנטום זיינען זיי אַוועק און צו יידנטום זיינען זיי נאָך ניט געקומען... זיי זיינען געהאָנגען, ווי אין דער לופט...

קיין אָכרימאָווע זיינען אַראָפּגעקומען אַ משפּחה גרים, אַלע אַזעלכע הויכע און שלאַנקע, ווי סאָסנעס, אַלע געזונטע און קרעפּ־טיקע ווי דעמבן און כמעט אַלע בלאָנדע, מיט רויט־פאַרביקע קיילעכיקע פּנימער. גערעדט האָבן זיי אַלע רוסיש, נאָר צווישן די רייד האָבן זיך, ווי דורך אַ זיפּ, אַרויסגעכאַפּט אייניקע יידישע און לשון־קודש־ווערטער... און אַז עמיצער פון זיי איז די גאַס אַדורך האָבן יידן מיט די פינגער געטייטלט:

— אַ גר!...

עטלעכע יאָרן האָבן זיי געלעבט, די גרים איינזאַם אין דעם

שטעטל. זיי האָבן געבויט פאַר זיך הייזער, געהאַנדלט מיט תבואה און בהמות, אויסגעבויט אַ ציגל־זאַוואָד, אין וועלכן זיי האָבן אַליין געאַרבעט און די ציגל פאַרקויפט דער אַרומיקער באַפעלקע־רונג. און דאָס איינציקע אָרט וואו זיי האָבן געהאַט אַ נאָענטערע באַציאונג מיט די יידן, איז געווען די גרויסע אַלטע קלויז, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מיטל־גאַס און וועלכע מ׳האָט גערופן „עם ישראל...״ — דאָס איז געווען אַן אַלטע געביידע מיט זיבן גרויסע און ברייטע טרעפּ אַרויפצוגיין, מיט זיבן ווייסע שטיי־נערנע קאָלאָנען זיילן אַרום־און־אַרום, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם האַלב־קיילעכדיקן אָריענטאַלישן, קופּאַל־אַרטיקן הימל־דאַך פון דער געביידע. ביים אַריינגאַנג, איבער דער גרויסער און אייזן־געקאָוועטער טיר, זיינען שטיינערנע אותיות, געפּוצט מיט גאָלד, אויסגעשטעלט געווען און דערמאָנט דעם אַריינגייער: „עם ישראל חי...״ — אינעווייניק איז די קלויז געווען מיט אַ גרויסן האָלץ געשניצטן און מיט גאָלד־געפאַרבטן באַלעמער און אָרון־קודש... אויבן, פון ביידע זייטן אָרון קודש זיינען געשטאַנען אַ גאָלדענער לייב מיט אַ גאָלדענעם הירש. די ספרי תורות פונם אָרון קודש זיינען באַהאָנגען מיט אַ רויט־פּלושענעם פּרוכת באַפּוצט מיט גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער... די קליינע פענצטערלעך פון דער אַ גרויסער שטיינערנער קלויז, זיינען מיט רויטע, גרינע, בלויע און נאָך פיל קאָלירטע שייבעלעך געווען און עס איז אינעווייניק שטענ־דיק דערפאַר געווען טונקל און פאַרכישופט... און איצט ווען אַ גר איז געקומען אין קלויז האָבן זיך אַרום אים יידן אַרומגעשטעלט, געקוקט ווי ער לייגט די תפילין, ווי ער וויקלט די רצועות, און מען האָט אים אונטערגעטראָגן אַ סידור און באַוויזן:

— וואָ, אָ, פּאָנימאַיעש?...

— פּאָנימאַיו... פאַרשטיי, מאָליטוואַ... — האָט דער גר צופרידן געענטפערט און האָט אָנגעהויבן דאַווענען אויפן קול מיט גרויס התלהבות — מה טובו אהליך יעקב...

ביסלעכווייז האָבן זיך די גרים צוזאַמענגעלעבט מיט די יידן. מ׳האָט אָנגעהויבן פירן בשותפותדיקע געשעפטן. מ׳האָט געהאַנדלט מיט בהמות און שניט־קראָם, געפלאַנצט סעדער און גערטנער, געשטעלט ווינט־מילן און געעפנט גוראַלניעס... די גרימס קינ־דער האָבן אָנגעהויבן גיין אין די יידישע חדרים. זיי האָבן שוין ניט נאָר געקענט ריידן יידיש, נאָר אויך לערנען תנ״ך און אַ בלאַט גמרה...

4. סענדערלס געבורט־שטאָט

איינמאָל איז אין קלויז געזעסן דער אַלטער אברהם וואָלכאוו דאָס איז געווען אַ גרויער גר מיט אַ לאַנגער באָרד, אַזאַ ברייטע און צעוואַקסענע, וואָס האָט אַזש פאַרשטעלט זיין גרויסע ריזיקע ברוסט. די יידן זיינען זיך שוין צעגאַנגען פון קלויז און ער איז נאָך געזעסן, זיי נאָכגעקוקט און אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ... איז צו אים צוגעגאַנגען איינער אַ ייד, אַ בעל הבית, אַ שניידער, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געניית סוויטקעס און טאָרבעס פאַר די פּויערים. שמחה האָט ער געהייסן. רב שמחה קראָוועץ!... אינם שטעטל האָט מען אים גערופן שמחה פּאָפּערעק, פאַר זיינע אומקלאָרע טאַטן...

—וואָס זיפצסטו אַזוי, אברהם? — האָט שמחה געפרעגט.

— עך, שמחה, שמחה!... — האָט דער אַלטער גר ווידער זיך צעזיפצט.

— נו, וואָס איז, דערציי? ... — איז שמחה צו אים צוגעשטאַנען.

אין קלויז איז געווען טונקל. די רויט־גרין־געל־בלוי־ווייס און ברוינע שייבעלעך האָבן דורך זיך דורכגעלאָזט די גאָלד־פייערדיקע שטראַלן. און אַ פאַרענדערטע, אַ פאַנטאַסטישע שיין, אַ פאַרכי־שופטע הייליקייט האָט גערוט אין דעם הויז... און דער געשפּרעך צווישן די צוויי אַלטע מענשן איז אויך אַן אויסטערלישער געווען...

— פאַרשטייסט, שמחה — האָט דער גר פאַמעלעך געצויגן, ווי באַקלערט יעדער וואָרט פון זיין ניי־דערוואָרבענער שפּראַך — דו פאַרשטייסט, שמחה... נו, לאָמיר נעמען אַ שטייגער די ערד... עס איז אַ גאָלדענער זומער. די זון גלעט מיט אירע שיינע, פייער־דיקע שטראַלן די ערד... און זי די ערד איז אַ מיידל. אַ מיידל, וואָס ווערט צייטיק... זי וויל, די ערד מעוברת ווערן און געבן דער וועלט אַ קינד... און די שטראַלן פון דער זון גלעטן שוין ניט די ערד, נאָר זיי וואַרעמען זי, זיי וואַרעמען זי אַזוי, אַז זי הויבט אַזש אָן צו טריקענען און פון טריקעניש קרעכצן... זי לעכצט די ערד נאָך אַ ביסל טוי, זי וויל אַ רעגן די ערד, כדי עס זאָל ווייכער ווערן דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ, כדי זיך באַפרוכ־פערן, און אַן אָפּגעפרישטע ווידער אמאָל אויפלעבן מיט פרייד און מיט גלוסט און מיט זוימיקער געשענק פון דער מוטער־טראַכט,

פאַר איר דער וועלט פון גאָט!... נו, שמחה, פאַרשטייסטו מיך?...

— איך פאַרשטיי דיך, איך פאַרשטיי, אברהם!...

— מיין טאָכטער האָט ליב איינעם פון דיינע זין, שמחה!...

— איך ווייס דאָס אברהם!...

און עס איז געוואָרן שטיל אין קלויז... נאָר די זונ־שטראַלן דורך די פיל קאָלירקע שייבעלעך האָבן געשיינט און געוועבט אַ כישוף־שפּיל... שמחה איז איצט אומגעגאַנגען איבערן קלויז אַהין און צוריק און זיינע טריט האָבן אָפּגעהילכט... לעבן אָרון קודש איז ער געבליבן שטיין און האָט פּלוצלונג אויסגעשריגן:

— אברהם, אברהם!...

— איך הער דיך, שמחה!...

און ער איז צוגעגאַנגען צום גר און אים געזאָגט:

— גאָט איז ביי אונז איינער, און דיין טאָכטער איז אויך מיין טאָכטער!...

— יאָ, גאָט איז ביי אונז איינער — האָט דער אַלטער גר געזאָגט און טרערן פון פרייד האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן — און דיין זון איז אויך מיין זון!...

און דאָס איז געווען די ערשטע חתונה אין שטעטל צווישן יידן און גרים...

גאַנץ אָבּרימאָווע האָט געלאַכט:

— וואָס אַ פּאָפּערעק קען!...

אָבער גיך האָבן אויך אַנדערע יידן זיך משדך געווען מיט די גרים...

גאַנץ אָבּרימאָווע האָט געשמועסט:

— מקרב זיין אַ גר איז אַ מצוה!...

און געהאַט האָט דער אַלטער אברהם וואַלכאָוו, אויסער זיין טאָכטער רחלע׳ן, וועלכע האָט חתונה געהאַט פאַר ברוך׳ן, רב שמחה פּאָפּערעק׳ס, נאָך זין און טעכטער און אַלע האָבן זיי חתונה געהאַט מיט גרים. און צווישן זיי איז געווען איינער, וואָס האָט געבויט דעם ציגל־זאַוואָד און ער האָט געהייסן יצחק און זיין ווייב — לאה. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער, סענדער׳ל און פּנחס׳ל. סענדער׳ל איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן רב. און פּנחס׳ל איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן שוחט... און דער יינגער רב פון אָבּרימאָווע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גבירישער טאָכטער און זיי האָבן באַלד געהאַט אַ קינד, וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן

מאַטל. זיי זיינען אָבער יינג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט מאָטל'ן, נאָך אַלס קינד, פאַר אַ יתום... איז מאָטל געוואַקסן ביי זיין פעטער רב פנחס'ל דעם שוחט, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין קינדער...

און געהאַט האָט רב שמחה קראַוועץ, אויסער זיין זון ברוך'ל, וועלכער האָט חתונה געהאַט פאַר רחל'ן, דעם גר אברהם וואָלכאָוו'ס טאָכטער, נאָך זין און טעכטער און אַלע האָבן זיי חתונה געהאַט מיט יידן. און צווישן זיי איז געווען איינער, וואָס האָט געהייסן אברהם און איז געווען אַזאַ פּראָסטער שניידער און אַ פּאָפּערעק, ווי דער טאַטע זיינער רב שמחה. געהאַט האָט אברהם אַ ווייב, האָט זי געהייסן ברכה, און זיי האָבן געהאַט פיל קינדער, זין און טעכטער. און איינער פון די קינדער, וואָס איז אינגאַנצן מיט אַלע זיינע געגנג און שטיק אינם טאַטן געראָטן געווען, האָט געהייסן ישראל... און ישראל האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מיידל פון אַ באַלעבאַטישער משפחה, פאַר ביילען.. נאָר ישראל איז שוין קיין שניידער ניט געווען. ער האָט גערירשנט בחזקה אַ סאָד און איז געווען אַ סעדערער... און געווען זיינען ביי ישראל'ן און ביילע'ן זיבן טעכטער און צוויי זין. און די עלטסטע פון די ניין קינדער, שייווע, איז אויך געווען די שענסטע און די קלוגסטע...

און מאָטל האָט חתונה געהאַט מיט שייווע'ן. און ביי זיי איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, וועלכעם מ'האָט אַ נאָמען געגעבן: סענדער!... און אין בלוט פון דעם קינד איז אפשר געווען די קראַפט און די חכמה פון די גרים־דורות... און מיט דער מילך פון דער מוטער האָט דאָס קינד אפשר אריינגעזויגן די פּאַרעקשנט־קייט פון די דורות מענשן פון דער משפחה פּאָפּערעק'עס...

5. די משפחה פּאָפּערעקעס

מאָטל איז אַנטלאָפן צו דער גרענעץ. ער איז אַריבער. ער האָט געשיקט אַ בריוו פון אויסלאַנד, אַז ער וויל, אַז שייווע מיטן קינד זאָלן קומען. ער וואַרט אויף זיי. נאָר שייווע האָט פּאַרעקשנט אָפּגעענטפערט:

— ניין, פון טאַטנס הויז גיי איך ניט אוועק. מיין געבורטס־שטעטל פאַרלאָז איך ניט!...

האָט מאָטל איר געשיקט אַ גט.

און שייוועָ איז ווידער געפאָרן אויף די ירידים. זי האָט זיך נאָך מערער אריינגעטאָן אינם האנדל, געוואָלט אין דעם עולם התוהו פון די ירידים דערטרינקן אירע צרות... זי האָט פאר קיינעם ניט ארויסגעוויזן אירע ליידן און זי האָט זיך אליין איינגערעדט, אַז זי האָט גאָר קיינמאָל ניט ליב געהאַט מאָטלן...

און דאָס קינד, סענדער'ל, איז איצט שוין אינגאנצן געווען אונטער דער אויפזיכט פונם זיידן און דער באבן... עס איז געוואקסן, ווי אלע פאָפערעק'עס, מיט איינגעהאַלטענע, ניט־איילנדיקע טריט, אמאָל פארקלערט און אויפגערעגט און שטענדיק מיטן אמת... און פארן זאָגן דעם אמת, צי מ'דאַרף יאָ, צי מ'דאַרף ניט, און פארן אָנרופן יעדער זאַך מיט זיין נאָמען, און פארן פשוטן האַלטן זיך מיט יעדן איינעם, און פאַרן אָרט לעבן־שטייגער, וואָס איז ניט געווען אַזוי, ווי ביי אַלעמען, האָבן אָכרימאָווער יידן געהוזקט פון דער משפחה און זיי אַ נאָמען געגעבן: פ אָ פ ע ר ע ק ע ס...

און אַז סענדער'ל איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך דערוואוסט וועגן די פאָפערעק'עס פאַלגנדע געשיכטעס:

...דער עלטער־זיידע אברהם קראָוועץ איז געווען אַ שניידער אַזוי ווי זיין טאַטע רב שמחה קראָוועץ... דער עלטער־זיידע אברהם האָט גענייט טאָרבעס און פאר וועמען ער האָט זיי גענייט האָט קיינער ניט געוואוסט... די עלטער־באָבע האָט געהייסן ברכה, איז דאָס טאַקע געווען אַ מזל־ברכה אין שטוב... די טאָרבעס זיינען געהאָנגען אין קיך, אויף דער וואַנט און זיינען שטענדיק געווען פולע מיט מעל, מיט גרויפן, מיט קאַרטאָפל, מיט ציבעלעס, מיט פאַסאָלעס, מיט אייער, מיט קעז און מיט פוטער. חוץ דעם, וואָס ער האָט גענייט טאָרבעס, דער עלטער־זיידע, איז ער נאָך געווען דעם פאָן גראַפס אַ ייד... דער גראַף פלעגט אים פאַרבעטן, אַז ער זאָל מיט זיין שיין קול פאַר אים זינגען יידישע און פויערישע לידער...

...דאָס שטעטל אָכרימאָווע, מיטן דאָרף אַרום דעם, האָט אַמאָל געהערט צו אַ גרויסן פוילישן פריץ, צו איינעם פון די גראַף פאָטאָצקי'ס קרובים... דער פריץ האָט ליב געהאַט די טאָכטער פון איינעם אַ פריץ, וועמען עס האָט געהערט די שטאָט סאַרנע, און דערפאַר האָט ער אַ נאָמען געגעבן זיין קליין שטעטל אויך סאַרנע. ער האָט געוואָלט מיט דעם דערוויזן זיינע קרובהשאפט מיט די סאַרנער פריצים. ס'איז אָבער געווען אַ פוסטער טרוים פון

אַ האַנאַריסטישן פּוילישן פּריז. זיין געליבטע האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערן, האָט ער איר אויף צו להכעיס חתונה געהאַט פאַר אַ שיין מיידל פון אַן אוקראַינישן גוטבאַזיצער. און געהאַט האָט ער צום יאָר מיט דער אוקראַינערין אַ קינד, וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן אַכרים... און לכבוד דעם יורש האָט דער פּריץ איבערגעשריבן דעם נאָמען פון דאָרף און שטעטל אויף אַכרימאָווע...

...איצט זיינען שוין צום פּריץ געפאָרן ניט נאָר פּוילישע געסט, נאָר אויך אוקראַינער, פּריצים פון פאַרשיידענע טיילן און ראַנגען. ער האָט ליב געהאַט דער פּריץ זיך באַרימען פאַר זיינע געסט מיט זיין יידן, מיט זיין אייגענעם יידן, וועלכער איז ביי אים סיי אַ שניידער, סיי אַ ראַטנגעבער און סיי אַ פּאַיאַץ... ער פלעגט זיך גרויסן מיט זיין יידן, דער פּריץ, אים באַפוילן זינגען פאַר זיינע געסט, אונטער די קלאַנגען פון דער קאַפּעלע יידישע כלי־זמר... און שיכורע פלעגן די געסט קלאַפּן בראַוואָ און וואַרפן זילבערגעלט אויפן פּאָל און זיך קייקלען פון געלעכטער צוקוקנדיק, ווי יידן מיט בערד קריכן אום אויף אַלע פיר און קלייבן צונויף דאָס קליינגעלט... און נאָר איינער פון די יידן, וואָס האָט זיי פרייליך געמאַכט, פלעגט שטיין אַ שטאָלצער און זיך ניט בויגן, ניט קלעטערן אויף אַלע פיר. דאָס איז געווען דעם פּריץ׳ס אייגענער ייד, דער שניידער אברהם קראַוועץ, רב שמחה פּאָפּע־רעק׳ס זיינדל...

...איינמאָל איז ביים פּריץ געווען אַ גרויסער באַל. עס איז געווען דער געבורטס־טאָג פון זיין יורש, פון אַכרימען... עס זיינען זיך צונויפגעפאָרן מאַרקיזן און גראַפן, גענעראַלן און מאַגנאַטן... דער גרויסער פּריצישער פּאַלאַץ איז געווען מיט פיל ליכט באַשיינט. אין דעם גרויסן סאַד אַרום פּריצישן פּאַלאַץ האָבן פיל־קאָלירקע לאַמטערנס געברענט. עס האָט פייערווערק געשפּריצט. די ווייסע אַקאַציע־בוימער מיט דעם בלויען בעז האָבן געבליט און געלאָזט פון זיך אַן איידעלן ריח. די סטעזשקעס פון סאַד צו די אַלייעס זיינען פול געווען מיט קאַוואַלערן און דאַמען. פון די געעפנטע פענצטער פונם גרויסן ליכטיקן פּאַלאַץ האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון דער מוזיק, וואָס די יידישע כלי־זמר קאַפּעלע האָט געשפּילט... די לבנה, אַ ווייסע, ווי אַ גרויסע זילבערנע מטבע, האָט אַראָפּגעקוקט אינם גאָרטן און אַריינגעקוקט אויך אין די פענצטער צו די פריילעכע מענטשן... די שטערן, ווי גאָלדענע רענדלעך, האָבן זיך אין בלוי־לויטערן הימל צעשאָטן און האָבן, דאַכט זיך, אונטערגעטאַנצט אינם טאַקט פון דער מוזיק.

...נאָכדעם, ווען די פּריצים־געסט האָבן זיך גוט־גוט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקן האָט זיך דער בעל הבית פון הויז אויפגעהויבן פון זיין אָרט און געמאָלדן:

— און איצט, פּאַנעס און פּאַנענקעס, וויל איך אייך פאָרשטעלן מיין ייד, מיין אייגענעם ייד!...

...אברהם איז אַרויס אינמיטן זאַל. ער האָט זיך אַ נויג געטאָן פאַרן עולם. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן צו די כלי־זמר; יענע האָבן אַ שפּיל געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן זינגען איינע פון זיינע אימפּראָוויזאַציעס, אויף זיין שטייגער, עפּעס אַ מין געמיש פון אוקראַאינישע און יידישע לידער:

...אוי, גאָטעניו, גאָטעניו, פּאַרוואָס און פּאַרוועו?...
כיבא יאַ ווינען, צי דאַרף אַזוי זיין?...
אוי, גאָטעניו, גאָטעניו, אַן עק און אַ סוף!...
אי שאַב בולא ראַדיסט, אין שטאָט און אין דאָרף!
ביז וואַנען וועלן מיר זיין צעזייט און צעשפּרייט?...
טשויעש באַטקאָ?... — נעם צו מיינע רייד!...

...די געסט האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער זינגט, נאָר דאָס קול און דער ניגון איז געווען אַזוי צוציענדיק, אַז ווען ער האָט געענדיקט זינגען האָט זיך דערהערט אַ דונער פון הענט־פּלאַסקעריי און עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן צו אים פון אַלע זייטן זילבערנע און גאָלדענע מטבעות... נאָר ער אברהם האָט קיין איינע ניט אויפגעהויבן פון דער ערד. די כלי־זמר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צונויפקלייבן דאָס געלט, האָט זיך אָבער פּלוצלונג אויפגעהויבן אַן אַלטער פּאַן מיט גילדענע עפּאָלעטן פון אַ גענעראַל, מיט אַ ווייסן־שיינענדיקן צלם אויפן האַלדז און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די כלי־זמר:

— שטייט. ניט אייך איז דאָס געלד געוואָרפן. — אים. נעם קלייב צונויף!

...אברהם איז געשטאַנען און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער גענעראַל האָט זיך צעלאַכט. זיך געגלעט די גרויסע באָרד מיט די גרויע וואָנצן, וואָס זיינען צונויפגעוואַקסן געווען צוזאַמען מיט די באַקן־באַרדן, אויף זיין אַלט־רויטן געקאָרטשעטן געזיכט.

— ניין, פּאַן גענעראַל — האָט אברהם געענטפערט — אויב איך האָב פאַרדינט מיט מיין זינגען, וועט איר מיר דאָס געלט געבן, ווי אַ מתנה אָדער ווי אַ לוין אין די הענט אַריין. נאָר אויב מ׳וואַרפט מיר דאָס געלט צו די פיס, כדי איך זאָל קריכן אויף אַלע פיר דאָס

צונויפקלייבן און איר זאָלט האָבן פון וואָס צו לאַכן, אַ נייַן... באַפרייט מיך פון דעם כבוד...

...דער גענעראַל איז ערנסט געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט צו לאַכן. זיין אַלט־רויט געקאָרטשעטע געזיכט האָט זיך אָנגעצונדן, גלייך ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען פאַר אַ שולדיקן סאָלדאַט, וועמען ער הייסט טרייבן „סקוואז סטראָי”...

— קלייב צונויף דאָס געלט, זאָגט מען דיר, הונט!... — און אַז ער האָט געזען, ווי דער ייד שטייט אַזאַ שטאָלצער און רירט זיך ניט פון אָרט, האָט ער זיך געווענדעט צום בעל הבית: — האָסט צעלאָזט דיינע מענשן. קאַטעוועס דאַרף מען אַזאַ איינעם!...

...עס איז געוואָרן שטיל אין זאַל. אַלע געסט האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט צום אַלטן גענעראַל, און מען האָט געוואַרט מיט ציטערנדיקן אומגעדולד אויפן סוף פון דער סצענע... נאָר אומגע־ריכט האָט זיך אויפגעהויבן אַ יינגער פּאַן, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל גראַף און איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מיליטער־אוניפאָרם פון אַ שטאַבס־קאַפּיטאַן. ער איז צו צום גענעראַל און ממזריש אַ קלאַפּ גע־טאָן מיט די אָפּצאַסן פון זיינע גלאַנציקע שטיוול. די ווייסע זילבערנע שפּאָרן אויף זיי האָבן אַ קלונג געטאָן און ער אַליין האָט זיך אויסגע־צויגן און זיך צעשיינט, ווי אַ גרויס חלב'ענע ליכט. ער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און צעעפנט אַ גרויס מויל מיט פּרעמדע ציין:

— דערלויבט מיר מעלדן, אַז ביי מיר איז אויך דאָ אַן אייגענער ייד. ער הייסט מאָשקע מיין ייד. און ער לעקט ביי מיר מיט דער צונג די שטיוול. און פאַר מיינע געסט טאַנצט ער, ווי אַ בער אויף אַלע פיר...

...ס'איז ווייזט אויס דעם גענעראַל שטאַרק געפעלן די מעשה. ווייל ער האָט אויסגעזעצט אַזאַ הילעכדיקן געלעכטער, גלייך ווי עס וואָלט אַ קול פון אַ מאַרטירע אַרויסגעפלויגן... אַלע געסט אויף אים קוקנדיק האָבן אויך אָנגעהויבן לאַכן. און באַלד איז דער גענעראַל צוגעטראָטן צו אברהם'ען און אים שטרענג געזאָגט:

— ייד, טאַנץ ווי אַ בער. אויף אַלע פיר זאָלסטו מיר טאַנצן!...

און צו די כלי־זמר האָט ער זיך געווענדעט:

— שפּילט אַ קאַמאַרינסקע!...

...נאָר איידער די כלי־זמר האָבן נאָך באַוויזן צו נעמען זייערע כלים, איז אברהם צו צום אָפענעם פענצטער און איז אַרויסגעשפּרונ־גען... די פּריצים און פּריצטעס זיינען געבליבן זיצן פאַרשעמטע.

אויף אַזאַ העזה פון אַ יידן האָבן זיי זיך ניט גערעכט... עמיצער פון זיי האָט אַפילו געפּרוּווט מאַכן אַ געלעכטער פון דעם אינצידענט, אָבער עס האָט זיך גאָרניט באַקומען... די שטימונג איז שוין געווען ביי די געסט אַ געפּגרטע און די פרייד האָט זיך ניט צוריק־געקערט. די געסט זיינען זיך צעפאָרן...

...אויפן אַנדערן טאָג, האָט דער פּריץ געשיקט רופן זיין יידן צו זיך. ער האָט אים גוט אָפּגעזידלט און האָט אים אַרויסגעטריבן:

— איך זאָל דיך מער אויף מיין ערד ניט זען!...

— גוט!... האָט אָפּגעענטפערט דער עלטער־זיידע — איר וועט מיך פאַני־לעבן אויף אייער ערד ניט זען!...

...און ער איז אַוועק אברהם פּאָפּערעק אין אַ צווייט שטעטל, קיין מאָנאַסטריטשש, וואָס האָט געהערט צו אַן אַנדער פּריץ. דאָרט האָט ער געקויפט אַ וואָגן מיט ערד און האָט זיך צוריק אומגעקערט קיין אָכרימאָווע, און ווען ער האָט ניט באַגעגנט האָט ער געזאָגט:

— דער פּריץ האָט מיך פון זיין ערד אַראָפּגעטריבן, האָב איך זיך געקויפט אייגענע ערד און זיץ מיר אויף מיין ערד!...

די מעשה איז באַלד דערגאַנגען צום פּריץ, האָט ער שטאַרק זיך צעלאַכט און אים אַלץ מוחל געווען און אים צוריק פאַר אַן אייגענעם יידן געהאַלטן...

...איינמאָל האָט זיך דער עלטער־זיידע, רב אברהם, דערוואוסט, אַז איינע אַן אלמנה האָט ניט געהאַט דעם ווינטער מיט וואָס צו הייצן, זי פריערט ממש מיט אירע יתומים׳לעך און שטאַרבט פון קעלט. האָט ער איר אַלע פּאַרטאָג אָנגעהויבן אונטערצוואַרפן לעבן דער טיר בינטלעך שטרוי מיט שייטלעך האָלץ... די אלמנה האָט אָנגעהויבן צו דערציילן די וואונדער, וואָס גאָט טוט מיט איר... דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאַראָם מיט דעם פאַל. מ׳האָט גערימט די נסים פון גאָט, וואָס לאָזט ניט, אַז די אלמנה מיט אירע יתומים זאָלן אויסגיין פון קעלט... און פּלוצלונג איז געקומען אין קלויז אַריין משה־אהרון דער בעל־עגלה און האָט געשוואוירן ביי אַ ספר־תורה, אַז ער אַליין האָט געזען, ווי די שטרוי און האָלץ האָט אונטער־געוואָרפן אברהם דער שניידער, דעם פּריץ׳ס קאָמענדיאַנטשיק, דער פּאָפּערעק...

...אַ צווייט מאָל האָט דער עלטער־זיידע, רב אברהם, זיך איינגע־שטעלט פאַר די אָרימע־לייט פון די ביידלעך. ער האָט געטענהט פאַרן קהל:

— געגוג וואָס זיי זיינען אָרים און האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג

אדורכצוקומען, דארפן זיי נאָך טראָגן פאר זיך וואסער פון פרעמדע גאסן. קהל מעג אויסגראָבן אַ ברונעם אויף דער אָרימער גאס, לעבן די ביידלעך. נשקשה, קהל וועט ניט בדלות ווערן...

...נאָר קהל האָט זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט. האָט ער אַליין אויף זיין אייגענעם חשבון אויסגעגראָבן אַ ברונעם פאר די אָרימע־לייט. די אָברימאָוועער האָבן זיך גע'רעש'ט:

—דער פּאָפּערעק איז שוין אינגאַנצן פון זינען אראָפּ, סיידן דער פריץ האָט אים אַ האלבן מאַיאָנטעק אָוועקגעגעבן... ווארום ווארפט ער זיך מיט געלט? ... פון זיינע טאָרבעס, וואָס ער נייט פאר די פויערים, האָט ער זיך געוויס קיין פארמעגן ניט געמאַכט! ... איז וואָס־זשע שמייסט ער עס אַזוי מיט געלט און גראָבט ברונעמס פאר די ביידלעך? ! ...

...ער האָט איינמאָל דערזען דער עלטער־זיידע, רב אברהם, ווי אָרימע ווייבער גייען צום טייך וואשן גרעט און טראָגן מיט זיך בענקלעך און ברעטער. האָט ער ביי זיך געטראַכט: „אַ רחמנות אויף די אָרימע ווייבער. גענוג וואָס זיי טראָגן דאָס גרעט, דארפן זיי נאָך זיך שלעפּן מיט בענקלעך און ברעטער? ...” און ער האָט אָוועקגע־שטעלט אַ גרויסע און ברייטע, דעמבענע קליאָטקע ביים טייך, סאַמע אויף דעם אָרט, וואו די יידישע ווייבער וואשן דאָס גרעט... די ווייבער האָבן גאָרניט געוואוסט, ווי אָנצולויבן רב אברהם'ען פאר די טובה... נאָר אויף יענער זייט טייך, אינם דאָרף, איז געשטאַנען אַ ווייסע כאַטע מיט אַ געלן שטרויענעם דאַך. דאָרט האָט געוואוינט אַ געזונטער, הויכער, געשטופּלטער פויער איוואַן מאַטוסענקאָ, און דער פויער האָט צוגעגנבעט די קלאָטקע... איז צו אים געקומען אברהם, האָט ביי אים געפונען די קליאָטקע און האָט אים דערפאַר אַזוי געשלאָגן, אַז דער פויער האָט שוין פארזאָגט אַ צענטמאָל ניט גנבענען קיין קליאָטקעס... די בעלי־בתים פון שטעטל זיינען פאר־שטייט זיך ניט געווען צופרידן. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער פּאָפּערעק וועט נאָך מיט זיינע שטיק אָנברענגען אַ צרה אויף די יידן... אָבער אברהם האָט זיך זיינס גע'טענה'ט;

— מ'טאָר ניט גנבענען! ...

...אָט אַזאַ מענש איז געווען דער עלטער־זיידע רב אברהם קראָוועץ, דעם זיידן ישראל'ס טאַטע.

...אויף די עלטערע יאָרן האָט זיך רב אברהם אינגאַנצן באַפרייט פונם פריץ. ער האָט שוין דאַן געהאַט עטלעכע שיינע רובל אייגנס. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ שיין הויז, אויף דער באַלעבאַטישער גאס,

און ער האָט אָפּגעדונגען אין אַרענדע ביים גלח דעם סאָד, וואָס אַרום קלויסטער... ער האָט זיך ניט געדונגען און באַצאָלט דעם גלח וויפל ער האָט געוואָלט, אָבער ער האָט געשטעלט אַ תנאי, אַז צען יאָר צייט איז ער בעל הבית פון סאָד. און פרילינג, ווען די עפּל־און באַרן־בוימער הויבן אָן בליען מיט ווייסן צוויט, מוז ער, דער גלח, ערב זיין, אַז די בוימער וועלן בלייבן גאַנץ און קיין איין פּאַרובעק, וואָס קומט אין קלויסטער זיך מאָליען, וועט ניט אָנרירן אפילו קיין צווייגעלע...

... די אָכרימאָווער יידן האָבן געשפּעט און געלאַכט פונם פּאָפּע־רעק, רב אברהם קראַוועץ, וואָס איז אויף דער עלטער גאָר אינגאַנצן עובר־בטל געוואָרן און ווייסט ניט וואו זיין געלט אַהינצוטאָן... אַלע יידן האָבן דאָך גוט געוואוסט, אַז דער גרויסער און שיינער סאָד אַרום דעם קלויסטער צוויטעט אָפּ און קיין פּרות גיט ער ניט. נאָר דער אַלטער אברהם האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן פון די געלעכ־טערס. ער האָט אַ פרעג געטאָן ביי איינעם פון די פיל זין און טעכטער זיינע, ביים מיזיניק, ביי ישראליקלען, וועלכער איז אינגאַנצן אין אים געראָטן געווען:

— זאָג מיר נאָר, ישראליק׳ל, וואָס איז דאָ אַזוינס אויף דער וועלט, וואָס מ׳קען עס פאַר קיין שום געלט ניט קויפן?...

— צייט!... — האָט ישראליק׳ל ניט לאַנג טראַכטנדיק גע־ענטפערט.

— ריכטיק, מיין קינד. איך דאַרף נאָר צייט!... עס וועט וואַקסן אין אונזער סאָד עפּל און באַרן, וויינשל און קאַרשן... עס וועט וואַקסן!... נאָר צייט!... וועל איך דאָס ניט דערלעבן, וועסטו דאָס דערלעבן!... עס וועט וואַקסן!...

...און ביי אברהם קראַוועץ האָט אַלץ אָנגעהויבן וואַקסן... ער מיט זיין ברכה׳ן און מיט זיינע קינדער האָבן געאַרבעט אינם סאָד, געשמירט די בוימער מיט ווייסע ליים, געפּוצט די בלעטער, אונטערגעשוירן די צווייגן, איבערגעזעצט אַ בוימעלע אויף אַ צווייט אָרט, פאַרפלאַנצט אַ נייעס, און געפּאַרט צווייגן... עס איז אַוועק איין זומער און אַ צווייטער און דער סאָד האָט מיט ווייסן צוויט זיך צעבליט, און די זון האָט מיט אירע גינ־גאָלדענע שטראַלן באַשיינט און באַקרוינט דעם צוויט. עס האָט אַ פייערדיקע און הייליקע שכינה גערוט אויף די בוימער. און עס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן זיסע און וויינינגע עפּל מיט רויטע בעקעלעך. גרויסע זאַפטיקע באַרן מיט ראָזע בייכעלעך. שוואַרצע און גרינע פלוימען. רויטינקע וויימפּערלעך.

גרינע אגרעסן, שווארצע וויינשל און רויטע, מיט בלוט אָנגעפילטע, גרויסע קארשן... נאָר איבערהויפּט זיינען געווען זייער פיל עפּל... הונדערטער בוימער מיט פארשידן־סאָרטיקע. און פארשידן־קאָליריקע עפּל... און דער עלטער־זיידע האָט געזיפצט קוקנדיק מיט פרייד אויפן סאָד:

— הלמאי שטייט אין מיטן א קלויסטער?... ווען ניט דער קלויסטער, וואָלט איך דאָך געקענט דעם סאָד אינגאַנצן אָפּקויפן און ניט ארענדירן!...

...און מיט דער צייט איז דער סאָד געוואָרן א חזקה־זאַך. קיין איין ייד פון אָבּרימאָווע אין פונם קאַנט ארום־און־ארום, האָט ניט געוואגט אויסדינגען ביי די פּאַפּערעק׳עס דעם סאָד. אין זיין צוואה האָט רב אברהם אָפּגעשריבן יעדעם קינד א גלייכן חלק פון זיין פאַר־מעגן: וועמען א הויז, וועמען די בהמות, וועמען א קריגל מיט זיל־בערגעלט, און דעם קלענסטן, ישראליקל׳ן, האָט ער איבערגעלאָזט דעם סאָד!... און אַלט געווען איז רב אברהם קראַוועץ, וועלכן מ׳האָט אין אָברימאָווע גערופן אברהם פּאַפּערעק, הונדערט מיט צען יאָר, ווען ער האָט די נארישע וועלט פארלאָזט...

6. ביי דער אָם

שייווע האָט באשטימט אָפּגעבן איר קינד צו אן אם. זי האָט געוואָלט, אז איר ציטעריק קינד זאָל באקומען א מער וועלטלעכע און קליגערע דערציאונג, ווי זי ביי איר טאטן... זי האָט סענדערל׳ן אוועקגעגעבן צו איר יינגערע שוועסטער, וועלכע האָט געוואוינט אָפּגע־זונדערט פון דער גאנצער משפחה אירער, צו שרה גאָלד, וועלכע מ׳האָט אין שטעטל גערופן: שרה די סטודענטין, ישראל פּאַפּערעקעס פערטע טאָכטער...

געוואוינט האָט שרה הינטערן שטעטל אין א קליין ווייס כאטקעלע, ערגעץ פארוואָרפן, ווייט פון מענשנס אויגן... אונטערן שטעטל, בּארג אראָפּ, אין א שיינעם גאָרטן, וואו עס שפּראָצן פון דער שווארץ־פעטער ערד ארויס גרינע און געלע גראָזן און עס וואקסן דאָרטן רעטעכלעך, ציבעלעס, קארטאָפל, באָבעלעך, מיירן און שטאַוול... און גרינינקע אוגערקעס, און רויטינקע בערעקלעך, און ווייסינקע קרויט... דאָרט אין דעם גאָרטן שטייט א ווייס שטיבעלע, ארום דעם שטיבעלע וואקסן רויט־בלויע קווייטן און רויזן. און פוןביידע

זייטן ביים אריינגאַנג פונם שטיבעלע שטייען צוויי יינגעאינקע ווייסינקע בוימעלעך, און זיי בליען די בוימעלעך מיט ווייסן צוויט, און די גרויסע און גאָלדענע זון שיקט אירע שטראַלן אויף די בוימעלעך, און די גאָלדענע שטראַלן באַזעצן זיך אויפן ווייסן צוויט, און דער צוויט ווערט דורכזיכטיק ווייס־גאָלדיק, און אין די פאַרטאָגן, נאָך איידער די זון גייט אויף, זעצן זיך אויף דעם ווייסן צוויט קרישטאָלענע טראָפּנס קאַלטער מאָרגן־טוי... און די זון גייט אויף און דער טוי ווערט צערונען איבער דעם צוויט. די בוימעלעך טרינקן זיך אָן. און די זון גיט דאַן אַ שיין און אַ ברי. און די בוימעלעך צעלאַכן זיך פריילעך און שרייען אוים: „מיר וועלן וואַקסן, מיר וועלן וואַקסן!..."

און באַרג אַראָפּ אונטערן גאָרטן פליסט שטיל אַ ווייס־קלאָרער טייכל. דאָרט שטייט איצט שרה, אַ שלאַנקע פרוי מיט אַ שיין ווייס־מילכיק געזיכט, מיט גרויסע שוואַרצע טרויעריקע אויגן, וואָס דערציילן יעדער איינעם, אַז זיי בענקן נאָך מענשן און שרעקן זיך פאַר מענשן... אירע שוואַרצע לאַנגע דורכזיכטיקע האָר שוועבן אַראָפּ פון איר קאָפּ אויף די שיינע נאַקעטע ווייסע אַקסלען, ווי אַ וואָלקן, וואָס וועט באַלד אַראָפּפאַלן אויף דער ערד און בלייבן ליגן פאַר אירע פיס...

אינם גאָרטן אַרום די צוויי בוימעלעך שפּילן זיך צוויי קינדער־לעך סענדער'ל און ציפּעלע... סענדערלען איז שוין איצט באַלד צוויי יאָר. אים איז דאָ אין דעם גאָרטן ביי דער מומע שרה זייער גוט. צו דער מאַמען צו זיינער, צו שייוועין, וועלכע קומט אים יעדער פרייטיק אָפּנעמען אַ היים און האַלט אים ביי זיך איבער שבת גייט ער ניט גערן... נאָר דער זיידע באַווייזט זיך אַמאָל אינם גאָרטן, לויפט ער אים אַנטקעגן מיט צעשפּרייטע הענטעלעך... רב ישראל נעמט דאָס קינד אויף די הענט און סענדערל כאַפּט אים אָן ביי די צוויי גרויע שפּיצן פון באָרד און שרייט אוים מיט אַ גליקלעכן געלעכ־טער: — זיידע, זיידע, זיידע!...

דעם טאַטן זיינעם, מאָטל'ן געדענקט ער שוין ווייזט אוים ניט, סענדערל.

ציפּעלע איז אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידעלע. מיט אַ פּאָר חדשים יינגער פון סענדערלען. ס'אַ לעבנסלוסטיק מיידעלע מיט שוואַרץ־בענקנדיקע אויגעלעך און פּיצינקעלעך גריבעלעך אין די ווייסע בעקע־לעך. שטענדיק לאַכט עס, דאָס מיידעלע... פון סענדערלען איז זי באַגייסטערט. פריער פלעגט זי אומלויפן איבערן גאָרטן איינע אַליין און איז געוועזן פריילעך. און איצט, אַז מיט איר צוזאַמען לויפט אום

אויך דאָס בלאָנד־האָריקע סענדער׳ל, זעט זי, אַז עס איז נאָך פּריילע־כער געוואָרן... פרעמדע מענשן זעט ציפּעלע זעלטן. אַז עס קומט אַריין אין גאָרטן אַ פרעמדער מענש שרעקט זי זיך. און נאָר דעם זיידן און דער מומע שייוועץ׳ן לויפט זי גערן אַנטקעגן, ווייל זיי ברענגען איר שטענדיק זיסע לעקערלעך און צוקערלעך...

אָט קומט זי שרה מיט אַ פולער שיסל וועש פון טייך. די צוויי קינדער לויפן איר אַנטקעגן. זי שטעלט די שיסל וועש אויפן פּאָל לעבן שטוב און נעמט ביידע קינדער אויף די הענט... זי קושט זיי, קוקט אַריין אין זייערע פייערדיקע אויגעלעך און זאָגט:

— כמעט איין גורל ביי אייך קינדערלעך מיינע. איין גורל!...

די קינדער לאַכן. זי לאָזט זיי אַראָפּ פון די הענט. זיי לויפן צו די בוימעלעך און זעצן פאָר זייער שפּיל... אַרום גאָרטן איז אַ לאַנגער, נידעריקער, הילצערנער פּאַרקן פון גרוי־שפּיציקע ברעטער. שרה צעהענגט דאָס וועש אויפן פּאַרקן. דערנאָך רייסט זי שטאַוול, מירן און קרויט און הויבט אָן גרייטן מיטאָק...

שרה איז די פערטע טאָכטער ביי רב ישראל׳ן. זי איז אָבער ניט אַזאַ ווי זיינע איבעריקע זעקס טעכטער און צוויי זין. זי איז מערער אין דער מאַמען אין אירער גערעאָטן, אין דער שלאַנקער, שיינער ביילע. קיינער ווייסט ניט ווי אַזוי זי האָט זיך אַריינגעדרייט אינם רייכן הויז פונם מיל־בעל־הבית שימע־מאָטיע כאַראַל, האָט דאָרטן אָנגעהויבן לייענען ביכער און זיך חברן מיט גימנאַזיסטן און סטודענטן...

ביילע, די מאַמע אירע, האָט געקליבן נחת פון דער טאָכטער און איר שטענדיק אונטערגעטראָגן אַ פריש־אויסגעביגלט ווייס־לייוונטענע קלייד, מיט אויסגענייטע אויף דעם רויטע בלימעלעך, אַ האַלב־שטאָטיש, האַלב־דאָרפיש קלייד, וואָס פּאַסט איר שטאַרק.

— מעגסט גיין, טאָכטער, צו די גרויסע גבירים, נשקשה, מיר זיינען אויך ניט קיין אָרימע לייט!...

אָבער ישראל קראַוועץ, דער טאַטע, פלעגט אָפּט אונטערברומען בייז:

— בע, ביילע. זי פאַרפירט זיך, די טאָכטער אונזערע, ניט מיט איר גלייכן פאַרפירט זי זיך!... גבירים זיינען ניט אונזער שטאַנד!... סטודענטן אַוודאי ניט!...

די שוועסטער האָבן שרה׳ן אויסגעמיטן. מ׳האָט מיט איר ווייניק גערעדט. און נאָר שייוועץ פלעגט איר אָפטמאָל פרעגן:

— נו, שרה׳לע, ווי גייט עס? לייענסטו שוין אַ ניי ביכל?...

די צוויי ברידער האָבן זיך אויך צו איר מאָדנע באַצויגן. דער

עלטערער, שלמה, שטענדיק אַ פאַרהאַרעוועטער, אַ פאַרנומענער מיטן טאַטנס געשעפטן, מיטן פערד און וועגעלע, מיטן גאָרטן און מיט די עפּל, האָט ווי דער טאַטע זיינער געהאַט אַ טבע אַמאָל ביים רעדן אויפן ערשטן וואָרט זיך פאַרהיקן. ווען ער פלעגט דערזען שרה׳ן, פלעגט ער לאַנגזאַם, ווי אַן אמתער פּאַפּערעק אַ וואָרף טאָן אַ וואָרט צו איר פול מיט חוזק:

— אַ... אַ... פּריצטע!...

דער ייִנגערער ברודער בערעלע איז געווען אַ קליינוויקסיקער, אַ קאַרליק. אויף דער פאַרפרעמדטער שוועסטער האָט ער געקוקט מיט אַ מין צאַרטקייט און רחמנות. ער האָט ווי פאַראויסגעזען איר סוף און האָט נביאיש געשוויגן... און נאָר איינמאָל, שבת בייטאָג נאָכן עסן, ווען די רייכע ייִנגעלייט זיינען אַרויס אויפן שפּאַציר אונטערן שטעטל, איז בערעלע זיי נאָכגעגאַנגען... ער איז געגאַנגען בערעלע אַן איינזאַמער, אַ ברייטביינערדיקער, אַ קורץ־קרום פּיסיקער, באַרג אַראָפּ פון שטעטל און עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז ניט קיין מענש, נאָר אַ שטיין קויקלט זיך און שפּרינגט אונטער... ער האָט געזען ווי די ייִנגעלייט צעטיילן זיך פּאָרלעכווייז אַן „ער" מיט אַ „זי"... איז ער איין פּאָרל נאָכגעגאַנגען און דערזען, אַז זיי גייען צו צו אַ נידעריק גרויען פּלויט פון שפּיציקע ברעטער, עס עפנט זיך אַ טירל און זיי גייען אַריין אין אַ שיינעם גאָרטן... אינם גאָרטן שטייט אַ ווייסע שיינע שטוב, געדעקט מיט אַ רויט־בלעכענעם דאַך... ביי דער שטוב פוןביידע זייטן טיר זיינען אויסגעגראָבן צוויי גריבער. לעבן די גריבער איז אָנגעשאָטן שוואַרצע ערד... ביידע „ער" און „זי" לאָזן זיך אַוועק ערגעץ אונטער דער שטוב און ברענגען פון דאָרטן צוויי בוימעלעך, וועלכע זיי שטעלן אַריין אין די גריבער און דערנאָך פאַרשיטן זיי די גריבער מיט דער שוואַרצער ערד... מיט די הוילע הענט שאַרן זיי די ערד אין די גריבער, און זיי לאַכן אַזוי גליקלעך און פרייליך...

שבת צו נאַכט נאָך הבדלה האָט בערעלע דעם טאַטן דער־ציילט:

— מ׳רופט אים גאָלד, דעם חתן שרה׳ס, וולאַדימיר מאַיסייע־וויטש גאָלד!...

אין שטוב האָבן שוין אַלע אַלץ געננוי געוואוסט... דער אַ סטודענט גאָלד איז אַ גרויסן גביר׳ס אַ זון. ער שטודירט אין קיעוו. ער איז געקומען צו גאַסט קיין אַכרימאָווע צוזאַמען מיט שימע־

מאַטיע'ס זינדל, מיט וועלכן ער שטודירט צוזאַמען. ס'איז אָבער א סברה, אַז דער אַ גאָלד באַהאַלט זיך דאָ פון עמיצן אויס... ער האָט זייער אַ סך געלט. ער האָט אונטערן שטעטל אויסגעבויט אַ שטוב מיט אַ בלעכענעם דאַך אין איינעם פון די גערטנער, וועלכן ער האָט אָפּגעקויפט פון פאַן סאַצקי'ן פאַר מזומן געלט...

ווען שרה איז שוין שפּעטלעך אין דעם שבת צו נאַכט אַ היים געקומען, זיינען געזעסן אַלע אַרום טיש שטיל־שווייגנדיק און געוואַרט... אַפילו די מאַמע האָט זי איצט מיט קיין גוט וואָרט ניט באַגעגנט. זי האָט פאַרשטאַנען שרה, אַז מ'ווייסט שוין אין שטוב אַלץ... זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן קליין־וויקסיק בערעלע מיט אירע גרויסע שוואַרץ־טרויעריקע אויגן און ער האָט דערזען בערעלע אין זיי אַזאַ בענקשאַפט און שרעק... האָט ער זיך פאַר־שעמט פאַר דער שוועסטער און געוואָלט אוועק פונם טיש, אַרויסגיין פון שטוב. אָבער דער טאַטע, רב ישראל, האָט אויסגעשריגן:

—שטיי. וואָס אַנטלויפסטו, בערעלע?...

איז ער געבליבן שטיין, אַזאַ ברייטפּלייציקער און אַזאַ קליינ־וויקסיקער מיט קורץ־קרומע פיס און מיט לאַנג־גרויסע הענט... ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט גע־קענט... איז זי צו אים צוגעגאַנגען שרה, אַרויפגעלייגט אירע ווייסע, צאַרטע הענט אויף זיינע אַקסלען און אים באַרויִקט;

— ערגער זיך ניט, בערעלע. האָסט קיין שלעכטס ניט געטאָן!...

אַ גאַנצע נאַכט איז שרה געלעגן אויף איר געלעגער און האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. זי האָט געהערט ווי אין צווייטן צימער, אינם אַלקער, קריגט זיך דער טאַטע מיט דער מאַמען... זי האָט אָפּגעוויינט שרה די נאַכט און פאַרטאָג האָט זי פאַרנומען אירע קליידער און האָט אויף שטענדיק פאַרלאָזט דאָס גוטמוטיקע, האַרע־פּאַשנע, באַלעבאַטישע הויז פון אירע עלטערן, פון אירע שוועסטער און ברידער. זי איז אַוועק אינם ווייסן שטיבל, וואָס שטייט אינם גרינעם גאָרטן, ווייט אונטערן שטעטל, באַרג אַראָפּ צום טייך צו... דאָרט מיט איר געליבטן האָט זי אָנגעהויבן אַ ניי לעבן...

וולאַדימיר גאָלד, אַ הויכער סטודענט מיט איידעלע זיטן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ־טוכענעם שפּאָגל נייעם אַנצוג, האָט אויף אַלץ געקוקט מיט ליבע, גרויע און שמייכלדיקע אויגן. מ'האָט אים קיינמאָל ניט געזען קיין ערנסט־פאַרטראַכטן. אַזאַ אַ איז ער געווען ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין שרה'ן, אַזאַ אַ איז ער געווען ווען ער האָט איינגעאָרדנט די שטוב און אַראָפּגעבראַכט קיין אָכרימאָווע

ניי־מאָדערנע מעבל, אַ קלאַוויר און אַ ביבליאָטעק... אַזאַ אַ איז ער געווען ווען שרה האָט אים אַ קינד געבוירן און אַזאַ אַ איז ער געווען, ווען פּלוצלונג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און עס האָבן זיך באַוויזן דער פּאַן סאָצקי מיט צוויי זשאַנדאַמעריס, וועלכע האָבן אים געשמידט אין קייטן און אַוועקגעפירט...

וולאַדימיר גאָלד פלעגט אָפט פאַרשווינדן ווערן פון שטעטל אויף עטלעכע חדשים און דערנאָך קומען מיט נאָך מערער ליבע, גרויע און שמייכלדיקע אויגן... אָכרימאָוווער יידן זיינען אַ בעלן געווען זיך דערוויסן, מיט וואָס וולאַדימיר באַשעפטיקט זיך... יידענעס פלעגן אומיסט קומען צו שרה'ן עפּעס לייען... שרה האָט אַלעמען אויפגענומען גוטהאַרציק, פריילעך, נאָר מיט אַזאַ טרויער אין די אויגן, אַז מ'האָט ניט געוואַגט זיך לאַנג פאַרהאַלטן ביי דער „פּריצעטע". אָכרימאָוווער יידן האָבן אָנגעהויבן צו ריידן:

— ער איז אַ ציוניסט, וולאַדימיר!...

— ניין, אַ סאָציאַליסט!...

— גייט שוין גייט. אַזאַ מיליאָנטשיק און גאָר אַ סאָציאַליסט!...

— איז וואָס־זשע מיינט איר?...

און אַפילו פונם וויטן קאַלטן סיביר האָט וולאַדימיר געשיקט צו שרה'ן מונטערע און פריילעכע בריוולעך... יעדער בריוו איז געווען מיט גרוים ליבע צו איר און צו דעם קינד. און צווישן די שורות האָט זי געלייענט: בטחון, בטחון און ווידער אַמאָל בטחון!... דאָס וואָס האָט זיך ניט איינגעגעבן אינם פינפטן יאָר, וועט זיך איינגעבן שפּעטער!... און פון די אומבאַקאַנטע עלטערן וולאַדימיר'ס האָט זי אַלע חודש באַקומען אַ גרויסע סומע געלט און קיין איין בריוו, קיין איין וואָרט קיינמאָל ניט צו איר, ניט צום קינד... וולאַדימיר'ס עלטערן פּונקט אַזוי ווי אירע זיינען געבליבן אומצופרידן...

די גאַנצע טרייסט אירע אין איר לעבן, זיינען איצט געווען דעם מאַנ'ס מונטערע בריוו און די צוויי קינדער — איר ציפּעלע און דאָס קינד פון איר עלטערער שוועסטער... זי איז שטאַרק דאַנקבאַר געווען שייווען פאַר דעם, וואָס זי האָט איר אָנגעטרויט סענדערל'ן דערציען, וואָס זי פאַרלאָזט זי ניט, קומט אַלע מאָל צו איר און האָט געשאַפן די מעגלעכקייט זיך איבערבעטן מיט די עלטערן...

איינמאָל ביי טאָג איז זי געזעסן מיט די קינדערלעך אויפן הויפן גראָז, ניט וויט פון די צוויי יינגע בוימעלעך, וואָס פון ביידע

זייטן טיר פון איר שטוב... די גרויסע זון האָט אַזוי שיין און מילד באַשיינט דעם גאָרטן, און די ווייסע אקאַציע פון די בוימער־צווייגן האָבן אַ בלענד געטאָן פאַר אירע אויגן... און זי האָט זיך דערמאָנט שרה אינם ווייטן קאַלטן סיביר, דאָרט וואו איר מאַן איז איצט... און זי האָט אָנגעהויבן דערציילן די קינדער אַ מעשה, ניט פון קיין בערעלע און ציגעלע, נאָר וועגן אַ בלוטיקן קייסער, וואָס טוט נאָר שלעכטס און אַ יינגען ריטער, וואָס טוט נאָר גוטס... די קינדער האָבן די מעשה ניט פאַרשטאַנען און דאָך אַזוי ערנסט מיט קינדערישן נייגער געקוקט איר אין מויל אַריין און געכאַפּט יעדער וואָרט, איבערגעחזרט „קייסער" און „ריטער" און ווייטער געהערט... און פּלוצלונג האָט זי אָנגעהויבן זינגען, שרה, מיט אַ רירנדיק צאַרטן און ציטערדיקן קול:

...ס'לויפן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקן,
ס'פייפט און ברומט דער ווינט,
פון סיביר שיקט דיין טאַטע,
דיר אַ גערוס, מיין קינד!...

ווייטער זינגען האָט שרה ניט געקענט. עס האָבן זיך איבער איר געזיכט געקייקלט גרויסע טרערן, אַזוינע שטראַלנדיקע טרערן פון זון־אָפּשיין, טרערן, ווי שיינענדיקע פּערל... ציפּעלע האָט געקוקט אויף דער מאַמען און זיך אויך צעוויינט. סענדער'ל האָט באַטראַכט מיט זיינע קלוגע פייערלעך פון די קאַרע אויגעלעך זיין אַם, די מומע שרה און זיין „שוועסטער'ל" ציפּעלע און ער האָט ניט פאַרשטאַנען צי ער דאַרף אויך וויינען צי ניט... און אַז ציפּעלע האָט אָנגעהויבן כליפּן: „טאַטע"... האָט ער אויך זיך צעוויינט און דאָס ערשטע מאָל זינט ער לעבט, אויך גערופן: טאַ—טע טאַטע!...

אויפן אַנדערן טאָג איז אַ רעגן געגאַנגען. שרה איז געזעסן ביים פענצטער אינם עס־צימער, געקוקט אויף דעם גוס־רעגן און געטראַכט, ווי איר שטייגער איז, וועגן איר מאַן. די קינדער, ציפּעלע און סענדערל, האָבן זיך געשפּילט, זיינען אַרומגעלאָפן איינס נאָכן אַנדערן אַרום דעם קיילעכדיקן טיש און בענקלעך. און פּלוצלונג האָט עפּעס געגעבן אַ קנאַק... עס האָט זיך דערהערט אַ קינדערישער ווײ־געשריי. ווי עס וואָלט אַן עלעקטרישער שטראָם אָפּגעשטויסט שרה'ן, אַזאַ שפּרונג אָפּ האָט זי געטאָן פונם פענצטער... אויסגע־שפּרייט אויפן פּאָל איז געלעגן סענדער'ל און אויף זיינע פיסלעך דער שווערער, דעמבענער, קיילעכיקער טיש...

דריי חדשים נאָכאַנאַנד האָט סענדערל געקרענקט ביז ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיסלעך, צוריק אָנגעהויבן ארומלויפן און מיט זיין פריילעך, קלינגנדיק קול'כל שרייען, זינגען און מאָנען: מאַמע, זיידע, באַבע!...

שייווע האָט שוין מער ניט געהאַנדלט. זי האָט פאַרקויפט איר הויז און האָט זיך אריבערגעקליבן צו אירע עלטערן, אין אַ באַזונדערן, פאַר איר זעלבסט אָפּגעטיילטן צימער. זי האָט באַשטימט שייווע לעבן, נאָר צוליב איר קינד... און די גאַנצע דערציאונג פונם קינד האָט אויף זיך גענומען דער זיידע. און סענדער'ל איז געוואָרן אַ קליין פאַפּערעק'ל...

7. גרשון מלאך...

קיין אָכרימאָווע איז אַראָפּגעקומען אַ יינגערמאַן. אַ הויכער, מיט אַ פּאָר לאַנגע פיס און מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ. ניט ער איז געגאַנגען, נאָר ער האָט עפּעס געשוועבט אין דער לופט, אונטערגעשפּרונגען גיך... געהאַט האָט ער אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, געדיכטע און געקרייזלטע, אַזוינע שוואַרצע און גלאַנציקע ווי עס וואָלטן גאָר קיין האָר ניט געווען, נאָר שטיקער סמאָלע. ער האָט געהאַט אַ טבע אַלע מאָל אויפהויבן אַ האַנט, אַ גלעט טאָן די האָר, פון הינטן, פון דער פּאַטיליצע, אַרויף צו, צום היטל... און עס האָט זיך באַקומען, אַז ער הויבט אויף ניט קיין האַנט, נאָר אַ פליגל און פאָכעט מיט אים אין דער לופט... ער האָט געטראָגן אַ קורץ אונטערגעשוירן, שוואַרץ־שפּיציק בערדל, וועלכעס ער פלעגט אויך אָפטמאָל גלעטן. ער האָט געהאַט אַ קורץ־חנעוודיק, אַ ביסל פאַריסן נעזל... און אויגן האָט ער געהאַט גרויסע, שוואַרצע, צעשטרייטע, באַלעכעוואַטע אויגן... אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ קורץ־אונטערגעהאַקטן ראָק פון אַ מין ברוינלעכן קאָליר, לאַנגע, שוואַרצע הויזן און אויפן קאָפּ אַ שוואַרצן קאַפּעליוש...

אָכרימאָווער יידן האָבן אין דעם ניי־אָנגעקומענעם לאַנגן, געזונטן מענשן באַלד איינגעזען עפּעס אַ מין אויסערגעוויינלעכעס. מ'האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז ער הייסט גרשון, ער איז אַן אלמן, לויטן פאַך אַ קירזשנער, אַ היטל־מאַכער... ער איז עפּעס אַ מין ווייטער אָנקערעכץ מיט די פּאַפּערעק'ס און מיט די גרים... און אַ טבע האָט ער, אַז ניט ער גייט, נאָר ער פליט דאַכט זיך...

און דערפאַר האָבן אים אָכרימאָווער יידן אַ נאָמען געגעבן: גרשון מלאך...

און זיי האָבן טאַקע געטראָפן, די אָכרימאָווער יידן. אַזוי האָט מען גרשונ'ען אומעטום גערופן, וואו ער איז נאָר געקומען, אין יעדער שטאָט און שטעטל: גרשון מלאך... און אויסגעוועזן איז שוין דער אַ גרשון אַ וועלט... ער איז געווען וואו מ'מעג און וואו מ'טאָר ניט: אין ווארשע און אין אָדעס, אין פעטערבורג און אין קיעוו, אין יאַלטע און אין כארבין, אין טיפליס און אין טאַלנע, אין וולאַדיוואָסטאָק און אין אומאַן... בעסער פון אַלע שטעט איז אים געפעלן אָדעס. קיין אומאַן איז ער געקומען, ווייל דאָרט האָט ער אַ רייכע שוועסטער און דאָרט איז דער ציון, וואו עס ליגט רב נחמן בראַסלאַווער... פון דעם איז צו זען, אַז גרשון מלאך איז געווען אַ חסיד, פון די בראַסלאַווער, וואָס האָבן נאָכן טויט פון זייער רבין קיין אַנדערן זיך ניט געמאַכט און דערפאַר האָט מען זיי גערופן טויטע חסידים, כאָטש זייער געבאָט איז געווען שטענדיק זיין לעבעדיק און פריילעך... אַראָפּגעקומען קיין אָכרימאָווע, אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם עק, איז גרשון נאָר צוליב אַ שידוך...

צום אַלעם ערשטן האָט גרשון מלאך פאַרכישופט דעם אַלטן ישראל. ער האָט מיט אים אַזוי לאַנג גערעדט וועגן מסחר און מלאכה, וועגן תורה און חכמה, ביז דער אַלטער האָט אים פאַרדונגען אַ צימער ביי זיך אין הויז. אין דעם צימער האָט גרשון אַריינגע־שטעלט אַ קירזשנעריש מאַשינדל, געבראַכט אַ שער און אייזן, געכאַפּט אַ פּאָר אַלטע צעריסענע תחתונים און האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן וואונדער.

— איר זעט, רב ישראל?... פונקט ווי אייערע בוימער גיבן עפּעל, אַזוי גיבן מיינע שמאַטעס קאַשקעטן!... מאָלט אייך, אַז מלאכה איז טאַקע מלוכה... און ווי אַ ראיה, אָט זעט!...

און ער כאַפּט דעם סענטימעטער, נעמט שוין דאָ אויף אָן אָרט אַ מאָס פון רב ישראל פּאָפּערעק'ס קאָפּ, צעשניידט דאָ פּאָר זיינע אויגן די צעריסענע, שמוציקע הויזן און עס געשעט אַ נס. עס ווערט פאַרטיק אַ ניי־אויסגעפּרעסט, פריש־צאַפּלדיק היטל, אַ שוואַרץ־אַטלאַסענער קאַרטוז, אַזאַ קאַשקעט, מיט וועלכן דער שענסטער בעל בית פון שטעטל וואָלט גליקלעך געווען שבת און יום־טוב מיט דעם אין שול אַריין גיין... גרשון טוט אָן דאָס היטל רב ישראל'ן אויפן קאָפּ און טראָגט דערביי אונטער דעם אַלטן אַ שפּיגל.

— אזא יאָר אויף מיר, ווי דאָס היטל פּאַסט אייך! ... טראָגט עס געזונטערהייט! ....

דערנאָך האָט גרשון געמאַכט קאַשקעטלעך די צוויי זין רב ישראל׳ס. דעם עלטערן, שטענדיק פאַרהאָרעוועטן שלמה און דעם קלענערן, קאַרליקעוואַטן בערעלע. ער האָט זיך אויך באַפריינדעט, גרשון, מיט רב שמואלן, אַ מיטל - וואוקסיקן, שוואַרץ - צערטלעכן ייִנגערמאַן מיט אַ קליין, שיטער שוואַרץ בערדל און מיט קליינע לאָקן - אַרטיקע שוואַרצע פּאות. אָנגעטאָן איז רב שמואל געווען שטענדיק אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, אַרומגעבונדן מיט אַ שוואַרץ־זיידענעם גאַרטל... דאָס איז געווען ישראל פּאָפּערעק׳ס צווייטער איידעם, זיין צווייטער טאָכטער פון שייוועס, פערלס מאַן. רב שמואל, כאָטש ער איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ בראַסלאַווער חסיד, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אַנדער שטעטל, האָבן אים דאָך די אָברימאָ־ווער יידן אויך גערופן פּאָפּערעק, דערפאַר ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיצן אויף קעסט און לערנען, נאָר ער האָט ,גלייך מיט שלמה׳ן, דעם פּראָסטן ייִנג, געאַרבעט אין סאָד און געהאַט צו טאָן מיט אַ פערד און וואָגן... ער האָט געאַרבעט ביי זיין שווער און געלעבט פון דעם, וואָס דער שווער האָט אים געצאָלט, אליי ער וואָלט אַ פרעמדער און פּראָסטער ייִנג, אַ משרת ביים אַלטן געווען... מ׳האָט אויף אים געזאָגט:

— נאָך אַ פּאָפּערעק איז צוגעקומען אין שטאָט! ...

— רב שמואל פּאָפּערעק; ...

גרשון האָט אויך שמואלן אַ זיידן היטל געמאַכט. און די אויפ־דערנאַכטן פלעגט ער מיט אים פאַרברענגען אין קלוגע געשפּרעכן, וועגן רבי׳ן און דערציילן מעשיות וועגן בראַסלאַווער, גלייך ווי ער וואָלט נאָר אַמאָל אַליין גערעדט מיטן בראַסלאַווער...

— פאַרשטייט איר מיך. דער רבי האָט געזאָגט: פריילעך, קינדער, פריילעך זאָלט איר זיין! זיינען די חסידים באַלד געוואָרן פריילעך! ... נו, פאַרשטייט איר דעם מיין, פּוגם רבי׳ן? ...

און דערביי גיט גרשון אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער לופט, ער הויבט זיך אויף פון אָרט און גיט אַ שפּאַן מיט זיינע לאַנגע פיס און עס באַקומט זיך, אַז ער פליט גרשון, פליט ווי אַ מלאך... און זיינע שוואַרצע, גרויסע אויגן גלאַנצן, זיינען צעשטרייטע, זיי קוקן ערגעץ ווייט, ווייט... אַן אמתער מלאך, ניט קיין מענש.

רב ישראל האָט פון אים אָנגעקוואָלן:

— אַ, ווא! ... אַ מענש! ... אויסגעווען אַ וועלט! ...

און צום סוף האָט גרשון מלאך אויך פאַרכישופט די עקשנות'־דיקע, שיינע שיוועֿ. כאָטש זי האָט געזאָגט שיוועֿ, אַז איצט וועט זי לעבן נאָר צוליבן קינד, נאָר אַז זי האָט דערזען דעם אַ מלאך'־עוואַטן, שוואַרצן ייִנגערמאַן, איז ער איר באַלד געפעלן געוואָרן... ער האָט זי פאַרכישופט מיט זיינע גוטע רייד, מיט זיין צוגעלאָ־זנקייט, מיט זיין פשוטקייט און מיט זיינע שיינע, האַרציקע מעשיות.

איינמאָל האָט ער צו איר געזאָגט:

— פאַרשטייט איר, שיוועֿ, אָדעס!... איי, אָדעס!... ס'איז אַזאַ שטאָט מיט אַ שוואַרצן ים!... און פון יענער זייט ים איז ארץ־ישראל... ס'אַ יידישע שטאָט אָדעס!... אינדערוואָכן עסט מען דאָרט חלה. און מצות פאַרקויפט מען דאָרט אַ קיילעכ־דיק יאָר... און היינט ראָזינקעס, מאַנדלען, טייטלען, באָקסערן און פייגן!... אין אָדעס איז אַלע טאָג חמשה־עשר... די טערקן און די גרעקן ברענגען קיין אָדעס חמשה־עשר־זאַכן!...

ער האָט אַ קוק געטאָן צעשטרייט אויף דער שיינער שיוועֿ. ער זעט, זי הערט אים אויפמערקזאַם און אַ ליבע שמייכעלע שפּילט אויף אירע שיינע רויטע ליפּן, וואָס בעטן זיך, מען זאָל זיי קושן... ווערט ער נאָך מערער צעשטרייט, גרשון מלאך, און זיינע אויגן הויבן אָן גלאַנצן, זיי ווערן שוין אינגאַנצן פאַרחלומט די אויגן זיינע, ערגעץ ווייט, ווייט קוקן זיי...

— כאַרבין!... פאַרשטייט איר מיר, כאַרבין איז אַזאַ שטאָט; ווייבער גייען דאָרטן אין הויזן און מענער טראָגן צעפּ... אי, כאַרבין!... איבער די גאַסן און אין די שטובן הענגען פּאַפּירענע לאַמטערנס פון פאַרשיידענע קאָלירן: געלע, גרינע, רויטע, בלויע... און היטלען טראָגן אַלע דאָרטן נאָר שטרויענע, שטרויענע היטלען אויף די קעפּ... אין כאַרבין לעבן אויך יידן אַ גוטן טאָג!...

און איינמאָל, שבת בייטאָג נאָכן שלאָף, ווען די זון האָט שטאַרק געסמאַליעט און עס האָט זיך אין ערגעץ ניט געוואָלט גיין, איז זיך די גאַנצע משפחה פון די פּאַפּערעק'ס צונויפגעקומען אין דעם גרויסן זאַל פון רב ישראל'ס הויז. אין זאַל, אויף דעם איינציקן פון דעם גרויסן הויז, ברעטערנעם פּאָל — אין די איבעריקע צימערן איז דער פּאָל געווען אַן ערדיקער — איז געווען אויסגע־שפּרייט אַ לאַנגער, ברוין־פּליושענעם קילים. די גאַנצע משפחה, די זין מיט די טעכטער, די איידעמס און גלאַט קרובים האָבן זיך

אויסגעזעצט אויפן פּאָל. אויבן אויף איז געזעסן ישראל פּאָפּערעק און זיין ווייב ביילע. לעבן זיי — גרשון מלאך.

ער האָט דערציילט גרשון מלאך און אַלע האָבן פאַרחידושט אים צוגעהערט:

— מיין ווייב, הייסט עס, איז ווייזט אויס ניט געווען מיין זיווג. והא ראיה, יעדער יאָר האָט זי געהאַט אַ קינד און ניט פאַר קיין שום יידישער שטוב געדאַכט, פלעגט דאָס קינד אָפּלעבן אַכט טעג און זיך אָפּטראָגן... יאָ, די וועלט איז טאַקע אייגנטלעך ניט מערער, ווי אַן עולם התוהו, אָבער פאַרט, וואָס טוט מען?... איך בין, פאַרשטייט איר מיך, אַ בראַסלאַווער חסיד, פאַר איך קיין אומאַן, צום רבי'ן אויפן ציון... איך קום אריין אינם שטיבל, וואָס אויפן רבינ'ס קבר, דאָרט ברענען שטענדיק ליכט, און איך זע, ווי עס שוועבט דעם רבינ'ס נשמה איבער זיי... פאַל איך צו צום קבר און בעט און וויין: „רבי, העלפט מיר!...״ און דערנאָך פאָר איך אַוועק צום טאַלנער רבי'ן, וועלכער איז אַליין אויך אַ בראַסלאַווער חסיד און דערציייל אים אויס מיין גאַנץ לעבן... הערט ער מיך אויס, דער טאַלנער, און הייסט מיר פאָרן קיין מאַנאַ־סטרישט, צום מאַנאַסטרישטער רבין... און דער מאַנאַ־סטרישטער, הערט מיך אויס און זאָגט צו מיר, בזה הלשון, מיט די ווערטער: „פאָר אַ היים. אַז דו וועסט זיין אַ טאַטע פאַר אַ פרעמד קינד, וועסטו זוכה זיין אויך אייגענע קינדער צו האָבן!...״ בין איך אַ היים געפאָרן און זיך געטראַכט, אַז מיר זאָלן צונעמען צו זיך עפּעס אַ פרעמד קינד, אַ יתומל אַן טאַטע־מאַמע... נאָר ווען איך בין צו זיך אַ היים געקומען, האָב איך שוין מיין פרוי ניט געטראָפן... זי האָט זיך אָפּגעטראָגן, ניט פאַר קיין שום יידישע טאָכטער געדאַכט, אהין, צו אירע פאַרשטאָרבענע קינדערלעך... און איך בין אָפּגעזעסן שבעה און דערנאָך אַוועק פון מיין שטאָט, אַוועק איבער דער וועלט... ווי אַ שפּענדל פון אַ צעשמעטערט שיפל אינם גרויסן אָקעאַן, אַזוי האָב איך זיך איינער אַליין געטראָגן איבער דער וועלט פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל ביז... ביז איך בין געקומען צוריק קיין מאַנאַסטרישט. און אַז דער רבי האָט מיך דערזען, האָט ער מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און צו מיר געזאָגט אַזוי צו זאָגן, מיט די ווערטער:

— אַכט וויאָרסט פון דאַנען איז דאָ אַ שטעטל אָכרימאָווע...

— איך ווייס, רבי — האָב איך געענטפערט. — ווערליק מ׳דער־ציילט ביי אונז אין אומאַן, האָב איך אַפילו דאָרט וויטע קרובים...

— איז פאַר טאַקע, זיי מוחל — האָט דער מאַנאַסטריטשטער געזאָגט — קיין אַכרימאָווע און זיי אַ געטרייער פאָטער צו אַ פרעמד קינד און מיט דעם זכות וועסטו אייגענע קינדער האָבן!...

די מעשה האָט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן רושם געמאַכט. אַלעמענס בליקן זיינען איצט צו שייוועין געווענדעט געווען. און זי, שייווע, האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פּלוצלונג אַ שטאַלצע, פאַרעקשנטע, אויפגעהויבן איר קאָפּ און מיט אָפענע אויגן אַ קוק געטאָן אויף גרשונ׳ען... נאָר דער אַלטער רב ישראל האָט זיך איצט ניט געוואָלט מישן. ער האָט מער ניט געוואָלט זיין קיין שותף צו זיין טאָכטערס גורל... און ער האָט צו איר געזאָגט:

— איך מיש זיך ניט, איך!... געפעלט דיר דער מענש, איז אין אַ מזלדיקער שעה... טו, ווי דו פאַרשטייסט!...

און שייווע׳ן איז דער מענש ווי עס ווייזט אויס געפעלן. זי האָט ביי קיינעם קיין עצות ניט געפרעגט. זי האָט נאָר צו וויסן געגעבן:

— איך וועל פאַר אים חתונה האָבן!...

און אין דער צייט האָט פּערל, שייוועס צווייטע שוועסטער, אַ מיידעלע געבוירן. און שייווע׳ס חתונה איז געווען אין דעם זעלבן טאָג, וואָס ביי פּערעלע׳ן דער „לעקעך־און־בראָנפן" לכבוד דעם ערשט־געבוירענעם קינד. עס איז געווען איין גרויסע שמחה ביי צוויי שוועסטער. און די שמחה האָט מען געפּראַוועט אין דער גרויסער זאַל פון רב ישראל׳ס פּאַפּערעק׳ס הויז.ביידע שוואָגערס, ביידע חסידים פון איין רבי׳ן, ביידע בעל שמחות, שמואל און גרשון, האָבן זיך גוט אָנגעשיכורט און זיך צוקושט... דערנאָך איז גרשון מלאך צוגעגאַנגען צום שווער צו זיינעם, צו רב ישראל׳ן, וועלכער האָט געהאַלטן סענדערל׳ן, דאָס בלאָנדלעכע ציטערנדיקע אייניקל אויף די הענט, און ער האָט ביי אים גענומען דאָס קינד, דעם אַ קוש געטאָן אין קעפּעלע און האָט הויך, אויף אַ קול געמאָלדן:

— דאָס קינד וועל איך אָפּהיטן, ווי מיין אויג אין קאָפּ!... עס וועט ביי מיר אַן אייגנס זיין!... איך וועל האָבן נאָך קינדער!... אַ ייד, רבותי, דאַרף האָבן קינדער!... עס דאַרפן זיין יידישע קינדער, ווי זאַמד אינם ים און ווי שטערן אין הימל...

און אויף גרשונען קוקנדיק האָט רב שמואל געכאַפּט זיין ערשט געבוירן מיידעלע, וועלכעס איז געווען ביי פּערעלן אויף די הענט,

ער האָט עס הויך אויפגעהויבן און מיט אַן איידל־הייזעריקלעכן קול אויסגעשריגן:

— יידן, זייט וויסן, אַז מיין טאָכטער רופט מען רייזעלע!... נאָך דער מאַמען מיינער, איר צו לענגערע יאָר. רייזעלע האָט געהייסן מיין מאַמע און זי איז געווען אַ צדקית און זי האָט געלעבט זעקס און אַכציק יאָר!...

מ'איז צוריק געזעסן ביי די טישן. מ'האָט געגעסן, געטרונקען. מ'איז אַרויס פון די אַרום־טישן און מ'האָט געכאַפּט אַ טאַנץ, זינגענדיק אַ חסידישן ניגון:

„...שבענו, שבענו מטובך!... ושמחנו, ושמחנו בתורתך!...

און דאָרט ביים סאַמע אויבן אָן, זיינען געזעסן די צוויי חסידים: גרשון מלאך, וועלכער איז שוין אויך איצט פאַר אַ פּאַפּערעק פאַר־רעכנט געוואָרן און רב שמואל פּאַפּערעק, דער זיידענער יינגער־מאַנטשיק... מ'האָט שיכורלעך זיך געדריקט איינס דאָס אַנדערע די הענט און זיך געגעבן תקיעת־כף:

— מיין טאָכטער און דיין זון!...

— יאָ, מיין זון און דיין טאָכטער!...

— כלה־חתן!...

— יאָ, חתן־כלה!...

מ'האָט אַ גאַנצע נאַכט געהולעט און ניט געוואוסט אויף וועל־כער וועלט מ'איז... אין דעם אַ שיכורלעכן עקסטאַז פון מענשן פּראָסטע, אָבער ערלעכע און פרומע, האָט מען געפּראַוועט אין איין טאָג אַ חתונה, אַ געבורט פון אַ קינד און אַ וואָרט... דער אַלטער פּאַפּערעק האָט געכאַפּט אַ גרויסן טעלער און אַ שליידער געטאָן אויפן דיל... די פּאַרצעליינע שערבעלעך זיינען זיך צעפלויגן מיטן טראַסק איבער דער שטוב... פון אַלע ווינקעלעך האָבן מענשן געשריגן: — מזל טוב... ביידע שוועסטער, שייווע און פּערל, האָבן זיך צעקושט און האָבן צוגעווינטשעוועט איינס דאָס אַנדערע מ'זאָל דערלעבן צו פירן די קינדער זייערע צו דער חופה...

אין אַ וואָך אַרום האָט גרשון מלאך אָנגעלאָדן אויף איינעם פון זיין שווערס פערד־און־וועגעלעך אַ פולע קאַרזינע מיט פריש־אויפגעניייטע היטלען, קאַשקעטן און קאַרטוזן. און ער איז צוזאַמען מיט שייווע'ן אַרויסגעפאָרן צום יריד פאַרקויפן זיינע סחורה... מ'האָט דאָס מאָל אויך דאָס קינד, סענדערל'ען, מיט זיך מיטגענומען. דער אָנטרייבער און אויפזעער פון פערד און וועגעלע איז געווען דער קליינער קאַרליקעוואַטער בערעלע. אים האָט מען אויך אָנגע־

טרויט זיך שפּילן מיט סענדערל'ען, בעת גרשון מיט שייווע'ן וועלן זיין פאַרנומען אויפן יריד, אויב עס וועט זיין א גרויסער האַנדל...

8. מע פאַרט קיין אָדעס

כמעט א יאָר צייט האָט מען געלעבט שטיל און רואיק. גרשון האָט געטייט זיינע היטלען; איז געפאָרן אויף די ירידים, געהאַט פיין פרנסה... און פּלוצלונג איז אַלץ מיט דער פוטער אַראָפּ אַוועק... גאַנץ אַכרימאָווע און די דערפער אַרום און אַרום זיינען שוין געווען פאַרפלייצט מיט זיינע היטלען, קאַרטוזן און קאַשקעטן... גרשון מלאך האָט באַזאָרגט די באַפעלקערונג אויף קינדס־קינדער מיט היטלען... און אַז קיין פרנסה פון קירזשנערײ איז שוין מערער ניט געווען, האָט שייווע צוריק געוואָלט אָנהויבן האַנדלען, ווי אַמאָל מיט שניט־קראָם, איז זי אָבער אַ שוואַנגערע געווען אין די הויכע חדשים און גרשון האָט איר ניט דערלויבט אַרומצופאָרן...

— ביי מיר א ווייב — האָט ער געטענהט — האַרעוועט ניט. ביי מיר א ווייב דאַרף זיין א בעל הבית'טע. ביי מיר א ווייב איז א ווייב!...

ער האָט איצט ניט געהאַט וואָס צו טאָן גרשון, איז ער געזעסן גאַנצע טעג מיט א תהילים'ל אין די הענט און ווייל לערנען האָט ער ניט געקענט, האָט ער תהילים געזאָגט... ער פלעגט אָפּט אויך פאַרשידענע מעשה־ביכלעך לייענען אין עברי־טייטש הויך אויף א קול און סענדער'ל פלעגט זיצן אַנטקעגן אים, זיך איינקוקן אין זיין געזיכט, אויפכאַפּן יעדעס וואָרט זיינס, צוזען זיינע פאַרשיי־דענע הועיות, וואָס ער מאַכט בעתן לייענען און זיך קייקלען פון געלעכטער... אין אַזאַ פאַל פלעגט גרשון זיך אומקוקן אויפן קינד און פרעגן:

— וואָס לאַכסטו, סענדער'ל?...

— ס'איז שיין, טאַטע!...

— שיין?... נו, קום אהער נענטער, וועל איך נאָך עפּעס פאַרלייענען!...

און ער פלעגט נעמען סענדערלן אויף די הענט, אים אַוועקזעצן צו זיך אויף די קני און פאַר אים לייענען פאַרשיידענע מעשה־ביכלעך... מערסטנטייל פלעגט גרשון לייענען מעשיות וועגן קייסאָרים און גענעראַלן, וועגן גזלנים און רויבער און זייער אָפּט

פריילעכע געשיכטעס פון וועלכע מ׳פלעגט לאכן, שטארק, שטארק לאכן און נאכן געלעכטער זיך טרויעריק פארטראכטן... דאס זיינען געווען שלום־עליכמס מעשיות... אבער מערער פון אלץ איז אלעמען, און סענדערל׳ען אודאי, געפעלן די מעשיות וואס גרשון מלאך האט אליין דערציילט... מ׳האט שוין געוואוסט, אז גרשון מלאך האט אליין ליב אויסטראכטן מעשיות!...

אין די פארנאכטן צווישן מנחה און מעריב, בעת די גרויסע פייערדיקע זון איז אוועק ערגעץ אין איין עק הימל און האט זיך אנגעהויבן באהאלטן אונטערן ווייטן וואלד, וואס זעט זיך, אז מ׳גייט ארויס פון שטעטל, איז יענע זייט הימל מיט א רויטער שקיעה צעגאסן... עס בלאזט דאן א שטיל ווינטל און די ביימער פון די גאסן אינם שטעטל שאקלען זיך פאמעלעך און עס באקומט זיך גלייך, ווי זיי וואלטן א תפילה געטאן די ביימער צו דער זון, וואס גייט פון זיי אוועק און נעמט מיט זיך צו דעם הייסן, לאנגן זומער־טאג...

אין דער צייט נעמט גרשון מלאך סענדערלען פאר א הענטל און גייט מיט אים שפאצירן... ער שפאנט גיך, גרשון, מיט זיינע לאנגע פיס. דאס קינד לויפט אים נאך... אז מ׳קומט ארויס אונטערן שטעטל, וואו עס שפרייט זיך א רחבות פון גרין־רויטלעכע ליילעכער פעלד און וויט אויפן האריזאנט זעט זיך דער שווארצער וואלד, מיט א רויט־בלוטיקן אנגעצונדענעם הימל, דאן זאגט גרשון צום קינד:

— זעסט, סענדער׳ל, דאס איז זון־פארגאנג!... זעסט?...

— שיין, טאטע, שיין!... — ענטפערט פארחידושט דאס קינד.

און איינמאל איז גרשון ארויס אין דרויסן... ער האט אויפגעוועקט סענדערלען, אים אנגעטאן און איז מיט אים אוועק... אין מיטן פעלד צווישן די אפגעשניטענע גאלדענע ברויט־זאנגען, וואס זיינען צונויפגעלייגט געווארן בינטלעכווייז, איז געלעגן א גרויסער שטיין, א גאנצער פעלז... דא אויפן שטיין האט זיך גרשון מיט סענדערלען אוועקגעזעצט באקוקן דעם גרויסן ארום פון דעם אויפקומענדיקן טאג. גרשון האט א וויז געטאן מיט א פינגער אויפן מזרח:

— א, זע, סענדערל... די זון גייט אויף!...

פון דארט, ווייט־ווייט, וואו דער הימל פאלט זיך מיט דער ערד צונויף, האט עפעס אנגעהויבן צו שיינען... עס האבן זיך

באווייזן גאָלדענע שטראַלן און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעהויבן די זון אַלץ גרעסער און גרעסער, אַלץ ליכטיקער און שענער... און זי קריכט די זון אַרויף העכער און העכער און שיינט מיט וואַרימקייט און חיות...

— אַך, טאַטע!... — האָט סענדערל פון פרייד אויסגעשריגן.

— און מיר אַלע גייען אונטער דער זון!... — האָט גרשון דעם קינד געזאָגט.

צו יענער צייט האָט שייווע געבוירן אַ קינד, אַ ייִנגל. לייבעלע האָט מען דאָס ניי־געבוירענע קינד גערופן. דאָס קינד איז געווען אַ גרויס, אַ געזונטס, אַ שוואַרצס, מיט גרויסע שוואַרצע צעשטרייטע און באַלעכעוואַטע אויגן,ווי ביי גרשונען. מיט גרויסע שוואַרצע, ווי שטיקער סמאָלע, געדיכטע קוטשעראַווע האָר. מיט לאַנגע פיסלעך... דאָס קינד איז שנעל געוואַקסן. עס איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער אַזוי ענלעך אויפן טאַטן אויף זיינעם געווען... גרשון מלאך האָט דאָס קינד שטאַרק ליב באַקומען. ער פלעגט זיך מיט דעם פיל אָפּגעגעבן און סענדערלן האָט ער אויפגעהערט צו באַמערקן...

עס איז געוואָרן ווינטער. קיין אַרבעט איז ניטאָ. אַלע ביכלעך זיינען שוין אויסגעלייענט. אַלע מעשיות זיינען שוין אויסדערציילט. ער האָט זיך אָפּגענודעט גרשון אַ לאַנגן ווינטער און האָט קוים קוים דערלעבט דעם ליבן פרילינג, די שיינע מאַיאָווע טעג, ווען די וועלט ווערט פריי און אָפּן און דער אייביקער וואַנדערער קען נעמען זיין טאָרבע און זיין שטעקן און זיך לאָזן אין וועג!...

גרשון מלאך האָט אָנגעהויבן איינטענהן מיט שייווע׳ן:

— אַוועקפאָרן!... מ׳דאַרף אַוועקפאָרן פון דעם פאַרוואָר־פענעם עק!...

און אַז עס איז געקומען שבת נאָכן שלאָף, ווען אַלע קינדער, פריינט און קרובים קומען זיך צונויף צום זיידן ישראל און צו דער באָבע ביילע עסן קוגל און טרינקען ווייניקן עפּל־קוואַס, האָט גרשון מלאך אנשטאָט זיינע שטענדיקע מעשיות, וואָס ער פלעגט דערציילן פאַר דער גרויסער משפּחה, וועגן טויזנט און איין נאַכט, וועגן גזלנים און קייסאָרים, רבנים און חסידים, וועגן שאָמערן און שלום־עליכם׳ען און אויך זיינע אייגענע אויסגעטראַכטע מעשיות, האָט ער איצט גאָר פאַרפירט אַ שמועס וועגן פאָרן, וועגן אָפּפאָרן פון אָכרימאָווע און זיך באַזעצן אין אָדעס...

— אַך אָדעס!... וואָס ווייסט איר דען, יידן, וואָס אָדעס איז?...

און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— ערשטנס איז אין אָדעס דאָ אַ בולוואַר. און פונם בולוואַר ביז צום ים, אָט טאַקע דאָרט וואו די שיפן וואָס גייען קיין ארץ־ישראל, זיינען דאָ גאַנצע טויזנט טרעפּ... און מענשן גייען פון די טרעפּ אַראָפּ צום ים און אַרויף צום בולוואַר... איי, מענשן... אַלע אַזוי אָנגעטאָן יום־טובדיק, מיט געפּוצטע שיכלעך, מיט נייע גאַרניטערלעך און מיט שיינע קאַשקעטלעך... און אויף דעם בול־וואַר איבער דעם גרויסן שוואַרצן ים שטייט אַ רעסטאָראַן מיט וויס־געדעקטע טישן, און אויף די טישן דעם קייסערס מאכלים: „עסט, מענשן, טרינקט!... ס'איז האַלב אומזיסט!...״ און מענשן עסן טאַקע. מענשן טוען זיך אָן וואָוילטאָג... און די מוזיק שפּילט אונטער, אוי, שפּילט זי די מוזיק. עס באַקומט זיך, ווי זי וואָלט צוגעווינטשעוועט יעדער מענשן: „עסט געזונטערהייט!...״ אוי, איר פאַרשטיי דען, יידן, וואָס איז אַזוינס דער אָדעסער בולוואַר?... אָט, איר קוקט מיך אָן? אַזאַ ייד, ווי איך, נעם איך שבת בייטאָג מיין ווייב און קינדער און גיי זיך מיר שפּאַצירן אויפן אָדעסער בולוואַר!...

אַלע האָבן אָנגעקוואָלן, גרשון מלאך האָט פּשוט פאַרכישופט דעם עולם מיט זיינע רייד... ער האָט דערציילט וועגן די הויפּט־גאַס פון אָדעס, די דעריבאַסאָווסקע, ווי שיין זי איז און וועלכע מענשן מ'זעט דאָרט: יידן און רוסן, און טערקן, און גרעקן, און ענגלענדער, און פראַנצויזן... און אַלע ריידן זיי פאַרשיידן, און יידן אַרום זיי מאַכן גרויסע געשעפטן... מ'לעבט!... און ער מאַכט דעם אויספיר:

— וואָס הייסט, מ'לעבט?... מ'לעבט אַזוי ווי גאָט אין אָדעס!... און ווי באַלד די וועלט זאָגט, אַז מ'לעבט ווי גאָט אין אָדעס, איז דאָך מסתמא גוט!... אַ וועלט איז דאָך ניט משוגע!... והא ראיה, נעמט אַ שטייגער מיך, אַ ייד אַ בעל־מלאכה... וואָס קען איך האָבן דאָ אין אַכרימאָווע פון מיין קירזש־נעריי? — גאָרניט!... פּאָר עטלעכע חדשים האָב איך גאַנץ אַכרימאָווע, מיט אַלע דערפער אַרום, אָנגעטאָן אין היטלען און שויין, מערער דאַרף מען ניט... אָן אַכרימאָווער ייד, אַז ער קויפט אַ היטל, איז דאָס אויף זיין גאַנץ לעבן. ער לאָזט עס נאָך איבער בירושה פאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער... און פון אַ גוי איז דאָך אָפּגערעדט. אַ גוי גייט דאָך בכלל אָן אַ היטל!... אַנדערש איז אָבער אין אָדעס. אין אָדעס, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ מאָדע,

אז אויף יעדער יום־טוב קויפט מען זיך א ניי היטל... קיין קאָסטיום וועט מען זיך, א שטייגער, ניט מאַכן אויף יום־טוב, קיין שיך אויך ניט, אָבער א היטל... וואָס הייסטו ?... קומט ערב פּסח קויפט מען זיך נייע היטלען. ערב שבועות ווידער א ניי היטל. ערב ראש־השנה אודאי א ניי היטל. אויף שמחת־תורה מוז מען דאָך האָבן א ניי היטל!... און בכלל גייט דאָך ניט קיין ייד אָן א היטל, מיטן הוילן קאָפּ!... א ייד איז דאָך ניט קיין גוי... א ייד איז דאָך א ייד! וואָס הייסט ?... און דער גוי, וואָס מיינט איר ?... אין אָדעס איז דאָך גאָר אַן אַנדער גוי!... און דער פּויער, וואָס קומט צופאָרן קיין אָדעס אויף די מערק... און אין אָדעס איז דאָך ניט אַזוי ווי דאָ איינמאָל אין וואָך א יריד. אין אָדעס איז אַלע טאָג יריד. אַלע טאָג איז דאָ א מאַרק, און ניט איינער, נאָר גאַנצע זיבן... אָט זעט: דער פּריוואָז, די קאָסאַרקע, די סטאַרע־רעזניטשנע, די נאָווע־רעזניטשנע, אויף דער דאָלניצקי, אויפן פּערעסיפּ און דער טאָלטשאָק!... אי, דער טאָלטשאָק, אָט דאָס איז א מאַרק!... און יעדער פּויער קומט צופאָרן קיין אָדעס אויף די מערק, פאַרקויפט זיינע סחורות, און אַז ער פאָרט צוריק א היים, פאָרט ער ניט מיט קיין ליידיקע הענט... ער מוז דער פּויער, ברענגען א היים א „האָסטיניצע”, א מתנה.

און די בעסטע, שענסטע, און וואָלוועלסטע מתנה איז דאָך טאַקע א היטל, א קאַשקעטל, א קאַרטוז!... אי, וואָס ווייסט איר דען, יידן, וואָס פאַר א לעבן עס איז אין אָדעס!...

ער האָט שוין באַלד איינגערעדט, גרשון מלאך, אַלעמען, אַז מ׳זאָל אַלץ פאַרלאָזן — דאָס שטעטל מיט די בלאָטעס, מיטן שטויב און מיט די היצן — און מ׳זאָל מיט אים פאָרן קיין אָדעס, אַהין וואו יידן מאַכן גאָלדענע געשעפטן...

אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך געזען אין די שיינע הייזער, אין די הויכע ליכטיקע פענצטער!... און ער האָט מיט היץ אויסגעשריגן:

— היינט די אָפּערע ?!...

און מיט התלהבות:

— היינט די בראָדער שול!... טאַקע צוליב דער בראָדער שול אַליין דאַרף מען וואוינען אין אָדעס!... שטעלט אייך פאָר א שול, א בית המקדש!... עס שפּילט דאָרט אַן אָרגאַן, און דער אָרגאַן איז געמאַכט אַזוי, אַז אינעווייניק אין אים, זיינען דאָ פידלען, פּויקן און פליוטן... ער שפּילט אַליין דער אָרגאַן!... אונטן

שטייט דער חזן און אויבן דער אָרגאַן. דער חזן דאַוונט און דער אָרגאַן שפּילט אים נאָך... און ביי די זייטן שטייען משוררים, אַ גרויס כאָר... און מ'זינגט נאָך וואָס דער אָרגאַן שפּילט... אַי, וואָס ווייסט איר יידן, וואָס פאַר אַ בראָדער שול דאָס איז?... ס'איז אַ גן־עדן, ניט קיין שול!... איך וויל אייך ניט דערציילן וועגן די ווענט פון דער שול, וואָס זיינען באַפּוצט מיט גאָלד, זילבער, פּערל און בריליאַנטן... וועגן דעם גאָלדענעם ארון־קודש, וואָס שטייט אין אַ גאָרטן פון לולבים און אתרוגים... וועגן די גאָלדענע הירשן און לייבן, וואָס דרייען זיך אַרום אין דעם גאָרטן און היטן אָפּ די ספרי־תורה'ס...

און עס האָט זיך אים איינגעגעבן, גרשונ'ען, איינרעדן די משפּחה, אַז מ'דאַרף איבערפּאָרן קיין אָדעס... און מ'האָט באַשטימט אַזוי ווי ער, גרשון, איז דאָך שוין אַ געניטער אין די רייזעס און איז דאָך שוין אין אָדעס געווען, איז זאָל ער פריער מיט זיין ווייב און קינדער פאָרן, זיך דאָרטן באַזעצן און אַז עס וועט זיין גוט, וועלן די איבעריקע אויך אַ היין קומען...

דאָס מאָל האָט זיך שוין שייווע שטעלן ניט געוואָלט. זי האָט באַשטימט, אַז וואוהין דער מאַן פאָרט, אַהין דאַרף זי אויך פאָרן... מן הסתם איז שוין איר גורל אַזאַ, אַז זי דאַרף פאַרלאָזן איר געבורט אָרט, איר טאַטע־מאַמע, אירע שוועסטער און ברידער און זיך לאָזן אין דער וועלט...

געשפּאַנט די פערד אין דעם גרויסן וואָגן האָט דאָס קליינינקע מענשעלע, דאָס ברייט־פּלייציקע, קורץ־פּיסיקע בערעלע... ער האָט געשפּאַנט די פערד און ביטער געוויינט. דעם בחור, וואָס קיין שום מיידל האָט אים פאַר קיין חתן ניט געוואָלט נעמען, האָט זיך אויך געוואָלט אַוועק פון דעם שטעטל, אַוועק אין דער גרויסער, שיינער שטאָט אָדעס, אין דער שטאָט, וואו מענשן וואוינען אַזוי גליקלעך... ער איז אַלע מאָל אונטערגעגאַנגען צו גרשונען און זיך ביי אים געבעטן:

— נעם מיך מיט, גרשון, וואָס אַרט דיך?...

און גרשון האָט אים געטרייסט:

— וויין ניט, בערעלע, וויין ניט, וועסט פאָרן!... אַט לאָם איך זיך נאָר אַליין „אוסטראָיען", אַזוי נעם איך דיך דעם ערשטן אַרויס צו מיר!...

אויפן גרויסן וואָגן מיט די צוויי קאַרע פערד פאַראויס זיינען געווען אָנגעלייגט זעק און פּעק מיט בעטגעוואַנט, געפעס און עסנ־

וואַרג... אויף די זעק איז געזעסן שייוועו אַ צערטלעכע און אַ בלאַסע מיטן קלענערן קינד אויף די הענט, מיטן שוואַרץ־חנעוודיק לייבעלע... לעבן שייוועו'ן איז געזעסן איר מאַן, גרשון מלאך, און האָט אַלעמאָל געפינטלט מיט זיינע צעשטרייטע שוואַרצע אויגן, וואָס זיינען פון צייט צו צייט דערשראָקענע און פריילעכע געוואָרן... פאַראויס אויף דער קעלנע, אַלס אָנטרייבער, איז געזעסן בערעלע און לעבן אים אַ בלאָנדלעך יינגעלע מיט קאַרע אויגעלעך — סענדער'ל... ער האָט באַטראַכט, די וועלט, די נייע וועלט, וואָס שפּרייט זיך פאַר אים...

אונטערן וואָגן, ווי נאָך אַ לויה, איז נאָכגעגאַנגען די גאַנצע משפחה. דאָ איז געווען דער אַלטער ישראל, זיין ווייב ביילע, זיינע טעכטער מיט זייערע מענער און קינדער, דער זון שלמה מיט זיין כלה, אַלע מחותנים, נאָענטע און ווייטע פריינט און קרובים... דעם וואָגן איז אויך נאָכגעגאַנגען אַ האַלב שטעטל אָכרימאָווער יידן... ס'איז געווען אַ גרויסער ליאַרם. מ'האָט געזיפצט, זיך געווישט די אויגן און צוגעווינטשעוועט:

— זייט געזונט!...

— פאָרט געזונט!...

— זייט מצליח!...

דער וואָגן איז אַריבערגעפאָרן דאָס בריקל, דאָס שטיל פּליסיק טייכל איז געבליבן הינטן. מ'האָט זיך דערנענטערט צום וואַלד... מענטשן האָבן אָנגעהויבן אָפּצושטיין און זיך אומקערן אַ היים. און אָט איז מען דורכגעפאָרן אַן איינזאַמען ווייס־שטיינערנעם צלם מיט אַ פאַרפּייניקט שטיינערנעם מענטשן אויף אים... סענדער'ל האָט דאָס גוט באַמערקט. אָט איז אויך דער איינזאַמער בוים און ווייטער אַ ביסל אַן איינזאַמער ברונעם אינמיטן גרינעם פעלד...

— האַלב וועג שוין אָפּגעפאָרן!... האָט דאָס קליינע בערעלע אויסגעשריגן און אָפּגעשטעלט די פערד און וואָגן...

די גאַנצע משפחה האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט שייוועו'ן, מיט גרשונ'ען, מיט לייבעלע'ן און מיט סענדערלע'ן... ער האָט געזען סענדער'ל און פאַרגעדענקט ווי דער זיידע און די באָבע האָבן געוויינט... אַלע האָבן געוויינט און זיך געקושט... דער נאָך האָט דער פעטער שמואל צוגעטראָגן זיין מיידעלע, זיין ווייס־בליענדיק קינד, מיט די שוואַרצע שיינע דורכזיכטיקע וועלן־האָר אויפן קעפּעלע, און ער האָט געזאָגט צו סענדערל'ען:

— געזעגן זיך, סענדערל, מיט רייזעלע'ן!... גיב זי א קוש!...

און סענדערל האָט געקושט דאָס פּיצעלע מיידעלע, רייזעלע'ן...

דערנאָך איז מען געפאָרן ווייטער. אַלע האָבן זיך שוין אומגע־קערט צוריק אַ היים קיין אָכרימאָווע, און נאָר דער פעטער שמואל איז נאָך נאָכגעלאָפן דעם וואָגן און געשריגן:

— געדענק, גרשון. זאָלסט שרייבן. למען השם שרייבן!...

דער וואָגן מיט די צוויי פערד פאָראויס האָט זיך איינזאַם געשלעפּט אין פעלד איבערן טראַקט און פון ביידע זייטן טראַקט זיינען דעם וואָגן אַנטקייגן געקומען גרינע פעלדער מיט גאָלדענע וועלן זאַנגען פון קאָרן און פון ווייץ... און עס האָט זיך עפּעס דערמאָנט סענדערל'ען דעם זיידנס אַ וואָרט, אַ וואָרט, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין זיין קינדערישן זכרון:

— מ'פּאַרלאָזט ברויט און מ'פּאָרט זוכן שטיינער!...

פון ווייטנס האָט זיך שוין געזען אַ רויטער מויער פון דער אייזנבאַן־סטאַנציע... ס'האָט זיך דערהערט אַ פייף פון אַ לאָקאָ־מאָטיוו... סענדער'ל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין קליינ־וואוקסיק און ליב פעטערל, אויף בערעלען. ער האָט אַם עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט דערזען ווי זיין פּנים איז וויסט און חושך, טרערן פון די אויגן רינען אים, און ער שטיקט אין זיך דעם געוויין... ער האָט שטאַרק געשמיסן, בערעלע, די פערד און האָט אויסגעלאָזט צו זיי זיין ביטער האַרץ... און סענדער'ל האָט דעם פעטער טרייסטן ניט געקענט...

צווייטער טייל

„זינגען זינגט דער אָרימער, דער רייכער הערט נאָר צו".

„נויט ברעכט אייזן, דלות ברעכט שלעסער..."

(יידישע שפּריכווערטלעך)

9. אין אָדעס אויף דער מאָלדאָוואַנקע

געוואוינט האָט מען אין אָדעס אויף דער מאָלדאָוואַנקע. מ'האָט געוואוינט אויף איינער פון די פיל ברייטע שמוציקע גאַסן און שמאָלע עיפּושדיקע געסלעך פון דער אָדעס מאָלדאָוואַנקע, דאָרט וואו די גאַנצע יידישע אָרימקייט האָט געלעבט אין נויט און אין דחקות, אין גרויסע הייזער מיט הונדערטער דירות, וואָס זיינען באַשטאַנען פון קליינע צימערן מיט פינצטערע קיכן...

די אָדעסער מאָלדאָוואַנקע דאָס איז די פריילעכסטע, לעבעדיקסטע און טומלדיקסטע טייל פון דער גרויסער דרומדיקער האַפן־שטאָט... דאָ שלאָפן ניט די גאַסן. א גאַנצע נאַכט טראָגט זיך א געזאַנג, א טאַנצעריי, א פידל־שפּיל און א געלעכטער פון די פריילעכע הייזלעך, וואָס אויף דער קאָסטיעצקי־גאַס, דלוכוי־גאַס און שפּיטאָל־גאַס... די רויט־אָנגעצונדענע פענצטער פון די הייזער שיינען אַרויס אויף די פינצטערע גאַסן מיט א מין באַזונדערן טייוועלשן רייץ, וואָס לאָזט ניט רוען די בחורים, פאַרופט זיי צו זיך... אויף שפּיטאָל־גאַס לעבן דלוכוי־גאַס איז דאָ א „טראַקטיר", אַזאַ טיי־הויז, וואָס איז אָפן טאָג און נאַכט... בייטאָג כאַפּט זיך אַהין אַריין אויסטרינקען א „פּאָר" טיי א בעל מלאכה, א שניידער אָדער א שוסטער, וואָס דרייט זיך דערווייל אַרום איינער אַליין, זוכט א דירה, זוכט פרנסה און האָפט איינגיכן אַראָפּברענגען אַהער פון עפּעס א שטעטל זיין ווייב און קינדער. דאָ טרינקט אויך טיי א סטאַראָוועשטיניק, א ייד, וואָס קויפט אָפּ און פאַרקויפט אַלטוואַרג. עס טרינקט דאָ טיי א פאָרמאַן. עס קומען אַהער אַריין ווייבער מיט טשייניקעס קויפן טיי, ווייל אויפזידן אין דער היים קאָסט טייערער... און ביינאַכט באַזוכן דעם טראַקטיר בעקער־יינגען. זיי ברענגען מיט זיך הייסע, פרישע בייגל, זיצן לאַנג ביי דער „פּאָר" טיי... עס קומען אַהער ביינאַכט די נאַכט־איזוואָזטשיקעס און די בינדיוזשניקעס, וואָס פאָרן פון דער באַן און האַפן. זיי

ברענגען מיט זיך קלייניקסע סאָטקעלעך בראָנפן, זיי טרינקען דעם בראָנפן, פאַרבייסן מיט הערינג און ברויט, פאַרטרינקן מיט גאַנצע טוצן טיי.. עס קומען אַהער ביינאַכט אויך שלימזלדיקע גנבים, וואָס האָבן זיך אומגעדרייט אַ גאַנצע נאַכט און האָבן גאָרנישט גע־לקחנט... און עס קומען אַהער אַלטע שוין אָפּגעלעבטע און אַפילו יינגע, נאָר מיאוסע מיידן, וואָס מ׳וויל זיי אין די פרייליכע הייזלעך ניט האַלטן און זיי מוזן אַליין זוכן אויף זיך בעלנים...

די שפּיטאַל־גאַס איז אין צענטער. דאָס האַרץ פון דער גאַנצער מאַלדאָוואַנקע. אויף דער גאַס זיינען דאָ עטלעכע מאַלינעס, אַזוינע הייזער, וואו גנבים זעצן אָפּ זייערע גנבות, שפּילן דאָרט אין קאָרטן און האַלטן זיך דאָרט בכלל אויף מיט זייערע נקבות, און אַמאָל אויך מיט ווייב און קינדער... דאָ אין די מאַלינעס האַלטן זיך אויך אויף קאָרטן־וואָרפערינס, אמתע און געמאַכטע בעטלער, אַפּע־ריסטן און געלט־פעלשער...

און אַז עס קומט דער פאַרטאָג, צוזאַמען מיט דעם ערשטן זונען־שטראַל, כאַפּט זיך אויף די גאַנצע מאַלדאָוואַנקער באַפעלקע־רונג מיט אַ געשריי און געפּילדער, מיט איילעניש און טאַראַראַם... איינער לויפט צו דער אַרבעט, אַן אַנדערער פון דער אַרבעט, אַ ייד טראָגט פריש ברויט פון דער בעקעריי, אַ יידענע אַ טשייניק טיי פון טראַקטיר, קינדער גייען אין חדר אַריין, בעטלער איבער די הייזער, וועגעלע־שטופּערס איילן זיך מיט זייערע וועגעלעך צום וואָקזאַל און האַפן, מעקלערס און אַגענטן פון „זינגער־מאַשינעס" מיט די שטעקעלעך אין די הענט קלאַפּן פאַרשמייעטע אין די טירן, עס לויפן אום דראָזשקעס, פייעטאָנען און קאַרעטעס מיט שיינע געשפּאַנטע פערד, פורגאָנעס און בינדיוגעס געשפּאַנט אין קליאַטשעס, עס עפענען זיך טירן פון קלייטן ,קראָמען און קעלערס, וואו מ׳פאַרקויפט צענדליק, באַקאַליי און גרינוואַרג... אויף די פּאָסטנס באַווייזן זיך פאַרשלאָפענע גאָראָדאָוויעס מיט ווייסע קיטלען און שוואַרצע שווערדן אויף די לענדן. עס באַווייזן זיך יידענעס מיט גרויסע קוישן אויף די הענט, זיי גייען פון הויף צו הויף און שרייען אויס און רימען זייער סחורה:

— עולם ווייבער, אייער, אייער, פרישע קעז, פּוטער!...

אַ צווייטע שרייט:

— פיש, פיש, ווייבער, פרישע, צאַפּלדיקע פיש!...

— סקאָמבריע, סקאָמבריע!...

— גרינע אוגערקעלעך; רעטעכלעך, ציבעלעס!...

און באַלד פאַרט אין הויף אריין אַ ייד מיט אַ וועגעלע אויבסט, מיט ווײַנשל און קאַרשן און צעשרייט זיך אויף אַ קול מיט אַ ניגון:

— אוי נאַ וואַרעני נאַ קאָמפּאָט, איידאַ ווייבעלעך סיודאַ!...

אוי, האַלב אומזיסט, איך שווער ביי גאָט, קויפּט זשע קונים, דיאַשיוואַ!...

דערביי קומט אָן אַ ייד אַ סטאַראָוועשטשיניק, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און שרייט:

— סטאַרע וועשטי, וועשטי פּאָקופּאַיעם!... אַלטע שיך, שטאַמעס, קאַלאָשן, פלעשלעך, קישנס, וסיאָ פּאָקופּאַיעם!...

און עפּעס אַ בלינדער ייד מיט אַ פידל אין האַנט קומט אָן. אים פירט אַן אָפּגעריסן, באָרוועס יינגל. דער ייד שפּילט און זינגט:

— אוי, הערט אויס מענשן, אַז גאָט זאָל אייך בענשן, ווי מיין לעבן איז מיר פינצטער און וויסט...

און דאָס יינגל שרייט:

— שענקט עפּעס אַ בלינדן יידן אַ נדבה. שענקט אַ נדבה!...

10. אַ לעבעדיקער יתום...

גרשון מלאך מיט זיין ווייב און קינדער האָבן זיך באַזעצט אויף דער שפּיטאַל־גאַס אינם הויף נומער ניין. דער הויף איז געווען אַ לאַנגער מיט צוויי רייען איינשטאָקיגע דירות און מיט אַן איין־און־איינציק אַלטן דיקן בוים... דער הויף נומער ניין אויף דער שפּיטאַל־גאַס איז געווען גוט באַקאַנט אויף דער מאַלדאָוואַנקע דערפאַר, ווייל דאָרטן איז די גרעסטע מאַלינע געווען, און ער האָט זיך געפונען דער הויף פון איין זייט לעבן טויטן־שטיבל פונם יידישן שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אינם הויף נומער זיבן, און פון דער אַנדער זייט לעבן יידישן טעאַטער פון קאָריקס טרופּע, וואָס איז געווען אינם הויף נומער עלף...

פאַר סענדערל'ען האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן.

די דירה איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קוך און מיט אַ לאַנג גאַניקל פאַר דער טיר. אינם צימער זיינען געשטאַנען צוויי געפאַרבטע אייזערנע בעטן, אַ שוואַרצער דעמבענער טיש, אַן אַלטע שוואַרץ־פּאָלירטע שאַפע, עטלעכע שוואַרצע ווינער בענקלעך, ביי איין פענצטער אַ קירזשנערישע ניי־מאַשין, ביי וועלכער עס איז

געזעסן גרשון מלאך און האָט געאַרבעט, ביי אַ צווייט פענצטער, אויף אַ גרויי־ברעטערנעם טישל זיינען אָנגעוואָרפן היטלען און צווישןביידע פענצטער איז געשטאַנען אַ גרויסער שפּיגל אין אַ שוואַרץ־פּאָלירטער ראַם... — עס איז געווען אַן אָרימע, אָבער ריין־ציכטיקע שטוב.

אין די איבעריקע שטובער פון דעם הויף, וואָס זיינען געווען ענלעך איינע אויף די אַנדערע, האָבן געוואוינט בעלי־מלאכות, שניידער, שוסטער, סטאָלער, אַ גאַרבער, אַ זייגערמאַכער, אַ פאַרבער, אַ פּאָר קליינע הענדלער, אַ פּאָר בעטלער און אַ פּאָר גנבים...

שייוועס האָט באַלד איינגעזען די גרויסע גליקן פון איר מאַן... זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר איז שוין באַשערט אָפּלעבן אירע יאָרן אין אָרימקייט. אָבער זי האָט צו אים קיין טענות ניט געהאַט. און אַ היים קיין אָברימאָווע האָט זי ניט געבענקט... די שטאָט אָדעס און די מאַלדאָוואַנקע האָבן איר געעפנט די אויגן. זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס עס איז אַזוינס לעבן... ס׳האָט אפילו אַמאָל אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ פון אַן אומגעבעטענעם געדאַנק, וועלכן זי האָט באַלד פון זיך פאַרטריבן:

— באַדאַרפט מיט מאָטל׳ן קיין אַמעריקע פאָרן!...

זי האָט דאָ געהאַט איצט, שייווע, פיל גוטע שכנים. מ׳האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גרויסעווירטין, אַ בריה. און זי וואָלט אפילו געווען גליקלעך, ווען ניט דאָס קינד פון ערשטן מאַן, סענדער׳ל... זי האָט שוין מיט איר צווייטן מאַן, גרשונ׳ען, דאָ אין אָדעס געהאַט נאָך איין קינד, אַ רוסאָווע יינגעלע מיט רויטע בעקעלעך, אינגאַנצן אין איר, אין שייווע׳ן, געראָטן... נחמן האָט מען דאָס יינגעלע גערופן.

סענדער׳ל איז שוין איצט געווען אַ חדר־יינגל. און זי האָט איינגעזען שייווע, אַז ער, סענדער׳ל, איז ניט אַזוי באַליבט ביי גרשונען ווי די אַנדערע צוויי קינדער, די קלענערע, לייבעלע און נחמנלע... און דערצו נאָך איז די נויט גרויס געווען. קיין פּרנסה איז ניטאָ. קיינער קויפט ניט די „קנישיקלעך”, די אומגעלומפּערטע היטלען, וואָס איר מאַן מאַכט...

אַ, אַ, זי האָט ערשט איצט איינגעזען, אַז גרשון איז אַ קנאַפּער בעל־מלאכה, אַ קליינער פאַרדינער... ער איז נאָר אַ משוגענער ווערטל־זאָגער און אָפט אַ בייזער מענש, אַ ווילדער בעסניק!... אמת, די נויט האָט אים צו דעם דערפירט, ווייל ניט איין מאָל איז שוין אין שטוב אפילו קיין שטיקל ברויט ניט געווען... אָבער

ביי איר, ביי שייוועס׳ן, איז אַלץ געווען שאַ־שטיל, לייטן זאָלן ניט וויסן, אַז מ׳הונגערט... און דאָ האָט זי שוין ווידער געשוואַנגערט...

סענדער׳ל האָט זיך געפילט גוט אין דער נייער סביבה, פונם הויף נומער ניין, אויף דער שפּיטאַל גאַס, פון דער אָדעסער מאָלדאָוואַנקע... אינדערפרי, איז ער געגאַנגען אין חדר. בייטאָג איז ער אומגעלאָפן אַ באָרוועסער מיט נאָך אַזוינע ייִנגלעך, ווי ער, איבער די גאַסן. נאָר זייער אָפט פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אונטערן בוים, וואָס אין סאַמע עק הויף, זיצן אַזוי לאַנג־לאַנג איינער אַליין, איינזאַם, ווי עפּעס אַ מין אָפּגעשטויסענער פון יעדן און באַאָבאַכטן דעם הויף, די מענטשן, זייערע זיטן און העוויות... ניין, נאָך אָכרי־מאָווע האָט סענדער׳ל ניט געבענקט. ער האָט שוין אפילו אינם שטעטל פאַרגעסן. ער איז געוואָרן אַן אָדעסער, אַן אמת אָדעסער ייִנגל... און עס וואָלט אַלץ גוט געווען ווען ניט די נויט... ווען ניט דער הונגער און ווען ניט די פּעטש, וואָס ער פלעגט אָפט כאַפּן פונם טאַטן.

סענדער׳ל פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס אָט דער אַ צוגעלאָזטער טאַטע, וואָס האָט ליב געהאַט מיט צאַרטע ווערטער צו דערציילן פרייליך־טרויעריקע מעשיות, זאָגן גלייכווערטלעך און וויצן, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ בייזער?... זיינע גרויסע צעשטרייטע אויגן גיסן זיך אָפּט אָן מיט בלוט. די לאַנגע הענט פליען אין דער לופט, ער פּאָכעט מיט זיי, מיט די הענט, ווי מיט פליגל, און שלאָגט, שלאָגט, לאַנג, לאַנג, שרייענדיק דערביי צו דער מאַמען:

— דער נדן דיינער!... אַן איבעריק מויל!... אַן אומזיס־טיקער עסער!...

אָפּט זיצנדיק איינער אַליין אונטערן בוים, פלעגט סענדער׳ל קלערן און דאָך מיט זיין קינדערישן שכל זיך דערקלערן ניט געקענט... פלעגט ער שעפּטשן מיט די פאַרטריקנטע ליפּעלעך:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס שלאָגט מיך דער טאַטע?... פאַרוואָס רופט ער מיך דער נדן?...

איינמאָל, דאָס איז געווען שבת בייטאָג. דער טיש איז געווען מיט אַ ווייסן לייַלעך פאַרשפּרייט. דעם שיינעם טישטעך האָט מען שוין פון לאַנג, לאַנג פאַרקויפט. אויפן טיש איז קיין חלה ניט געווען. עס איז געלעגן אַ שוואַרץ שטיקל ברויט צוגעדעקט מיט אַ ווייסן האַנטוך... עס איז געווען ריין און ציכטיק אין שטוב. דער דלות איז פאַרוימט און באַהאַלטן. ער האָט זיך ניט געוואָרפן

אין די אויגן, דער דלות... אין קיך איז אויך געווען ריין און ציכטיק. דער דיל אַן אויסגעוואַשענער. דאָס קיך־טישל מיט אַ ווייסן פּאַפּיר פאַרדעקט. דאָס שיינענדיקע געפּעס צעהאַנגען אויף דער וואַנט, איבער דער פּליטע...

שייווע איז געזעסן ביים טיש מיט פאַרלייגטע הענט, אַ פּאָר־שמאַכטע, וועגן עפּעס געקלערט און געשוויגן... אַנטקעגן איר ביים טיש איז געזעסן סענדער'ל. די ברענעדיקע פייערלעך אין זיינע קאַרע אויגן, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן אַריינדרינגען אַלץ טיפער אין קאָפּ, האָבן איצט נערוועז געפינקלט און געטאַנצט. ער האָט געקוקט אויף דער מאַמען און דערזען, אַז צופיל צער איז אין אירע שיינע אויגן... די באַקן אירע, וועלכע זיינען שטענדיק ווי רויטע עפּעלעך געווען, זיינען איצט בלאַס און די שיינע רויטע ליפּן אירע, וואָס בעטן זיך מ'זאָל זיי קושן, זיינען איצט פאַרטריקנט און פאַרשמאַכט...

ביידע ברידערלעך, לייבעלע און נחמנלע, זיינען אין שטוב ניט געווען. זיי האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן... דער טאַטע איז היינט אַוועק איינער אַליין אין שול און האָט אים סענדערל'ן מיט זיך ניט מיטגענומען... ער איז געזעסן סענדערל אין שטוב מיט אַ פאַרחלשט האַרץ, געקוקט אויף דער אומגליקלעכער מאַמע און האָט ניט געוואַגט ביי איר בעטן עסן...

פון שול איז געקומען גרשון אַן אויסגעצויגענער, נאָך לענגער ווי ער איז... דאָס פּנים בלאַס, אויסגעצויגן. דאָס שוואַרץ־שפּיציקע בערדל אָנגעבלאָזן, עס ציטערט. עס דוכט זיך, אַז דאָס בערדל איז צוגעקלעפּט צו דער הויט פונם פּנים, שלעכט צוגעקלעפּט און אָט־אָט פאַלט דאָס אַראָפּ... די שוואַרצע צעשטרייטע אויגן זיינען איצט צעשראָקענע און באַלעבוואַטע. זיי ווערן אָנגעגאָסן די אויגן מיט בלוט און מיט טרערן... עפּעס אַ מין אומזיניק פייערל לויכט זיך אין זיי... משוגענע אויגן!... ער זאָגט שטיל און דערשראָקן:

— גוט שבת!...

— גוט שבת!... — ענטפערט אים נאָך שטילער שייווע. זי גייט צו צו אים, נעמט ביי אים צו דעם טלית, לייגט אים אַריין אין שראַנק און זעצט זיך צוריק אויף איר אָרט...

— גוט שבת!... זאָגט ווידער גרשון און גיט אַ קוק מיט אַן איבערגעקרימט, פאַרגלעט פּנים אויף סענדערל'ען.

— גוט שבת!... — באַוועגן זיך סענדערל'ס ליפּן. ער זעט

סענדערל, אַז ניט נאָר דאָס פּנים, נאָר אויך דאָס מויל ביים טאַטן איז איבערגעקרומט און פאַרגלעט. אָט־אָט וועט דער טאַטע אויסזעצן אַ געוויין... ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ סענדערל. ער וויל ניט זען...

גרשון גייט צו צום טיש. ער דעקט אויף דעם ווייסן האַנטוך און דערזעט דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט... אַ שטיין ליגט אויפן טיש, אַ שווערער שוואַרצער שטיין, אַנשטאָט ווייסע חלה... ער מאַכט „המוציא" גרשון. ער שטשיפּעט אָפּ אַ שטיקל ברויט. ער זוכט עפּעס מיט די אויגן:

— נו, אַ ?... מלה!...

שייוועו הויבט זיך אויף. זי גייט אַריין אין קיך און ברענגט פון דאָרטן אַריין אַ גלעזערן זעלצערל מיט זאַלץ. זי שטעלט עס אַוועק אויפן טיש. זי פאַרענטפערט זיך אַפילו ניט, פאַרוואָס זי האָט פאַרגעסן די זאַלץ שטעלן אויפן טיש... זי זעצט זיך צוריק אויף איר אָרט. גרשון טונקט איין דאָס שטיקל ברויט אין זאַלץ און לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויפן בענקל...

ס'איז שטיל. מ'זיצט און מ'שווייגט. און פּלוצלונג שפּרינגט אויף גרשון פון אָרט. ער הויבט אָן שפּאַנען מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק. ער וואַרפט אַלעמאָל בייזע בליקן אויף סענדערלן. ער בלייבט באַלד שטיין אַנטקעגן שייוועון און ווייזט מיט אַ לאַנגן אויסגעדאַרטן פינגער אויף סענדערל'ען.

— אָ, דער נדן דיינער!... ער רייסט אַרויס דעם לעצטן ביסן פון מיינע קינדער!...

סענדער'ל ציטערט אויף.

שייוועו הויבט אָן שרייען:

— גרשון, וואָס ווילסטו פונם קינד?!...

און גרשון מלאך איז שוין ווילד. ער קלאַפּט אין טיש. ער גלאָצט מיט די אויגן און שרייט:

— דער נדן, זאָל ער זיך צום טאַטן זייענם פאָרן!...

און ער גיט זיך אַ לאָז צו סענדערל'ען מיט זיינע פויסטן.

סענדער'ל פאַרשטעלט מיט זיינע הענטלעך דעם קאָפּ.

— מאַמע!..

שייוועו שפּרינגט אויף פונם אָרט. זי פאַרשטעלט מיט איר קערפּער דאָס קינד.

— ניט וואַג, גרשון!...

ער גיט זי אַ שליידער פון זיך און הויבט אָן שלאָגן דאָס

קינד איבערן קאָפּ, איבער די הענט, איבער די פּלייצעס... סענדער׳ל שרייט, שלאָגט צוריק מיט די הענטלעך און שייוּוע וואַרפט זיך אַריין אין מיטן, לאָזט ניט שלאָגן איר קינד, נאָר גרשון שליידערט זי ווידער אָפּ און שלאָגט ווייטער... סענדער׳ל האָט זיך אַרויס־געריסן פון טאַטנס הענט. ער איז אָפּגעשפּרונגען פון אים. מיט קליינע קאַרע אויגעלעך, פולע מיט פייערדיקע רציחה, האָט ער אויפן טאַטן געקוקט. און מיט אַ מאָל האָט ער אַ שפּרונג געטאָן צו אים, און מיטן פוס אים אין בויך אַריין דערלאַנגט. גרשון האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן בויך. ער איז אַ ווילע געשטאַנען מיט די הענט אויפן בויך. מיט אַ טויט, צעקרימט פּנים און מיט ווילדע משוגענע אויגן... און באַלד האָט ער זיך צוריק אַ וואָרף געטאָן אויף סענדערל׳ען... שייוּוע איז צוגעלאָפן צום מאַן, אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן רעקל און אָפּגעריסן אַ שטיק פּאָלע...

— גרשון, ניט... — האָט זי נאָר באַוויזן אַ געשריי טאָן און איז געפאַלן אין אָנמאַכט, אין חלשות...

ס׳זיינען זיך צונויפגעלאָפן שכנים. מ׳האָט געראַטעוועט, געמונ־טערט, געגאָסן וואַסער... און סענדער׳ל איז געלעגן אין אַ ווינקל, אַ צעבלוטיקטער, אַ צעביילטער און האָט שטיל געכליפּעט:

— מאַמע, מאַמע!...

מ׳האָט זי קוים דערמינטערט שייוּוע׳ן. זי איז געלעגן אויפן בעט אַ ווייסע, אַ שטילע, און האָט אויף קיין מענשן ניט געוואָלט קוקן. זי האָט פאַריסן אירע שיינע אויגן צו דער סטעליע און וועגן עפּעס געטראַכט... גרשון איז געשטאַנען לעבן איר בעט, אויף די קני, געהאַלטן אירע צאַרטע ווייסע הענט אין זיינע, זיי געקושט און געוויינט:

— שייוּוע, שייוּוע־לעבן, זיי מיר מוחל!... איך בין ניט אַזאַ שלעכטער, מיינע צרות, מיינע צרות, שייוּוע!...

אַ שכנה, יענטע די פישערין, אַ הויכע יידענע מיט אַ פרום פּנים, האָט באַטראַכט די שטוב, און דערזען דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט אויפן טיש, האָט זי זיך צעשריגן:

— ווי איז מיר!... זיי האָבן דאָך נאָך היינט אין מויל ניט געהאַט!...

זי איז אַרויס פון שטוב און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פולן טעלער געפילטע פיש, מיט אַ שטיק ווייסער בולקע... אויף איר קוקנדיק האָבן אַנדערע שכנים אויך אָנגעהויבן ברענגען ווער וואָס

ס'האָט געהאַט: שטיקער פלייש, קוגל, קאָמפּאָט און גאַנצע פּיידעס מיט ווייסער חלה, קוילעטש און ברויט...

מ'האָט אָפּגעזוכט די קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט פאַרן טויער און האָבן זיך שפּילנדיק פאַרגעסן אין הונגער... מ'האָט אוועקגעזעצט ביים טיש דאָס שוואַרץ־חנעוודיק לייבעלע און דאָס רויט־פאַרב פּנימדיק נחמנ'לע. דערנאָך האָט מען פון ווינקל אַרויס־געשלעפּט סענדערלען, אים אַרומגעוואַשן דאָס פּנים און אים באַזעצט אויבן־אָן... שייוועּ האָט בשום אופן זיך ניט געוואָלט זעצן צום טיש. זי האָט זיך געשעמט... מענשן האָבן זי געמוסרט:

— וואָס אי?... עס מאַכט זיך!... מיר פאַרשטייען דען ניט...

ווייגדער דער פאַרבער, אַ ייד מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, ביי וועלכע די שפּיצן זיינען פון פאַרב בלוי און גרין געווען, מיט לאַנגע הענט, וואָס האָבן אויף זיך געהאַט שוואַרצע געפאַרבטע פינגער, אָט דער ווייגדער האָט געשאָקלט מיט דער באָרד און זיך געוואונדערט:

— וואָס הייסט, מ'איז שכנים. מ'לעבט אַ טיר לעבן אַ טיר. וואָס הייסט, מ'שעמט זיך גאָר עפּעס לייען?... מ'איז דאָך מענשן. מ'איז בעלי־מלאכות. היינט לייסטו ביי מיר, מאָרגן לייאיך ביי דיר!... וואָס הייסט, אַזוי אָ?... ביזן גרונט?... אי, אי, אי!...

ווייגדער דער פאַרבער האָט באַלד אַרויסגענומען אַ בייטל מיט זילבערגעלט. אים אַ טרייסל געטאָן. פון דאָרט אַרויסבאַקומען צוויי זילבערנע רובל און זיי צוגעטראָגן צו גרשונ'ען:

— נאַט!... איר וועט האָבן וועט איר מיר אָפּגעבן.

גרשון מלאך האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ, צו פּאַכן מיט די הענט און דער גאַנצער גרויסער קערפּער זיינער האָט אויפגעציטערט:

— ניין, ניין, ניט היינט!... מחלל שבת!... מאָרגן, מאָרגן!...

ווייגדער האָט שפּאָטיש אויף אים אַ קוק געטאָן און זיך צעשריגן:

— זייט ניט קיין טפּש, רב גרשון!

ער האָט אוועקגעלייגט דאָס געלט אויפן טיש און איז אַרויס פון שטוב.

פאַרנאַכט איז גרשון אוועק צו שלש סעודות אין שול...

די קינדער, לייבעלע און נחמנ׳לע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. שייוועַ האָט מיט זיך אַרויסגעבראַכט אַ בענקל און האָט זיך געזעצט אויפן גאַניק, וואָס לעבן דער טיר, וואַרטן ביז עס וועט אויפגיין אַ שטערן אויפן הימל און מ׳וועט קענען זאָגן „גאָט פון אברהם...״ סענדער׳ל איז שוין פון פריער געזעסן אויפן גאַניק איינער אַליין אַ פאַר־טראַכטער, אַ דערשלאָגענער... ער האָט דערזען די מאַמען, איז ער צו איר צוגעגאַנגען שטיל און געהאַרכזאַם, אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע קליינע הענטלעך אירע הענט צו זיין פּנים, זיי אָנגעהויבן קושן, און זיי מיט הייסע טרערן פון אַ קינדעריש־צעבראָכן האַרץ באַנעצט:

— מאַמע, מאַמע, פאַרוואָס רופט מיך דער טאַטע „דער נדן״?... פאַרוואָס שלאָגט ער מיך?...

שייוועַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר קינד. שוין אַ גרויסער. אַ חדר־ייִנגל... זי האָט געמיינט אויסבאַהאַלטן פאַר אים אַלץ... נאָר זי זעט דאָך, אַז עס איז אומזיסט. האָט זי אים אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אינם בלאָנדלעכן קעפּל און רואיק, מיט אַ קוים באַמערקטן ציטער אין קול, געזאָגט:

— ס׳איז ניט דיין טאַטע, מיין קינד!...

ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס, אָפּגעשפּרונגען פון איר און דערשראָקן איבערגעפרעגט:

— ניט מיין טאַטע?... ניט מיין?... ווער זשע איז ער מיר?...

— וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין!...

— איך בין שוין אַ גרויסער, דערציייל, מאַמע, דערציייל!...

— דיין טאַטע, סענדער׳ל, איז גאָר אַן אַנדערער... איך ווייס ניט וואו ער איז איצט, דיין טאַטע... וועסט פאָרן צום זיידן, וועט ער דיר אַלץ דערציילן... דער זיידע ווייסט אַלץ. דער זיידע ווייסט מן הסתם וואו דיין טאַטע איז!...

— מאַמע, מאַמע!... — האָט סענדער׳ל פאַרצווייפלט אויסגעשריגן — וואַרף אַוועק דעם טאַטן, לאָמיר פאָרן צום זיידן. מיר וועלן אָפּזוכן דעם אַנדער טאַטן. אפשר איז יענער אַ גוטער!...

— ניין, מיין קינד — האָט שייוועַ אַ שווערן זיפץ געטאָן — דאָס קען איך ניט!... פאַרגעסט, אַז איך האָב נאָך קינדער... יענע, לייבעלע און נחמנלע, זיינען דאָך אויך מיינע קינדער, דיינע ברידערלעך... יענע האָבן אַ טאַטן און אַ מאַמען, און דו, דו מיין קינד, האָסט נאָר אַ מאַמען... קיין טאַטן האָסטו ניט!...

דו, דו סענדער׳ל, ביסט א יתום, א לעבעדיקער יתום

— מאמע, איך האב פיינט דעם טאטן ! — האט סענדערל זיך צעוויינט און צוגעטוליעט זיין אומרואיק קעפעלע צו דער מאמעס הארץ — מאמע, איך וועל מער מיט אים ניט ריידן. איך וועל פארן צום זיידן. איך וועל אנטלויפן ! . . .

— וועסט פארן, מיין קינד, צום זיידן. וואקס נאר א ביסל אונטער ! . . .

סענדער׳ל האט פיינט באקומען דעם מענשן, וועמען ער האט גערופן טאטע. אין זיין קליין הערצעלע האט זיך אויפגעהויבן א פראטעסט קייגן דעם ארימען קירזשנער, וואס האט אים, סענדערל׳ען, אזוי פיל יאר גענארט און זיך אויסגעגעבן פאר זיינעם אן אייגענעם, א לייבלעכן טאטן . . . ער האט אנגעהויבן אויסמיידן גרשונ׳ען, זיך געסטארעט קיינמאל מיט אים ניט בלייבן אויג אויף אויג . . . און אויפדערנאכט, ווען ער פלעגט זיך לייגן שלאפן אין דעם אייזערנעם בלוי־געפארבטן בעט, אין וועלכן עס זיינען אים צופוסנס געלעגן זיינע אנדערע צוויי ברידערלעך, פלעגט ער גאט בעטן, אז ער זאל געפינען א סך, א סך געלט און ער זאל אפצאלן דעם טאטן זיינעם, גרשונ׳ען דערפאר, וואס ער האט אים אזא צייט געהאדעוועט, געלערנט און אים פאר אן אייגן קינד געוואלט מאכן . . .

איינמאל, ווען שייווע איז איינע אליין אין שטוב געווען, האט איר סענדער׳ל פלוצלונג א פרעג געטאן :

— מאמע, ווי אזוי האט געהייסן מיין טאטע ? . . .

— מאטל ! . . .

— און זיין פאמיליע־נאמען ? . . .

— וואלכאוו !

— וואלכאוו, וואלכאוו, — האט סענדער׳ל איבערגעחזרט. — איך וועל עלטער ווערן, וועל איך זיך רופן סענדער וואלכאוו ! . . .

שייווע האט געשוויגן, זי האט ניט געוואלט מערער ריידן מיטן קינד וועגן אזוינע זאכן . . . אבער סענדער׳ל, האט זיך געוואלט בארואיקן און האט געהאלטן אין איין טענה׳ן און איבערחזרן :

— סענדער וואלכאוו, סענדער וואלכאוו ! . . . וואס דען סענ־דער דובמאן ? . . . דובמאן ! . . . — און ער איז צוגעלאפן צו דער מאמען און איר א געשריי געטאן אין פנים אריין — ער איז א דולמאן, דער מאן דיינער, א משוגענער ! . . . — און איז ארויס־געלאפן פון שטוב.

שייווע האט פארשטאנען, אז אזוי טאר ווייטער ניט זיין :

„דאָס קינד מוז פאָרן צום זיידן, וואָס גיכער אוועקפאָרן פון דאַנען..." זי האָט באַשטימט פאָרן מיט סענדערל'ען קיין אַכרי־מאָווע.. זי האָט געהאַט אַן אויסרייד: זי וויל זיך זען מיט אירע עלטערן, ווייל זיי לעבן נאָך... זי וועט שוין דאָרטן אויך האָבן דאָס קינד..." — נאָר די צייט איז געוואָרן אַ ביסל בעסער. גרשון האָט צוריק אָנגעהויבן צו פאַרדינען און ער האָט ניט געלאָזט שייוועס פאָרן קיין אַכרימאָווע... ער איז צוריק געוואָרן, גרשון, אַ רואיקער, אַ פריילעכער, אַ פאַרשייטער קבצן... ער האָט גיך, גיך געשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס און געפּאַכעט מיט די לאַנגע הענט... אַז שכנים האָבן אים דערזען גיין איבערן לאַנגן גרויסן הויף פלעגן זיי אונטערשמייכלען און גוטמוטיק זאָגן:

— גרשון מלאך פּליט!...

צו סענדערל'ען האָט זיך גרשון איצט באַצויגן גוט. און סענדערל איז שוין מערער אין כעס אויף אים ניט געווען. ער האָט אפילו פאַרגעסן אָן די קלעפּ, וואָס ער פלעגט כאַפּן. ער האָט אים ווי פריער גערופן טאַטע, נאָר ער פלעגט זיך צו אים ניט לאַשטשן אַזוי ווי יענע צוויי קינדער, די קלענערע, ער האָט זיך געהאַלטן, סענדערל, פון דערווייטנס, זעלבסטשטענדיק, ווי אַ גרויסער... און אַז ער פלעגט זיך באַווייזן אין הויף, פלעגן שכנים אויף אים זאָגן:

— אַ לעבעדיקער יתום, נעבעך!...

און שייווע האָט אָנגעהויבן זוכן אַ מיטל, ווי אַזוי סענדערל'ען אָפּשיקן צום זיידן, קיין אַכרימאָווע...

11. אין חדר...

דאָס חדר האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק, אין דער ווייבער־שול פון דער גרויסער טעפּליצקע שול, וואָס איז אין דוראַמסקע געסל, ביים סאַמע ראָג פון פראָכאָראָווסקע־גאַס... אין דער מענער־שול פלעגט מען אַריינקומען דורך די גרויסע ברוינע טירן מיט די צוויי ווייסע לאַמטערן אויף די ווענט פון ביידע זייטן. די טירן זיינען אַרויסגעקומען אויף דוראַמסקע־געסל. אין דער ווייבער־שול האָט מען שוין געמוזט גיין דורך דער פראָכאָראָווסקע־גאַס. מ'איז אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויסן הויף. די ערשטע העלפט פון דעם הויף איז געווען אַספּאַלטירט און האָט אויסגעזען ווי אַ מין ספּאָרט־

פּלאַץ. אויף ימים נוראים, בעת די שול האָט אין זיך ניט געקענט אַריינעמען אַזוי פיל יידן, וואָס ווילן גאָט בעטן, האָט מען אוועק־געשטעלט בענק אויף דעם פּלאַץ און מען האָט דאָ אין הויף געדאַוונט... אויף דעם פּלאַץ האָבן אין דער פרייער צייט די חדר־יינגלעך געפירט זייערע שפּילן...

די צווייטע העלפט פונם הויף איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקן און אויף יענער זייט פּאַרקן זיינען געווען עטלעכע אַקאַציע־בוימער, בעז־קוסטעס און רויזן־קלומבעס... עס זיינען דאָרט אויך געווען עטלעכע הילצערנע בענק. צווישן מנחה און מעריב זיינען אַלטע יידן דאָרט געזעסן און געשמועסט צווישן זיך... אין הויף צו דער ווייבער־שול צו, האָבן געפירט גרויסע און ברייטע אייזערנע טרעפּ, מיט אייזערנע שטאַכעטן ביי די זייטן און מיט ברוינע, פּאָלירטע, הילצערנע פּאַרענטשעס אויף די שטאַכעטן. חדר־יינגלעך האָבן ליב געהאַט זיך אַראָפּגליטשן פון די פּאַרענטשעס, אַנשטאָט אַראָפּצוגיין פון די טרעפּ...

אַ גאַנצע וואָך פון זונטיק אין דער פרי ביז פרייטיק צוועלף אַ זייגער בייטאָג איז אין דער ווייבער־שול אַ חדר געווען. פרייטיק, צוועלף אַ זייגער בייטאָג איז געקומען די שמשטע מיט צוויי ווייבער. מ׳האָט אָפּגעוואַשן דעם פּאָל. מ׳האָט אויפגערוימט און דאָס חדר איז אין אַ ווייבער־שול פאַרוואַנדלט געוואָרן...

די ווייבער־שול דאָס איז געווען אַ גאַלעריי אויסגעבויט אויף דער מענער־שול און האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן אָרון־קודש, איבערן פּאָליש און איז אונטערגעהאַלטן געווען דורך עטלעכע קיילעכדיקע, ברוין־געפאַרבטע, אייזערנע סלופּעס. פון פאָרנט איז די גאַלעריי געווען געפאַרבט און געפּוצט מיט גאָלד און מיט זילבער־פאַרב. אויף די שטאַכעטן זיינען געווען הילצערנע פּאַרענטשעס באַשלאָגן מיט ברוינעם פּליוש... זייער אָפט פלעגט זיך אַ חדר־יינגל, אַ שטיפער, אַראָפּלאָזן דורך די סלופּעס אין דער מענער־שול און פון דאָרטן אַרויפשרייען מיט פאַרשיידענע קולות, ווי אַ קו, אַ ציג און אַ הון:

— ב׳הו!... ב׳הו!... ב׳הו!...

— מע, ע, ע... מע, ע, ע... מע, ע, ע!...

— קוקו... רע... קו... ו...!

די חדר־יינגלעך האָבן שוין דאַן מערער ניט געקענט לערנען. מ׳האָט געלאַכט און זיך נאָכגעקרימט... און ווען מ׳האָט דעם שולדיקן געפּאַקט, האָט מען אים אַ היים געשיקט נאָך די עלטערן

און ער האָט שוין דערנאָך אַריינגעכאַפּט אין דער היים זיין פּסק...

דאָס חדר ביי דער טעפּליצקער שול איז געווען אַ מאָדערני־זירטער חדר. דאָס לערנען איז דאָ געווען ניט אַזוי ווי אומעטום. די לערער אַנדערע, ניט קיין טיפּישע מלמדים... פאַר די חדר־יינגלעך איז דאָ געווען איינגעשטעלט אַ געוויסער רעגל פון אויפ־פירונג... דאָס חדר איז געווען עפּעס אַ מין געמיש פון אַ תלמוד־תורה מיט אַ גימנאַזיע... געלערנט האָבן זיך דאָ די סאַמע אָרימסטע קינדער פון דער מאָלדאַוואַנקע, מחמת מ'האָט דאָ ניט געצאָלט קיין שכר לימוד־געלט... ווענן דעם חדר זיינען אין שטאָט אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען: מ'לערנט דאָרט חומש אָן היטלען, מיט די הוילע קעפּ... מ'זינגט זשאַרגאָנישע לידער און מ'ברעכט זיך די ביינער ווי די קאָמעדיאַנשטשיקעס...

אין דער רעכטער זייט פון דער ווייבער־שול איז געווען דער ערשטער קלאַס. דאָ האָבן זיך געלערנט די קלענערע קינדער. אין דער לינקער זייט, אַרויף צו, אַזש ביים סאַמע ארון קודש, אַנטקעגן די צוויי געגילטע לייבן מיט די לוחות, איז געווען דער צווייטער קלאַס. דאָ האָבן זיך געלערנט די עלטערע קינדער. דער מיט פון דער ווייבער־שול, וואָס איז געווען איבערן פּאָליש, איז געווען באַשטימט פאַר ספּעציעלע לימודים און פאַר ניט פאָראויסגעזעענע אַקציעס...

דער עלטערע לערער און דירעקטאָר פון דעם חדר איז געווען משה באַלאַקירסקע, אַ מענש פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ שיין גרויליכער באָרד, וואָס איז געווען קיילעכדיק אַרומגעשוירן, מיט שיינע גרויע אויגן, וואָס האָבן גוטמוטיק געקוקט אויף די קינדער. אַז ער פלעגט קומען אין חדר, פלעגט ער אויסטאָן זיין גרויען קאַפּעליוש און אָנטאָן אויפן קאָפּ אַ שוואַרץ־זיידענע שיינע יאַרמעלקע. ער האָט געהאַט אַ טבע צו בייטן אַלע דריי טעג זיינע אַנצוגן. אַמאָל פלעגט ער קומען אין אַ שוואַרצן אַנצוג, אַמאָל אין אַ בלויען און אַמאָל אין אַ ברוינעם. איבערן וועסטל האָט זיך געצויגן אַ גאָלדענע קייטל, אויף וועלכן עס האָט זיך נאָכגעהאָנגען אַ מגן־דוד'ל... גערעדט האָט ער געלאַסן, שטיל, און מיט אַ שיין אַנגע־נעמען קול און שטענדיק מיט אַ ליב, וואַרים, אונטערקויפּנדיק שמייכעלע אויף די ליפּן... ער האָט קיינמאָל די קינדער ניט געשלאָגן, און אַז אַ ניי־אָנגעקומען קינד האָט אים גערופן „רבי", האָט ער שטרענג אויף אים אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— איך בין ניט קיין רבי. זאָלסט מיך רופן: אדוני המורה.

ווען באַלאַקירסקען האָט מען געזאָגט אַז ער האָט געענדיקט די זשיטאָמירער ראַבינער־שול, ער איז אַ געוועזענער משכּיל און ער איז אַן איידעם פון איינע פון די ברויט־סוחרים, די טעפּליצקעס, וואָס צו זיי טאָקע געהערט די גרויסע פינף־גאָרינקע מיהל אויף דער פּאַראַכאַווסקע־גאַס און די שול מיטן חדר האַלטן אויס די טעפּליצקעס...

דער צווייטער לערער, זלמן ראָזנער, איז אַ יינגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק. ער איז אַ בלאָנדלעכער, מיט אַ שרינט אויף דער רעכטער זייט פון די האָר, מיט בלאָנדלעכע פאַרדרייטע וואָנצן. ער טראָגט שטענדיק אַ שוואַרצן אַנצוג מיט אַ ווייס וועסטל, איבער וועלכן עס ציט זיך אַ גילדן קייטעלע און אויפן קייטעלע אַ גילדן מגן־דוד'ל... מ'זאָגט, אַז די גילדענע זייגערס מיט די קייטעלעך און מגן־דוד'לעך, זיינען מתנות, וואָס די גרויסע יידישע גבירים־מעצענאַטען, די טעפּליצקע'ס, האָבן געגעבן אַלס אָנדענק די לערער, בעת מ'האָט געפייערט פינף יאָר זינט דאָס מאָדערניזירטער חדר עקזיסטירט...

גמרא און תנ"ך האָט מען געלערנט אַ טאָג איבער אַ טאָג. עס פלעגט קומען אַן אַלטער ייד מיט אַ שניי־ווייסער באָרד. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, נאָר ווי עס ווייזט אוים אַ קרעפּטיקער... ער איז ביי זיך געווען שטאָלץ, געגאַנגען גלייך, ניט געבויגן, און האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ גענעראַל, וואָס איז אַוועק אין דעמיסיע, און האָט זיך אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער. ער האָט געהאַט אַ טיטל דאָקטאָר און האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר דערווייל האָט ער געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו זיין אַ פּשוטער לערער אין דעם חדר... דאָס איז געווען לייב טעפּליצקי, איינער פון די ברידער ברויט־סוחרים. אויך די טאָכטער זיינע אסתר, אַ הויכע שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, פלעגט צוויי מאָל אַ וואָך קומען אין חדר און לערנען מיט די קינדער רוסיש...

סענדערל האָט זיך געלערנט גוט. זיין אויפפירונג איז אָבער געווען אַ פאַרשיידענע. ער איז געווען, סענדער'ל אַן איינדרוקספול קינד, מיט אַ טיפער נשמה, מיט אַ גרויסער פאַנטאַזיע... זיין אויפפירונג איז געווען דיקטירט דורך זיין שטימונג. סענדערל איז געווען ווי די נאַטור אַליין... אָט שיינט ער, דער טאָג, מיט זוניקע גאָלדענע שטראַלן. און אָט ווערט ער בייז, דער טאָג, פאַר־כמורעט... עס האָט זיך אַ וואָלקן אין הימל אָנגערוקט...

פלוצלונג גיט א בלאָז א ווינט, עס גייט א רעגן... און אָט ווערט אַלץ רואיק. דער הימל ווערט העלער. עס גיט אַ שיין די זון. דער טאָג הויבט ווידער אָן צו שמייכלען... אַזוי איז דאָס אויך מיט סענדערל'ען. ער שפּילט זיך מיט די קינדער און ער איז פריילעך, לוסטיק, גלייך מיט אַלעמען. און אָט איז ער אומעטיק... עס האָט עפּעס פּאַסירט אין דער היים... ניטאָ קיין געלט, אין שטוב איז נויט, און דער שטיף־טאַטע שעלט און שלאָגט... נאָר גייט אַוועק אַ פּאָר טעג. אין שטוב איז רואיק. די מאַמע האָט אים עפּעס היינט מיטגעגעבן אין חדר אריין... און סענדערל שמייכלט, שטיפט. ער איז אַ קינד, גלייך מיט אַלע קינדער!...

סענדערל האָט געלערנט מיטן אדוני המורה משה באלאקירסקע. די ערשטע צוויי שעה האָט מען געלערנט חומש... מ'האָט שוין געהאַלטן ביי „אלה בני יעקב" — און דאָס זיינען די זין פון יעקבן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין פּדן־ארם. סענדערלן איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די מעשה מיט יוסף'ן, ווי אַזוי די ברידער פאַרקויפן אים קיין מצרים און ווי אַזוי ער ווערט דאָרט אַ שני למלך... און געטראַכט האָט ער דערביי סענדערל:

— הלואי פאַרקויפט מען מיך קיין מצרים. דאָ ביים שטיף־טאַטן וועל איך סיי־ווי ניט זיין!...

דערנאָך האָט מען געלערנט אַ שעה שרייבן און נאָכן שרייבן האָט מען געלייענט אויף יידיש־זשאַרגאָן אַ ליד:

...קום אָ קינד, מיין עלנט קינד,
איך וועל מיט דיר שפּאַצירן גיין.
איך וועל דיך פירן אויסן שטאָט,
וואו די וועלט איז גרויס און שיין!...

עס איז געוואָרן אַן איבערייס. אַלע קינדער זיינען געגאַנגען עסן. מ'איז ארויס אין דרויסן. מ'האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון די פאָלירטע פאַרענטשעס, וואָס איבער די שטאַכעטן, ביי די זייטן טרעפּ... מ'איז אריין אין גאָרטן. מ'האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די בענק. יעדער קינד האָט עפּעס ארויסגענומען פון זיין טאָרבעלע און האָט אָנגעהויבן עסן... ווען מ'האָט אָפּגעגעסן איז מען געלאָפן איבערן אספאַלטירטן הויף מיט אַ געשריי און געלעכטער... און נאָר סענדערל איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט. ער איז ניט געגאַנגען עסן... ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די ערשטע שורה פון

דעם ליד „קום אָ קינד, מיין עלנט קינד" און זיך אַליין געשטעלט די פראַגע:

— וואוהין זאָל איך גיין? ... ווער וועט מיך פירן? ...

משה באַלאַקירסקע האָט אים באַמערקט, ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס גייסטו ניט, סענדערל, אַרויס אין דרויסן? ...

— עס ווילט זיך עפּעס ניט, אדוני המורה! ...

— אָבער דאָ עסן טאָר מען ניט, ס'איז ניט ווינטער.

— איך עס ניט ... היינט ...

ער האָט באַטראַכט דאָס קינד, דער אַלטער לערער ... ווייזט אויס, אַז דאָס איז ניט דער ערשטער פאַל אַזאַ ביי אים אין חדר. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ שאַפּקעלע, וועלכעס איז געשטאַנען ביי אַ פענצטער, אַרויסבאַקומען פון דאָרט צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און געגעבן סענדערל'ען. דערביי זיינען זיינע אויגן פייכט געוואָרן און ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— נעם, סענדער'ל, עס! ... גיי אַרויס אין דרויסן. שפּיל זיך מיט די קינדער! ...

אין הויף האָבן זיך די קינדער געשפּילט אין אונטערוואַרפן מטבעות, אין טרעפּעלעך און אין פערדעלעך ... עטלעכע חדר־ייִנגלעך האָבן אַרומגערינגלט וועלוועלע אַקסמאַן, אַ דאַר־אויסגעצויגן ייִנגל, מיט לאַנגע אויערן, וועלכער האָט דערציילט עפּעס אַ מעשה ... טוביה'לע שטיינבערג, אַ פּול־געפּאַקט ייִנגל מיט גראָבע בעקעלעך ווי די פּאַמפּעשקעס, האָט איבערגעשלאָגן וועלוועלע'ן און האָט זיך צעשריגן אויפן קול:

— און איך פאָר קיין אַמעריקע! ... מיין טאַטע האָט געשיקט דער מאַמען געלט מיט אַ שיפס־קאַרטע! ...

סענדער'ל איז אָנגעקומען פּונקט דאַן, ווען טוביה'לע שטיינבערג האָט זיך באַרימט, אַז ער פאָרט קיין אַמעריקע. האָט ער אָנגענומען, סענדער'ל, דאָס ייִנגל פאַר דער האַנט, אים אַ קוק געטאָן אין פּנים אַריין און ביי אים געפרעגט:

— מיך וואָלט דיין מאַמע מיטגענומען? ...

אַלע קינדער האָבן אויסגעזעצט אַ געלעכטער. און מערער פון אַלע האָט פון אים געלאַכט דאָס ייִנגל מיט די גראָבע באַקן, ווי פּאַמפּעשקעס, טוביה'לע שטיינבערג, וועגן וועלכן אַלע קינדער ווייסן, אַז ער האָט אַ טאַטן אין אַמעריקע און אַז ער וועט אינגיכן פאָרן מיט זיין מוטער צום טאַטן ... נאָר איין חדר־ייִנגל האָט ניט

געלאַכט פון אים, װעלװועלע אָקסמאַן, דאָס דאַר־אויסגעצויגענע ייִנגל מיט די לאַנגע אויערן... דאָס איז געװען סענדערל'ס איינציקער חבר, װעמען ער האָט פאַרטרויט זיינע צרות, אַנטפּלעקט זיינע סודות...

— קום, סענדער'ל, צו מיר אַ היים. איך בין איינער אַליין אין שטוב ביז אויפדערנאַכט. װעסט זען, װי גוט עס װעט זיין!...

צוויי אַ זייגער בייטאָג זיינען די קינדער פון חדר אַ היים געגאַנגען. דאָס מאָל איז סענדער'ל ניט אַ היים געגאַנגען צו זיך, װי שטענדיק, נאָר ער איז אַװעק מיט זיין חבר...

12. סענדערל און װעלװועלע אָקסמאַן

אין סוף פון דער װייטער קאַרטאַמישעװוסקער גאַס איז געשטאַנען אַ חורבה. ס'איז דאַ אַמאָל געװען אַ שטריק־פאַבריק. די פאַבריק איז אָפּגעברענט געוואָרן און עס איז געבליבן אַ גרויסער הויף מיט אָנגעװואַלגערטע שטיינער, שטיקער פאַרבליבענע װענט און נאָר איין גאַנץ־געבליבענער צימער ערגעץ אין עק פון דער חורבה...

דער שטיינער־אָנװואַרף אינמיטן הויף איז געװען באַוואַקסן אַרום און אַרום מיט װילדע, הויכע גרין־געלע גראָזן, מיט װייסע קװייטלעך, מיט רויט־בלויע בלימעלעך, מיט ברוינע שטעכלקעס און מיט געל־שװאַרצן בוריאַן... די שטיינער צװישן די הויכע גראָזן, האָבן אויסגעזען װי פעלזן, װאָס שטעקן אַרויס פון ים... אָט אין דעם איינציקן גאַנץ־געבליבענעם צימער פון דעם אָפּגעברענטן הויף האָט געװואוינט װעלװועלע אָקסמאַן, דאָס דאַר־אויסגעצויגן ייִנגל מיט די לאַנגע אויערן, װאָס זיינען שטענדיק געװען אָנגעשטעלט און אָנגעשפּיצט און האָבן אויפגעכאַפּט אַ מינדסטן שאָרך, אַ שטילסטן קלאַנג... יאָ, װעלװועלע אָקסמאַן איז טאַקע געװען אַ מוזיקער...

װעלװועלע'ס טאַטע איז פון געבוירן אָן אַ בלינדער געװען. ער איז געװען זייער אַ קלוגער און גוטער מענטש... ער האָט געהאַט שיינע װייסע הענט, דער טאַטע זיינער, און די פינגער פון די הענט זיינען געװען דינע, שטייפע, און לאַנגע... װאָס־זשע קען טאָן אַ בלינדער מענטש מיט אַזוינע שיינע הענט?... אויסשטרעקן זיינע הענט אויף בעטן אַ נדבה, האָט ער ניט געװאָלט. האָט ער זיך אויסגעלערנט שפּילן אויף אַ פידל און איז אומגעגאַנגען אין די טראַקטירן און רעסטאָראַנען, האָט געשפּילט אויך אויף חתונות

און ברית'ן און אזוי אַרום זיך פאַרדינט אויפן לעבן... מ'האָט אים חתונה געמאַכט פאַר אַ יינג שיין מיידל מיט אַ פּאָר אויסגע־קרימטע פיס. דאָס מיידל איז מיט אים גליקלעך געווען... זי האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם גוט־האַרציקן שיינעם בלינדן מענטשן, וואָס האָט אַזוי שיין געשפּילט אויף זיין פידל... זי האָט געהאַט אַ שיין, נאָר אַ ביסל הייזעריקלעך קול, האָט זי זיך אויסגעלערנט זינגען לידער. און אַזוי האָבן זיי געמאַכט אַ לעבן... און ווען זי איז מיט וועלוועלע'ן שוואַנגער געוואָרן, האָט זי שוין איר מאַן ניט געקענט מערער פירן אין די רעסטאָראַנען און אויף חתונות. און לעבן האָט מען באַדאַרפט. זי האָט אָנגעהויבן גיין מיט איר מאַן איבער די רייכע גאַסן און אַזוי איז דאָס שוין געבליבן: אַ בלינדער מאַן מיט אַ קרומער פרוי האָט אין די הויפן פון די רייכע גאַסן געשפּילט און געזונגען, מ'האָט זיי אַ נדבה געשענקט און זיי האָבן פון דעם געמאַכט אַ לעבן...

וועלוועלע איז געבוירן געוואָרן מיט אָפענע שיינע אויגעלעך און האָט אַ קוק געטאָן אויף דער וועלט מיט אַ געוואַלד און געוויין אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט פון ערשטן טאָג אָן, זינט ער איז געבוירן, דערזען די עולה, וואָס די וועלט האָט אָפּגעטאָן זיין טאַטע־מאַמע... ער האָט געהאַט וועלוועלע אַ פּאָר לאַנגע און גלייכע פיסלעך. זייער פרי האָט ער מיט זיי אָנגעהויבן גיין... דאָס ערשטע, וואָס דעם קינדס אויערלעך האָבן דערהערט, איז געווען אַ פידל־שפּיל און אַן אַנגענעמער געזאַנג פון אַ גליקלעכער, אָרימער מוטער... די אויערלעך האָבן זיך אָנגעשפּיצט, אויפגעשטעלט, אויפגעכאַפּט די קלאַנגען און זיי אויף אייביק פאַרגעדענקט... מיט דער צייט האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַן אַבסאָלוטער געהער... ווען ער איז אונטערגעוואַקסן האָט אים די מאַמע געקויפט אַ פידעלע און ער האָט אָנגעהויבן שפּילן... די עלטערן האָבן דערשפּירט אין זייער קינד אַ טאַלאַנט און זיי האָבן צו אים צוגענומען אַ לערער, וועלכער האָט אים אָנגעהויבן לערנען און צוגרייטן אין קאָנסערוואַטאָריע...

אין שטוב איז איצט קיינער ניט געווען. טאַטע־מאַמע זיינען נאָך געווען אין גאַס. וועלעוועלע אָקסמאַן האָט אַרויסגענומען פון זיין טאָרבע, אין וועלכער ער פלעגט טראָגן די ביכער און עסן, בעת ער גייט אין חדר, אַ גרויסן שליסל און האָט אויפגעשלאָסן די טיר... עס איז געווען אַ גרויסער זוניקער צימער, מיט פיר הוילע ווייסע ווענט, מיט צוויי רויט־געפאַרבטע אַלטע אייזערנע בעטן, אויף וועלכע עס זיינען שטרויענע זעק געלעגן, מיט אַ הוילן גרוי־

הילצערנעם טיש אינמיטן שטוב און מיט פיר פּראָסטע אַלטע בענ־קלעך ארום טיש. אויבן אַן ביי א וואַנט איז געשטאַנען א שווארצער קאַסטן, ארומגעשלאָגן מיט ווייס בלעך. איבערן קאַסטן אויף דער וואַנט אין א שווארץ־לעדערנעם פוטליאר איז געהאַנגען א פידל... ביים אריינגאַנג איז געשטאַנען אַן אָפן שאַפּקעלע מיט טעלער, לעפל, גלעזער און פאַרשידענע שפּייזן, ווי ברויט, פּוטער, אייער, ציבעלעס, רעטעך און א שטיק כאַלוואַ... ווייטער אַביסל פונם שאַפּקעלע איז געשטאַנען א פּליטע, לעבן דער פּליטע עטלעכע שטיקער צעהאַקטע האָלץ, אַן עמער וואַסער, און אויף דער פּליטע זיינען געשטאַנען עטלעכע טעפּלעך...

וועלוועלע האָט אָנגעשמירט ברויט מיט פּוטער, איינגעבראָקט אין א טעלער יינגינקע ציבעלקעלעך מיט רעטעך און עס אוועקגע־שטעלט אויפן טיש. דערנאָך האָט ער אָפּגעשניטן א שטיק כאַלוואַ, עס אריינגעלייגט אין א טעלערל און דאָס אויך אוועקגעשטעלט אויפן טיש. צום סוף האָט ער אָנגעגאָסן צוויי גלעזער וואַסער צום פאַרטרינקען און געזאָגט:

—נו, סענדערל, קום עסן!...

סענדערל האָט געגעסן, נאָר זיין אויג פון פידל ניט אראָפּגע־געלאָזט. ער האָט אַלץ געקוקט אויף דער וואַנט צום פידל...

— ווּעסט שפּילן, וועלוועלע?...

— אודאי וועל איך שפּילן, אָט, עס נאָר אָפּ!...

ווען מ׳האָט אָפּגעגעסן האָט וועלוועלע ארויסגענומען דעם פידל פון פוטליאר און איז מיט סענדערלן ארויס אין הויף צווישן די הויכע גראָזן און דעם שטיינער־אַנוואַלגער... ער האָט זיך אוועק־געשטעלט אויף א גרויסן שטיין. אַנטקעגן אים אויף אַן אַנדער שטיין האָט זיך אוועקגעשטעלט סענדערל...

וועלוועלע האָט אָנגעהויבן שפּילן, ער איז מיט זיין שווארצן קאָפּ צוגעפאַלן צום פידל, די אויערן זיינען געוואָרן נאָך גרעסער און אָנגעשפּיצטער און ער האָט א פיר געטאָן מיטן סמיטשיק. די פינגער פון זיין לינקער האַנט האָבן איבער דעם פידל־גריף א שפּרונג געטאָן און האָבן אָנגעהויבן ציטערן... עס האָט זיך דער־הערט א געוויין און א ציטער פון דעם פידל און פּלוצלונג א גע־רויש... א געלויף פון סמיטשיק איבער אַלע פיר סטרונעס... מענטשן ראַנגלן זיך, שרייען, בעטן, וויינען... און פּלוצלונג שאַ, שטיל, שטיל... און אוים...

סענדערל איז געשטאַנען אויף זיין שטיין און אים האָט זיך

געדוכט, אַז ניט אויף קיין שטיין שטייט ער, נאָר אויף אַ פעלז. און די הויכע ווילדע גראָזן ארום דעם שטיין זיינען ניט קיין גראָזן, נאָר כוואַליעס... ס'איז אַ גאַנצער ים, אַן אָקעאַן... זיי הויבן זיך די כוואַליעס, זיי קלעטערן איינע איבער דער אַנדערער. זיי יאָגן איבער איינע די אַנדערע... און אין די כוואַליעס, איבער דעם אומענדלעכן ים, טראָגן זיך מענטשן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיט אויסגעקרימטע פּנימער, מיט גלעזערנע פון פּחד דערשראָקענע אויגן ... אָט שווימען זיי אויף די מענטשן און אָט ווערן זיי צוריק נעלם אונטערן וואַסער... און דאָרט ווייט אויפן האָריזאָנט שטייט אַ שיף, זי ברענט און טרינקט זיך און זי ווערט ניט... שאַ. שטיל, שטיל... אוים...

ווען וועלוועלע האָט געענדיקט שפּילן איז נאָך סענדערל גע־שטאַנען אַזוי פאַרטראַכט אַ לאַנגע ווײַלע. און אַז ער האָט דערזען פאַר זיך וועלוועלן מיט דעם אַראָפּגעלאָזטן פידל צו דער ערד, האָט ער זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט און אויסגעשריגן:

— אַך, וועלוועלע!...

— עס געפעלט דיר סענדערל?...

— יאָ!... — און ער האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

— ריכטיק!... — האָט אים וועלוועלע געענטפערט — דאָס האָב איך טאַקע געמיינט...

דערנאָך האָט סענדערל געשפּילט... ער האָט פאָרזיכטיק גע־האַלטן דעם פידל און געשפּילט אַלץ דאָס, וואָס זיין חבר־לערער האָט אים געלערנט...

שוין פון אַ שטיק צייט, אַז וועלוועלע האָט שטילערהייט, קיינער זאָל ניט וויסן, געלערנט סענדערלן שפּילן אויף זיין פידל... סענ־דערל האָט מיט קאָפּ, האַרץ און נשמה־ליידנשאַפט ליב באַקומען דאָס שפּילן אויפן פידל. דער חבר זיינער, וועלוועלע, איז ביי אים ווי אַ מלאך פון הימל געוועזן. ער האָט זיך מיט גרויס רעספּעקט באַצויגן צו אים. ער האָט אים געשעצט און געפאָלגט. זיך צוגעהערט צו יע־דער וואָרט זיינעם... און וועלוועלע האָט מיט פרייד און גרויס וואונדער באַמערקט, אַז סענדערל שפּילט גוט, ער נעמט אויף אַלץ פונקט אַזוי ווי ער ווייזט אים... און ניט נאָר דאָס שפּילן אויפן פידל, נאָר אויך די נאָטן האָט סענדערל גיך זיך אויסגעלערנט... עס האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז אַלץ, וואָס וועלוועלע האָט מיט זיין

מוזיק־לערער געלערנט, האָט ער עס באַלד מיט סענדערלן געלערנט. און ער האָט אים נאָך צוגעגעבן מוט, וועלוועלע:

— דרייסטער, סענדערל!... שעם זיך ניט, פּיל זיך פריי, גלייך ווי דער פידל וואָלט דיינער אַן אייגענער געווען... האָב ניט קיין מורא!...

און אַז סענדערל האָט די זעלבע „פאַנטאַזיע", וואָס זיין חבר, געשפּילט האָט ער נאָך מערער געפּיל און נשמה אין דעם שפּילן אַריינגעלייגט. און וועלוועלע האָט איצט איבערגעלעבט פּונקט דאָס, וואָס פריער סענדערל...

אָך, קיינער האָט גאָרניט געוואוסט, וואָס אין דעם קינד שטעקט. ער אַליין, סענדערל, האָט זיך אויך ניט פאַרשטאַנען... זיין נשמהלע האָט נאָך עפּעס געגאָגט. ס'האָט געלעכצט נאָך אַלס שיינעם, פיינעם און דערהויבענעם... ער האָט ליב געהאַט, סענדערל, שיינע בילדער, שיין געזאַנג און שיינעם פידל־שפּיל... קען זיין, אַז דאָרט אויפן גאַניק לעבן דער טיר פון זיין טאַטנס הויז, בעת דער זיידע האָט אים אונטערגעוואָרפן, האָבן שוין זיינע אויערלעך דערהערט דעם פייף פון ווינט, דאָס געזאַנג פונם פראָסט... און קען זיין ביי דער אָם, ביי זיין מומע שרה, אינם גאָרטן, צווישן די צוויי ביימעלעך, האָט ער דאָס זינגען און שפּילן פון פויגעלעך געהערט... און אפשר האָט אין אים דער שטיף־טאַטע, גרשון מלאך, איינגעפלאַנצט די ליבע צו שיינקייט, בעת ער פלעגט זיינע שיינע מעשיות דערציילן און בעת ער פלעגט אים פירן אונטער דעם שטעטל צום זון־פאַרגאַנג און זון־אויפגאַנג... אָבער גיכער פון אַלץ איז סענדערל געבוירן געוואָרן אַ קינסטלער... דער טאַטע זיינער מאָטל וואָלכאָוו, האָט דאָך אים אויף די הענט געהאַלטן און אים געזונגען פסוקים פון תנ"ך און תהילים מיט זיין שיין קול. און דאָס קינד האָט דאַכט זיך איינגע־זאַפּט אין זיך די זיסע קלאַנגען פון דער שיינער מעלאָדיע:

— נחמו, נחמו, טרייסט, מיין טרייסט!...

סענדערל האָט ווי אַ דערוואַקסענער שווער אַ זיפץ געטאָן. עס וועט דאָך פון דעם אַלץ גאָרניט אַרויסקומען... דער שטיף־פאָטער קען אים ניט אויסהאַלטן. ער זאָגט, אַז ער, סענדערל, איז שוין אַ גרויסער און מעג זיך שוין אָנהויבן לערנען אַ מלאכה... און ער, סענדערל, וועט גאָר אינגיכן אַנטלויפן פון דער היים. ער וועט אַנ־טלויפן צום זיידן זיינעם קיין אָכרימאָווע!...

טרערן האָבן זיך אים אַ גאָס געטאָן פון די אויגן... און וועל־וועלע האָט אים באַרואיקט:

— סענדערל מ׳דאַרף ניט... וויין ניט... וועסט זען. מיר וועלן אויסוואַקסן, מיר וועלן זיין גרויסע קינסטלער, פידלער!...

— יאָ, דו... דו האָסט אַ טאַטן!...

— איך וועל זאָגן מיין טאַטן, סענדערל, מ׳וועט דיר העלפן!...

— ניין!...

— פאַרוואָס?...

און דעם גאַנצן וועג, ווען סענדערל איז אַהיים געגאַנגען, האָט ער געטראַכט: „גוט איז ווערלוועלן... זיין טאַטע איז אַ בלינ־דער, די מאַמע איז אַ קרימע. זיי בעטן נדבות און עסן שטענדיק פּוטער מיט ברויט, לערנען ווערלוועלן אויפן פידל שפּילן, האַלטן פאַר אים אַ לערער און גרייטן אים אין קאָנסערוואַטאָריע... אָבער מיין שטיף־טאַטע?... ער איז געזונט, מיט געזונטע הענט און פיס, אַ זעעדיקער אויף ביידע אויגן... און די מאַמע, אַזאַ שיינע מאַ־מע... און קיין עסן איז ניטאָ אין שטוב... און וועגן דעם, אַז מען זאָל מיר לערנען שפּילן אויפן פידל, האָב איך אפילו ניט וואָס צו טראַכטן... זיי ווייסן אפילו ניט, אַז איך קען שפּילן. זיי ווייסן ניט און וועלן ניט ווייסן״...

און ביינאַכט אויף זיין געלעגער, פאַרן שלאָף, האָט ער געטראַכט:

— איך וועל אויסוואַקסן, זיין אַ מענטש, אַ גרויסער מענטש!...

ער האָט זיך געזען אין זיין דמיון, סענדערל, אין פאַרשידענע געשטאַלטן... אָט איז ער אַ הויכער שיינער יינגערמאַן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אַנצוג. די האָר זיינען ביי אים לענגלעכע און בלאָנד־לעך. ער שטייט אויף אַ בינע און זינגט און אין זאַל זיצן מענטשן, טויזנטער מענטשן און מ׳גאַפּט... אַך, האָט ער ליב זינגען!... נאָר באַלד זעט ער זיך גאָר מיט אַ פידל אין די הענט. ער שפּילט. ער הערט אפילו איצט אויפן געלעגער אויף זיינעם די קלאַנגען פון דעם פידל: טרי, לי, לי, לי... — זיינס אַן אייגענע מעלאָדיע שפּילט ער... אָבער באַלד זעט ער זיך אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער ווי אַ גענעראַל... אָ, ער ווייסט שוין גוט, וואָס אַ גענע־ראַל הייסט... ער וועט אויך גיין אין שלאַכט, ער וועט זיך שלאָגן!... אָבער מיט וועמען וועט ער זיך שלאָגן און פאַר וואָס וועט ער זיך שלאָגן, דאָס ווייסט ער איצט ניט, ער פילט עפּעס, אַז ער וועט זיך מוזן שלאָגן...

זייער אָפט טראַכט אויך סענדערל וועגן זיין טאַטן, זיין אמתן טאַטן... וואו איז ער איצט, דער טאַטע זיינער?... די מאַמע

איז קאַרג אויף אַ וואָרט, זי דערציילט גאָרניט... ער וועט פאָרן צום זיידן, וועט ער שוין אַלץ וויסן... און דאָרט ביים זיידן אין אַכרימאָווע איז דאָ זיינס אַ שוועסטער־קינדל, רייזעלע הייסט זי. די מאַמע האָט אים דערציילט, אַז רייזעלע איז דעם פעטער שמואל און דער מומע פערלס איינציק טעכטערל... די מאַמע האָט אים וועגן דער גאַנצע משפּחה, וואָס אין אַכרימאָווע, דערציילט, נאָר וועגן טאַטן דערציילט זי גאָרניט... אָך, ווען ער זאָל האָבן געלט, וואָלט ער שוין קיין אַכרימאָווע געפאָרן... אַ, דער זיידע וועט אים שוין דערציילן וואו דער טאַטע זיינער איז!... איז פאַרוואָס־זשע האָט ער ניט קיין געלט?... פאַרוואָס זיינען דאָ אָרימע און רייכע?...

און סענדערל ווערט אַנטשלאָפן אויף זיין האַרט געלעגער. צופוגס ליגן זיינע צוויי קלענערע ברידערלעך, לייבעלע און נחמנלע... גיך, גיך וועט זיין נאָך איין קינד!...

13. קינדער־שפּילן...

דער טאָג הויבט זיך אָן אַזוי: איינציייטיק כאַפּן זיך אויף אַלע דריי ברידערלעך. זיי וועקט אויף דער האָן, וואָס ביי יענטע דער פישערין. ס'איז עפּעס אַ מין גרויסער אַלטער האָן מיט געל־גרויע פעדערן און מיט אַ רויטן קעמל אויפן קאָפּ... ער שטייט אויפן גאַניק, דער האָן, און צוזאַמען מיטן טאָג־באַגינען שרייט ער אויס אויף אַ הייזעריק־כריפּנדיקן קול אַזאַ „קוקורעקו", אַז אַ טויטער קען אַזש אויפשטיין תחית המתים...

זיי מאַכן נאָר אויף די אייגעלעך זעען שוין די ברידערלעך, אַז דער טאַטע זיצט ביים מאַשינדל און שטעפּט... און אויב ער אַרבעט דער טאַטע און זינגט נאָך אונטער אַ פריילעך לידל, איז דאָס אַ סימן, אַז אין שטוב איז דאָ וואָס צו עסן. די מאַמע שטייט שוין אין קיך, ביי דער פּליטע, און פּאָרעט זיך דאָרט... און אַז דער טאַטע איז גוט אויפגעלייגט, האָט ער ליב צו זינגען בעת ער אַרבעט אַזאַ לידל:

...איך אויף אַ שיפעלע, דו אויף אַ לאָדקע,
איך אַ סאָלדאַט און דו אַ סאָלדאַטקע!...
אוי, רבי, אוי... אַ ייד איז ניט קיין גוי,
טראַלאַ, לאַ, לאַ, לאַם!...

אָבער אַז דער טאַטע זיצט אַ מורה־שחורהדיקער און אַרבעט אָן שום חשק, ער רעדט אַפילו קיין וואָרט ניט אַרויס, איז דאָס אַ סימן, אַז קיין געלט איז ניטאָ... די מאַמע קאָכט ניט... זי זיצט מיט פאַרלייגטע הענט ביים טיש און קוקט מיט באַדויער אויפן טאַטן... אין אַזאַ פאַל איז בעסער, אַז מ׳כאַפּט זיך אויף פון שלאָף אָן שום געפּילדער און מ׳רוקט זיך אַרויס אין דרויסן נאָך איידער דער טאַטע וועט עמיצן געבן פּעטש אויפן ניכטערן האַרצן.

היינט איז דער טאַטע פריילעך. און ניט נאָר ער, נאָר אויך זיין קירזשנער־מאַשינדל זינגט. ער דרייט נאָר מיט די פיס און דאָס מאַשינדל זינגט.

— דזי... דזי... דזי...

ער אַרבעט גרשון גוט, גיך און פריילעך. ס׳אַ סימן, אַז די נעכטיקע פּאַרטיי אַרבעט האָט ביי אים דער בעל הבית צוגענומען און האָט ניט געפונען קיין איין חסרון, פאַרקערט ער האָט נאָך געלויבט:

— גרשון, איר האָט דאָך אַ פּאָר גאָלדענע הענט. אַז איר ווילט, קענט איר. אָט אַזוי האָב איך ליב. אַזאַ אַרבעט זאָלט איר שטענדיק אַרויסלאָזן פון אונטער אייער נאָדל, אַזאַ אַרבעט!...

און ער האָט אים אָפּגעצאָלט, דער בעל הבית, ביז איין קאָפּיקע.

— צען, נייע, ווייסע, זילבערנע קלינגערס... צען רובל... זיצט ער איצט רב גרשון און זינגט:

...אַרבעטן איז פריילעך,
איך בין ביי זיך אַ מלאך!...

און אין קיך טראַסקעט שוין דאָס האָלץ, די פּליטע ברענט עס פליען פונקען און די שיינע מאַמע מיט אַ שיינענדיק פּנים קאָכט אַ טאָפּ קאַרטאָפל מיט געפּרעגלטע ציבעלעס אויף הינערשע שמאַלץ...

סענדערל כאַפּט זיך אויף מיט אַ ניגון... ער ווייסט סענדערל, אַז איצט מעג ער זינגען... דער טאַטע האָט זייער ליב צו הערן, ווי ער זינגט. ס׳איז ביי אים אַ גוט און שיין קול, ביי סענדערלן, און גרשון מלאך זאָגט נבואות:

— שייוועלע, דער נדן דיינער זינגט אַן אַנטיק... וועסט נאָך זען, שייוועלע, ער וועט זיין אַ גרויסער חזן, דער נדן דיינער!...

דער צונאָמען „נדן" איז אים שוין פאַרבליבן. שייוועלע איז שוין געוואוינט צו דעם... סענדערל אויך... מ׳איז אָבער צופרידן, וואָס גרשונען געפעלט סענדערלס זינגען. און אַז עס קומט פרייטיק

צו נאַכטס, ווענדעט זיך רב גרשון נאָר צו סענדערלען און ניט צו די איבעריקע קינדער, אַז ער זאָל מיט אים זינגען זמירות:

— אנו, סענדערל, לאָמיר הערן: „צור משלו אכלנו, ברכו אמוני״... און סענדערל צעזינגט זיך, ווי אַ כּאַלאַוויי. עס ווערט פריילעך אין שטוב און עס שיינט אין יעדער ווינקעלע...

סענדערלס קלענערע צוויי ברידערלעך זיינען שטילע קינדער. זיי זיינען עפּעס שטענדיק פאַרטיפט אין זיך...

דאָס שוואַרץ־חנעוודיק לייבעלע, ווי ער שטייט נאָר אויף, אַזוי הויבט ער אָן צו ציילן... ער האָט שטאַרק ליב חשבון... ער ציילט די היטלעך, ער ציילט די בענקלעך און ער ציילט די זייט־לעך פונם סידור. ער לייגט די צאָלן צונויף, נעמט אַראָפּ, כפלט... און אַז די מאַמע גייט אין מאַרק נעמט זי אים מיט, ער זאָל אויס־רעכענען וויפל זי דאַרף צאָלן און וואָס זי דאַרף באַקומען אויסגאַב... דער טאַטע גרויסט זיך מיט זיין ליבלינג, מיט זיין לייבעלן. ער זאָגט:

— ס׳וואַקסט אַ בעל חשבון, אַ מיניסטער־קאָפּ, אַ מיניסטער־פינאַנסן!...

דאָס רויט־פאַרביקע נחמנלע, ווי ער שטייט נאָר אויף, הויבט ער אָן מאָלן... ער כאַפּט זיינע פיל־קאָליריקע בלייערס מיט פּאַפּיר און מאָלט. ווען מ׳טשעפּעט אים ניט, וואָלט ער אַזוי אַ גאַנצן טאָג געזעסן, וואָלט ניט געגעסן און ניט געטרינקען, ער וואָלט נאָר געמאָלט זיינע מענטשעלעך, פערדעלעך, שטיבעלעך און גערטנדלעך... אויף אים האָט שוין גרשון מלאך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

—ס׳וואַקסט אַ פּוסטע כלי!...

נאָר ווען נחמנ׳לע האָט אויסגעמאָלט דעם טאַטנס בילד, אַקו־ראַט אַזוי ווי ער איז, מיט די גרויסע צעשטרייטע באַלעכוואַטע אויגן, מיט די שוואַרצע סמאָלע־האָר, מיט דעם שוואַרץ־שפּיציק בערדל און מיט די צוקנדיקע אַקסלען, וואָס הויבן זיך אין דער הויך, אָט־אָט וועט ער אָנהויבן פליען, גרשון מלאך, האָט ער דאַן אַ פאַר־וואונדערטער אויסגעשריגן:

— אָ דו, רויטע גנבה!... זע נאָר, שייוועֹ, אַזאַ קליינס און קען אַזוי געזונט די מלאכה... ווער האָט עס אים אויסגעלערנט, ווער?... זע, אַקוראַט ווי איך!...

ס׳איז אַריינגעקומען די מאַמע. זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש דאָס עסן. זי איז שוין ווידער געווען מיט אַ גרויסן בויך, שייוועֹ.

זי איז אַפּילו געווען צופרידן. אַלעמען האָט זי געזאָגט מיט אַ גרויסער זיכערקייט:

— ס'וועט איצט זיין אַ מיידל!...

מ'האָט אויף גיך אָפּגעגעסן און מ'איז אַוועק אין חדר.

סענדערל איז אַוועק אין זיין חדר, צו דעם „אדוני המורה" באַלאַקירסקע. לייבעלע איז, ווי אַ קלענערער און ציטערדיקער ביים טאַטן, געגאַנגען אין אַ נאָענטערן חדר, אַט טאַקע אַנטקעגן איבער דעם הויף נומער ניין, אויף דער זעלבער שפּיטאַל־גאַס אינם הויף נומער צען, ביי מאָטל טענענבוימען אין חדר, און געצאָלט האָט גרשון מלאך צוויי קאַרבן אַ חודש שכר־לימוד געלט... נחמנ'לע איז נאָך געווען קליין און איז אין חדר נאָך ניט געגאַנגען...

ס'איז געווען נאָך גאָר פרי. אינם גרויסן האַלב־אַספאַלטירטן הויף פון דער טעפּליצקע־שול זיינען די קינדער זיך צונויפגעקומען און וואַרטנדיק ביז עס וועט זיך עפענען דאָס חדר, האָט מען פאַרפירט פאַרשידענע שפּילן: מען איז געפאָרן רייטנדיק איינס אויפן אַנדערן. מ'האָט זיך געשפּילט אין „פּעטשעלעך" און אין „טרעפּעלעך", אַזאַ שפּיל, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט איין יינגל צוגעהאַלטן די אויגן, מ'האָט אים געפּאַטש אין פּלייצע און ער האָט באַדאַרפט טרעפן, ווער פון די יינגלעך עס האָט אים געפּאַטש... מ'האָט אויך געשפּילט אין חנוכה־דריידלעך, כאָטש ס'איז ניט דער יום טוב חנוכה איצט געווען... אין דעם צווייטן העלפט הויף, אינם גאָרטן אויף די בענק, זיינען חדר־יינגלעך געזעסן, אַזוינע, וואָס האָבן ליב אויסצוהערן און אַליין דערציילן פאַרשידענע באָבע־מעשיות... צווישן זיי איז געווען סענדערל און זיין בעסטער חבר וועלוועלע...

ס'איז געווען אַ שיינער זוניקער פרימאָרגן. ס'איז געווען איינער פון די שיינע טעג זומער אין אָדעס, ווען חדר־יינגלעך לערנען זיך נאָר ביז מיטאָק־צייט און דערנאָך גייט מען צום ים זיך באָדן... אין די אָ זומער־טעג איז דער שוואַרצער ים ניט שוואַרץ, נאָר דורכזיכטיק־גרינלעך, און די זאַמד אויפן ברעג איז הייס־גליענדיק און זילבער־ווייס... מ'ליגט אין דעם זאַמד ווי אין אַ פּוכיקער פּערינע, מ'רוט זיך אויס, און דערנאָך גייט מען צו צום ים, מ'וואַרפט זיך אין אים אַריין און די כוואַליעס כאַפּן דיך אונטער, טראָגן דיך ווייט, ווייט...

אָט אַזאַ שיינער זומערדיקער פרימאָרגן־טאָג איז געווען אינם גרויסן הויף, וואו עס געפינט זיך דאָס חדר פון טעפּליצקער שול...

און פּלוצלונג האָט סענדערל אַ געשריי געטאָן צו זיינע חברים:
— לאָמיר שפּילן אין „שלח לך האנשים”!...
אַלע קינדער פונם גאָרטן און פונם אַספּאַלטירטן האַלב־הויף האָבן באַלד אַרומגעריגלט סענדערלן מיט אַ געשריי און געפּילדער:
— גוט, גוט!...
— איידאַ!...
מ'האָט זיך צונויפגעזאַמלט אויף דער מיט פון דעם אַספּאַל־טירטן פּלאַץ. סענדערל האָט צעטיילט די יינגלעך אויף צוויי טיילן און געזאָגט:
— דו, וועלוועלע, וועסט זיין דער ריכטער, דו וועסט משפּטן. און דו, טוביהלע — האָט ער זיך געווענדעט צום יינגל מיט די גראָבע בעקעלעך, ווי די פּאַמפּעשקעס — דו, טוביהלע וועסט זיין דער שוואַרצער קייסער און איך דער ווייסער קייסער!... און איר אַלע, קינדער, וועלן זיין גבורים!... העלפט מיינע און העלפט טוביהלעס. גוט?...
— גוט, גוט!... — האָבן זיך די קינדער צעשריגן. און עס האָבן זיך באַלד אויסגעשטעלט צוויי מחנות, איינע אַנטקעגן אַנדערן, איינע בראש מיט סענדערלן און די צווייטע בראש מיט טוביהלן... וועלוועלע איז געבליבן שטיין אין מיטן, אַ קוק געטאָן אויף די צוויי „אַרמייען”, ווי מ'שטייט מיט די פויסטלעך און מיט ברענעדיקע, צעכעסטע אייגעלעך, גרייטע זיך אַ וואָרף טאָן איינס אויפן אַנדערן אין שלאַכט. ער האָט געזאָגט:
— מ'קען אָנהויבן די שפּיל!...
די „גבורים” פוןביידע „קייסאָרים” האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און עס זיינען געוואָרן צוויי געשלאָסענע רייען, צוויי פּעס־טונגען. נאָכדעם האָט וועלוועלע גענומען אַ מטבע און זי אַריינגע־לייגט אין דער האַנט און ווער פון די ביידע „קייסאָרים” עס האָט געטראָפן אין וועלכער האַנט עס ליגט די מטבע, דער האָט פריער אָנגעהויבן די שפּיל... געטראָפן האָט טוביהלע. ער האָט אָנגעבלאָזן זיינע באַקן און שטרענג אַ געשריי געטאָן, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ שוואַרצן קייסער:
— שלך לך האנשים!... ווייסער קייסער, שיק מיר נאָר אַרויס אַ געזונטן מענטש, דיינעם אַ גבור, וועסטו זען, ווי אַזוי איך נעם אים אין געפענגעניש!...
— איך שיק דיר מיין גבור — האָט אָפּגעענטפערט אַן אויפגע־רעגטער דער „ווייסער קייסער”, סענדערל — אָט וועסטו זען, דו

שוואַרצער מערדער, אַז מיין גבור וועט ניט אַריינפֿאַלן צו דיר אין געפענגעניש!...

און סענדערל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין מחנה. ער האָט באַמערקט משהלן, אַ געזונטן יינגל מיט אַ פּאָר פלאַמיקע בעקעלעך און שוואַרץ־פינקלדיקע אייגעלעך, אַ יינגל אַ גבור... האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— משהלע, לויף!...

משהלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ פּאָר שטייפע פויסטן פאַראויס אויפן „שונא״, וועלכער איז געשטאַנען פּופּציק שפּאַן פון אים. ער איז צו משהלע און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיינע פויסטן איבער די געשלאָסענע הענט פון טוביהלעס סאָלדאַטן. ער האָט אַזאַ קלאַפּ געטאָן, אַז די קינדער האָבן זיך אַזש אַ בויג געטאָן. מ׳איז געפאַלן, אָבער די הענט האָט מען ניט צענומען... מ׳האָט זיך אויפגעהויבן און מ׳איז צוריק געשטאַנען מיט געשלאָסענע הענט. משהלע דער גבור פון סענדערלס מחנה, איז געבליבן אין געפענגעניש... טוביהלע האָט אַ צופרידענער, מיט אַ פאַרריסן נעזל, אַ שטאָלצער, ווידער אַ מאָל אַ געשריי געטאָן:

— שיק נאָך אַרויס אַ גבור!...

— פאַראַן נאָך אַ גבור. — האָט סענדערל אָפּגעענטפערט, און די פייערלעך פון זיינע קאַרע אייגעלעך האָבן זיך צעפלאַקערט מיט שנאה, צו טוביהלען. — פריי זיך ניט, טוביהלע פעמפּיק!... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע יינגלעך, דערזען דאָס לאַנגע מאירל און אויסגעשריגן: — מאירל, לויף!...

מאירל איז צוגעלאָפן צו דער אַנטקייגנאיבעריקער מחנה, אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיינע לאַנגע הענט איבער די געשלאָסענע קייט און איז אַליין אויף איר געבליבן הענגען...

אויך איצט האָט סענדערל פאַרשפּילט. שוין אַ צווייטער „סאָלדאַט״ זיינער איז אין געפענגעניש אַריין!... וואָס־זשע וועט זיין?... ער וועט שפּילן, סענדערל, די שפּיל... אָט, טוביהלע לאַכט שוין פון אים... ניין, ער אַליין וועט מוזן לויפן. אָדער ער וועט האָבן אַ גאַנצע מפּלה, אָדער ער צעקלאַפּט זיין שונאס פעסטונג, די הענט־קייט...

— וואַרט אויס, לאָך ניט... — האָט סענדערל אַ געשריי געטאָן — באַלד וועלן מיר זען אויף וועמענס זייט די גערעכטיקייט איז!...

און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן, סענדערל, מיט אַזאַ רציחה

אויף זיין שונא, מיט אזא פעסטן גלויבן אין זיין קראַפט, אַז די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך פאַר אים דערשראָקן און בשעת סענדערל האָט אַ קנאַק געטאָן מיט זיינע פויסטן איבער זייערע געשלאָסענע הענט, האָבן זיי זיך אַ וואַקל געטאָן און צעגומען, אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן די הענט... סענדערל האָט מיט זיך מיטגענומען צוויי געפאַנגענע „זעלנער" און האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין מחנה...

האָט דאָס טוביהלן שטאַרק פאַרדראָסן... ער האָט געוואָלט באַווייזן די קינדער, אַז ער איז ניט קיין שוואַכער, נאָך אפילו שטאַרקער פון סענדערלן... ער וועט צוריק אָפּשלאָגן זיינע צוויי גבורים... האָט ער זיך אַ פאַרסאָפּעטער אַ לאָז געטאָן מיט זיינע גרויסע, נאַר ווייכע און אָנגעבלאָזענע פויסטן... ער איז צו צו סענדערלס מחנה, אַ קלאַפּ געטאָן און איז געבליבן הענגען אויף די קינדערס הענט... די קייט האָט ער ניט איבערגעריסן. ער, דער „שווארצער קייסער" איז גאָר אַליין אריין אין געפענגעניש...

עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ רעש, אַ טומל, אַ געפּילדער:

— משפּטן אים!...

— אַ קאַרע דעם שוואַרצן קייסער!...

— זאָל ער זיך ניט האַלטן גרוים!...

וועלוועלע האָט אָנגעשפּיצט זיינע גרויסע אויערן, אָנגעבויגן אויף אַ זייט זיין קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט אופן פידל געשפּילט, און האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן אַ קאַרע, אַ שטראָף פאַר דעם פאַר־שפּילטן קייסער... נאָר דאָ איז אָנגעקומען באַלאַקירסקע, דער „אדוני המורה", און עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון אַ גלעקל... מ'האָט איבערגעלאָזט דעם „משפּט" אויף נאָכן לערנען און מ'האָט זיך געלאָזט אין חדר...

אין דער ווייבער־שול, אויפן סאַמע מיטן פון דער גאַלערייע, איבערן פּאָליש, האָבן זיך אַלע קינדער אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און שטיל, מיט גרוים דרך־ארץ און באַגייסטערונג, אָנגעהויבן צו זינגען „מודה" אויף לשון קודש און אויף ייִדיש...

— מודה אני לפניך, מלך חי וקים!...

— איך בוק זיך פאַר דיר, קייסער פון אַלץ, וואָס לעבט אין דער וועלט!...

די בעסטע פון די זינגער זיינען געווען סענדערל מיט וועלוועלן. זייערע שטימעלעך האָבן זיך אויסגעטיילט פון די אריבער הונדערט חדר־ייִנגלעך...

אין דעם זעלבן טאָג נאָך, ווען סענדערל איז אַ היים געקומען

און האָט אָפּגעגעסן מיטאָג, האָט צו אים גרשון מלאך פריילעך א זאָג געטאָן:

— סענדערל, מיר וועלן אָפּטראָגן די אַרבעט צום בעל הבית. עס וועט נאָכאמאָל ווערן געלט און עס וועט זיין וואָס צו עסן!... ווי זאָגט מען דאָס, אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף געלט, אויף געלט, און אויף געלט!...

גרשון האָט איצט פאַרענדיקט אַ פּאַרטיע אַרבעט פון העכער הונדערט גוטע, ניי־געוואַנטענע בלויע און שוואַרצע היטלען... זיין בעל הבית, אַן אַלטער אלמן, רב ישראל־איצי קושניר, האָט אייגנט־לעך שוין ניט בּאַדאַרפט זיין געשעפט. ער וואָלט שוין געקענט אָפּלעבן זיינע עטלעכע יאָר אַזוי אויך. נאָר ער האָט ליב געהאַט צו שטיין אין קלייט און פאַרקויפן היטלען... ער האָט, ווי פיל אַנדערע בעלי־בתים, אַרויסגעגעבן סחורה אויף אַהיים די „קוואַרטירניקעס" און פלעגט פון זיי באַקומען פאַרטיקע פּראָדוקציע... גרשון איז ביי דעם אלטן ישראל־איצי אויך געווען אַ „קוואַרטירניק". ער איז געווען צופרידן גרשון פון דעם בעל־בית, וואָס האָט זיך צו אים ניט געזוכט ווי די אַנדערע, ער האָט כמעט קיינמאָל ניט געפונען קיין חסרונות אין זיין אַרבעט...

די היטלען זיינען געווען אויסגעשטעלט רייען־ווייז אין אַ גרויסן ווייסן ליילעך, מיט צוויי קניפּן ביי די ליילעך־עקן... גרשון מלאך האָט אָנגעכאַפּט דעם ליילעך ביי איין עק און סענדער ביים צווייטן עק און מ׳איז אַוועק... גרשון האָט מיט זיינע לאַנגע פיס געמאַכט גיכע און ברייטע טריט, ער איז אַזש געשפּרונגען אין דער לופט... סענדערל איז אים נאָכגעלאָפן. דאָס ליילעך מיט די היטלען האָבן אים אַראָפּגעצויגן דאָס הענטל. ס׳איז אים שווער געווען, סענדערלען, נאָכלויפן דעם לאַנג־פיסיקן און גיך־שפּאַניקן טאַטן. ס׳איז אים זייער שווער געווען צו טראָגן אַ פולן ליילעך מיט היטלען. אָבער ער איז צופרידן געווען, סענדערל, וואָס ער קען כאָטש מיט עפּעס בייהילפיק זיין דעם אָרימען מענטשן, וואָס גיט אים עסן און דערלויבט אים מ׳זאָל אים רופן טאַטע, גלייך ווי ער וואָלט טאַקע אויף אַן אמתן זיין טאַטע געווען...

מ׳איז צו צו דער קלייט און זי איז געווען פאַרשפּאַרט. גרשון האָט זיך געחידושט... האָט ער באַשטימט גרשון אַריינגיין אין הויף, דאָרט וואו דער בעל־בית וואוינט. דער הויף איז אָבער איצט געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן. אַלע מענטשן זיינען יום־טובדיק אָנגעטאָן. אַלע האָבן ערנסטע פּנימער... ער איז אַרויף גרשון מלאך

אויפֿן צווייטן שטאָק, נאָר אויך דאָ איז פֿול געווען מיט מענשן...

— וואוהין שטופּט איר זיך, רב ייד?... — האָט אים עפּעס אַ פֿיין־געקליידעטער ייִנגערמאַן געפֿרעגט — וואָס שלעפּט איר אַהער?...

— צום בעל־בית גיי איך — האָט גרשון צוטומלט געענטפֿערט — צו רב ישראל־איציִן, איך טראָג אים אָפּ אַרבעט!...

— געשטאָרבן אייער בעל־בית!... איר מעגט צוריק גיין!...

— געשטאָרבן?... — האָט גרשון דערשראָקן איבערגעפֿרעגט און האָט זיך אַריינגעשטופּט מיטן ווייסן ליילעך היטלן אין שטוב אַריין...

דער בעל הבית איז געלגן אויף דער ערד. אַ שוואַרצע דעקע איז איבער אים געלעגן, צוויי ברענענדיקע ליכט זיינען צוקאָפּנס געשטאַנען. גרשון האָט אוועקגעשטעלט די היטלן אויפֿן טיש, וואָס איז געשטאַנען צוגערוקט צו דער וואַנט... די מענשן, וואָס זיינען געווען אין שטוב אַרום טויטן, האָבן אָנגעקוקט גרשונען מיט חי־דוש... און קיינער האָט ביי אים גאָרניט געפֿרעגט, קיינער האָט אים קיין וואָרט ניט געזאָגט... און נאָר סענדערל האָט אים פּלוצ־לונג אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט און געפֿרעגט:

— טאַטע, ווער־זשע וועט באַצאָלן פֿאַר די אַרבעט?...

— כ׳ווייס?... האָט גרשון דערשראָקן איבערגעפֿרעגט און האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פֿון שטוב...

דערנאָך איז שוין גרשון אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען ביי זיך אין שטוב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, זיך געפֿילט אין עפּעס שולדיק און האָט געשוויגן... שייוועס האָט זיך איצט געקריגט מיט אים און געשריגן:

— אַז אַ מענש איז אַ פֿאַרחלומטער מלאך... ער האָט דען אין זינען אַ שטוב?... אַז דער קאָפּ איז אים נאָר ביי די ווערטלעך און מעשׂיות!... מ׳וואָלט זיך געקענט צעפּירן די הענט. ס׳טייטש אַזאַ פּאַרטיע היטלן!... באַדאַרפֿט זיי צוריקטראָגן, אַז דער בעל־הבית איז טויט... ווער וועט דיר באַצאָלן איצט, ווער?...

גרשון האָט זיך געפּרואווט פֿאַרענטפֿערן, כאָטש ער האָט גע־וואוסט, אַז ער האָט ניט רעכט:

— איך דאַרף ניט קיין פֿרעמדעס!... פֿרעמדס איז גנבה!...

ס׳איז אַריינגעקומען ווינטער דער פֿאַרבער. זיינע פֿינגער זיינען ביי אים ווי שטענדיק געווען פֿון פֿאַרשידענע פֿאַרבן געפֿלעקט. די שוואַרצע באָרד, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן גרוי צו ווערן, איז

ביי די שפּיצן אויך אין פאַרשידענע פאַרבן געפּלעקט געווען. ער האָט אויסגעהערט די מעשה ווי אַזוי גרשון מלאך האָט איבערגעלאָזט אַ פּאַרטיע אַרבעט דעם טויטן בעל־בית און ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט:

— אוי, איך וועל עס ניט אויסהאַלטן... איר זייט דאָך טאַקע אַן אמתער יאָלד, רב גרשון... ס'איז טאַקע נאָר אַ קינדער־שפּיל מיט אייך, נאָר אַ קינדער־שפּיל!...

גרשון האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פאַרשעמט, געשוויגן און אויך עפּעס שטיל אונטערגעשמייכלט... דאַן האָט סענדערל זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— איך האָב אים געבעטן, רב ווינדער, איך האָב אים געבעטן, דעם טאַטן, צוריק די אַרבעט אַהיים טראָגן... איך ווייס דאָך, אַז דער בעל־הבית האָט דאָ קיינעם ניט. ער איז איינער אַליין. די קינדער זיינע זיינען זיך צעפאָרן. עס איז געווען אַ פולער הויף און אַ פולע שטוב מיט קרובים, אָבער אַלץ פרעמדע און קיינער פון זיי וועט ניט באַצאָלן דעם טאַטן פאַר זיין אַרבעט...

— אַי, גרשון, גרשון!... — האָט דער אַלטער ווינדער מיט באַדויערן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איר וועט שוין קיין לייט ניט זיין!... — און ער איז אַרויס פון שטוב.

גרשון האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן:

— נו, טו מיר עפּעס, שייוועס, אַז איך קען פאַרט קיין פרעמדס ניט נעמען!...

— יאָלד!... — האָט שייוועס אַ געשריי געטאָן און איז אויך אַרויס פון שטוב.

גרשון מלאך האָט אַקוק געטאָן אויף סענדערלען. אין זיינע צע־שטרייטע אויגן זיינען אים גרויסע טרערן געשטאַנען. סענדערל האָט רחמנות געקראָגן אויף אים. ער איז צו צו אים און האָט אים אַרומגענומען.

— זאָרג ניט, טאַטע. וועסט זען, גאָט וועט אונז העלפן!...

14. דריי הונדערט יאָר פון ראָמאַנאָווס הויז...

די לעצטע טעג איז אין שטאָט שטאַרק טומלדיק געווען. מ'האָט געריייניקט און געפּוצט די גאַסן. אויף די שיינע הייזער האָט מען צעהאַנגען דריי־קאָליריקע סטענגעס פון ווייס־בלוי־רויטן שטאָף. אויף

די טויערן פון די הייזער האָבן זיך באַוויזן גלאַנציקע און בוימאייל־דיקע בילדער פונם קייסער ניקאָלאַי דעם צווייטן, פון דער קייסערינע, פונם יורש און פון די טעכטער... פון איין בוים צום צווייטן האָבן זיך געצויגן דראָטן און אויף די דראָטן זיינען געהאָנגען לאַמ־טערנעס פון בלויע, גרינע, רויטע, געלע און אַנדערע קאָליריקע שייבעלעך... אויף אייניקע גאַסן און איבערהויפּט אויף די ראַנדן פון אָדעסער שטאָט־טיילן, אויף מאָלדאָוואַנקע, פּערעסיפּ, דאָלגיצקי, סלאָבאָדקע און פאָנטאַנקע, האָט מען אויסגעבויט הילצערנע אַרקעס, אַזוינע טויערן, זיי געפאַרבט אין ווייס־בלוי־רויטע קאָלירן, זיי באַ־האָנגען מיט די בילדער פון דעם איצטיקן און די פריערדיקע קייסאָ־רים און מיט קראַנצן פון גרינע יאָדלדיקע בוימער...

אָדעס האָט זיך שטאַרק געגרייט צו דער פייערונג: דריי הונ־דערט יאָר זייט עס עקזיסטירט די דינאַסטיע, דאָס קייסערלעכע הויז פון די ראָמאַנאָווס...

אויך אינם חדר וואו סענדערל האָט זיך געלערנט האָט מען זיך פיל געגרייט צו דער פייערונג... דער „אדוני המורה" באַלאַ־קירסקע, האָט צונויפגעזאַמלט אַלע קינדער אין דער גרויסער פאָדער־שטער טייל פון דער ווייבער־שול און ער האָט זיי דערקלערט, די קינדער, דעם באַדייט פון דעם גרויסן יום־טוב...

— דער ערשטער קייסער פון דער פאַמיליע ראָמאַנאָוו האָט געהייסן מיכאיל פיאָדאָראָוויטש און איצט, דער לעצטער קייסער, הייסט ניקאָלאַי דער צווייטער! אַלע קייסאָרים שטאַמען פון איין משפחה. איצט ווערט דריי הונדערט יאָר זייט די משפחה רעגירט ביי אונז אין לאַנד... פייערן מיר איצט דעם יום־טוב זייערן... נו, האָט איר פאַרשטאַנען, קינדער?...

— פאַרשטאַנען!...

— פאַרשטאַנען!...

יאָ, אַלע חדר־יינגלעך האָבן אַלץ פאַרשטאַנען... מ'האָט זיי צוגעזאָגט, אַז מ'וועט פאַר זיי פּראַוון אַ גרויסע סעודה, מ'וועט זינ־גען, שפּילן, האַלטן דרשות און מ'וועט טיילן מתנות...

לויט אַ פאַראָרדענונג פון דעם גראַדאָנאַטשאַלניק, האָבן זיך אין דער טעפּליצקער שול געמוזט צונויפזאַמלן אויף דער פייערונג אַלע יידישע חדרים, וואָס געפינען זיך אויף דער מאָלדאָוואַנקע. עס האָט זיך געשאַפן אַ כאָר פון די חדר יינגלעך אין דער טעפּליצקער־שול. אויף דעם חדר קוקנדיק, האָבן אויך אַנדערע חדרים געשאַפן זייער כאָר. מ'האָט אָנגעהויבן לערנען די קינדער זינגען דעם קייסערס

הימן און נאָך אַנדערע לויב־געזאַנגען ... מ׳האָט די שול אָנגעהויבן אויספּוצן מיט דריי־קאָלירקע סטענגעס, מיטן קייסערס בילד און מיט בלומען־קרענץ. מ׳האָט דערוואַרט, אַז אויף דער פייערונג וועט אין דער שול קומען נאַטשאַלסטווע ... קען זיין דער פּאָליציי־מייסטער, דער גראַדאָנאַטשאַלניק און אפשר גאָר דער גובערנאַטאָר אַליין ...

די לעצטע טעג האָט מען שוין אין חדר ניט געלערנט. מ׳האָט נערמט, געוואַשן און געפּוצט דאָס חדר ... מ׳האָט דעם גרויסן האַלב־אָפּגעלטירטן הויף און דעם האַלב־גאָרטן פון הויף אויך ניט פאַרשעמט. דאָ זיינען געהאַנגען פאָנען, בילדער, לאַמטערנעס און פריש־געפלאָכטענע קרענץ ...

עס האָט זיך באַוויזן אין חדר חיים אויפלעגער, דער דיריזשאָר, וואָס פירט אָן מיטן כאָר אין טעפּליצקע שול בעת די ימים נוראים: ראש השנה, יום כפּור, סוכות און שמחת תורה ... חיים אויפלעגער, דאָס איז געווען אַ ייד אַ מיטל־וואוקסיקער, מיט אַ פּיצינקעלע גרוי־שפּיציק בערדל, מיט אַ הייזעריקן קול און מיט אַ בעלמע אויפן לינקן אויג. אָט דער אָ חיים אויפלעגער האָט אויסגעהערט ביי אַלע ייִנגלעך די קולעכלעך, אויסגעקליבן פון זיי אַ צוואַנציק משוררימלעך און צווישן די צוואַנציק צווייי בעסטע, סענדערלען און וועלוועלען ... מ׳האָט זיך געשמאַק אַ נעם געטאָן צו די רעפּעטיציעס, צו די פּראָבן און צוגרייטונגען פון דער גרויסער פייערונג! ...

חיים אויפלעגער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטיקל אייזן, וואָס איז געווען געשפּאָלטן אויף צוויייען, ווי אַ גאָפּל. ער האָט מיט דעם אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און עס האָט זיך דערהערט אַ שטאָלענער און ווייכער קלאַנג. די קינדער האָבן זיך צעלאַכט ... דער דיריזשאָר האָט זיי מיט זיין הייזעריק קול דערקלערט:

— עס איז אַ קאַמערטאָן, קינדערלעך! ... איך גיב מיט דעם אַ קלאַפּ, כדי כאַפּן דעם ריכטיקן טאָן. אָט, זעט! — און ער האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן און ווי עס האָט זיך נאָר דערהערט אַ קלאַנג, האָט ער זיך מיט זיין הייזעריקלעך שטים צעמורמלט: דאָ, סאָל, מי, פאַ, ליא, דאָ! ...

די קינדער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט. אָבער חיים אויפלעגער האָט זיך זיינס געטאָן. ער האָט באַמערקט צוויי ערנסטע פאַר־אינטערעסירטע קינדער, סענדערלען און וועלוועלען, און ער האָט צו זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אויסגעצויגן:

— באָזשע צאַריאַ כראַני! ...

סענדערל מיט װעלװעלן האָבן באַלד אונטערגעכאַפּט דעם ניגון און האָבן אָנגעהויבן נאָכזינגען. די איבעריקע קינדער אויף זיי קוקנדיק האָבן אויך אָנגעהויבן זינגען און עס איז אַװעק אַ מונטערער, שטאָלצער געזאַנג פון דעם קייסערס הערשאַפטלעכן הימן, ס׳איז אַװעק אַזאַ געזאַנג, אַז די װענט האָבן אַזש געציטערט: „באָזשע צאַריאַ כראַני — גאָט דעם קייסער היט״!... און נאָך דעם הימן האָט מען געזונגען דעם ליבּ־געזאַנג „סלאַװוסיאַ״ און דערנאָך דעם געבעט צו גאָט, אַז דער קייסער זאָל לאַנג, לאַנג לעבן: „מנאָגי ליעטאָ״!... עס איז געװען פייערלעך און פריילעך דאָס קינדערשע געמיט...

דער „אדוני המורה״ באַלאַקירסקע האָט זיך אומגעדרייט אַ פאַרטאָענער אין זיינע מחשבות. ער האָט געזען זיינע ליבע תלמידים, זיינע אָרימע חדר־ייִנגלעך אין גאָר אַן אַנדער שיין... װיפל חן, װיפל קלוגשאַפט און װיפל טאַלאַנט אין יעדער פון זיינע אָרימע קינדער!... ער קען דאָך יעדער קינד זיינס. ער װייסט װאָס דעם פעלט און װאָס עס דאַרף... ער קוקט אויף זיינע חדר־ייִנגלעך און זעט פאָראויס זייער צוקונפט. פיל פון זיי װעלן גאָרניט דערגרייכן, מחמת די נויט און די אָרדענונג אין לאַנד... אָבער אייניקע פון זיי, די שטאַרקערע, זיי װעלן זיך מיט די עלנבויגנס דורכשלאָגן אַ װעג... משהלע װעט געװיס זיין אַ דאָקטאָר, טוביהלע װעט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע און ער װעט דאָרטן װערן אַן אינזשיניער. װעלװעלע איז אַ פידלער. סענדערל אַן אַרטיסט, אַ מאָלער, אַ שרייבער, צו אפשר אויך אַ מוזיקער!...

ער האָט אַ שװערן זיפץ געטאָן באַלאַקירסקע און ער האָט װייטער געטראַכט און געהאָפט, אַז די פייערונג װעט מיט זיך ברענגען אפשר אויך עפּעס אַ מין ענדערונג, אַן ענדערונג צום גוטן פאַר ייִדן...

און אָט איז געקומען דער טאָג. אין דער אויסגעפּוצטער שול זיינען געזעסן חדר־ייִנגלעך פון אַלע חדרים פון דער אָדעסער מאָלדאַװאַנקע. עס זיינען דאָ אויך געזעסן טאַטע־מאַמעס פון די חדר־ייִנגלעך. די שול איז געװען געפּאַקט סיי אויבן אין דער װייבערשער טייל, סיי אונטן אין דער מענערישער... אויפן באַלעמער זיינען געשטאַנען דריי כאָרן. פון פאָרנט טעפּליצקער־שול חדר, לינקס דאָס כאָר פון מאָטל טענענבוימס חדר און רעכטס דאָס כאָר פון משה האַלפּערינס חדר. מ׳האָט געװאַרט אויף נאַטשאַלסטװע, נאָר קיינער

איז ניט געקומען, אויסער דעם נאַדזיראַטעל, דעם באַצירק־פּריסטאַוו און אַ פּאָר פּאָליציאַנטן...

מ׳האָט אָנגעהויבן טיילן די קינדער מתנות: נאָז־טיכלעך, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעמאָלט דער קייסער מיט זיין ווייב און קינדער, ביכלעך מיט בילדער פון אַלע קייסאָרים, וואָס האָבן רעגירט פאר דריי הונדערט יאָר און שקאָרמיצלעך מיט קיכעלעך, לעקעכלעך און קאָנפעטן...

די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן.

אַלע דריי כאָרן האָבן מיטאַמאָל אַ זינג געטאָן דעם הימן. עס איז געווען פייערלעך, שיין און דערהויבן... דערנאָך האָבן די קינ־דער געהאַלטן דרשות. נאָך יעדער דרשה האָט דאָס כאָר באַדאַרפט זינגען דעם הימן. וועלוועלע האָט זיך פּלוצלונג געווענדעט צו סענ־דערלן. ער האָט אים אין אויער עפּעס אַריינגעזאָגט:

— ווייסט, סענדערל, מיין טאַטע זאָגט, אַז דער קייסער איז אַ בלוט־זויגער, אַ שלעכטער!...

— יאָ, דער שכן אונזערער, ווייגדער דער פּאַרבער, האָט נעכטן אויך אַזוי געזאָגט!...

— און מיר זינגען אים נאָך לויב־געזאַנגען!...

— דאַרף מען טאַקע ניט זינגען!...

— איך וועל שווייגן.

— ניין, ס׳איז ניט גוט אַזוי, וועלוועלע, — האָט סענדערל גע־זאָגט נאָך דעם ווי ער האָט אַ טראַכט געטאָן — שווייגן טאָר מען ניט, אַז עס טוט וויי...

— איז וואָס־זשי דען טאָן?...

סענדערל האָט ניט באַוויזן צו ענטפערן. טוביהלע מיט די אָנגע־בלאָזענע בעקעלעך האָט געענדיקט זיין דרשה, געוואונטשעוועט פיל יאָרן דעם קייסער מיט זיין הויז־געזונט און האָט אויסגעשריגן „הורא״!... חיים אופלעגער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דאָס כאָר האָט אָנגעהויבן: „באָזשע״!... סענדערל האָט גע־נומען אַ פאַלשן טאָן, וועלוועלע האָט עפּעס אַ ביל געטאָן און פון דעם פייערלעכע, שיינעם און דערהויבענעם הימן, האָט זיך באַקומען עפּעס אַ מין קאַצן־יאָמער קלאַנג...

אין שול איז געוואָרן אַ טומל... אַ פּאָליציאַנט האָט אָנגע־הויבן פייפן, דער פּריסטאַוו האָט זיך צעשריגן:

— אָטסטאַוויט, זאַפּרעשטשאַיו!...

און אַזוי האָט זיך געענדיקט אומגעלומפּערט־טרויעריק די גרויס־

סע דריי־הונדערט־יאָר פייערונג פון ראָמאַנאָווס הויז אין דער טעפּ־ליצקער שול...

אין דער היים ביי סענדערלן איז אויך די שטימונג ניט קיין געהויבענע געווען. נאָך פּאַרטאָג האָט גרשון מלאך גענומען די צוויי קלענערע קינדער, לייבעלע און נחמנלע, און איז אוועק מיט זיי אויף דער פּושקין־גאַס אויף דער רייכער און שיינער גאַס פון אָדעס, וואָס הויבט זיך אָן מיטן וואקזאַל און באַנהויף און ענדיקט זיך מיטן בולוואַר און האַפן. עמיצער האָט געזאָגט, אַז היינט וועט דער קייסער קומען קיין אָדעס. גרשון מלאך האָט געזאָגט:

— אַז מ'זעט דעם קייסער, לעבט מען מערער מיט צען יאָר!...

איז ער אָפּגעשטאַנען מיט ביידע קינדער אויף די הענט אַ גאַנצן טאָג, אַ הונגעריקער, און צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס זיינען געווען פּוסטע קלאַנגען. קיין שום קייסער האָט זיך גאָר־ניט געקליבן היינט באַזוכן אָדעס...

אויפן אַנדערן טאָג אין חדר זיינען די יינגלעך טרויעריקלעך געווען. דער „אדוני המורה" באַלאַקירסקע האָט זיך אומגעדרייט הין און צוריק פאַרזאָרגט... מ'האָט ניט געלערנט... אויף דער לעצ־טער באַנק זיינען געזעסן סענדערל מיט וועלוועלען און אַרום זיי עט־לעכע קינדער. מ'האָט זיך דערציילט מעשיות און מ'האָט פאַרגעסן, אַז דער „אדוני המורה" דרייט זיך אום אַ פאַרזאָרגטער, אַ צעטראָ־גענער און אַ באַליידיקטער... מ'האָט זיך דערמאָנט אין נעכטיקן דורכפאַל ביים זינגען דעם הימן און וועלוועלע האָט געזאָגט:

— איך געדענק גאָרניט, ווי אַזוי איך האָב זיך געלאָזט פאַרפירן פון סענדערלן און אים נאָכזונגען אויף אַ פאַלשן טאָן...

— אָט ווי אַזוי מ'האָט באַדאַרפט זינגען — האָט סענדערל אויסגעשריגן אויף אַ קול און ער האָט אָנגעהויבן זינגען אויף אַ קלינגנדיקן אַלט: — באָ—זשע צאַ—ריאַ!...

דאָס געזאַנג האָט אונטערגעכאַפּט וועלוועלע און אויף אים קור־קנדיק אַלע קינדער...

באַלאַקירסקע איז געבליבן שטיין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער מיט גרויס פרייד... נאָר באַלד איז זיין פּנים בייז גע־וואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם נעכטיקן דורכפאַל און ער האָט אויסגעשריגן:

— פאַרשיוועצעס!... איצט קענט איר זינגען, אָבער נעכטן?...

ער איז צו צו סענדערלן און וועלוועלען און זיי געטראָפן צוויי פּעטש... דאָס זיינען אפשר געווען די ערשטע פּאָר פּעטש, וואָס

דער באַליבטער לערער, דער „אדוני המורה" באַלאַקירסקע האָט זיינע חדר־יינגלעך געגעבן...

15. סענדערל וויל פאָרן קיין אַכרימאָווע

און אין שטוב איז שוין ווידער קיין ברויט ניט געווען. ס'איז געווען אַ הייסער זומער. די גרויסע זון איז געשטאַנען הויך און האָט מיט אירע פייערשטראַלן אָנגעגליט די בלעכענע דעכער פון די טויזנטער אָדעסער הייזער, צעשמאָלצן דעם אַספאַלט אויף די טראָטואַרן און עס איז געוואָרן אַ דערשטיקעניש אין שטאָט... קיינער האָט קיין הימלען ניט באַדאַרפט. קיין נייעם בעל הבית האָט נאָך גרשון ניט געהאַט...

ביינאַכט האָט אַ שלאַקס־רעגן געגאָסן. ס'האָט אַ ווינט געבלאָזן און אַ רעגן האָט אין דער פינצטער געקלאַפּט... ס'האָט געבליצט, געדונערט און ווידער געגאָסן און געגאָסן... ס'איז אַ מבול געווען. אין דעם אויפדערנאַכט איז שייווע צו קינד געגאַנגען...

ביידע קינדער, לייבעלע און נחמנלע, זיינען ביי אַ שכנה, ביי יענטע די פישערין, געשלאָפן, גרשון מלאך מיט סענדערן זיינען אין קיך ביי אַ צאַנקנדיק לעמפּל געזעסן און האָבן תהילים געזאָגט. און אין שטוב איז געלעגן די קימפּעטאָרן שייווע און איז שווער, דאָס מאָל זייער שווער, געגאַנגען צו קינד... עס האָבן זיך אַרום איר אַרומגעדרייט די באָבע און שפּריכערין חיה־שרה, די שכנות יענטע די פישערין און ברײַנדל דעם בלעכערס... זי האָט שטאַרק געשריגן, שייווע, און יענטע די פישערין האָט אַלעמאָל מיט אַ פרום פנים זיך נאָכגעפרעגט ביי דער באָבן:

— חיה־שרה, אפשר נאָך אַ דאָקטאָר שיקן?...

— ניין, ניין, מ'דאַרף ניט — האָט די אַלטע באָבע געענטפערט — גאָט איז אַ דאָקטאָר... שוין ניט דאָס ערשטע מאָל נעם איך אַ קינד!...

אין קיך אויף דער פּליטע, האָט מען געזאָטן וואַסער אין פיל טעפּ. ברײַנדל דעם בלעכערס, אַ קליינינקע, זשוואַווע יידענע, איז אַלע מאָל אַריינגעלאָפן אין קיך, אונטערגעלייגט האָלץ אין פּליטע, געקוקט צו די טעפּ און אַלע מאָל אויסגעשריגן:

— אָך, אָך, אַזאַ וועטער!...

און דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט. דער ווינט האָט געבלאָזן,

געקלאַפּט אין די טירן און אין די פענצטער. עס האָט געבליצט און געדונערט. שייוועס האָט געשריגן מיט הארצרייסנדיקע קולות און גרשון מלאך מיט סענדערלען זיינען געזעסן אין קיך איבער די תהילים־לעך, געוויינט און זיך געשאָקלט. די גרויסע שאָטנס אויף די ווענט האָבן זיך אויך געשאָקלט:

— אַי, אַי!... לדוד מזמור ליהוה הארץ ומלואה תבל ויושבי בה!... אַי, אַי!... צו דיר גאָט איז די ערד און אַלץ וואָס אויף דער ערד, די גאַנצע וועלט, און די וואָס זיצן אויף דער וועלט!...

און אין דער אויסטערלישער נאַכט, אינם געבעט פון די תהילים־זאָגער, אינם געשריי פון דער געווינערין און אינם געוויטער־זשום פון דרויסן האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד, אַ פּישטעריי פון אַ ערשט־געבוירן קינד... עס איז אַריינגעקומען די באָבע חיה־שרה מיט אַ פרייד:

— מזל טוב אייך, רב גרשון, מזל טוב אייך מיט אַ טאָכטער!...

נאָך אַ קינד, נאָך אַן עסער, נאָך אַ פּיסקעלע איז צוגעקומען אין דער אָרימער שטוב... דאָס ניי־געבוירענע קינד, דאָס מיידעלע מלכהלע, איז געווען גאָר אַ ציטעריקס, אַ בת יחידקעלע... ס׳האָט זייער פיל באַדאַרפט דאָס ניי־געבוירענע קינד, און סענדערל האָט זיך איצט דערפילט שוין אינגאַנצן איבעריק אין דער שטוב... ער האָט עפּטער אָנגעהויבן איבערחזרן פאַר דער מאַמען:

— איך וועל אַנטלויפן. איך וועל פאָרן צום זיידן!...

און שייוועס האָט אים געטרייסט:

— וואַרט נאָך צו, מיין קינד. אָט וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, עמיצער וועט פאָרן, וועסטו מיטפאָרן!...

ער האָט זיך געסטאַרעט, סענדערל, וואָס ווייניקער צו זיין אין שטוב, וואָס ווייניקער זיך וואַרפן אין די אויגן... ער איז שוין אַלע טאָג פון חדר צו זיין חבר, צו וועלוועלען, געגאַנגען, דאָרט זיך גע־לערנט שפּילן אויפן פידל, און אַז ער איז אַ היים געקומען, פלעגט ער שטיין פאַרן טויער פון הויף און וואַרטן ביז עס וועט ווערן נאַכט און ער וועט קענען גיין שלאָפן...

דאָ ביים טויער פלעגט סענדערל פאַרגעסן אַלץ אויף דער וועלט... ער האָט געקענט אָפּשטיין שעהנווייז ביי דעם וואונדער־לעכן טויער פון הויף נומער ניין און באַאָבאַכטן די וועלט: לעבן און טויט, טרויער און פרייד, רעכט און אומרעכט, יושר און אויס־געלאַסנקייט... — רעכטס פון דעם טויער איז דאָס טויטן־שטיבל פונם יידישן שפּיטאָל. אַן אָרימע אלמנה מיט פינף קליינע יתומימלעך

באווינט איר מאן: „אויף ווען האסטו מיך איבערגעלאזט"? !...

— לינקס פון דעם טויער איז דאס יידישע טעאטער. היינט שפילט דארטן „די כישוף־מאכערין". ביי דער קאסע שטייט א גרויסע ריי פון יינגעלייט, בחורים און מיידלעך. מ'לאכט און מ'ווינצלט זיך, מ'געדענקט נאך דאס „שטיק" פון פאראיאריקן סעזאן און מ'זינגט איבער גאלדפאדנס לידלעך „גייט א שאלטיקל איבער דער גאס, טוען טוט ער גארניט"... — פון דער מאלינע, וואס אין הויף נומער ניין, גייען ארויס גנבים־הורקעס מיט גאסנפרויען־נקבות. מ'רעדט הויך אויף א קול פון געגנבעטע זאכן און פון חתנים־יאלדן... — פון אנטקייגנאיבער פון דעם הויף נומער צען, טראגט זיך דער חומש־לערנען פון מאטל טענענבוימס חדר־יינגלעך: „בראשית, צום אנהויב, ברא, האט באשאפן, אלהים, גאט"!... — שטייט ער, סענדערל, ביים טויער און באאבאכטעט, באטראכט, באקלערט און וויל פארשטיין די וועלט...

— פארוואס זיינען דא ארימע און רייכע?...

— פארוואס האט איין קינד קיין איין טאטן ניט און איך צוויי?...

און עס טוט אים אזוי וויי אלע עוולות פון דער וועלט. ער זארגט אזוי פאר יעדערן און קען דאך קיינעם ניט העלפן... ער איז שטארק אומרואיק און צעטראגן פון די אלע מחשבות זיינע ... און ער קען אליין נאך ניט באגריפן, פארוואס אים האט זיך אין דער מינוט פארגעשטעלט, אז די וועלט איז א שיינער זייגער און ער, סענדערל, איז זיין אומרו...

פארן טויער איז ארויסגעגאנגען טשארנע, דעם גנב שעפע בלאקס ווייב... זי איז א שיינע, טשארנע. זי איז א שווארצע און א חנעוודיקע. זי איז א זייער גוטהארציקע, זי טוט זייער פיל טובות ארימע לייט... מיטן מאן אירן, מיטן גנב שעמט זי זיך ניט. פארקערט, זי גרויסט זיך נאך מיט אים... ער איז דאך ביי איר ניט גלאט אזוי עפעס א גנב, ער איז א „ווזלאמשטשיק". ער קריכט ניט אין קיין קעשענעס און ניט אין קיין שטיבער. ער ברעכט אויף קאסעס, אייזערנע קאסעס, סייפן און שראנקן ביי די גרויסע גבירים... זי איז א פיינע בעל־הביתטע, טשארנע. זי פירט מיט איר שעפען א שטיל, שיין פאמיליען־לעבן. זי האט מיט אים א קינד, ליאוועטשקע הייסט עס, א יינגעלע פון א יאר דריי. גאט און לייט זיינען איר מקנא אויף איר לעבן... אנגעטאן גייט זי, טשארנע, אין שווארצע זיידענע קליידער, סיי אין דער וואכן, סיי שבת און יום־טוב. די הענט מיט

גילדענע רינגעלעך. אין די אויערן גילדענע אויערינגלעך מיט בריליאנטן. אויפן האלז א שווערע, א דיקע גאָלדענע קייט מיט א גאָלדן לוחלע, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעקריצט די צען געבאָט...

זי דערזעט סענדערלן און פרעגט אים:

— שטייסטביים טויער, סענדערל?...

— יאָ, איך שטיי ביים טויער! — ענטפערט איר אָפּ סענדערל.

— איז וואָס שטייסט דו?...

— וואָס דען זאָל איך טאָן?...

— אך, סענדערל — גיט טשארנע א זיפץ — אזא בחורל ווי דו און ווערסט נעבעך פארפאלן... מיינסט, איך וויים ניט?... מיין שעפע האָט מיר שוין דערציילט, אז דו קענסט שפילן אויף א פידל...

— אייער שעפע וויים?...

— יאָ. און אלע שכנים וויסן... מיינסט, דיין טאטע, דיין שטיף־טאטע וויים ניט דערפון?... און דיין מאמע וויים אויך!... נאָר וואָס זאָלן זיי טאָן?... אָרימע מענשן!... זיי שווייגן, ווייל זיי קענען דיר ניט העלפן... זיי ווילן דיר קיין זאלץ אויף די וואונדן ניט שיטן!...

סענדערלן האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן... ער האָט געוואָלט אוועקגיין פון טשארנען, פון דער שיין־אָנגעטאָנענער פרוי, פון וועלכער עס האָט געשמעקט מיט טייערע פּערפומען... נאָר זי האָט אים אָנגענומען פאר די הענט און האָט אים א קוק געטאָן מיט אירע שווארצע גרויסע, תאוהיש דורכזיכטיקע אויגן אין זיינע קארע אויגן און זי האָט באשלאָסן:

— ניין!...

ער האָט פארשטאנען, סענדערל, וואָס זי מיינט: „ניין, קיין גנב קען סענדערל ניט זיין!...” זי האָט שטארק געקוקט דערנאָך אויף זיינע הענט מיט די עלאסטישע, ווייסע און לאנגע פינגער און האָט עפּעס געשאָקלט באדויערנדיק מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט זי געזאגט:

— יאָ. א פידלער, נאָר א פידלער קענסטו זיין!...

זי האָט עפּעס א טראכט געטאָן און באלד צוגעגעבן:

— איך וועל איבעררעדן מיט מיין מאַן. מיר וועלן דיר העלפן!...

— ניין, טשארנע, מ'דארף ניט. איך בלייב דאָ ניט. איך פאָר צו מיין זיידן. קיין אָכרימאָווע.

— נאַריש קינד!... — האָט טשארנע מילד א זאָג געטאָן און אים א דריק געטאָן צו זיך, צו איר הייסן לייב, אזוי, אז ער האָט דאָס

ערשטע מאָל אין זיין קינדערשן לעבן דערפילט עפּעס א נייעס, אַן אומפאַרשטענדלעכעס, אַן אומרואיקעס, און איז שוין דערנאָך אויף אַ סך, אַ סך, עלטער געוואָרן... — נאַריש קינד, פון אָדעס אַנ־טלויפט מען אין ערגעץ ניט!... אָדעס איז אַזאַ שטאָט, וואָס עס ציט... ווער עס איז שוין אין אָדעס געווען, וועט ערגעץ אַנדערש ניט לעבן... מ׳קומט צוריק קיין אָדעס!...

זי האָט אים אָפּגעלאָזט פון זיך. זי האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ ווייס זיידן טיכעלע, אין וועלכן עס זיינען געלעגן קנאַקע־דיקע, נייע, פּאַפּירענע אַסיגנאַציעס. אַ בלוי פּאַפּירל האָט זי געגעבן סענדערלען:

— נאַ, וועסט עס געבן דער מאַמען!...

סענדערל האָט זיך געלאָזט גיין, נאָר זי האָט אים באַלד צוריק גערופן. זי האָט אים צוויי זילבערנע האַלבע רובל דערלאַנגט:

— און דאָס איז דיר זעלבסט אַ מתנה פון מיר... אַזאַ יינגל, ווי דו, מעג שוין האָבן ביי זיך קליינגעלט...

פּאַרנאַכט איז אין שטוב געווען די שטימונג אַ געהויבענע... מ׳האָט געגעסן סיטנע ברויט מיט פּוטער און מ׳האָט פּאַרטרונקען מיט זיסער טיי... מ׳האָט סענדערלען אָנגעטאָן גרויס כבוד, מ׳האָט אים אוועקגעזעצט גאַנץ אויבן אָן און די ערשטע גלאָז זיסע טיי האָט די מאַמע אים אונטערגעטראָגן. גרשון האָט אים אַ קניפּ געטאָן אין בעקל, געזיפצט און געשמייכלט.

— שוין אַ גרויס יינגל סענדערל, וואָס זאָגסטו, שייוועַ, האַ?... אַ גרויס יינגל!... אויסגעוואַקסן!... אַז מ׳איז נאָר פּאַרדאַגהט און פּאַרצאָרנט און מ׳זעט ניט ווי אַ קינד וואַקסט אויס, ווערט אַ בחור, שוין טאַקע באַלד אַ חתן, וואָס זאָגסטו, שייוועַ, האַ?...

אַז מ׳האָט אָפּגעגעסן און די קלענערע קינדער געלייגט שלאָפן, זיינען נאָך ביים טיש געבליבן זיצן סענדערל מיט זיינע עלטערן. שייוועַ האָט געזאָגט:

— אַרקע, ווייגדער דעם פּאַרבערס יינגל, איז אַ חתן־בחור. ער פאָרט קיין אומאַן אָנקוקן זיין כלה, אַרקע. ער וועט דיך מיטנעמען מיט זיך... אין כריסטינאָווקע וועסטו אַראָפּקריכן. פון דאָרט מיט אַ פורל וועסטו פאָרן צום זיידן. פון כריסטאָנאָווקע קיין אָכרימאָווע איז נאָר פופצן ווי׳אָרסט...

— גוט, מאַמע! — האָט סענדערל צופרידן געזאָגט.

און גרשון מלאך האָט ווידער אַ זיפץ געטאָן און עפּעס טרויע־ריק מאָדנע געשמייכלט:

— שפּילסט, סענדערל, אויף פידל און מיינסט, אַז טאַטע־מאַמע ווייסן ניט ... מיר ווייסן גוט... אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן ? ...
— אָרימעליים... אַ בעל־מלאכה וואָלסטו באַדאַרפט זיין, אַ מלאכה זיך לערנען. נאָר איך זע דאָך !... דיר ליגט עס ניט אין קאָפּ... ניט אַזאַ קינד ביסטו... ביסט פון אַן אַנדער טייג, אַן אַנדער שניט... נו, מילא. הא, וואָס זאָגסטו, שייוועּ ?... און פון טשאַר־נען זיי פון דערוויטנס !... טאַקע אַ וואוילע פרוי, אַ צדקה־געבערין, אָבער פאַרט... נו, וועסט בעסער אַוועקפאָרן צום זיידן, סענדערל !... וואָס זאָגסטו, שייוועּ, הא ?...
— יאָ, טאַטע, איך וועל פאָרן !... — האָט סענדערל צופרידן געענטפערט.

און שלאָפן האָט ער זיך געלייגט סענדערל מיט אַ טרוים, אַז ער וועט שוין ניט לאַנג בלייבן דאָ אין דער שלעכטער שטאָט אָדעס. גיך וועט ער אָפּפאָרן פון דאַנען, אַהין, אין יענעם שטעטל, וועלכעס ער געדענקט, ווי דורך אַ חלום, אין דעם שטעטל מיט די קליינע ווייסע הייזעלעך, מיט די גרינע שטרויענע דעכער, דאָרט וואו זיין אַלטער גוטער זיידע לעבט און וואו עס איז דאָ זיין שוועסטערקינדל רייזעלע... ער וועט צו זאַט־זאַט זיך אָנעסן און ער וועט ניט וויסן פון קיין שום צרות...

16. ביי וויגדער דעם פאַרבער אונטערן בוים

אין דעם לאַנגן הויף פון דער שפּיטאָל־גאַס נומער ניין, לעבן וויגדער דעם פאַרבערס דירה איז געשטאַנען אַן אַלטער גרויסער אַקאַציע־בוים. זיינע צווייגן זיינען געוועזן ברייט צעוואַקסן. אויף די צווייגן זיינען געוואַקסן רויט־גרינע בלעטער און ווייסע אַקאַציע. זיי האָבן זיך צעשפּרייט די צווייגן איבערן דאַך איבער וויגדער דעם פאַרבערס דירה, דערגרייכט דעם אַנטקייגנאַיבעריקן דאַך פון נחום דעם סטאָליער און עס האָט זיך באַקומען, ווי אַ לופטיקער שירם הענגט איבערן הויף...

די זון האָט באַשיינט דעם בוים. די גאָלדענע שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן דורך די רויט־גרינע בלעטער, דורך דער ווייסער אַקאַציע און אַלץ אַרום איז מיט דורכזיכטיקן גאָלד־שיין באַשאָנקן געוואָרן, מיט רויט־גרין־ווייסן שיין באַקרוינט געוואָרן...

שבת בייטאָג נאָכן עסן האָבן זיך די שכנים פון דעם הויף ליב

געהאַט צונויפזאַמלען אונטער דעם בוים און זיך דערציילן מעשׂיות...
מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון די שטיבער וועד וואָס עס האָט געהאַט: קילימס, זעק, קאָלדרעס... מ׳האָט זיי אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אַרום בוים און מ׳האָט זיך באַזעצט. דאָס איז שוין געווען אַ מנהג פון לאַנג אָן...

פריער פלעגט ווידער דער פאַרבער דאָ לייענען פאַר די שכנים מעשׂיות־ביכלעך פון שלום־עליכמען, פון שאָמערן און די יידישע בלאַט „דער מאָמענט". דערנאָך האָט זיין זון ארקע, אַ בחורל מיט אַ לענגלעך בלאַס נעזל און מיט שוואַרצינקע וואָנצעלעך אונטערן נעזל, אַ סימן, אַז ער איז שוין אַ חתן־בחור, אָנגעהויבן לייענען אַוואַנטיור־ביכלעך פון נאַט פּינקערטאָנען און שערלאָק האָלמסאָן...
און שפּעטער האָט זייער אָרט פאַרביטן גרשון מלאך מיט זיינע וואונדער־שיינע פאָלקס־מעשׂיות, פון וועלכע מ׳האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער און מ׳האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק...
און אַזוי ווי גרשון דער קירזשנער איז געווען אַ גרויסער קבצן און האָט זיך תמיד גענויטיקט אין געלט, פלעגט ער אויסזוכן צו אויס־טראַכטן אַזוינע משונה־מאָדנע מעשׂיות פון גרויסע קבצנים, וואָס זיינען סוף־כל־סוף רייך און גליקלעך געוואָרן...

— בטחון, בטחון און ווידער אַמאָל בטחון!... דאָס איז גע־ווען דער דעוויז פונם אָרימען קירזשנער, ווען מ׳האָט אויך דאָ גערופן גרשון מלאך!...

סענדערל פלעגט זיצן, קוקן דעם טאַטן אין מויל אַריין, אָנקוועלן פון זיינע מעשׂיות און גאָר פאַרגעסן, אַז דאָס איז ניט זיין אייגענער טאַטע...

און אויך איצט, היינטיקן שבת נאָכמיטאָג, איז אונטערן בוים אויבן אָן געזעסן גרשון מלאך מיט סענדערלען, מיט לייבעלען און נחמנלען. שייעס מיטן פּיצל קינד אויף די הענט איז דאָ אויך געווען. לעבן גרשונען איז אויך געזעסן רב ווידער דער פאַרבער מיט זיין זון ארקע, דעם חתן־בחור, און מיט זיין פרוי קיילע, ווען די שכנים האָבן גערופן דעם פאַרבערס קיילע... דאָ איז אויך געווען נחום דער סטאָליער, אַ יידל, אַ קליינטשיקעס, אַ געשטופּלטס, מיט אַ פּלי־בעוואַטע קעפּעלע און מיט אַ קוויטשיק קולעכל... ער פלעגט אומ־גיין איבער די הויפן, נחום דער סטאָליער, און שרייען אויף זיין קולעכל:

— מעבל, מעבל, מעבל פּאַטשיניאַיעם!...
עס איז דאָ געזעסן לעבן בוים פּיניע דער זייגערמאַכער, אַ ייד

מיט א לאנגער ווייסער באָרד און מיט ברילן, וועלכע ער פלעגט שטענדיק טראָגן ניט אויף דער נאָז, נאָר אויפן שטערן... ער האָט געהאַט א שוואַכקייט, פּיניע דער זייגערמאַכער, צו טויבן. אויפן דאַך איבער זיין דירה איז געשטאַנען א פולער טויבן־שלאַק מיט טויבן און ער פלעגט זיך מערער פאַרנעמען מיט זיינע טויבן, ווי מיט זיין זייגערמאַכעריי... אַלע פאַרטאָג און פאַרנאַכט האָט מען אים געזען אַרומלויפן איבערן הויף גלייך מיט אַלע קליינע חדר־יינגלעך, פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל. נאָכקוקן ווי די טויבן פליען און פייפן און שרייען צו די קינדער:

— פיו!... פיו!... הערשעלע, משהלע, יאַנקעלע; טרייבט, טרייבט!... אָט, זעט, א פרעמדע טויב, א פרעמדע!... פאַר־נאַרט זי, קינדער, פאַרנאַרט זי!

דאָ לעבן בוים איז אויך געווען חיים דער ניקאָלאַיעווער סאָל־דאַט, יענטע דער פישערינס מאַן, א פאַרגרעבטער ייד, א גבור, מיט א צעוואַקסענער רויטער באָרד, מיט גרויסע שוואַרצע שוועריע שטיוול, וועלכע ער האָט געטראָגן זומער און ווינטער... ער איז געווען, חיים, א שומר אינם פישער־מאַרק, א גרויסער שווייגער, אַזאַ שוויי־גער, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט א וועלך קול ער האָט... ער האָט גאַנצע צען יאָר געדינט אַלס סאָלדאַט, דערנאָך חתונה געהאַט פאַר יענטע דער פישערין, ער האָט מיט איר צוויי קינדער געהאַט, א יינגל סיני, וואָס לערנט אין אוניווערסיטעט און שטודירט אויף דאָקטאָר און א מיידל עטל, וואָס אַרבעט ביי א גאָלדשמידט... דער גאַנצער הויף האָט זיך געחידושט אויף אים און יענטען:

— פון וואַנען קומען צו זיי קינדער, אַז ביי נאַכט איז ער א שומר, בייטאָג פאַרקויפט זי פיש. היינט ווען־זשע טרעפן זיך מאַן און ווייב?...

דאָ אונטערן בוים איז אויך געזעסן אויף א גוטן פערסישן קילים די שיינע טשאַרנע, לעבן איר איז געזעסן א שיינער יינגערמאַן מיט א פּאָר שאַרפע ברענענדיקע אויגן, מיט א פּאָר וואָנצעלעך פאַר־דרייטע אויף אַרויף, אָנגעטאָן אין א ווייס זיידן העמדל, אין שוואַרצע טוכענע הויזן און אין ווייסע טופלעס אויף די פיס... דאָס העמדל איז געווען צעבראַסטעט און עס האָט זיך פון אונטער דעם אַרויס־געזען א גאָלדן קייטעלע אויף וועלכן עס איז געהאַנגען פון גאָלד־געשמיד משה רבינוס לוחות, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט געווען גאָטס צען געבאָט און צווישן זיי דער געבאָט „לא תגנב" — זאָלסט ניט גנבענען!... דאָס איז געווען טשאַרנעס מאַן, דער גרויי־

סער אָדעסער גנב, דער צווייטער נאָכן באַוואוסטן מישקע יאָפּאָנ־טשיק, דאָס איז געווען דער „ווזלאָמשטשיק" שעפּע בלאַק... וועגן אים דערציילן זיך אָן די שכנים פון הויף טשיקאַווע מעשיות.

...ווען ביי טשאַרנע איז ליאָוועטשקע געבוירן געוואָרן, האָט שעפּע בלאַק געזוכט אַ שיין וועגעלע פאַרן קינד, נאָר ער האָט אין ערגעץ קיין פּאַסיקס ניט געפונען... איינמאָל אינדערפרי גייט ער אַזוי איבערן בולוואַר און דערזעט, ווי אַ דינסט, אין עלטערע פרוי, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, מיט אַ ווייס שירצעלע, מיט אַ ווייסן טשיפּיק אויפן קאָפּ, פירט אַן אויסערגעוויינלעך שיין וועגעלע, אַ ניקל־ווייס וועגעלע, און אין דעם וועגעלע ליגט אַ קינד... דאָס איז געווען אַ וועגעלע אַן אַנטיק!... איז ער איר נאָכגעגאַנגען דער דינסט, שעפּע אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז די דינסט האָט דאָס וועגעלע אַהיים געפירט. דאָרט אויף דער רייכער רישעליעווסקע־גאַס, לעבן אַ רייכן פּאַלאַץ, האָט די דינסט זיך אָפּגעשטעלט מיטן וועגעלע, אַרויסגענומען פון דאָרט דאָס קינד און עס אַריינגעטראָגן אין פּאַ־לאַץ... און ווען זי איז געגאַנגען צוריק נאָכן וועגעלע, איז דאָס שוין ניט געווען... שעפּע בלאַק האָט דאָס וועגעלע געבראַכט צופירן צו זיין טשאַרנען און מ'האָט אין דעם אויסגעכאָוועט ליאָוועטשקען...

...און איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט איז שעפּע בלאַק אַ היים גע־קומען מיט אַ גוואַלד און אַ געוויין. ער האָט זיך געשלאָגן אין האַרצן און זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין קאָפּ שרייענדיק:

— מיינע פאַרהאָרעוועטע גראָשנס, מיין בלוטיק פאַרמעגן!...

לאָזט זיך אויס אַ סוף, אַז עפּעס אַ נישטיק גנבל האָט אין מאַרק אַרויסגעשלעפּט ביי אים פון קעשענע דעם בייטל מיט געלט... אים האָט אפשר שוין ניט אַזוי געאַרט דאָס געלט, ווי דער בזיון, וואָס ביי אים, ביי אַזאַ גנב, ווי ער, האָט מען גענבעט... שכנים האָבן דאַן שטילערהייט, אַז טשאַרנע זאָל ניט הערן, זיך געווערטלט:

— אַ גנב פון אַ גנב איז פּטור!...

...טשאַרנע האָט ליב זיך שיין צו פּוצן. איינמאָל איז זי מיט איר שעפּען איבער דער דעריבאַסאָווסקע גאַס שפּאַצירן געגאַנגען, גייט דורך אַ דאַמע און טראָגט אין דער האַנט אַ בייטל פון הוילע זילבערנע קייטעלעך. און אַז טשאַרנע דערזעט עפּעס שיינעס ביי יענעם איז זי מקנא... זאָגט זי צו איר מאַן:

— שעפּע לעבן, קויף מיר אויך אַזאַ בייטל פון הוילע זילבערנע קייטעלעך!...

זי גייט באַלד אַ היים. דערנאָך קומט אויך אָן שעפּע. ער דער־

לאנגט איר א בייטל פון הוילע זילבערנע קיטעלעך... און אין בייטל זיינען דאָ עטלעכע אסיגנאציעס און א בילדל פון א פרוי, וואָס זי קען שווערן, טשארנע, אז דאָס איז טאקע יענע פרוי, וואָס האָט דעם בייטל פון די הוילע זילבערנע קיטעלעך געטראָגן...

ארום בוים זיינען נאָך געזעסן עטלעכע פרומע יידן, פּראָסטע בעלי־מלאכות, עטלעכע קליינע הענדלער און גלאַט קבצנים... און צווישן די אַלע איז גרשון מלאך דער גרעסטער קבצן דאָ געווען...

נאָר איצט איז גרשון מלאך דאָ געזעסן ווי א שררה. אויפן גרייזן שווארצן קאָפּ האָט ער געטראָגן א בלוי סאמעטענע יאר־מעלקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פון די זוניקע שטראַלן דורך די בוימער־בלעטער און האָט צו דעם רויט־גרין־ווייסן שיין צוגעמישט א בלוילעכקייט... די אויגן ביי גרשונען זיינען געווען פריילעכע, כאָטש אין דער פריילעכקייט איז א באהאַלטענע שרעק פאר עפּעס אומדערוואַרטעט געווען... ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האנט אין דער הויך, גלייך ווי ער וואָלט איינעם א פליגל זיינעם אויפגעהויבן „אָט־אָט וועט ער פליען..." און מיט א טרויע־ריק שמייכעלע האָט ער געזאָגט:

—רבותי, איך וויל אייך דערציילן וועגן איינעם א יידן, א קבצן אין זיבן פאַלעס, א מלמד יונה, וואָס זיינען דאָ א סך אזוינע, און וועגן זיין ווייב מנוחה, וואָס ברענגט דעם מאַן הצלחה, וועט איר טאקע זען באַשיימפּערלעך, אז בטחון איז א גרויסע זאך און אז גאָט וויל, ווערט אַן אָרימאַן רייך!... והא ראיה, אָט הערט!

עס איז געוואָרן שטיל. און דער פריילעכער קירזשנער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן מיט א ניגון...

17. די מעשה, וואָס גרשון מלאך האָט דערציילט...

...געווען איז אין א קליין שטעטל איינער א ייד א מלמד, האָט ער געהייסן יונה און ער האָט געהאַט א ווייב, האָט זי געהייסן מנוחה... ויהי היום, אין איינעם א שיינעם טאָג איז מנוחה אוועק־געגאַנגען אין א באָד אריין... זי זיצט אזוי אין באָד און וואַשט זיך און קיינער קוקט זיך גאָרניט אום אויף איר... נאָר דאָרט אנטקיגן איר, אויף א באַזונדערער באַנק, זיצט א יידענע און ארום איר דרייט זיך אום די טיקערן און די בעדערין, די שפּרעכערין און די קעכעריך, די שמשטע און די גבאיטע און אפילו די דיינטע דרייט זיך אויך ארום איר!...

— דאָקטערשע, אפשר אייך אָנרייבן די פּלייצע?...
— דאָקטערשע, איך וועל אייך אָפּשניידן די נעגל!...
— דאָקטערשע, נאָט אייך אַ שעפּעלע הייסע וואַסער!...
האָט זי אַ טראַכט געטאָן ביי זיך מנוחה: „הער נאָר אַ מעשה!... זע נאָר וואָס עס טוט זיך אָפּ מיט אַ דאָקטערס אַ ווייב?... אַ מין כבוד, אזא פּאַסאַזש!..." און זי האָט באַשטימט, אַז זי דאַרף אויך ווערן אַ דאָקטערס אַ ווייב...
פון באָד איז מנוחה געקומען אַ צעטראָגענע. און זי האָט צו איר מאַן, יונהן, הייסט עס, געזאָגט בזה הלשון, מיט די ווערטער:
— וואַרף אַוועק דיינע מלמדות און ווער אַ דאָקטער!...
קוקט ער איר אָן, דער מאַן, און טראַכט ביי זיך: „עט, וואָס אַ יידענע בעבעט!..." אָבער מנוחה איז צוגעשטאַנען ניט אויף קיין קאַטאָוועס:
— איך וויל מער ניט זיין קיין מלמדס אַ ווייב. מוזט ווערן אַ דאָקטער!...
אָט אַ קליפּע... ער הויבט אָן טענהן, יונה, צום ווייב:
— סטייטש, מנוחה, אויף אַ דאָקטער שטודירט מען דאָך!... מיינסט אָט אזוי אַ נעמט מען און מען ווערט אַ דאָקטער?...
און זי וויל פון גאָרניט וויסן: — וועסט שוין ביי מיר ווערן אַ דאָקטער!... זאָגט זי.
אויפדערנאַכט, ווען יונה איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט מנוחה ביי אים צוגענומען זיינע קליידער און זיי באַהאַלטן... אויפן בענקל לעבן בעט האָט זי פאַר אים אַוועקגעלייגט זיין ווייסן קיטל, אין וועלכן ער דאַוונט ראש השנה און יום כפור, און זי האָט געזאָגט: — דאָס וועט זיין אַ דאָקטער־כאַלאַט!...

אויפן טיש האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש ריצן־אייל, אַ גלאָז, אַ לעפעלע, אַן אָפּצווייגע, אַ ריינע העפט, טינט און פען, און זי האָט געזאָגט: — דאָס וועט זיין אַ קאַבינעט!...
דערנאָך האָט זי געכאַפּט אַ שערל, אָפּגעשוירן אים די באָרד און פאות און זי האָט געזאָגט: — דאָס וועט זיין אַ דאָקטער!...
אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אַלעם, האָט זי געכאַפּט אַ ווייסן פּאַפּיר, אים אויפגעקלעפּט אויפן לאָקשן־ברעט, און האָט אויפן ווייסן פּאַפּיר מיט שוואַרצע טינט אָנגעשריבן שלשה דברים, פאָלגנדעס:
„דאָ וואוינט יונה דער רופא, וועלכער היילט פון אַלע קראַנק־קייטן" דאָס זעלבע האָט זי אָנגעשריבן אונטער דעם, מיט אַ שורה נידעריקער און פּראָסט־גוייש: „טוט זשיווע יונה ליעקאַר, יאַקי

ליקויע נאַ ווסי כוואַראַבי". און אַז מ'זאָל דאָס איבערפירן צוריק אין יידיש באַקומט עס זיך: „דאָ וואוינט יונה דער רופא, וואָס פרייט זיך אויף אַלע קרענק..."

פאַרטיק געוואָרן מיטן שרייבן, האָט זי די „וויוועסקע" אַרויסגעהאָנגען אין דרויסן, לעבן דער טיר. דערנאָך האָט זי זיך אוועקגעלייגט שלאָפן, גלייך ווי זי וואָלט פון גאָרניט געוואוסט... אויף מאָרגן איינדערפרי, אונזער יונה שטייט אויף, ער וויל ווי זיין שטייגער איז, בעת ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, אַ קראַץ טאָן זיין באָרד און פאות, און ער מאַכט פּלוצלונג אַ גוואַלד:

— ווי איז מיר, די באָרד און פאות איז ניטאָ!...

ער וויל זיך נעמען אָנטאָן, ניטאָ דאָס אָנטאָן... זיין ווייסער קיטל ליגט גאָר אנשטאָט דעם אָנטאָן... ער גיט אַ קוק אויף דער שטוב, אויפגעראַמט, שיין, ריין, יום־טובדיק, און אויפן טיש אָנגעשטעלט „דער רוח ווייס וואָס..." הויבט ער אָן צו שרייען:

— גוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ?!...

קומט אַריין מנוחה און באַרואיקט אים:

— יונה, ביסט שוין מיט גאָטס הילף אַ דאָקטער!...

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז שוין געוואָרן אויס מלמדות... אינם שטעטל האָט מען פון אים געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער... אויף איר, אויף דער קליפּע, אויף מנוחהן, הייסט עס, האָט מען גאָרניט געזאָגט, נאָר אויף אים, אויף יונהן, האָט מען אָנגעהויבן ווייזן, יעדער איינציקער אויף זיך אַליין מיט אַ פינגער אויפן קאָפּ: „נעבעך פון זינען אַראָפּ, יונה!"

און די צייט גייט. דאָס חדר איז צעטריבן. קיין פּרנסה איז ניטאָ. וואָס־זשע טוט אַ ייד אין אַן עת צרה?... ער שטעלט זיך אוועק זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים!... און אונזער יונה האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט אַ צעבראָכן האַרץ ביי דער וואַנט און האָט זיך צעשאָקלט אין אַלע זייטן און האָט זיך צעוויינט און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ ניגון צו זאָגן:

— אי, אי, גאָטעניו... למנצח מזמור לדוד... ביז וואַנען גאָט וועסטו מיר פאַרגעסן אויף אייביק, ביז וואַנען וועסטו באַהאַלטן דיין פּנים פון מיר?!...

און עס איז געשען אַ נס... ויהי היום, טאַקע אין דעם זעלבן טאָג, האָט זיך אומגעקערט פונם טערקישן סולטאַן אַ רוסישער שליח, אַ גענעראַל. ער רייט, דער גענעראַל, אויף אַ ווייסן פערד, אַן אָדלער. ער איילט זיך איבערגעגעבן זיין האַר, דעם קייסער, הייסט עס, אַלץ

דאָס, וואָס ער ווייסט וועגן טערקישן סולטאַן. ער פּאָרט און טראַכט בײַ זיך, ווי אַזוי ער וועט דערציילן דעם קייסער וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געזען בײַם סולטאַן ... און בײַ דעם קייסער, פאַרשטייט איר מיר, איז דאָ אַ טאָכטער, איז זי אַ קראַסאַוויצע שבקראַסאַוויצע ... טראַכט ער, דער גענעראַל, נאָך מערער וועגן דער טאָכטער ווי וועגן זיין שליחות ... ער איז נאָך געווען גאָר אַ יינגער מענש, דער גענעראַל ...

און פּלוצלונג, אַזוי ווי ער פּאָרט רייטנדיק, דער גענעראַל, און טראַכט ווי ער שטייט שוין אינם קייסערס פּאַלאַץ און לייגט אַוועק פאַרן קייסער אַ שיינע דרשה, הויבט אים אָן וויי טאָן אַ צאָן, ממש ער ווערט משוגע ... הכלל, וואָס טוט מען? ... ער קען דאָך ניט קומען פאַרן קייסער מיט צאָן־ווייטאָג! ... און דאָ פּאָרט ער טאַקע דורך דאָס שטעטל וואו אונזער יונה וואוינט ... ער גיט אַ פרעג בײַ מענשן:

— צי ווייסט איר ניט, וואו עס וואוינט אַ דאָקטער? ...

פאַרגלוסט זיך מענשן מאַכן מיטן אָדון אַ שפּאַס און מ׳פירט אים גלייך צו יונהן דעם מלמד ...

— אָט דאָ וואוינט אַ דאָקטער! ...

דער גענעראַל דערזעט פאַר זיך די פיינע אויפשריפט אויפן לאָקשן־ברעט: „טוט זשיווע יונה ליעקאַר יאַקי ליקויע נאַ ווסי כוואַ־ראָבי" — שפּרינגט ער אַראָפּ פון פערד, בינד עס אָן צום בוים, וואָס לעבן שטוב, און אַליין לויפט ער אַריין צום דאָקטער ...

דערזעענענדיק פאַר זיך אַ גענעראַל מיט גאָלדענע עפּאָלעטן, מיט אַ זילבערנער שווערט בײַ דער זייט, איז אונזער יונה געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט, עס האָט אים אָנגעהויבן וואַרפן אַ צאַן אויף אַ צאָן, ווייל ער האָט געמיינט, יונה, אַז ניט אַנדערש ווי מען איז אים נאָך געקומען אַרעסטירן ... האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיין פּלוניתטע:

— זיך דערטאָנצט, מנוחה, האַ? ... וועסט שוין בלייבן אַ וויסטע עגונה! ...

מנוחה האָט אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט און געזאָגט:

— זעסט דען ניט יונה, אַז דער אָדון איז חולה? ...

און והא ראיה, דער גענעראַל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, צעעפנט דאָס מויל און מיט אַ פינגער באַוויזן אויף די ציינער:

— האַ, האַ! ...

— וואָס־זשע טוט מען? — האָט יונה געפרעגט בײַם ווייב.

— יעדער קרענק נעמט זיך פון בויך־ווייטאָג — האָט מנוחה געענטפערט — גיב אים איין ריצין־אייל און ער וועט ווערן געזונט!...

יונה האָט אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז מיט ריצן־אייל און געגעבן דעם גענעראַל אויסטרינקן. יענער האָט באַלד פאַרקרימט דאָס פּנים און עס האָט אים אַזאַ דריי געטאָן די קישקעס אין בויך, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן אָן זיין צאָן־ווייטאָג... ער איז באַלד אַרויס־געלאָפן... אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צוריק אַריינגעקומען. אויפן האַרצן איז אים געווען גרינגער, אין די אויגן ליכטיקער און די ציינער, גלייך ווי זיי וואָלטן אים גאָר קיינמאָל ניט ווי געטאָן... ער האָט אַרויסגענומען, דער גענעראַל, פון קעשענע אַ פולע זשמעניע מיט גאָלדענע רענדעלעך און זיי געגעבן יונהן:

— נאַ!...

הכלל, אהין, אהער, דער גענעראַל האָט זיך צוריק אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און פאָרט ווייטער... ער קומט צו צו דער הויפּט־שטאָט, באַגעגנט ער מענשן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַריאָמערטע, פאַרטרויערטע... פרעגט ער זיי:

— וואָס איז געשען?...

ענטפערט מען אים אָפּ:

— די פּרינצעסין, דעם קייסערס איינציקע טאָכטער, די קראַסאַ־וויצע שבקראַסאַוויצע, איז שטאַרק קראַנק. זי איז געפּרעלעך, זי איז פאַרביי, זי האַלט ביים שטאַרבן!...

גיט ער אַ טרייב זיין פערד און גיט אַ פלי אַריין אין פּאַלאַץ, גלייך צום קייסער... און ער דערזעט, אַז ביים קייסער אין שטוב דרייען זיך אַרום פאַרקלערטע אין טיפע מחשבות די זשעניאַלסטע קונצנמאַכער פון דער מדינה: גלחים און דאָקטוירים, טאָטערן און פּראָפעסאָרן, שטערנזעער און מכשפים, קאָרטן־וואַרפער און זנאַכערס... און צווישן זיי אויפן הויכן טראָן זיצט דער קייסער אַליין און וויינט... גיט ער אַ פאַל, דער גענעראַל, אויף די קני כורעים פאַרן קייסער, און זאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן, מיט די ווערטער:

— אדוני מלך!... אין דעם און דעם שטעטל וואוינט אַזאַ און אַזאַ ייד, אַ דאָקטער, און ער וועט אויסהיילן דיין טאָכטער!...

— גיי שוין, גיי!... — אָט גיב אַ קוק. דאָ דרייען זיך אום די גרעסטע מענשן, די זשעניאַלסטע קונצן־מאַכער פון מיין מדינה און קיינער פון זיי קען מיין טאָכטער ניט אויסהיילן!...

— איך שווער דיר, אדוני מלך! — האָט אויסגעשריגן דער

גענעראַל, — מיין דאָקטער וועט העלפן, ער היילט מיט גאָר נייע מיטלען!...

און ער דערציילט דעם קייסער די גאַנצע מעשה, וואָס מיט אים האָט אין וועג פּאַסירט... רופט זיך אָן צו אים דער קייסער:

— שפּאַן די גאָלדענע קארעטע מיט מיינע פיר בעסטע קארע פערד נאַשפּיץ און ברענג מיר שוין אהער דיין דאָקטער. אָבער פאַר־געדענק. וועט ער געזונט מאַכן מיין טאָכטער, האָסטו זי פאַר אַ ווייב און אים שיט איך אָן אַ פולע יארמעלעקע מיט גאָלדענע רענדלעך און דאָס שטעטל, אין וועלכער ער וואוינט, שענק איך אים אַוועק... נאָר טאָמער ניט, נעם איך אַראָפּ דיר מיט אים צוזאַמען די קעפּ!...

— גוט!... — האָט געענטפערט דער גענעראַל און איז אַרויס פון קייסערס שטוב...

ווען דער גענעראַל איז אַריינגעפאָרן אין שטעטל און איז צוגע־פאָרן צו יונהן האָט ער זיין הויז ניט דערקענט. עס איז געווען שיין אויסגעפּוצט... יונה אַליין איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיינעם שוואַרצן סערדעט מיט אַ צילינדער־הוט אויפן קאָפּ. די יונהבע אין זייד און סאַמעט. הכלל, מיט דער זשמעניע גאָלדענע רענדלעך, וואָס דער גענעראַל האָט יונהן געגעבן, האָט שוין מנוחה געוואוסט וואָס צו טאָן... נאָר איצט דערזעענדיק פאַר זיך ווידער דעם גענעראַל, האָט זיך יונהן אויסגעוויזן, אַז ער האָט אים עפּעס אָנגעמאַכט צרות מיט דעם גלאָז ריצן־אייל, וואָס ער האָט אים דאַן געגעבן, און ער איז אים איצט דערפאַר געקומען אַרעסטירן. נאָר מנוחה האָט דערזען דורכן פענצטער, אַז די קארעטע, אין וועלכער דער גענעראַל איז געקומען, איז אַ גאָלדענע און מיט פיר סוסים, ווי די לייבן, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— שטאַרק זיך, יונה, אין תפיסה פירט מען ניט מיט קיין גאָל־דענע קארעטעס, דאָס איז נאָר, יונה, צום גוטן!...

און כך הוה!... דער גענעראַל האָט דערציילט יונהן אין וואָס דאָ האנדלט זיך, אים געבעטן ניט מאַכן קיין סך שיהות, נעמען מיט זיך זיין דאָקטערישן קלאַפּער־געצייג און טאַקע שוין פאָרן אויסהיילן די פּרינצעסין, דעם קייסערס טאָכטער...

— וואָס טוט מען?... — האָט יונה אַ פאַרצווייפלטער גע־פרעגט ביי מנוחהן.

— בטחון, — האָט זי געזאָגט — יונה, בטחון!... גאָט האָט געהאָלפן איין מאָל און ער וועט העלפן אויך אַ צווייט מאָל... און

פארגעס ניט, אז יעדער קרענק נעמט זיך פון בויך־ווייטאַג. מ'דאַרף א גלאָז ריצן־אייל אָדער א קאַלטן קאָמפּרעס! . . .

און דאָ האָט דער גענעראַל אונטערגעאיילט, אונטערגעטריבן. און וואָס צו נעמען מיט זיך, האָט ער ניט געוואוסט. האָט ער גע־כאַפּט זיין אַלטן סידור, וועלכער איז פּונקט איצט געלעגן אויפן טיש, אים אַריינגעלייגט אין בוזים־קעשענע און איז אוועק מיטן גענעראַל...

געקומען אין קייסערס פּאַלאַץ און דערזען פאַר זיךביים קייסער אין שטוב, ווי עס דרייען זיך אַרום פאַרקלערט אין טיפע מחשבות גלחים און דאָקטוירים, טאַטערן און פּראָפעסאָרן, שטערנזעער און מכשפים, קאַרטן־וואַרפער און זנאַכערס . . . איז ער ביי זיך שטאַרק, שטאַרק געפאַלן געוואָרן „סטייטש, יונה, וואוהין שטופּסטו זיך? . . ." אָבער פאַרפאַלן! . . . ער האָט אודאי געטראַכט ביי זיך יונה: „בעסער געווען בלייבן א ייד אַן אָרימאַן, א מלמד, איידער האָבן אזויפיל גאָלדענע רענדלעך און דורך זיי נאָך צו אַן אומגליק קומען..." נאָר איבערדרייען אויף צוריק דאָס רעדל קען ניט יונה . . . און דאָ קומט צו אים צו דער קייסער אַליין און זאָגט צו אים אזוי:

— מאַכסטו געזונד מיין טאָכטער, וועט זיין גוט, אלא ניט, — וועט זיין שלעכט! . . .

— אי, מנוחה, מנוחה — טראַכט ביי זיך יונה — האָסט מיך געטריבן צו דער תליה . . . אי, וועסטו בלייבן א וויסטע אַלמנה! . . .

נו, מילא, פאַרפאַלן . . . און ער נעמט זיך אָן מיט הארץ, יונה, און ער גיט אזוי שטאָלץ, ווי א געבוירענער דאָקטער, א פרעג:

— וואָס איז מיט אייער טאָכטער, אדוני מלך? . . .

— א מכה! . . . — זאָגט דער קייסער — זי האָט אין האַלז א מכה! . . .

— קלייניקייטן! . . . — זאָגט יונה — עס נעמט זיך אַלץ פון בויך־ווייטאַג. זי וועט אם ירצה השם זיין געזונט . . . פירט מיר צום חולה! . . .

דערהערט אזוינע רייד האָט עס מיט די אַלע גרויסע לייט און קונצן־מאַכער פון דער גאַנצער מדינה א וואַרף געטאָן העכער די הייזער. און זיי האָבן געקוקט מיט שנאה גדולה אויף יונהן, ווען זיי קענען אים דאָ אויפן אָרט צעריסן אויף שטיקער, אָפּקאָכן און אים אויפעסן, וואָלטן זיי עס געטאָן.

אונזער מלמד איז אַריינגעקומען אין דעם אַלקער, וואו די קראַנקע פּרינצעסין ליגט. ער האָט דערזען, אז אין א גאָלדענעם בעט ליגט א שיינהייט, ווי די זון . . . מ'קען אזש אין איר פּנים ניט

אריינקוקן, אזוי איז זי שיין... און זי מוטשעט זיך נעבעך, די קראַסאַוויצע... האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— וואַסער!...

זיינען אריין צוויי שוואַרצע מוידן, שוואַרצע ווי ערד. ער האָט אַזוינע מיאוסקייטן ניט געזען, יונה, אין זיין לעבן. און די שוואַרצע מוידן האָבן אַריינגעטראָגן אַ זילבערנע שיסל מיט קאַלטער, קלאָר־ווייסער וואַסער... האָט ער ווידער אַ געשריי געטאָן:

— אַ האַנטוך!...

האָבן די זעלבע צוויי שוואַרצע מוידן אַריינגעטראָגן אַ האַנטוך, האָט נאָך יונה אַזאַ האַנטוך ניט געזען זינט ער לעבט... ווייס ווי דער טאָג און ווייך ווי פּוטער...

יונה האָט באַלד איינגענעצט דעם האַנטוך אין דער וואַסער און האָט זיך מיט דעם האַנטוך אַ לאָז געטאָן צום גאָלדענעם בעט... און דעם קייסערס טאָכטער, אַז זי האָט פאַר זיך דערזען אַזאַ מאָדנע באַשעפעניש ווי יונה, דערזען ווי ער דרייט זיך מיטן קאָמפּרעס אין די הענט און פּראַוועט העזיות, האָט עס איר אָנגעהויבן צו שטיקן פון געלעכטער... און דאָ איז ער נאָך מיטן נאַסן האַנטוך נאָך נענטער צו איר בעט צו און האָט אָנגעהויבן פּראַוון קונצן, ער האָט זיך געשאָקלט אַהין און צוריק און האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה טראַכטנדיק: „לייגן דעם קאָמפּרעס צום האַלז אָדער צום בויך?"

— דאָס האָט דעם קייסערס טאָכטער אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון די כלים. זי האָט פּלוצלונג אַרויסגעזעצט אַזאַ געלעכטער, אַז די מכה אין האַלז האָט ביי איר געפּלאַצט... יונה האָט איר דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער אויף אויסצושווענקן דאָס מויל... און ער האָט איצט באַשטימט צו לייגן דעם קאָמפּרעס דוקא צום האַלז און ניט צום בויך... דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען צום קייסער אים אָנזאָגן די גוטע בשורה...

— אייער טאָכטער איז, גאָט צו דאַנקן, שוין געזונט!...

דער קייסער מיטן גענעראַל זיינען באַלד אריין צו דער פּרינ־צעסין אין אַלקער און די זשעניאַלסטע קונצן־מאַכער פון דער מדינה האָבן אַרומגערינגלט יונהן און מיט חניפהדיקע שמייכלעך, מיט ציטער און געבויגטע קעפּ, מיט זיסינקע ריידעלעך און מיט לאַנגע ווייכע צינגעלעך האָבן זיי זיך צעפּלאַפּלט:

— קאָליעגי!...

— מאַכט אונז בקי אין אייער חכמות!...

— וואָס פאַר אַ מיטלען ווענדעט איר אָן?...

— א וועלכע מעדיצין ?...

— אָך, גאָספּאָדין דאָקטאָר !...

— לייב־מעדיק !...

— איז דערקלערט אונז טאַקע אייער מעדיצין !...

— אייערע רעצעפּטן !...

האָט יונה אַרויסגענומען דעם סידור פון בוזים־קעשענע און אים צעעפנט פּונקט אויף דער זייט, וואו עס הויבט זיך אָן די תפילה „יקום פּורקן מן שמיא..." און ער האָט א פרעג געטאָן ביי זיינע אומגעבעטענע קאָלעגן:

— אַזאַ מיקסטור ווי „יקום" איז דאָ ביי אייך ?...

— ניין !... — האָבן אַלע געענטפערט.

— און א פּראָשעק „פּורקן" ?...

— ניין !... האָבן אַלע ווידער געענטפערט.

— נו, און אָן אויסערלעכן רעצעפּט, אויף איינצורייבן די ביינער „מן שמיא" ?...

— ניין !... האָבן אַלע א זיפץ געטאָן.

— אָבער א פּראָשעק „חנא" ?...

— יאָ, יאָ!... — האָבן אַלע מיט פרייד אויסגעשריגן — כינע ווייסן מיר !...

— און „וחסדא" ?...

— ניין !... — האָבן אַלע ווידער זיך צעזיפצט — דאָס ניט !...

— זעט איר, — האָט זיי יונה אָנגעהויבן צו דערקלערן זיינע רעצעפּטן—ביי מיר איז א געמיש פון „חנא" מיט „וחסדא" און דאָס העלפט צו אַלץ !... איר אָבער ווייסט נאָר „כינע !"... נו...

און באַלד איז אַרוים דער קייסער מיטן גענעראַל פון דער פּרינצעסינס אַלקער. ער איז צו דער קייסער צו יונהן און האָט אים געגעבן די האַנט:

— ביסט א מאַלאָדיעץ, יונה !...

און ער האָט אים שוין דאָ אויפן אָרט אָנגעשאָטן א פולע יאַר־מעלקע מיט גאָלדענע רענדלעך און דערביי אים געזאָגט:

— איך שענק דיר נאָך אויך דאָס שטעטל, אין וועלכן דו וואוינסט. זיי בעל הבית און פריץ, און זאָלן מענשן זען, וואָס דער קייסער טוט, אז מ'דינט אים געטריי !... אויסערדעם פאַרבעט איך נאָך דיר מיט דיין ווייב צו דער חתונה פון מיין טאָכטער מיט מיין בעסטן גענעראַל. שפּאַן שוין מיינע פיר קאַרע פערד אין מיין גאָל־

דענע קאַרעטע און פֿאַרברענגען דיין ווייב צו מיין שמחה!...

געדערט און געטאָן... אונזער מלמד איז אוועק ברענגען זיין מנוחה אויף דער חתונה, וואָס האָט באַדאַרפט פֿאָרקומען צווישן דער פּרינצעסין מיטן גענעראַל... נאָר ווען ער איז געקומען צופֿאָרן צוריק אינם קייסערלעכן פּאַלאַץ, דערזעט יונה, אַז דאָרט טוט זיך אַן איבערקערעניש: מ'לויפֿט אום צוטומלט, מ'שרייט און עמיצן שלאָגט מען אפֿילו מכות בכורות!... — וואָס איז?... וואָס איז געשען?... און נאָך איידער ער דערוויסט זיך, וואָס דאָ קומט פֿאָר, רופֿט אים דער קייסער אַריין צו זיך און ער דערזעט, יונה, אַז דער קייסער איז געל ווי וואַקס און ער זאָגט צו אים, דער קייסער, מיט די ווערטער, אַזוי צו זאָגן:

— ס'טייטש, רב יונה, פֿאַרוואָס קומט מיר אַזאַ אַבידע, פֿאַר מיין גוט האַרץ?...

קוקט אויף אים יונה און ווייס ניט פֿון וואָס צו זאָגן... און דער קייסער זאָגט ווייטער:

— כ'מיין, אַז דו האָסט פּשוט געוואָלט פֿון מיר מאַכן אַ שפּאַס!...

דאָ האָט זיך שוין דער מלמד דערשראָקן... וואָס פֿאַר אַ מחותן איז ער גאָר מיטן קייסער, וואָס ער וועט גיין און מאַכן מיט אים אַ שפּאַס? ... ניין, דאָ איז עפּעס ניט גלאַט!... און ער האָט אַ פֿאַל געטאָן, יונה, פֿאַרן קייסער כורעים אויף די קני און אויסגעשריגן:

— איך ווייס ניט פֿון וואָס דו רעדסט, אדוני מלך!... איך שווער דיר ביי גאָט, ביי מיין אמונה!... גאָט זאָל מיר נאָך אַזוי העלפֿן, אַז מיין מנוחה זאָל מיר נאָך געבוירן אַ קדיש, ווייל וואָס טויג אונז דאָס גאָלד און רייכטום, אַז מיר האָבן ניט קיין קינדער?... שווער איך דיר טאַטע, קייסער לעבן, ווי איך ווייס ניט, פֿון וואָס דו רעדסט!...

— אַזוי?!... — האָט זיך דער קייסער צעשריען — איך רעד מיט דיר וועגן מיין קרוין, מיין גאָלדענע קרוין, ווער האָט זי געקענט צוגנבענען?...

האָט יונה אָנגעהויבן קושן דעם קייסערס פֿיס, צו וויינען און צו טענהן:

— אוי, אַ בלבול אויף מיר!... דו אַליין, אדוני מלך, האָסט דאָך מיר געהייסן פֿאָרן ברענגען מיין פּלוניתטע צו דיין טאָכטער

אויף דער חתונה, איז וואָס וויס איך, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן פאַר דער צייט?...

און כאָטש דער קייסער האָט גוט געוואוסט, אַז יונה איז ניט שולדיק אין דער גנבה, אָבער די קרוין איז דאָך פאָרט ניטאָ און מיטלען מוז מען אָננעמען... האָט ער אַ פאַרביטערטער צו יונהן געזאָגט:

— די גרעסטע מענשן, די זשעניאַלסטע קונצן־מאַכער פון מיין מדינה, די גלחים און די דאָקטוירים, די טאַטערן און פּראָפעסאָרן, די שטערנזעער און מכשפים, די קאָרטנוואַרפער און זנאַכערס, זיי אַלע זאָגן, אַז נאָר דו ביסט שולדיק, וואָס מיין קרוין האָט פּלוצלונג ניט געסטאַייע!... דו ייד!...

— אַזוי איז די מעשה?... — האָט איצט רב יונה אָן שום וואונדער דעם קייסער אָפּגעענטפערט — איך בין אין דיינע הענט און קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט!...

איז דער קייסער שוין גאָר פון די כלים אַרויס און האָט אַ געשריי געטאָן:

— מיין קרוין זאָל מיר זיין!...

דער קייסער איז אַרויס פון צימער און יונה איז געבליבן איינער אַליין.... איז ער צוגעגאַנגען, יונה, צו דער וואַנט און האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ געוויין, אַז אַ שטיין וואָלט עס גערירט:

— לא אזוז ממקומי!... איך וועל זיך פון דעם אָרט ניט רירן און אַ סוף זאָל דאָס נעמען, און אַן עק זאָל עס נעמען!...

און דאָ דער טאָג שטייט ניט. עס ווערט שוין פאַרנאַכטלעך און יונה שטייט נאָך אַלץ ביי דער וואַנט און וויינט, ווייל וואָס קען ער דען נאָך טאָן?... סוף!.:.. ער איז שוין אַ פאַרפאַלענער... אָפּגעלעבט אַ געמוטשעט לעבן און איצט אַן עק!... האָט ער אָנגעהויבן זאָגן וידוי:

— אשמנו, בגדנו, גזלנו, דברנו, דופי!... וויי, וויי, גאָטעניו, דו ווייסט דאָך גוט, אַז איך האָב די קרוין ניט געגנבעט!... איז הער־זשע אויס מיין ביטער געזאַנג און מיין יאָמער־געוויין!...

און אין פּאַלאַץ איז געוואָרן שטיל. עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט אין דעם קייסערס פּאַלאַץ... און דאָס קול פון יונהן איז געוועזן ווי אַ קול, וואָס האָט פון הימל אַראָפּגעשריגן... און אַלע אינם פּאַלאַץ האָבן זיך דערשראָקן... יעדער איינער האָט אויף זיין שפּראַך, צו זיין גאָט, תפילה אָנגעהויבן צו טאָן... און עס האָט זיך געדוכט, אַז גלעקער קלינגען, עס בלאָזט אַ שופר!... און מערער

פון אַלעמען האָבן זיך דערשראָקן די אמתע גנבים, די וואָס זיינען מקנה געווען דעם יידן, האָבן אַליין צוגעגנבעט די קרוין און אויפן יידן אַ בלבול אויסגעטראַכט — אָט די אַלע זשעניאַלסטע קונצן־מאַכער פון דער מדינה!... זיי האָבן זיך איצט אין אַ פינצטערן אַפּאַרטאַמענט פאַרזאַמלט אויס מורא, אַז דער אמת זאָל ניט אַרויס, ווי בוימל אויף וואַסער...

— ווײ, ווײ, עס איז דאָך גאָטס אַ מענטש, וואָס האָט אונז געטויגט מיט אים זיך צו פאַרפירן!...

— איר הערט דען ניט ווי ער טענהט זיך אויס מיט זיין גאָט?...

— ער ווייסט שוין געווים, אַז די קרוין איז ביי אונז!...

און אינמיטן דער נאַכט, ווען דער זייגער פונם טורעם אינם קייסערס פּאַלאַץ האָט געשלאָגן דריי, האָבן זיך די גלחים און דאָקטוירים, די טאַטערן און פּראָפעסאָרן, די שטערנזעער און מכשפים, די קאָרטנוואָרפער און די זנאַכערס, אויסגעטאָן באָרוועס, מ׳האָט מיט זיך גענומען דעם קייסערס גאָלדענע קרוין און מ׳איז שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינגער, אַריין אין דעם צימער וואו יונה איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און האָט געוויינט... מ׳האָט זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קני און דער עלטסטער פון די אויסוואָורפן, אַן אַלטער גלח מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, ווי אַ בעזים, האָט צו יונהן אונטערגעטראָגן דעם קייסערס קרוין און זיך פאַר אים צעוויינט:

— אָ, גאָטס מענטש, פאַרגיב אונז די זינד, מיר זיינען ניט שולדיק, דער שטן האָט אונז פאַרפירט!...

— גייט אייך, גייט!... — האָט דער מלמד מיט רחמים געזאָגט — אַבי די קרוין איז שוין דאָ!... איך וועל זיך אויף אייך ניט פאַרקלאָגן!...

דעם קייסער האָט רב יונה געזאָגט, אַז אַ מלאך פון הימל האָט די קרוין געליען, כדי זי צו זאָלבן... און דער נאַרישער קייסער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ ריינע מטבע... און ער האָט באַשיינפערלעך געזען, אַז יונה איז טאַקע גאָטס אַ מענטש... און אין דעם זעלבן טאָג האָט מען געפּראַוועט די חתונה צווישן דער פּרינצעסין מיטן גענעראַל. און אויבן אָן, לעבן חתן־כלה, איז געזעסן דער קייסער און אַנטקעגן דעם קייסער לעבן חתן־כלה איז געזעסן יונה מיט זיין ווייב מנוחה... נאָך זיי זיינען געזעסן די מיניסטאָרן מיט די דיפּלאָמאַטן, און אַראָפּ, ביים סאַמע עק טיש, זיינען געזעסן די אַלע זשענים און קונצן־מאַכער פון דער גרויסער מדינה... ס׳איז

געווען אזא חתונה, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. האָניק און ווייַן האָט זיך דאָרט געגאָסן. אַפילו מן פון הימל פאַר יעדן איינעם אין אַ גאָלדענעם טעלערל איז דאָ אוועקגעשטעלט געוואָרן... און דער אַלטער גלח, וואָס מיט דער ווייסער לאַנגער באָרד, ווי אַ בעזים, האָט ניט געקענט פאַרליידן הלמאי אַ ייד זיצט פון אויבן אָן... האָט ער זיך צוגעשאַרט צום קייסער און עובר־בטלדיק זיך פאַר אים אַ קרים געטאָן:

— אָ, קייסער, דו טוסט אַ גרויסע זינד, האָסט אַ ייד צו דיין טיש צוגעלאָזט. עס וועט זיין שלעכט... קיין גוטע יידן זיינען דאָך ניטאָ אויף דער וועלט... זיי האָבן דאָך אונזער גאָט פאַרפייניקט!...

און דער קייסער האָט דעם אַלטן גלח פיינט געהאַט, נאָר פאַר זיינע נביאות זיך געשראָקן... און ער האָט געכאַפּט דער קייסער אַ פליג אין דער האַנט און ביי זיך געטראַכט: „טרעפט יונה וואָס איך האָב איצט אין דער האַנט, איז אַ סימן, אַז ער איז טאַקע אַ גאָטס מענטש, מ׳דאַרף פאַר אים ניט מורא האָבן, פאַרקערט אַזאַ מענטש איז גאָר נוצלעך אין דער מדינה... נאָר טאָמער טרעפט ער ניט, האָט ווייזט אויס, דער גלח רעכט!..."

יונה האָט פונקט דאַן גערעדט מיט איינעם אַ דיפּלאָמאַט און ביי אים אויסגעפרעגט, צו אין זיין לאַנד זיינען אויך דאָ יידן... און אפשר וואָלט געווען אַ יושר, אַז יידן זאָלן צוריק באַקומען זייער לאַנד און ניט זיין מער קיין אָנגעוואָרפענע ביי יענעם... ער האָט ניט געזען, יונה, ווי דער קייסער האָט געכאַפּט אַ פליג אין האַנט, און פאַר אים איז געווען אומדערוואַרטעט דעם קייסערס פּלוצלונגדיקע פראַגע:

— קענסט טרעפן, יונה, וואָס איך האָב אין דער האַנט?...

יונה האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פּלוניתטע, אויף מנוחהן, הייסט עס, ווי איינער רעדט „ אַ נייע צרה, אַ?" און ער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן:

— עך, מנוחה, מנוחה!...

דעם קייסער האָט זיך געדוכט, אַז יונה זאָגט: „מוכע, מוכע!..." און מוכע איז דאָך אַ פליג, הייסט עס, אַז יונה האָט געטראָפן. האָט ער אַרויסגעלאָזט, דער קייסער, די פליג פון דער האַנט און צו יונהן געזאָגט:

— אָט אַזאַ ייד, ווי דו, האָב איך ליב. מאָלאָדיעץ!...

און דער אַלטער גלח איז אוועק פונם קייסער פאַרשעמט. זיין לאַנגע ווייסע באָרד איז אַזש פון בושה שוואַרץ געוואָרן... און די

שמחה איז אוועק ווייטער מיט גרויס פֿאַראַד און פֿרייד... עס איז געווען ווי אין פּסוק שטייט: אור ליהודים, לעבעדיק און פֿריילעך!... און איך, גרשון דער קירזשנער, בין אויך אויף דער חתונה געווען. איך האָב דאָרט אַלץ געהערט און געזען. איך האָב דאָרט געגעסן, געטרונקען גלייך מיטן קייסער... אויב איר ווילט, גלויבט מיר, אַלאַ ניט — איז ניין!... איך וועל זיך שוין מיין שטעטל אַזוי אויך באַשטיין!..

* * *

די זון איז פֿאַרגאַנגען. מ'האָט ניט באַמערקט, ווי עס ווערט טונקלער דער אַרום. די מענטשן אַרום בוים זיינען געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דער וואונדער־שיינער, אויסטערלישער מעשה, וואָס דער פֿרייי־לעכער קירזשנער, גרשון מלאך, האָט דערציילט... דעם העל־ווייסן טאָג האָט פֿאַרביטן אַ בלוי־העלע נאַכט. פֿון הימל צום בוים אַראָפּ האָט מיט נייגיר געקוקט אַ ווייסע לבנה מיט אַ פּנים פֿון אַן אַלטן ייד, עפּעס אַ לץ אָן אַ באָרד... ס'האָט אַ פֿינקל געטאָן אַן ערשטער שטערן, דערנאָך אַ צווייטער און באַלד אַ דריטער... די ערשטע האָט זיך אַ כאַפּט געטאָן שייוועס מיטן פּיצל שלאָפֿנדיקן קינד אויף די הענט:

— ווי איז מיר. ס'איז דאָך שוין נאַכט!...

און זי האָט אָנגעהויבן גיך, גיך צו זאָגן:

— גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און יעקב!...

אַלע ווייבער אויף איר קוקנדיק האָבן אויך אָנגעהויבן זאָגן. עס האָט זיך באַלד אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט רב וויגדער דער פֿאַר־בער און נאָך אים די איבעריקע שכנים... גרשון און סענדערל זיינען נאָך געבליבן אויף זייערע ערטער און האָבן וועגן עפּעס גע־קלערט... און פּלוצלונג האָט גרשון זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, ווי פֿון אַ שלאָף, זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין הארצן און שטילערהייט אויף גיך, אויף גיך, אָנגעהויבן דאַווענען...

— אַ גוטע וואָך!... האָט שייוועס געזאָגט.

— אַ גוטע וואָך!... — האָט סענדערל ווי אַ גרויסער מיט אַ זיפֿץ געזאָגט.

— אַ גוטע וואָך!... — האָט שעפּע בלאַק געזאָגט צו גרשונען. מאַכט מיר, רב גרשון, אַ פֿיינעם קאַרטוז, פֿון אַ בלוי שטיק געוואַנט, מיט אַ געדעקטן דאַשעק, אַ מאַסקווער קאַרטוז!... איר האָט מיך

פארשטאנען ?... — ער האט ארויסגענומען א פינף רובלדיק פאַ־פירל און עס דערלאנגט גרשונען — א „פאטשין" אויף דער פולער וואך. ביי מיר איז א גרינגע האנט, א מזלדיקע. פון מיין האנט, אז מ'נעמט, ווערט פרנסה!...

— זאל גאט העלפן! — האט גרשון אפגעענטפערט — מארגן וועט איר האבן אייער היטל פארטיק. ווי זאגט מען דאס: אז מען צאלט געלט, איז ווערט געלט!...

אלע זיינען זיך צעגאנגען אין זייערע שטיבער. מ'האט אפגע־געסן וועטשערע. און מ'האט זיך געלייגט שלאפן... נאר סענדערל איז נאך איינער אליין געבליבן ביים בוים. ער האט באקלערט די וועלט... ער האט אזוי לאנג געקלערט, ביז עס האט זיך דערהערט שייוועס קול:

— סענדערל, סענדערל, קום שלאפן!...

18. יידישע יום טובים און דער סקאנדאל מיט א גלח...

ווינגדער דעם פארבערס יינגל, ארקע דער חתן־בחור, איז נאך אלץ ניט געפארן אנקוקן זיין כלה און סענדערל האט ניט געהאט מיט וועמען מיטצופארן. זיין פארן צום זיידן איז געווארן אפגעלייגט נאך אויף א צייט... סענדערל איז אפילו איצט צופרידן געוועזן פון דעם. אים האט זיך גראד איצט געמאכט א פארדינסטל און ער האט זיך געקענט פאר אייגן געלט פיין אויסקליידן אויפן ווינטער, זיך קויפן א פאר פיינע נייע שיך מיט א וואטאוון פאלטאכל...

ס'איז געוועזן ערב ראש השנה, פאר די ימים טובים!... חיים אויפלעגער, דער דירישאר, וואס פירט אן מיטן כאר אין טעפליצקער שול, האט זיך עפעס צעקריגט מיט זיינע בעלי בתים, די גבאים און ער האט זיי איבערגעלאזט אין מיטן דערינען אן משוררים צו יום־טוב. ער איז אריבער פאר א בעסערן פרייז צו די שקארבניקעס אין שול און דארט צונויפגעקלאפט א ניי כאר. צווישן די נייע משוררים־לעך האט ער אויך פאררעכנט סענדערלן און זיין בעסטן חבר וועלוועלע אקסמאן.

ער איז געקומען חיים אויפלעגער צו גרשונען דעם קירזשנער באשטעלן ביי אים נייע פעסעס פאר זיינע זינגער־לעך און האט דער־זען סענדערלן, האט ער פריילעך א פינטל געטאן מיט דער בעלמע

פון זיין לינקן אויג און האָט מיט זיין הייזעריק קול אויסגעשריגן:

— ס'איז אייער ייִנגל? ... און איך האָב גאָרניט געוואוסט!...

איך זוך דאָך אים אום ווי מיט ליכט... ס'אַ קולכל ביי אים, אַזאַ יאָר אויף אונז ביידע!... ס'אַן אַלט ביי אים! אַן אַלט שבאַלט!... ביי מיר וועט ער זינגען סאָלאָ!... צען קאַרבן פאַר די ימים־טובים האָט ער ביי מיר!... גוט?...

גרשון מלאך האָט איצט אָנגעקוואָלן פון סענדערלן. כאָטש ס'איז ניט זיין אייגן קינד, נאָר ער האָט אים ליב, ווי אַן אייגנס... יאָ, ס'איז אַ וואויל קינד... ער שפּילט אויף פידל, זינגט פון נאָטן, לייענט ביכלעך און אַלץ אַליין, אַליין מיט זיין אייגענעם שכל דער־גאַנגען... און ער האָט זיך אָנגעהויבן דינגען, גרשון מלאך.

— ניין, פופצן רובל!...

— נו, גיב איך אייך צוועלף! — האָט חיים אויפלעגער געזאָגט און דערלאַנגט גרשונען די האַנט.

שייוועס האָט זיך אַריינגעמישט:

— נאָר מיט אַ תנאי, גרשון, אַז דאָס געלט נעמען מיר ביים קינד ניט צו. ער דאַרף אַ פּאָר שטיוועלעך, אַ מאַנטל אויף ווינטער...

— יאָ, יאָ!... — האָט גרשון פריילעך אויסגעשריגן — ער איז שוין אַ גרויסער, ער מעג זיך שוין אַליין פאַרדינען!...

די פּראָבעס זיינען פאָרגעקומען צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד, אונטן אין קעלער, אונטערן ארון קודש ביי די שקראַבניקעס אין שול. אַלע פאַרנאַכט האָבן זיך אהער צונויפגעזאַמלט די משוררים מיטן דירי־זשאָר חיים אויפלעגער און מיטן חזן לייזער־קלמן באַרסקי, אַ שיין אײדל געצערטלטער ייד, מיט אַ שוואַרץ פירעקיג אַרומגעשווירענער באָרד, אינגאַנצן ענלעך אויף דאָקטערהערצל, וועמענס בילד מ'זעט אויף די יידישע קאַלענדאַרן... ער האָט געהאַט זייער אַ פיינע שטימע, דער חזן באַרסקי, אַ לירישן טענאָר, און ער איז בכלל געווען אַ גוטער דאַוונער... גאַנץ מאַלדאַוואַנקע איז געגאַנגען כאַדאָראָם מיט דעם חזן. אין יעדער אָרימער שטוב פלעגט מען ריידן וועגן אים מיט גרוים ליבע. יעדער אָרימער ייד פלעגט זיך נאָרגלען און אים נאָכמאַכן, נאָכזינגען זיין „יהי רצון...״

— אונזער באַרסקי!...

— אַי, אַ חזן!...

— אוי, איז דאָס צוקער־זיס!...

— אוי, אַז ער גיט אַ זאָג „יהי רצון מלפניך!...״ אוי, איז דאָס צוקער־זיס!...

— א גאָלדענער מענש!...

ער איז געגאַנגען זייער אנשטענדיק אָנגעטאָן דער חזן, און סענדערל האָט געמיינט, אז ער איז א גרויסער גביר... נאָר איינמאָל, ווען די פראָבע איז פאָרגעקומען ביים חזן אין שטוב, ערגעץ אויף א פאַרוואָרפענער גאַס פון דער מאַלדאָוואַנקע, אין א שטוב פון צוויי אָרימע צימערן מיט א פינצטערער קיך, האָט עס סענדערלן שטאַרק־שטאַרק פאַרדראָסן און ווײ־געטאָן: — סטייטש, אַזאַ חזן, אַזוי שיין ווי ער זינגט און ער איז גאָר אַן אָרימאַן!...

אין דעם קעלער אונטערן ארון קודש פון דער שקראַבניקעס שול איז געשטאַנען א פּוסהאַרמאָניע, ביי וועלכער עס איז געזעסן דער דיריזשאָר חיים אויפלעגער. פון ביידע זייטן פּוסהאַרמאָניע זיינען געשטאַנען טישן און בענק, אַרום וועלכע עס זיינען די משור־רים געזעסן: דער באַס עלי פּאַפּיראָסניק, א הויכער בייזער ייד מיט א גרויסן קאָפּ האָר, מיט גרויע וואָנצן, נאָר א סימן פון א באָרד. קיין באָרד האָט דער אַלטער באַס ניט געקענט טראָגן, ווייל אויסער דעם, וואָס ער איז געווען א משורר אין שול, איז ער נאָך געווען א כאָריסט אין שטאָט־אָפּערע. דאָס האָט אים נאָך אַלץ ניט געגעבן קיין פרנסה און ער האָט געמוזט מאַכן פּאַפּיראָסן... — לעבן באַס איז געזעסן דער באַריטאָן מיכל ראַכמאַנסקי, א יונג א גבור; הויך, דיק, ברייטפּלייציק, און א געמבע האָט ער געהאַט, אַז ער האָט גע־געבן א רעווע, האָבן די שויבן זיך צעטאַנצט אין די פענצטער. ער האָט אויך געזונגען אין כאָר פון עפּעס א טעאַטער... — אַנט־קעגן באַריטאָן איז געזעסן פאַבריקאַנט, זייער א טרוקענער טענאָר... — לעבן אים איז געזעסן משה טאָקאַריעוו. ער האָט געהאַט א שיין דראַמאַטישן טענאָר, נאָר אַליין איז ער געווען א יונגערמאַן א שלי־מזל: לאַנג און דאַר, מיט א ציגן שוואַרצן בערדל און מיט קינדע־רישע אויגן... — ווייטער זיינען געזעסן אַכט יינגלעך, אַלטן און סאָפּראַנען, צווישן זיי אויך סענדערל און וועלוועלע. דער חזן איז געשטאַנען לעבן דער פּוסהאַרמאָניע.

חיים אויפלעגער האָט אָנגעהויבן שפּילן און דערנאָך א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דאָס כאָר האָט א קנאַק געטאָן: „ונתנה תוקף קדושת היום!..״

ער וואָלט געזעסן סענדערל אַזוי א גאַנצן טאָג מיט א גאַנצער נאַכט און וואָלט געזונגען. אָבער אַלע האָבן זיי זיך עפּעס געאיילט. אַז מ׳האָט באַדאַרפט בלייבן אַן איבעריקע האַלבע שעה, האָט מען זיך געאַמפּערט מיטן חזן און מיטן דיריזשאָר... און ער האָט זיי

ניט פאַרשטאַנען, סענדערל, אַז די „טרוקענע" מענשן, וואָס ווילן ניט בלייבן נאָך אַ ביסל אויף די רעפּעטיציעס, כדי בעסער איינ־זינגען די תפילות... ער האָט אויף זיי געהאַט אַ גרויסן פאַרדרוס... נאָר ווען דער באַס עלי פּאַפּיראָסניק האָט זיך איינמאָל צעשריגן:

— מיר לעבן ניט פון אייך!...

איז אים קלאָר געוואָרן, סענדערלען, אַז דאָס געזאַנג און דאָס שפּילן, אויב מ'קען פון דעם ניט לעבן, גיט עס נאָר אַ האַלבן פאַרגעניגן...

דעם יום־טוב האָט גרשון מלאך און שייווע געדאַונט ביי די שקראַבניקעס אין שול. זיי האָבן אָנגעקוואָלן און זיך געגרויסט קוקנדיק אויף סענדערלען, ווי ער שטייט עס אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער ריאַסע מיט אַ ווייס טליתל אויף די אַקסלען און מיט אַ שוואַרץ־סאַמעטענער פּעסע אויפן קאָפּ... די ימים נוראים זיינען דאָס מאָל אַדורך שנעל, שיין און פריילעך... אפילו דאַן ווען יידן האָבן געוויינט ביים דאַוונען, האָט סענדערל געהאַט אַ פול האַרץ מיט פרייד... און יום כפור, ווען ער האָט צוזאַמען מיט אַלעמען געפאַסט, האָט ער דעם טענית ניט געפילט, נאָר פאַרקערט, עפּעס אַ מין זאַטקייט, אַ זאַטקייט פון אַ שיין פריילעך לעבן, פאַר וועלכן עס איז כדאי אַ טאָג ניט צו עסן!...

און דערנאָך איז דער ווינטער אויך געווען אַ נשקשהדיקער... אין שטוב איז געווען וואַרים. קאַרטאָפלעס איז געווען אָנגעגרייט אויף אַ גאַנצן ווינטער, און אים, סענדערלען, איז געווען גוט, אַזוי גוט אין זיינע טיירע שטיוועלעך און אין דעם וואַטאָוון פאַלטאַכל...

און דער ווינטער איז אויך גיך אַריבער און עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער ערב פּסח, מיט דעם כשרן און רייבן, וואַשן און ראַמען... קיינער האָט זיך דאַן אויף סענדערלען ניט אומגעקוקט... ער איז געגאַנגען אין חדר, פון חדר צום חבר צו זיינעם, צו וועלוועלע אָקסמאַן. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשפּילט צו זאַט אויפן פידל. דער־נאָך איז ער אַ היים געקומען, אָפּגעגעסן און האָט זיך גענומען לייענען אַ ביכל וועגן בעל־שם־טוב און וועגן אליהו הנביא... קיין אַנדערע ביכער אויסער די האָבן זיך אין שטוב איצט ניט געפונען...

און אָט איז געקומען פּסח צום ערשטן סדר. אין שטוב איז אויפגעראַמט. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ נייעם ווייסן טיש־טוך. אויפן טיש ברענען ליכט אין זעקס קליינע מעשענע לייכטער. דער זיבעטער לייכטער איז אַ גרויסער, אַ זילבערנער. ער שטייט אינמיטן צווישן די זעקס קליינע, מעשענע... אַלע קינדער זיינע

אַנגעטאָן אין ציצעגע קאָסטיומלעך. גרשון מלאך זיצט אויבן אָן אויף א גרויסן ווייסן קישן, אויפן העסבעט. ער איז אָנגעטאָן אין א נייעם, ווייסן קיטל. זיינע אויגן שיינען איצט פריילעך, מ׳זעט אין זיי ניט די צעשטרייטקייט... ער איז היינט א גאַנצער קייסער, רב גרשון מלאך, טאַקע אַן אמתער, באַפרייטער מענש, וואָס פילט זיך אליין ווי א קייסער... און שייוועו, די קליינע, שיינע מאַמע פון דעם געזינדל, די מאַמע, וואָס איז א גרויסע בריה, זי, שייוועו, איז היינט א מלכה. זי האָט אָנגעטאָן איר חתונה־קלייד און זי שיינט אין דעם אַזוי ווי אַמאָל, אין איר שטעטל אַכרימאָווע...

סענדערל מיט גרשונען זאָגן אויף א קול די הגדה. מ׳זינגט אַזוי הויך און שיין, אַז די שכנים פון הויף לויפן זיך אָן, שטייען אונטער די פענצטער און קוקן... די קינדער שטייען ניט אָפּ, זיי זינגען אויך אונטער. דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע לייבעלע, דאָס רויט־פּנימדיקע נחמנלע און אַפילו דאָס מיידעלע מלכהלע פּלעפּט אויך מיטן צינגעלע און זאָגט אויך די הגדה... און דער ניגון קנאַקט. די זיבן ליכט ברענען. און דעם קירזשנערס געזינדל זאָגט און זינגט:

— עבדים היינו לפרעה במצרים!...

— קנעכט זיינען מיר געווען ביי פּרעהן אין מצרים!...

עס זיינען געלעגן אויפן טיש מצות. די כוסות זיינען געשטאַנען פולע מיט וויין. עס איז געוואָרן שטיל, גאָר שטיל... גרשון מלאך האָט אליין אָנגעהויבן זאָגן מיט א ציטער אין קול:

— שפוך חמתך על הגויים!...

סענדערל האָט אויפגעעפנט די טיר פאַר אליהו הנביא און ער איז באַלד צוריק געלאָפן מיט אַן אויסגעשריי:

— מאַמע, מאַמע!...

— וואָס איז, וואָס איז געשען?!... האָט שייוועו אים אַרומגענומען — וואָס איז מיט דיר, מיין קינד?!...

סענדערל האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן, ער האָט געציטערט און מורא געהאַט צו קוקן אויף דער טיר... ער האָט מיט שרעק אויסגערעדט:

— עפּעס א ייד, מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד, מיט א שטעקן אין האַנט, דאָרט ביי דער טיר!...

דער גאַנצער פּסח איז שוין געווען ביי סענדערלען א פאַרשטערטער. ער האָט פאַר עפּעס מורא באַקומען. אויף דער טיר פון שטוב האָט ער מער ניט געקוקט... די מעשה־ביכלעך פונם בעל־שם־טוב און אליהו הנביא האָט ער אָפּגעגעבן דער מאַמען און איר געזאָגט:

— באהאלט זיי, אז איך זאָל זיי ניט זען מער!...

און נאָך פּסח איז געשען מיט סענדערלן אַ גרויסער סקאַנדאַל...

ס'איז געווען פרילינג אינדרויסן. עס איז געווען שווער צו זיצן אין חדר. די זון האָט אַריינגעקוקט אין די פענצטער מיט אירע שמייכלדיקע שטראַלן און גערופן צו זיך אויף דער גאַס... ס'האָט זיך שטאַרק געוואָלט שטיפן... מ'האָט קוים דערלעבט, מ'זאָל זיך אַרויסרייסן פון חדר, און מ'איז אַראָפּ פון די טרעפּ מיט אַ פּייפעריי און זינגעריי... סענדערל, וועלוועלע, טוביהלע, משהלע און נאָך יינגלעך האָבן זיך געלאָזט מיט אַ געלעכטער און ליאַרם איבער דער גאַס. און דאָ איז זיי פּלוצלונג אָנגעקומען אַנטקעגן אַ גלח, אַ גרויסער גלח מיט אַ לאַנגער שוואַרצער ריאַסע... די חדר־יינגלעך, כאָטש זיי האָבן זיך ניט צונויפגערעדט צווישן זיך, האָבן דאָך אַלע, ווי איינער, אויסגעשריגן:

— אַ גלח!...

און גלייך, ווי דאָס וואָלט געווען אָפּגעמאַכט צווישן זיך פון פריער, האָבן זיי אַלע צו דריי מאָל אויסגעשפּיגן:

— טפו, טפו, טפו!...

דער גלח האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט אָנגעשטעלט אויף די קינדער אַ פּאָר בייזע אויגן. דערנאָך איז ער זיך געגאַנגען ווייטער זיין וועג... און די חדר־יינגלעך האָבן אויסגעזעצט אַ געלעכטער. און מער פון אַלעמען האָט סענדערל געלאַכט. ער האָט אונטערגערעדט די קינדער:

— שפּייט, שפּייט אויף אים, אויפן גלח, נאָך אַ מאָל, אָט זעט אַזוי אָ — טפו, טפו, טפו!...

דער גלח האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ מיט דער לאַנגער טשופּרינע און האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף סענדערלן. דערנאָך האָט ער ווידער פאָרגעזעצט זיין גאַנג... האָט זיך שוין וועלוועלע אַקסמאַן אויך אַרויסגעשטעלט:

— פּחדנים וואָס איר זייט!... אויף אַ גלח שפּייען איז אַ מצוה!...

— מיר האָבן דאָך שוין געשפּיגן דריי מאָל - האָט טוביהלע געזאָגט.

— דריי מאָל?!... — האָט זיך סענדערל צעשריגן — דו, טוביהלע פּעמפּיק, דו האָסט דאָך אַפילו קיין איין מאָל ניט אויסגעשפּיגן אויפן גלח, האָסט מורא!...

— איך האָב מורא?...

— ווארען, איך?...
— יאָ, יאָ, דו האָסט מורא!...
— אַך דו, פּעמפּיק איינער, נאַ זע: טפו, טפו, טפו!...
און אַלע קינדער, קוקנדיק אויף סענדערלען, האָבן ווידער זיך צעשפּיגן:
— טפו, טפו, טפו!...
דער גלח האָט זיך געגעבן אַ שאַרפן קער אויף צוריק. די קינדער האָבן זיך דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן. דער גלח האָט זיי אָנגעהויבן נאָכלויפן... די קינדער זיינען צוריק אַריין אין הויף, זיינען אַרויף אויף די טרעפּ און דער גלח נאָך זיי... דער „אדוני המורה" באַלאַקירסקע האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דאָס חדר, ווען ער האָט פאַר זיך דערזען אַריינלויפן ניט טויט, ניט לעבעדיק, אַלע זיינע קינדער, און יעדער איינציק קינד זוכט זיך ערגעץ צו באַהאַלטן...

— וואָס איז געשען? — האָט באַלאַקירסקע אויסגעשריגן.
נאָר דאָ איז אַריין דער גלח און האָט זיך מיט אַ פּאָר געזונטע פויסטן געלאָזן אויף אים:
— דאָס לערנט איר אַזוי די קינדער?... זשידאָוווסקאַיאַ שקאָלאַ!... זעט, די גאַנצע ריאַסע האָבן זיי מיר באַשפּיגן!...
— ווער? — האָט צעמישט און צעטומלט אויסגעשריגן באַלאַקירסקע.
— זיי אַלע! — האָט דער גלח אַ וויַיז געטאָן מיט דער האַנט אויף די איבערגעשראָקענע קינדער. ער האָט באַמערקט סענדערלען און וועלוועלען און האָט אָנגעהויבן צו ריטשן און כאָרכלען — אָט דער און דער!... אין קייטן זיי, אין סיביר!... זיי האָבן אָנגעהויבן!...
אַ פאַרצאָרנטער איז דער „אדוני המורה" צו סענדערלען צו, דערנאָך צו וועלוועלען און האָט זיי אָנגעהויבן שלאָגן אָן שום רחמנות. איבער די באַקן און איבער די קעפּ. דערנאָך האָט ער געכאַפּט זיין שטעקן און אָנגעהויבן צו שלאָגן איבער די פּלייצעס:
— נאַט אייך, נאַט!...
— איר וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענט מאָל ניט באַשפּייען קיין מענטשן!... און צום סוף האָט ער זיי אַרויסגעטריבן:

— וואָן פון דאַנען!... איך זאָל אייך דאָ מערער ניט זען!...

אָבער דער גלח האָט זיך ניט באַרואיקט. ער האָט אָנגעגעבן אין געריכט און מ׳האָט דאָס חדר אויף אַ חודש פאַרמאַכט...

גרשון מלאך האָט דוקא איצט סענדערלן ניט געשלאָגן. ער האָט אויף אים א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ער איז שוין אַ גרויסער. עלף יאָר אַ בחורל. גענוג שוין צו לערנען. זאָל ער מיר העלפן אין דער אַרבעט...

נאָר העלפן גרשונען אין דער אַרבעט איז ניט געווען וואָס... ס'האָט זיך פאַראויסגעזען אַ שלעכטער זומער און ס'איז ניט געווען וואָס צו טאָן. גרשון מלאך איז אַליין אַרומגעגאַנגען מיט פאַרלייגטע הענט און האָט געזוכט אַ שטאַך אַרבעט... איז טאַקע סענדערל דעם זומער אומגעגאַנגען פוסט און פאַס איבער די אָדעסער גאַסן...

גאַנץ פרי, ווי אַזוי סענדערל איז נאָר אויפגעשטאַנען, אַזוי איז ער געלאָפן צו זיין חבר, וועלוועלן. נאָכדעם ווי מ'האָט עפּעס איבער־געכאַפּט און צוזאַמען געשפּילט אויפן פידל, צוזאַמען צוגעגרייט די לעקציעס צום עקזאַמען אין קאָנסערוואַטאָריע, וואוהין וועלוועלע האָט זיך געגרייט אָנקומען, האָט מען זיך גענומען פאַר די הענט און מ'איז אַוועק איבער די אָדעסער גאַסן...

19. פוסט און פאַס איבער די אָדעסער גאַסן...

אויף פינף טיילן טיילט זיך די האַפן־שטאָט. יעדער טייל האָט זיך איר באַזונדער שיינקייט, איר באַזונדער חן, באַזונדערע מענטשן און אפילו באַזונדערע מנהגים... אויסער די פינף טיילן פון שטאָט זיינען נאָך דאָ פאַרשידענע פאַרשטעט מיט גערטנער און סעדער און מיט רחבותדיקע פעלדער, ווילעס און פאָנטאַנען, מיט בולוואַרן, פאַרקן און פליאַזשן...

אין שטאָט גופא, אויף אַזוינע גאַסן, ווי דעריבאַסאָווסקע, רישע־ליעווסקע, פּרעאָבראַזשענסקע, פּושקינסקע און יעקאַטערינאָווסקע, וואוינען גרויסע גבירים, פאַבריקאַנטן, קליטניקעס און באַנקירן... און ריידן, ריידן די אַלע אויף ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, איטאַל־יעניש, גריכיש, טערקיש, רוסיש און יידיש... און פאַרשטיין, פאַר־שטייט מען זיך גאַנץ גוט... אין דער גרויסער בירזשע אינם אָריענ־טאַלישן סטיל, וואָס אויף דער פּושקין־גאַס, געפינען די אַלע מענטשן איין שפּראַך...

אויף דער מאָלדאָוואַנקע, אויף אַזוינע גאַסן, ווי מאַלאַראַסיסקע, באַלגאַרסקע, דלוכוי, פּראַכאַראָווסקע, קאַסטעצקע און שפּיטאַל־גאַס וואוינען גרויסע קבצנים, בעלי מלאכות, אַרבעטער, קליין־הענדלער,

בעטלער, פּראָסטיטוטקעס, פורמאַנעס און גנבים... און ריידן, ריידן די אַלע צום מייסטנס נאָר יידיש... אַפילו די ניט־יידן, וואָס וואוי־נען אויף דער מאַלדאָוואַנקע, פאַרשטייען אויך יידיש...

אויפן פּערעסיפּ, דאָ געפינען זיך די גרעסטע טייל פאַבריקן, זאַוואָדן, מילן, און שיף־בוי ווארשטאַטן... אין באַראַקעס און אין קליינע הייזלעך לעבט דאָ דער אָדעסער פּראָלעטאַריאַט. דאָ הערשן צוויי שפּראַכן, רוסיש און יידיש. בעת אַ שטרייק, אַ באָיקאָט, אַן אויפשטאַנד, ריידן די רוסישע און יידישע אַרבעטער מיט דער איינ־ציקער שפּראַך פון זייער גערעכטיקייט, מיט דער בלוט־רויטער פאָן...

אויף דער דאָלניצקע געפינען זיך די דזשוט־פאַבריקן, די אייזנ־באַן־ווארשטאַטן און די ניי־אויסגעבויטע כעמישע זאַוואָדן. אויף די נאַסן וואוינען מערסטנס רוסישע אַרבעטער, אַ ביסל אוקראַינער און יידן...

די סלאָבאָדקע איז אַ מין געמיש פון שטאָט און דאָרף דאָ שטייען גרויסע פיר־און פינף־שטאָקיגע הייזער און צווישן זיי קליינע פּויערישע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער, לאָנקעס, צעאַקערטע און פאַרזייטע ערד... דאָ איז אויך דאָ אַ גלאָז־פאַבריק, אַ פּאַפּיר־פאַבריק און אַ צוקער־זאַוואָד... עס לעבן דאָ רוסן, יידן, פּאָליאַקן, דייטשן און אוקראַינער... דאָ געפינט זיך אויך דער באַרימטער משוגעים־הויז. האָט זיך עמיצער פון די מענטשן אויסגעוויינט דעם פאַרשטאַנד, אָדער פאַרפּלאָנטערט דעם שכל אין זיין לעבנס־גאַנג — איז אויף דער סלאָבאָדקע אינעם משוגעים־הויז שטענדיק פאַר אים אַן אָרט פאַראַן... יאָ, דאָ געפינט זיך נאָך אויך דאָס גרויסע יידישע בית עולם...

יעדער טייל פון שטאָט האָט פאַר די צוויי חברים פאַרגעשטעלט אַ באַזונדערן אינטערעס, זיי האָבן עפּעס דאָ געלערנט...

אָט זיינען סענדערל און וועלוועלע אינעם צענטער־שטאָט. זיי זעען די שיינע מויערן, די גרויסע פּאַלאַצן און מענטשן אָנגעטאָן אין זייד און אין סאַמעט און געפּוצט אין גאָלד, זילבער און בריליאַנטן... צופרידענע, גליקלעכע, זאַטע מענטשן... און סענדערל גיט אַ זיפץ:

— אָט דאָס הייסט לעבן!...

— איך וועל ענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע — זאָגט וועלוועלע — וועל איך ווערן אַ גרויסער פידלער און וועל אויך אַזוי לעבן!...

— דו?...— ענטפערט סענדערל — דו, יאָ!... אָבער די איבעריקע...

— וואָס די איבעריקע?...

— איך וואָלט געוואָלט, אַז די איבעריקע מענטשן זאָלן אויך אַזוי גוט לעבן!...

די מאָלדאָוואַנקע מיט די אָרימע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע מענטשן, מיט די קויטיקע גאַסן און שמוציקע, חרבע הייזער, הויפן און שטיבער, איז שוין די קינדער גוט באַקאַנט. סענדערל זאָגט:

— אַ רוח אין זייער טאַטן, די גבירים!... זיי האָט דאָך סיי ווי סיי געקאָסט געלט בויען די הייזער, האָבן זיי ניט געקענט בויען אַזוינע שיינע, ווי אין שטאָט?...

— אַ שיין הויז קאָסט טייערער צו בויען — זאָגט וועלוועלע.

— נו, איז וואָס?... זיי האָבן דען קאַרג געלט, די גבירים?...

— פאַר אַ שיינע וואוינונג וועט מען דאָך דאַרפן צאָלן מערער דירה־געלט און אַ קבצן האָט ניט פון וואַנען צו צאָלן — ענטפערט וועלוועלע.

— איך פאַרשטיי!... — זאָגט סענדערל — אַ קבצן האָט אַפילו ניט וואָס צו עסן, ליגט אים שוין די שיינע דירה ניט אין זינען!... — און ער גיט אַ זיפץ — אַך, געלט, געלט... וואו נעמט מען געלט?...

— ווער עס פאַרדינט, ווער עס בעטלט און ווער עס גנבעט!...

— און דו, ווי אַזוי וועסטו קריגן געלט, וועלוועלע?...

— איך וועל פאַרדינען!...

— און איך ווייס גאָרניט ווי אַזוי...

אין פּערעסיפּ און אויף דער דאַלניצקע האָבן זיי זיך אומגעדרייט צווישן די מילן, פאַבריקן, זאַוואָדן און זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די מאַשינען, צום געקלאַנג פון די שווערע האַמערס איבער די קאָוואַדלעס... דאָ האָט אַלץ געברויזט מיט שווערער ערלעכער אַרבעט, מיט גבורה און קראַפט... אַ פייף פון אַ זאַוואָד־הודאָק האָט אַ שנייד געטאָן די לופט, אים האָבן אָפּגעענטפערט צענדליקער ענלעכע פייפן מיט קוויטש און כאָרכל פון הודאָקן און סירענעס... ס'האָבן זיך צעעפנט טויערן און עס זײַנען אַרויס פאַרשוויצטע, פאַר־שטויבטע, פאַרמאַטערטע און געזונטע, פריילעכע, ערנסטע אַרבעטער מיט בערד און אָן בערד, מיט שוואַרצע און בלויע, גלאַנציקע, פאַר־שמאָלצעוועטע און פאַרשטויבטע אַנצוגן... די פייפן דויערן. דער עולם וואַקסט. מ'גייט און מ'גייט... פּלוצלונג צעפלאַטערט זיך איבער די מענטשנס קעפּ אַ פאָן, אַ רויטע פאָן... אויפן פּלאַץ לעבן קלויסטער פון פּערעסיפּ בלייבן די אַרבעטער שטיין... איינער רעדט

עפּעס, מאַכט האַסטיק מיט די הענט... דערנאָך רעדט אַ צוויי־טער... מ׳שרייט:

— הורא, הורא!...

און באַלד פאָרן אָן קאָזאַקן אויף שוואַרצע פערד. אין די הענט האַלטן זיי נאַהאַיקעס. זיי טרייבן זייערע פערד גלייך אויף די מענטשן, אויפן המון. זיי שלאָגן מיט די נאַהאַיקעס איבער די קעפּ... עס ווערט אַ געלויף...

סענדערל און וועלוועלע לויפן אויך אַוועק. מ׳באַהאַלט זיך ער־געץ אין אַ הויף, אונטער אַ טויער... עס טראָגט זיך אַ געזאַנג. אַ געשריי. אַ לויפעריי. עס הערט זיך אַ טופּן פון פערד... דערנאָך ווערט שטיל. די גאַסן זיינען ליידיק... סענדערל מיט וועלוועלען גייען אַ היים...

— וועלוועלע — פרעגט סענדערלן — דו ווייסט, פאַרוואָס די קאָזאַקן האָבן די אַרבעטער געשלאָגן?...

— איך ווייס!...

— פאַר וואָס?...

— ווייל זיי ווילן לעבן אַזוי ווי די רייכע!...

— איז דאָך גוט!...

— ניין!

— פאַרוואָס?

— ווער־זשע וועט דאַן אַרבעטן, אַז אַלע וועלן זיין רייך?...

— ווער?... יעדער איינער וועט פאַר זיך אַליין אַרבעטן!...

— ניין. אַזוי טויג ניט.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר...

זייער אָפט פלעגט סענדערל מיט וועלוועלן גיין אין יידישן טעאַטער. קיין געלט האָט זיי דאָס טעאַטער ניט געקאָסט. זיי האָבן געפאָלגט אַן אַרטיסט אַ גאַנג און דערפאַר האָבן זיי שוין אָן געלט געזען טעאַטער... זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט טעאַטער, סענדערל און וועלוועלע, און ווען מ׳לאָזט זיי, וואָלטן זיי דאָרטן גענעכטיקט... זיי האָבן די לעצטע צייט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם אַרטיסט קאָריק, וואָס האָט געשפּילט דעם גבור בר־כוכבא, וועגן אַרטיסט שבתאי, וואָס האָט פאַרגעשטעלט די באָבע יאַכנע און וועגן די אַרטיסטין יעווינא, וועלכע האָט געשפּילט שולמית... זיי האָבן אָנגעהויבן איבערצוזינגען די טעאַטער־לידלעך פון דער „בישוף־

מאכערין", „צוויי קוני לעמלעך" און „שולמית"... אפילו די ברי־דערלעך סענדערלס האָבן שוין איצט אים נאָכגעזונגען:

— אַ טענצעלע, אַ טענצעלע, די באָבע יאַכנע גייט אַ טענ־צעלע!...

אין קינאָ, צי ווי מ'פלעגט רופן אין אילוזיאָן, פלעגט סענ־דערל מיט וועלוועלן אויך זייער אָפט גיין... אַמאָל פלעגט מען קויפן אַ בילעט און אַמאָל האָט מען זיך אַזוי אומזיסט, צוזאַמען מיט אַ גרויסן עולם, אַריינגעכאַפּט...

און איינמאָל, ווען סענדערל איז געקומען צו וועלוועלן, האָט אים יענער געזאָגט:

— מיר וואָלטן געדאַרפט גיין אַמאָל אין דער אָפּערע!...

— אַהין וועט מען אונז ניט אַריינלאָזן.

— פאַר אונזערע געלט...

— דער קלענסטער בילעט קאָסט דאָך אַ רובל?...

— דאַרפן מיר צוויי רובל?...

— יאָ!...

— גוט. עס וועט זיין צוויי רובל — האָט וועלוועלע געזאָגט.

— אין אַזאַ אַ הילך און נאָך באָרוועס דערצו, וועט מען אונז אַהין ניט אַריינלאָזן! — האָט סענדערל געענטפערט.

— נשקשה, סענדערל. שבת וועלן מיר זיך אויספּוצן און גיין!...

— נו, און געלט?...

— עס וועט זיין!... הער אויס. איך נעם מיין פידל און מיר גייען ביידע אַוועק אין שטאָט איבער די הויפן. איך וועל שפּילן און דו וועסט זינגען...

— און ווער וועט בעטלען?...

— מיר וועלן ביידע בעטלען!...

סענדערל האָט אויסגעזעצט אַ געלעכטער:

— שענקט אַ יתומל אַ נדבה!... אַ לעבעדיקן יתומל!...

וועלוועלע האָט פרייליך מיטגעלאַכט:

— שענקט צוויי יתומימלעך אַ נדבה!... האָט רחמנות!...

מ'איז אַוועק אין שטאָט אויף איינע פון די רייכסטע גאַסן. ס'איז געווען אַ שיינער, אַ זוניקער, אַן אָדעסער אָנהויב זומער־טאָג... מ'איז אַריין אין אַ רייכן הויף. די פענצטער פון די שיינע דירות זיינען געווען צעפּראַלט. אויף די באַלקאָנען זיינען געשטאַנען בלומען־טעפּ מיט רויטע, בלויע און געלע רויזן... און גאָלדענע שטייגעלעך זיינען ווייסע און רויטע קאַנאַריקלעך געווען, גאָלדענע זינג־פויגעלעך,

סאָלאָוויטשיקעס און פּילקאָליריקע פּאַפּוגייען, וואָס האָבן זיך אויף א מענשלעך קול נאָכגעקרימט יעדן נײַ־אַרײַנגעקומענעם אין הויף... און ווי אַזוי סענדערל מיט וועלוועלן זײַנען נאָר אַרײַנגעקומען אין הויף, האָט איינער, אַ שוואַרץ־געלבלעכער פּאַפּוגיי, באַלד אויסגע-שריגן :

— וואָט, וואָט מוזיקאַנטי פּרישלי!...

און ביי די פענצטער און אויף די באַלקאָנען זײַנען שוין גע־שטאַנען נײַגיריקע מענשן און באַטראַכט די אַרײַנגעקומענע... וועל־וועלע האָט אָנגעהויבן שפּילן. זײַן פידל האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך צעוויינט... סענדערל האָט אָנגעהויבן זינגען :

...אוי ליבע מענשן, אַז גאָט זאָל אײַך בענשן,
יתומימלעך שטייען פאַר אײַך...
שענקט אַ נדבה, ליבינקע מענשן,
זייט גליקלעך, געזונט און רײַך!...

ס'האָבן זיי אַרומגערינגלט זייער פיל שיין אָנגעטאָענע קינדער, גימנאַזיסטן, סטודענטן, פרײַליינס און סתם רײַכע לײַט... ס'האָט זיך געשאָטן צו זייערע פיס מעש און זילבער, פינפער קאָפּיקעס, צענערס און אפילו האַלבע רובלען... זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג... וועלוועלע האָט געשפּילט עפּעס אַ מין פּאָפּורי פון פאַרשידענע מעלאָדיעס און סענדערל האָט דאָ אויף אָן אָרט צוגע־טראַכט ווערטער, אימפּראָוויזירט עפּעס אַ מין שלל מיט גראַמען אינם טאַקט פון דער מעלאָדיע... און דער עולם איז געוואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער... עס האָבן זיך שוין באַוויזן אין די פענצטער און אויף די באַלקאָנען סאָלידע מענשן, מענער מיט גרויסע בײַכער און גאָלדענע קייטן אויף די ווייסע וועסטלעך, עלטערע פרויען מיט שיינע פריזורן און מיט בריליאַנטן אין די אויערן... מ'האָט אַראָפּ־געוואָרפן געלט פאַר די צוויי „יתומים־מוזיקאַנטן" און זיי, די נײַ־געבוירענע בעטלער זײַנען פאַרכאַפּט געוועזן מיט דער קונסט פון אימפּראָוויזירטער שאַפונג און האָבן פאַרגעסן אינם תוך, צוליב וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט איבער די הויפן... סענדערל האָט פּלוצ־לונג אויפגעהערט זינגען. ער האָט זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פונם פידל און עס האָט זיך אים אַזוי פאַרוואָלט פאַר די מענשן אויך אַ שפּיל טאָן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף וועלוועלן מיט אַזאַ געבעט, מיט אַזוינע מקנא־זײַנעדיקע פײַערלעך און ער האָט געזאָגט :

— וועלוועלע, גיב מיר אויך אַ ביסל שפּילן!...

האָט אים וועלוועלע געגעבן דעם פידל און ער, סענדערל, האָט

געשפּילט דעם ניגון פון תהילים. ער האָט אים עפּעס פאַרפיינערט, מאָדערניזירט, אָבער אַן עכט יידישער, אָריענטאַלישע פרייד און טרויער איז אין דעם ניגון פאַרבליבן... ער האָט זיך דערמאָנט, סענדערל, ווי אַזוי די מאַמע זיינע איז געגאַנגען שוואַנגער צו קינד און ער מיטן טאַטן, מיט דעם פריילעכן קירזשנער, דעם קבצן, זיינען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, זיך געשאָקלט, געוויינט און געזאָגט:

„— לדוד מזמור ליהוה הארץ ומלואה תבל ויושבי בה!

און אין דעם מיטן זאָגן האָט זיך אַ קינד צעוויינט... די באָבע איז אַריין מיט אַ גוטער בשורה:

— מזל טוב אייך, מיט אַ טאָכטער!..."

און דער עולם איז געוואַקסן... געלט איז געפאַלן פון די פענצטער און באַלקאָנען און סענדערל האָט געשפּילט און געשפּילט... וועלוועלע איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער. ער האָט ניט געזונגען. ער האָט באַטראַכט זיין חבר און געפילט, אַז ער סענדערל, זיין שילער, שטייגט אים אַריבער, ער שפּילט אַ סך, אַ סך בעסער פון אים...

און פּלוצלונג האָט זיך אין עולם דערהערט אַ כליפּע, אַ געבראָכענער געוויין פון אַן עלטערן, צעבראָכענעם מענטשן... וועלוועלע האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם וויינענדיקן און איז דערשטוינט געוואָרן... צווישן עולם איז געשטאַנען דער גוט־האַרציקער לערער, דער „אדוני המורה" מיט די גוטע קינדערישע אויגן, באַלאַקירסקע... זיין גוט הארץ האָט ניט אויסגעהאַלטן... דאָס האָט ער די בעסטע, די טאַלאַנטפולסטע קינדער פון זיין חדר צעשלאָגן, אַרויסגעטריבן און צו אַזאַ צושטאַנד דערפירט... ער, ער אַליין איז שולדיק אין דעם... וועלוועלע האָט אַ כאַפּ געטאָן סענדערלן פאַר דער האַנט און האָט אויסגעשריגן:

— זע, דער „אדוני המורה"!...

סענדערל האָט אויפגעהערט צו שפּילן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם וויינענדיקן מענטשן...

— באַלאַקירסקע!...

און ביידע קינדער זיינען אַרויסגעלאָפן פונעם הויף פאַרשעמטע, גלייך ווי זיי וואָלטן עפּעס אַ מיאוס שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן. מ'האָט אַפילו קיין איין מטבע פון דער ערד ניט אויפגעהויבן...

און פאַרנאַכט, ווען סענדערל איז אַ היים געקומען, האָט אים אין שטוב דערוואַרט אַ סופּריז. אַרקע, דער חתן־בחור, ווינגדער דעם פאַרבערגם יינגל, איז דאָרט געזעסן און האָט באַוויזן אַ טעלעגראַמע: די כלה זיינע רופט אים אַרויס צו זיך... זי וויל זיך מיט אים

אַנקוקן, די כלה זיינע... אויב שייוע וויל, וועט ער מיטנעמען מיט זיך סענדערלן. ער פאַרט סיי ווי סיי דורך די סטאַנציע כריס־טינאָווקע...

האָט שייוע ווידער אַמאָל איבערגעפרעגט סענדערלן:

— האָסטו זיך אפשר איבערגעלייגט, מיין קינד, וועסט שוין אפשר ניט פאָרן צום זיידן?...

— איך וויל פאָרן, מאַמע, — האָט סענדערל געענטפערט — איך וויל אַוועקפאָרן פון דאַנען!...

גרשון האָט געשוויגן. ער האָט נאָר געטראַכט: ער דרייט זיך סיי ווי סיי אַרום פוסט און פּאַס, איז זאָל ער פאָרן...

20. ווידער אין אָבּרימאָווע

דער צוג איז געגאַנגען פּאַראַויס און וואָס ווייטער דער צוג איז אַוועק פון אָדעס, אַלץ מערער איז דער שטענדיק באַריידעוודיקער חתן־בחור אַרקע, ווינגדער דעם פאַרבעבערס זון, געוואָרן אומעטיק און איינגעשלאָסן אין זיך... ער איז געלעגן אַרקע אויף דער אויבער־שטער פּאָליצע פון וואַגאָן און האָט געשוויגן... מ'איז געפאָרן מיטן דריטן קלאַס. סענדערל איז געזעסן אונטן אויף אַ באַנק, געקוקט דורך די פענצטער אויף די ביימער, פעלדער, טעלעגראַף־סלופּעס און כאַטעס, וואָס טראָגן זיך דורך פאַרביי רעם צוג, און ער איז אפילו געווען צופרידן, וואָס אַרקע רעדט מיט אים ניט, פרעגט ביי אים גאָרניט... נאָר אָט איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן פון אויבן, פון דער פּאָליצע. אַרקע האָט זיך פּלוצלונג צו סענדערלן געווענדעט:

— הויב אויף. ס'איז מיין בילד, סענדערל, אַראָפּגעפאַלן...

סענדערל האָט אויפגעהויבן דאָס בילד, פון וועלכן עס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן אַ מיידלש פּנים מיט אַ חנעוודיקן שמייכעלע. ער האָט דערלאַנגט דאָס בילד אַרקען און דערזען, אַז יענער קוקט אויף עטלעכע ענלעכע בילדער... און אַרקע האָט, ווייזט אויס, מערער שווייגן ניט געקענט. ער האָט געזאָגט:

— ס'איז מיין כלה!...

— אַ שיינע!... — האָט סענדערל געזאָגט.

—כ'ווייס?... האָט אַרקע אָפּגעענטפערט און איז צוריק אַנטשוויגן געוואָרן...

און סענדערל האָט דווקא געוואָלט טרעפן, פאַרוואָס אַרקע

שוויַיגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַרטראַכט און פאַרטרוימט...

— געוויס — האָט סענדערל געקלערט — געוויס איז שווער צו קענען אַ כלה נאָר פון בילדער... און אפשר איז זי גאָר אַזאַ לאַנגע אַזש ביז צו דער סטעליע?... צי אפשר איז זי אַזאַ קליינע, אַז זי קען גאָר אונטערן טיש אַרומשפּאַנען?... וואָס איז?... פון אַ בילד קען מען דען וויסן די הויך פון אַ מענטשן?... די מאַמע האָט דאָך דערציילט, אַז דער שידוך איז דורך אַ שדכן. זיי האָבן זיך נאָך ביז איצט ניט געזען, חתן־כלה, נאָר זיי האָבן זיך ליב באַקומען, ווייל זיי שרייבן זיך שוין אַ גאַנץ יאָר איבער מיט ליבע־בריוועלעך...

און אַזוי פּלוצלונג אומדערוואַרטעט איז דער צוג צו צו איינעם אַ רויט־ציגלדיקן איינשטאָקיקן מויער, ביי וועלכן עס איז געהאָנגען אַ גרויסער מעשענער גלאָק. דער צוג האָט אַ שווערן קרעכץ און זיפץ געטאָן און איז געבליבן שטיין.

— סטאַנציע כריסטינאָווקע!... — האָט דער קאָנדוקטאָר געמאָלדן.

סענדערל האָט געכאַפּט זיין קלימיקל און איז אַרויס פון וואַגאָן. אַרקע האָט אים אַרויסגעפירט אויף יענער זייט סטאַנציע, צוגעגאַנגען מיט אים צו איינעם פון די בעלי־עגלות מיט פורלעך און בוידן, וואָס זייַנען דאָ געשטאַנען און געפרעגט:

— אויף אָכרימאָווע אַ פורל איז דאָ?...

— אויף אָכרימאָווע?... — האָט איבערגעפרעגט אַ ייד מיט אַ פאַרפראָשעטער פון שטויב און שטרוי שוואַרצער באָרד — איך פאָר קיין אָכרימאָווע. קריכט אין וואָגן, אַ קערבל פון אַ פאַרשוין!...

— נעמט דאָס ייִנגל! — האָט אַרקע אָנגעוויזן אויף סענדערלען — איך וואַרט דאָ אויף אַ צווייטן פּאַיעזד, וואָס גייט קיין אומאַן!...

— אַזוי?... — האָט זיך פאַרחידושט דער בעל־עגלה — פאָרט ער אַליין?... נו, שנעל קריך אין וואָגן. איך וואַרט אויף נאָך אַ פּאָר פּאַסאַזשירן און מיר פאָרן!...

סענדערל איז אַרויף אויפן וואָגן. אַרקע האָט זיך מיט אים געזעגנט און איז אַוועק צו דער סטאַנציע וואַרטן אויף אַ צווייטן צוג, וואָס גייט קיין אומאַן. דער בעל־עגלה האָט אַ קוק געטאָן אויף סענערדלען און האָט אַ ברום געטאָן:

— האָסט געהערט?... אַ רובל קאָסט ביז אָכרימאָווע!... צי אפשר דאַרפסטו ווייטער?... ווייז אַהער דאָס מינץ!... יאָ,

איז צו וועמען זשע פאָרסטו דאָס קיין אָכרימאָווע?... עפּעס קען איך דיך גאָרניט!...

סענדערל האָט אים דערלאַנגט אַ רובל און געזאָגט:

— איך פאָר צום זיידן, צו רב ישראל קראַוועץ!...

— ישראל קראַוועץ איז דיין זיידע?... — האָט זיך פאַר־חידושט דער בעל עגלה — כ׳לעבן, איך קען גאָרניט אַזאַ!... דו זאָג מיר נאָר, יינגעלע, ווי אַזוי רופט מען אים אין אָכרימאָווע?... ביי אונז האָט יעדער ייד אַ צונאָמען!...

— ישראל פּאָפּערעק רופט מען אים!..

— ישראל פּאָפּאָרעק?... האָט זיך דער בעל־עגלה ווידער פאַרחידושט — ביסטו הייסטו עס, ישראל פּאָפּערעקס אַן אייניקל?... פון וואַנען זשע קומסטו?...

— פון אָדעס!...

— פון אָדעס?... — דער בעל־עגלה האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט איין האַנט איבער שטערן — אוי וויי איז מיר, ביסטו אפשר שייוועס אַ קינד, סענדערל?...

— יאָ. איך בין שייוועס אַ קינד, סענדערל!...

— איז נאַ זשע דיר שלום עליכם!... איך בין דיינער אַ פעטער, דיין מומע מלכהס מאַן... אָ, וועסטו זיין אַ גאַסט, אַ גרויסער גאַסט, אַזש פון אָדעס!?... אהאַ!...

— דער בעל עגלה האָט אַ שמיים געטאָן די פערדלעך און דער וואָגן האָט סענדערלן אַ טראָג געטאָן איבער אַ ברייטן טראַקט...

סענדערל איז געווען אַ גרויסער גאַסט ביים זיידן, ביי דער באָבען, ביי די פּילצאָליקע פעטערס און מומעס, ביי די אָן אַ שיעור שוועסטער־קינדערלעך — מיידעלעך און יינגעלעך — ביי די פיל קרובים און ביי אַלע יידן פון ווייטן, קליינעם, פון אַלעמען פארגע־סענעם שטעטל אָכרימאָווע...

דער זיידע האָט געקושט דאָס אייניקל, עס באַטראַכט מיט זיינע נאַיווע, טרערנדיקע אויגן, געשאָקלט מיט דער ווייסער באָרד, וואָס איז נאָך אַלץ געווען צעטיילט אויף צוויי זייטן, מיט צוויי שפּיצן אויף רעכטס און אויף לינקס. און ער האָט זיך ניט געקענט בארואיקן, דער זיידע:

— וואָ, וואָסזשע האָט די מאַמע ניט געשריבן, אַז דו פאָרסט? ס, קיין טעלעגראַמע ניט געקענט געבן?... מ׳וואָלט דאָך דיך אַרויסגעפאָרן אַנטקעיגן מיט אַ פאַעטאָן!... דאַנקן גאָט, מיר זיינען בעלי בתים, מיר האָבן מיט וואָס אַרויסצופאָרן אַנטקעיגן, האָבן

מיר!... גוט וואָס מענדעלע, דיין פּעטער מענדל איז פּונקט לעבן באַן געווען, האָט ער דיר גענומען, און פאַרשפּאָרט אַ רובל!... מיין ניט, אַז ער איז אַ בעל עגלה, מענדעלע, דער פּעטער מענדל דיינער!... ס'איז נאָר אַזוי, אַז ער איז צוליב געשעפט ביי דער סטאַנציע, נעמט ער אויך אַ פאַרשווין מיט זיך... ס'אויף דיין מזל איז ער ביי דער סטאַנציע געווען!...

יאָ, דער זיידע, כאָטש ער איז שוין געווען אַלט, איז ער נאָך געווען אַ געזונטער ייד, מיט אַ שיינער באָרד, ער איז געגאַנגען גלייך, אָן אַ שטעקן און ווען פון די אויגן וואָלטן אים פון מאָל צו מאָל ניט גערונען קיין טרערן, ווען ער זאָל זיך אויך ניט פאַרהיקן פון צייט צו צייט, וואָלט ער גאָרניט אויסגעזען קיין אַלטער...

סענדערלן איז דער זיידע שטאַרק געפעלן געוואָרן...

די באבע איז געווען אַן ערנסטע, אַ שטאָלצע יידענע. די האָר פון אונטער אַ געקווייטעלטער פויערישער פאַטשיילע זיינען גרויע און ניט ווייסע, ווי ביי אַנדערע אַלטע יידענעס... זי איז זייער אַ ציכטיקע, די באבע. זי טראָגט אַ ווייס שירצעלע איבער אַ בלוי קליידל... מ'האָט געקענט מיינען, אַז זי איז אַ בעסניצע. ס'איז אָבער געווען אַ טעות... מ'האָט זיך נאָר באַדאַרפט צו איר צוגעוואוינען, צו דער באבען...

— אַלטער פּאַפּערעק! — האָט די באבע אויפן זיידן געשריגן — זע נאָר ווי ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צום קינד. לאָז אים נאָר גיין עסן!... קום, סענדערל, עסן!...

יאָ, ער זעט שוין, סענדערל, אַז דאָס עסן אין דער שטוב איז די הויפּט־זאַך!... מ'וועט אים דאָ פאַרמאַטערן מיטן עסן. אינדערפרי — עסן. ביינאַג — עסן. פאַרנאַכט עסן. אַ גאַנצן טאָג נאָר מען עסט!...

אין אָכרימאָווע האָבן יידן גערעדט:

— אַ ניי פּאַפּערעקל איז אַראָפּגעקומען!...

— אַזש פון אָדעס, אַ פּאַפּערעקל!...

— מזל טוב, יידן, די משפחה פּאַפּערעקס וואַקסט!...

פרייטאָג ביינאַג איז דער זיידע אַוועק מיט סענדערלן אין באָד. נאַקעטע יידן מיט שעפּעלעך הייסע וואַסער אין די הענט האָבן זיך געשטויסן אַרום זיידנס באַנק, באַטראַכט סענדערלן פון קאָפּ ביז די פיס און געוואָלט וויסן עפּעס נייעס:

— פרייט אייך מיט אייער גאַסט, רב ישראל!...

און צו סענדערלן האָבן זיך געצויגן נאַקעטע הענט:

— שלום עליכם!...

דער זיידע האָט אָנגעקוועלט. און פּלוצלונג האָט ער זיך ביי סענדערלען אַ בעט געטאָן:

— רעד מיט זיי רוסיש. וואָס מיינען זיי, אַז נאָר די כאַראַלס, די בערגעלסאָנס און די וויינערס קינדער ריידן מאָסקוויטיש?... זאָלן זיי צעזעצט ווערן פאַר ווייטאָג!... באַוויז, סענדערל, אַז דו ביסט אַ גרויס־שטאָטישער!...

און סענדערל האָט צוליב געטאָן דעם זיידן. אויף יעדער „שלום עליכם" האָט ער געענטפערט מיט אַ „זדראַסטוואויטע, בודיעם זנאַקאָמי!..."

— ווי אַזוי לעבט זיך עפּעס אין אָדעס? — האָבן יידן געפרעגט.

— ניטשעוואָ סעבע, אָטשען כאַראָשאָ!... — האָט סענדערל געענטפערט און געזען, ווי דער זיידע טייעט פון אים אָן.

— וואָס מאַכט די מאַמע, דער טאַטע?

— ספּאַסיבאַ, זשיוווט קאַק באָג וו'אָדעסע!...

— מאַלטשיק!... — האָט איינער אַ ייד אַ זאָג געטאָן און ניט געוואוסט, ווי אַזוי ווייטער צו ריידן, ווייל מער פון דעם איינעם וואָרט האָט ער אין רוסיש ניט געוואוסט — מאַלטשיק!...

— וו'טשיאָם דיעלאָ?... — האָט סענדערל אַ פרעג געטאָן שטאָלץ.

אַלע יידן האָבן אויסגעזעצט אַ געלעכטער, זיך געגאָסן מיט די שעפּעלעך וואַסער און געדרייט מיט די נאָסע בערד:

— אָט ייִנגל!...

— נו, נו, אָדעס איז ניט אָכרימאָווע!...

און דער זיידע האָט געזאָגט צו די נאָקעטע יידן:

— מיינט איר, אַז ער קען קיין יידיש ניט, האַ, האָט איר אַ טעות!... מיינס אַן אייניקל דאַרף קענען רוסיש און יידיש, מיינס אַן אייניקל איז ניט קיין כאַכאָל, ניט בערגעלסאָנס און ניט וויינערס, וואָס קען קיין יידיש וואָרט ניט... איך בין אַ פּראָסטער בעל בית, אַ ייד!...

איינגיכן האָט זיך געטראָפן אַזאַ מעשה, וואָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל אויפגערודערט...

סענדערל איז אַרויס אויף דער גאַס שפּאַצירן און איז פאַרגאַנגען אַזש ביז צום פּאַלאַץ וואו דער פריץ פונם שטעטל וואוינט. צום אַלטן פריץ איז גראָד איצט אַן אייניקל, אַ גימנאַזיסטל, אויף די זומער־וואַקאַציעס אַראָפּגעקומען. דאָס איז געווען אַ שייגעצל

מיט אַ קורנאָסע נעזל, אַנגעטאָן איז ער געווען אין אַ ווייסן מונדיר מיט גרויסע, ווייסע זילבערנע קנעפּ. סאַוועקע האָט מען דאָס קליינע פּריצל גערופן. האָט זיך דער סאַוועקע אומגעדרייט איינער אַליין איבער דעם גרויסן גאָרטן פון פּאַלאַץ און זיך געלאַנגווייליקט... ער האָט אַ פּאָר מאָל פּאַרפּירט אויף דער גאַס אַ געשפּרעך מיט די שטעטלדיקע יינגלעך, נאָר יענע האָבן אים ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך פאַר אים דערשראָקן און אַנטלאָפן... און דאָ קומט גאָר צו עפּעס אַ יינגל, קוקט אַריין אין גאָרטן און זעט עפּעס אויס ניט ווי אַלע היגע יינגלעך... סאַוועקע האָט אויף טשיקאַווע אַ פרעג געטאָן ביי אים:

— טשטאָ, נראַוויטסיאַ טיעבע זדיעס?...

— דאַ. קראַסיוואַ או וואַס!... — האָט סענדערל געענטפערט.

— אַ טי ניע זדיעשני? — האָט סאַוועקע זיך דערפרייט.

— יאָ אָדעסיט! — האָט סענדערל שטאָלץ געענטפערט — ק׳רדרושקע וו׳גאָסטי פּריעכאַל!...

— וואַט קאַק! — האָט סאַוועקע אויסגעשריגן פאַרחידושט — זאַכאָדי!...

סענדערל איז אַריין אין גאָרטן. שטעטלדיקע יידן זייַנען פאַרביי־געגאַנגען דעם פּאַלאַץ און דאָס באַמערקט און האָבן דערנאָך איבערן גאַנצן שטעטל צעטראָגן די נייעס:

— ניין, סענדערל איז ניט קיין פּאָפּערעקל!...

— שוין מיטן יורש, מיטן יונגן גראַף זיך באַפריינדעט!...

— גאַנצע טעג פאַרברענגט ער אין פּאַלאַץ!...

— מ׳זאָגט, ער שפּילט גאָר דאָרט פידל!...

— וואָס רעדט איר?...

און סאַוועקע האָט זיך טאַקע שטאַרק באַפריינדעט מיט סענדערלען. ער האָט זיך דערוואוסט, סענדערל, אַז דער טאַטע זייַנער, סאַוועקעס, האָט זיך אָנגעשיכורט, פאַרשפּילט זייַנע גיטער אין קאָרטן, נאָר דער זיידע סאַוועקעס האָט דאָס גאַנצע פאַרמעגן איבערגעשריבן אויף אים, אויף סאַוועקען, און דער טאַטע זייַנער, סאַוועקעס, האָט זיך דערפאַר אויפגעהאָנגען... איצט איז ער געקומען, סאַוועקע, צום זיידן צו גאַסט. אַז דער זיידע וועט שטאַרבן, וועט דער פּאַלאַץ און דאָס גאַנצע שטעטל געהערן צו אים, צו סאַוועקען... און דערווייל פאָרט ער מיטן זיידן אינגיכן קיין אויסלאַנד... ער וועט אים שרייבן, סענ־דערלען, פון אויסלאַנד אַ בריוו...

דער גאָרטן און פּאַלאַץ זייַנען געווען וואונדערבאַר שיין. אַלץ

דער גאָרטן און פּאַלאַץ זיינען געווען וואונדערבאַר שיין. אַלץ איז דאָ געווען געפּלאַנצט, געמאַכט און צונויפגעשטעלט פון מענשנס הענט. ס'איז אָבער אין דעם געלעגן אַזוי פיל קונסט, אַז מ'האָט געמיינט, אַז אַליין די נאַטור האָט דאָס גן־עדן־ווינקל געשאַפן... אָט איז אַ גרין בערגל מיט אַ ווייס־מאַרמאָרנעם דענקמאָל פון אַן אַלטן בייזן פּאַן מיט לאַנגע וואָנצן. אַרום דעם דענקמאָל וואַקסן רויזן: ווייסע, בלויע, רויטע, געלע... פון יענער זייט בערגל שטייט אַ געדיכטער, דריימלדיקער, שוואַרצער וואַלד. מ'גייט אַרום פונם וואַלד, הערט זיך אַ גערויש פון אַ וואַסערפאַל. ס'איז דאָ עפּעס אַ מין אַנוואַלגער פון שטיינערנע פעלזן און איבער זיי פליסט אַ וואַסער, ס'פאַלט אַראָפּ מיט שטורם אין אַן אָזערע און אין דער אָזערע שווימען ווייסע גענז... אָט ביי דער אָזערע האָט סענדערל ליב געהאַט צו שטיין און שפּילן אויפן פידל, וואָס סאַווקע האָט אים געגעבן... דער אַלטער פּריץ, דער גראַף, אַ הויכער און דאַרער מענש, מיט אַ פּאָר שניי־ווייסע באַקנבאַרדן און אַ ריין ראַזירט אונטערדבעדל, האָט שטענדיק געציטערט פאַר דעם פידל. ער האָט באַלד, ווי נאָר סענדערל האָט אָפּגעשפּילט, אים, דעם פידל, צו זיך אין די הענט גענומען און געזאָגט:

— ס'אַ טייערער פידל. אַן אַלטער. פון אַן איטאַליענישן מייסטער. אַזאַ פידל קריגט מען איצט ניט!...

און ניט איינמאָל פלעגט די באַבע ביילע אַרויסגיין אינדרויסן, אומזוכן סענדערלען און שרייען:

— סענדערל, סענדערל, עסן קום!...

שכנים פלעגן איר זאָגן:

— ער איז דאָרט, ביים פּריץ איז ער, אייער איניקל!...

אינגיכן איז סאַווקע מיטן אַלטן גראַף אוועקגעפאָרן קיין אויס־לאַנד און סענדערל האָט שוין מער ניט באַזוכט דעם פּאַלאַץ... דערפאַר אָבער האָט ער איצט באַזוכט אַלע זיינע נאָענטע און ווייטע קרובים. יעדער פעטער און מומע האָבן געפונען פאַר זייער חוב צו פאַרבעטן סענדערלען צו זיך אויף מיטאָג און ווען ער פלעגט צוריק קומען, פלעגט די באַבע אים ערשט דערלאַנגען אַ טעלער מיט וואַרעניטשקעס אָדער מיט ראָסל־פלייש...

— נעם, סענדערל, עס!...

— איך האָב דאָך שוין געגעסן ביי דער מומע ברכה!...

— וועסט עסן נאָך אַמאָל!...

— איך קען ניט אַזוי פיל!...

— וואָס הייסט, דו קענסט גאָרניט עסן! ... נו, נו, אָדעס!...
— האָט די באבע זיך געוואונדערט — וואָס־זשע, מ׳עסט גאָרניט אין אָדעס? ...
— מ׳עסט, באבע, אָבער ניט אזוי! ...
— ווי אזוי זשע דען? ... — איז די באבע אין כעס געוואָרן
— זע נאָר, א בעטעך, מ׳האָט פארדאָרבן דאָס קינד! ...
יאָ, מ׳האָט אין דער שטוב א גאנצן טאָג געהאָרעוועט ביי די פערד און וועגענער, אין די עפל־קעלערס, אין גאָרטן און אין מאגאזין, וואו מ׳האָט געהאנדלט מיט פּאַלאָווע, שטרוי, האָבער און קוקורוזע. נאָר דערפאָר האָט מען אין דער שטוב געשמאַק און א סך געגעסן...
אַלעמאָל איז אַריינגעלאָפן דער פעטער בערל, דאָס קליינוויקסיקע מענשעלע אויף די קרומע פיסעלעך. ער האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס מיט גרויסע לאַנגע הענט. ער האָט א געשריי געטאָן:
— מאמע, עסן! ...
דערנאָך איז אַריין דער פעטער שלמה. א הויכער, א בלאָנדער, א גבור. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און אַמאָל זיך אויך פאַרהיקעט, ווי דער זיידע. און פונקט ווי בערעלע האָט ער אויך א געשריי געטאָן:
— מאמע, עסן! ...

און די איידעמס, און די טעכטער, די אייניקלעך און פּלימע־ניקלעך, זיינען אַלעמאָל אַריין אין שטוב, זיך געזעצט צום טיש און מ׳האָט געגעסן ... די באבע ביילע האָט, ווייזט אויס, ליב געהאַט די „מלאכה״ אירע. א גאַנצן טאָג איז זי געשטאַנען אין קיך ביים אויוון און האָט נאָר געקאָכט, געפּרעגלט, געבראָטן און געבאַקן ... יעדער איינציקן האָט זי אונטערגעטראָגן עסן און מיט א שמייכעלע, שטאָלץ און צופרידן צוגעווינטשעוועט:
— עס געזונטערהייד! ...
אויפגעשטאַנען איז מען אין דער שטוב, ווי אזוי עס האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען צו טאָג. ביי דער באבען אין קיך האָט שוין געברענט דער אויוון און דאָס עסן איז שוין געווען פאַרטיק. סענדערלן האָט זי אונטערגעטראָגן א הייסן, ערשט־אָפּגעבאַקענעם פּיפּאָלעק מיט הינער־שמאַלץ באַשמירט, און א זיסע גלאָז הייסע, שוואַרצע קאַווע. די פעטערס, שלמה און בערעלע, האָבן פון סענדערלן געלאַכט:
— אומשטיינסגעזאָגט, אַן עסן! ...
אָבער דערפאַר, אַז די ביידע פעטערס מיטן זיידן צוזאַמען האָבן זיך געזעצט עסן אינדערפרי, האָבן אַזש אונטער זיי געסקריפּעט די בענקלעך... די באבע האָט זיי אונטערגעטראָגן א גרויסע שיסל

קוליש, אזא מאכל פון רעטשקענע גרויפן מיט קארטאָפל און מיט צוגעפּראַוועטע ציבעלעס אויף הינערשער אָדער גענזענער שמאַלץ. דער זיידע האָט דער ערשטער אַריינגעשטופּט זיין גרויסן הילצערנעם לעפל אין שיסל און נאָך אים האָבן אויך די צווי בנים אַריינגעשטעלט זייערע הילצערנע לעפל און מ'איז אוועק אַ גאַנג... אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן קוליש, האָט די באַבע דערלאַנגט ווידער אַזאַ שיסל און זי איז געווען די שיסל פול מיט געבראָטן פלייש. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פולער עמער קאַלטער עפּל־קוואַס, וואָס מ'האָט ערשט פון קעלער אַרויפגעבראַכט. דער זיידע האָט גענומען אַ קופּערנע קוואָרט מיט צווי הענטלעך, מיט דער קוואָרט אָנגעשעפּט פון עמער קוואַס און האָט מיט אַמאָל אויסגעטרונקן. דאָס זעלבע האָט געטאָן דער פעטער שלמה און דער פעטער בערל... דערנאָך האָט יעדער איינער פון זיי אַ קראַקע געטאָן: „קכהא”!...” זיך אָפּגעווישט די ליפּן און איז אַרויס פון שטוב...

מיטאָג איז געקומען עסן יעדער איינער באַזונדער, ווען נאָר מ'האָט געהאַט צייט. אַזוי אַ שטייגער האָט בערעלע, דער פעטער שלמה, צי עמיצער אַנדערש, געקענט אַמאָל פינף אין טאָג אַריינקומען עסן. און אַמאָל האָט מען אַ גאַנצן טאָג ניט געזען פאַר די אויגן עמיצן פון די עסערס... די באַבע האָט, ווי עס ווייזט אויס, גוט געדענקט ווער און ווען עס איז געקומען עסן, ווייל זי פלעגט אָפט אַריינקומען און זאָגן, גלאַט אַזוי צו זיך אַליין:

— בערעלע האָט נאָך קיין מיטאָג ניט געגעסן. ווייזט אויס פאַרנומען. זייער וויכטיק פאַרנומען!...

אָדער:

— שלמה איז ניט געווען, אַ?... אוי, האָרעוועט ער, שלמה!... און קיין מיטאָג איז ער ניט געקומען עסן!...

און דער זיידע, אויב ער האָט באַדאַרפט ערגעץ גיין, אין אַ צווייט דאָרף, אָדער אין אַן אַנדער שטעטל, פלעגט ער מיט זיך מיטנעמען אַ טאָרבע מיט ווייסע סעבערעס, אַ שמאַטקעלע מיט זאַלץ, אַ פלעשל מיט וואַסער, אַ מעסערל, אַ פּעקעלע טירניקלעך און אַ גרויסן שטעקן. און צו סענדערלן, ביי וועלכן ער האָט באַמערקט פאַרחידושטע בליקן, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— אַזוי זאָלסטו אויך טאָן... מע, מע גייט אַרויס פון שטוב, ווייסט מען ווען מע גייט אַרויס... און ווען מען וועט קומען צוריק ווייס מען ניט!... אַ מעסער, אַ שטעקן, ברויט, זאַלץ, וואַסער און פייער דאָס אַלץ קען צונוץ קומען אין וועג...

פרייטאָג צונאַכטס איז גאָר אַנדערש געווען.

ס'איז געווען אַ מנהג ביים זיידן, אַז פרייטאָג אויפדערנאַכט זאָלן ביי זיין טיש זיצן אַלע קינדער זיינע, די זין, די טעכטער, די איידעמס, די אייניקלעך און אַלע פריינט און קרובים, וואָס וואוינען אין אַכרימאָווע און זיינען ייִנגער פון אים... קיינער פון דער גרויסער משפחה האָט נאָך קיינמאָל ניט געוואַגט אָפּזאָגן דעם זיידן אין דעם אַ גרויסן און הייליקן כבוד!...

מ'איז געקומען פון שול און מ'האָט זיך אויסגעזעצט ביי די טישן וואַרטן, ביז דער זיידע וועט אַריינקומען. און אַז דער זיידע האָט זיך באַוויזן, זיינען אַלע אויפגעשטאַנען. ער איז געווען אָנגעטאָן, דער זיידע, אין אַ לאַנגער, שוואַרצער, אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט אַ זיידענעם גאַרטל אַרומגעבונדן. אויף די פיס האָט ער געטראָגן שוואַרצע, שיין־אויסגעפּוצטע ביז גלאַנץ יוכטאָווע שטיוול. אויפן קאָפּ אַ שוואַרץ סאַמעטענעם היטל מיט אַ גרויסן סאַמעטענעם דאַשעק. אויפן האַלז אַ ווייסע זיידענע פּאַטשיילע. די ווייסע באָרד איז געווען צעקעמט אויף צוויי זייטן, מיט צוויי שפּיצן אויף רעכטס און אויף לינקס. די אויגן האָבן גוטמוטיק און פרייליך געשיינט... ער האָט אויסגעזען איצט, דער זיידע, ווי אַ פרומער מלכות, וואָס גייט אַרויף אויף זיין טראָן... ניין, ס'איז ניט געווען מער דער פּראָסטער ייִד, וואָס האַנדלט מיט סעדער, גערטנער, תבואה און פּאַלאָווע, וואָס אַרבעט ביי דער ערד ווי אַ פּויער, וואָס האָט צו טאָן מיט פערד און וועגענער ווי אַ בעל־עגלה... אַ הייליקע שכינה האָט איצט אויף אים גערוט...

דער זיידע האָט גענומען דעם גרויסן גאָלדענעם בעכער אין האַנט, אַ קוק געטאָן אויף דעם רויטן וויין, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט, און האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע. יעדער איינער האָט אויפגעהויבן זיין בעכער און גלאָז און געקוקט אויפן זיידן מיט גרויס דרך ארץ און ליבע. דער זיידע האָט מיט אַ ציטערנדיקן קול אָנגעהויבן זינגען דעם קידוש:

— יום הששי, ויכולו השמים והארץ וכל צבאם...

נאָכן קידוש האָט מען אָנגעהויבן עסן. אין דער רעכטער האַנט פון זיידן זיינען געזעסן זיינע צוויי זין שלמה און בערעלע. די איידעמס, שמואל, מענדל, אברהם, הירש און זאַנוול. די אייניקלעך סענדערל, אַברהמלע, חיימל, משהלע און נאָך עפּעס אַ גאַנצער טוץ ייִנגלעך... אין דער לינקער האַנט פון זיידן זיינען געזעסן די טעכטער פּערל, מלכה, ליבע, ברכה, און עלקע. די אייניקלעך,

רייזעלע, גיטעלע, פערעלע, שרהלע און נאָך עפּעס אַ טוץ מיידעלעך... ביי אַ צווייטן טיש זיינען געזעסן אַ צענדליק נאָענטע און ווייטע קרובים. און ווען עס וואָלט נאָך דאָ געווען שייוועס מיט אירע קינדער און מיט איר מאַן, וואָס זיינען איז אָדעס, און שרה מיט איר קינד און מאַן, וואָס געפינען זיך אין סיביר, וואָלט דאָך טאַקע געווען די גאַנצע משפּחה...

די באָבעביילע האָט דערלאַנגט גרויסע שיסלען מיט פעטער גאָלדענער יויך מיט לאָקשן. אַלע האָבן גענומען די ווייס־שיינענדיקע זילבערנע לעפל אין די הענט און מ'האָט געוואַרט אויפן זיידן, ביז ער וועט אויך נעמען זיין לעפל אין האַנט. אָבער ער איילט זיך ניט. און קיינער וואָגט ניט פריער פאַר אים אָנהויבן צו עסן... ער גיט אַ קוק, דער זיידע אויף אַלעמען, און איבער אַלעמען, גיט אַ שאָקל מיט זיין ווייסער באָרד און עס הערט זיך אַ שטילער זיפץ:

— עס פעלן נאָך קינדער צום טיש... שייוועס מיט גרשונען זיינען אין אָדעס. שרהלע מיט איר וולאַדימיר אַזש אין טשיטאַ, אין סיביר פאַרשיקט... אַי, אַי, אַי!... נו, מ'מילא. גאָט וויל אַזוי!...

— די באָבע וויל זיך אָנהויבן בייזערן:

— ישראל, ס'איז דאָך שבת!...

— האָסט רעכט, בע, ביילע, האָסט רעכט!...

דער זיידע הויבט אָן עסן און אַלע נאָך אים... און באַלד האָט דער זיידע אוועקגעלייגט דעם לעפל און זיך פאַרטראַכט. אַלע האָבן אויפגעהערט עסן. מ'האָט געוואַרט... און אַז דער זיידע האָט ווידער אַריינגעלייגט זיין לעפל אין דער שיסל און צוגעטראָגן זיין לעפל יויך צום מויל, ערשט דאַן האָבן די איבעריקע אָנגעהויבן זופּן...

אַנטקעגן סענדערלען איז געזעסן רייזעלע. אירע שוואַרצע סאַמעטענע האָר זיינען געווען פריש אויסגעצוואָגן, האָבן געגלאַנצט און זיינען זיך צעפאַלן אויף אירע שיינע אַקסל לאָקנווייז... סענדערל האָט איבערגעציילט: זיבן לאָקן!... אירע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט מיט אַזאַ פריילעך פייערל, וואָס האָט אַזש אַ ברי געטאָן סענדערלס געזיכט. ער האָט אַ קוק געטאָן צו איר אין די אויגן און זיין פּנים איז געוואָרן רויט אָנגעצונדן... רייזעלע האָט אים געפרעגט מיט די אויגן:

— וואָס קומסטו ניט, סענדערל, צו אונז?...

און סענדערלס אויגן האָבן געענטפערט:

— וואַרט, וואַרט, רייזעלע, איך וועל נאָך קומען צו דיר!...

דער זיידע האָט אָנגעהויבן זינגען זמירות. די פעטערס האָבן אים נאָכגעזונגען און דערביי געקלאַפּט מיט די הענט און מיט די גאָפּל און לעפל איבער טיש. ס'איז געווען ווי אויף אַ חתונה, אַזוי פריילעך... און אינמיטן זינגען האָט זיך דער פעטער שמואל אויפגעהויבן און האָט געזאָגט צום זיידן:

— שווער, זאָל אונז עפּעס סענדערל זינגען! שיווע האָט דאָך געשריבן, אַז ער האָט די ימים נוראים געזונגען ביי אַ חזן...

— אָך, יאָ, יאָ!... — האָט דער זיידע אַ שמייכל געטאָן — אנו, סענדערל, קום נאָר אַהער און גיב אַ לייג אַוועק אַ „כל מקדש" און זאָלן זען די שקצים — האָט ער אַ ווייז געטאָן אין אַ קאַטאָוועס אויף די איבעריקע אייניקלעך — זאָלן זיי זען, וואָס אַ יינגל, וואָס קומט פון אָדעס, קען!...

עס איז געוואָרן שטיל. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדעט צו סענדערלן, וועלכער איז איצט געשטאַנען אויבן אויף לעבן זיידן. רייזעלעס אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט זיינע. זיי האָבן געבעטן:

— זינג!...

און סענדערל האָט אָנגעהויבן אויף אַ דין קולכל צו זינגען אַזוי שטיל און צאַרט:

— כל מקדש שביעי כראוי לו...

און דער געזאַנג האָט זיך געשטאַרקט און געשטאַרקט, געוואָרן העכער און פולער און מיט אַזאַ מין דריידעלע, אַז עס האָט אַלעמען פאַרכישופט... און אַז ער האָט געענדיקט זינגען, האָבן זיך אַלע אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון אַ שלאָף, און זיך צעשריען:

— סענדערל, סענדערל!...

די באָבע האָט אים אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן און געלאָזט אַ טרער: — אַזאַ גאָלדן קינד און ווערט פאַרשוואַרצט אין אָדעס...

דער זיידע האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— ס'איז דער טאַטע זיינער, מאַטל מיט די ביינער!...

סענדערל האָט אומרואיק אַ קוק געטאָן אויפן זיידן... ער האָט איצט, ווען אַלע זיינען אַרומגעזעצט אַרום די טישן, גאָרניט נעוואָלט פרעגן. ער וועט אָבער נאָך פרעגן ביים זיידן וועגן זיין טאַטן...

ס'איז אַלעמען עפּעס ניט באַקוועם געוואָרן פון סענדערלס קוקן אויפן זיידן. יעדער איינער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן סענדערלן, ווייל צו ווען ער זאָל ניט קומען און וואָס ער זאָל ניט טאָן, דערמאָנט מען אים:

— אַקוראַט ווי דער טאַטע!...
— דער טאַטע מיט די ביינער!...
— ווי צוויי טראָפּן וואַסער...
— ס'איז מאַטל!...
— אַט אַזאַ איז מאַטל יינגלווייז געווען!...

דער זיידע האָט געוואָלט מיט עפּעס דערפרייען סענדערלען, האָט ער געזאָגט צום עלטסטן איידעם:

— שמואל, מ'מאָנטאָג, מיר וועלן דערלעבן, וועסטו פאָרן קיין אומאַן און זאָלסט קויפן סענדערלען אַ פידעלע... וועסט פאָרן מיטן פעטער שמואל, איאַ, סענדערל?...

— ניין, זיידע!... — האָט סענדערל געזאָגט — מ'דאַרף ניט קיין פידל!... — ער האָט זיך צעוויינט, סענדערל, און איז אַוועק פון טיש...

די באָבע ביילע, וועלכע פלעגט שבת און יום טוב זיך ניט זידלען און שעלטן, האָט איצט בייז אַ קוק געטאָן אויפן זיידן און אויסגעשריגן:

— אַלטער פאַפּערעק, צערודערט דאָס קינד!...

מ'מאַמע!... — האָט זיך אָנגערופן דאָס קליינע פעטערל, בערעלע — ער בענקט סענדערל פּשוט אַ היים... ער בענקט...

און קיינער, קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען סענדערלס הארץ. קיינעם איז גאָרניט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז ניט אַ פידל פעלט אים, סענדערלען, נאָר אַ שול און אַ לערער... אוי, וויל ער זיך לערנען, סענדערל, און ער האָט ניט וועמען צו זאָגן, וועמען צו בעטן... דאָ אין אַבּרימאָווע איז דאָך קיין שום שול ניטאָ, איז וואָס פעלט אים דער פידל?... און אפשר האָט אים יאָ עמיצער פאַרשטאַנען?... רייזעלע!... זי האָט דאָך אים אַזוי ליב...

21. סענדערל און רייזעלע...

אויף שבת איז סענדערל פאַרבעטן געוואָרן צום פעטער שמואלן און דער מומע פערל. דער פעטער שמואל, אַ ייד מיט אַ שוואַרץ בערדל, אין אַ שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע, איז געווען אַן אויסגעצערטלטער אפילו אין דערוואַכן, ווען ער האָט געהאַט צו טאָן מיטן פערד און וועגעלע, צי ווען ער האָט געפּאַקעוועט די עפּל אין די קעסטלעך אין איינעם פון שווערס קעלערס... דער פעטער שמואל

האָט נאָר געביטן די קאַפּאָטע אויף שבת און יום טוב, אָבער זיין צאַרטקייט, זיין האַלב חסידישער אויסזען, האָט זיך ניט געביטן...
די מומע פּערל איז געווען אַ מיטלוואוקסיקע, אַ פולפּנימדיקע, זי האָט שטענדיק געשמייכלט און האָט יעדערן באַוויזן אירע שיינע, ווייסע, פּערלדיקע ציין... די מומע פּערל האָט עפּעס געהאַט ענלעכעס מיט שייווען, מיט סענדערלס מאַמען און דאָס איז אים געפעלן געוואָרן, דערפאַר האָט ער זי פון אָנהויב אָן ליבער באַקומען פון די איבעריקע מומעס...

די דירהביים פעטער שמואל איז געווען זייער אַ שיינע, אַ גראַמע און אַ זוניקע. עס איז דאָרט געווען אַ גרויסער, שיין מעבלירטער עס־צימער, אַן אַלקער און אַ באַזונדערער צימער פאַר רייזעלען.

מ׳איז געזעסן אין עס־צימער ביי אַ שיין געדעקטן טיש און מ׳האָט געגעסן שטיל־שווייגנדיק. די מומע איז געזעסן אַנטקעגן פעטער און ער, סענדערל, אַנטקעגן רייזעלען... דער פעטער מיט דער מומען האָבן זיך עפּעס איבערגעקוקט און גוטמוטיק צוגעשמייכלט... נאָכן עסן איז דער פעטער שמואל און די מומע פּערל אַריין אין אַלקער און סענדערל מיט רייזעלען זיינען געבליבן אַליין אין עס־צימער... מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, וועלכע איז געשטאַנען ביי אַ וואַנט, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט בילדער פון יידישע שרייבער און געלערנטע. מ׳איז געזעסן אַזוי און מ׳האָט אַ צייט געשוויגן. דערנאָך האָט סענדערל אָנגענומען רייזעלען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— רייזעלע!...

— וואָס איז?... — האָט זי געפרעגט.

— גאָרניט!... האָט ער געענטפערט.

רייזעלע האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו אַ געגלעזטער שאַפע, וועלכע איז געווען פול מיט ביכער. זי האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ בוך אין לעדערנע טאָוולען און מיט גאָלדענע אותיות באַצייכנט, אים צעעפנט:

— שיר השירים האָסטו געלייענט?...

— יאָ. ביי שלום עליכמען איז דאָ אַזאַ מעשה!...

— און דאָס איז שלמה המלכס שיר השירים...

— אין חדר האָב איך אַ ביסל געלערנט!..

— האָסט געלערנט?... — האָט רייזעלע צופרידן אויסגעשריגן — גיב אַ קוק!... — און זי האָט אָנגעהויבן לייענען — שיר השירים אשר לשלמה... — און זי האָט באַלד פאַרטייטשט:

— דאָס ליד דער לידער פון שלמהס... — און זי האָט ווידער געלייענט שטיל און מיט היץ און פאַרטיטשט:

...שוואַרץ בין איך, דאָך שיין, ירושלימס טעכטער!...
ווי די קידר־צעלטן, ווי די פאַרהענג שלמהס.
קוק ניט, וואָס איך שוואַרצליך בין,
מיך האָט אָפּגעברענט די זון.
עס האָבן מיך די ברידער מיינע אויסגעצירט,
פאַר אַ היטערין פון וויינגערטנער געמאַכט,
און איך האָב מיין אייגענעם ווייננאָרטן ניט געהיט...
זאָג מיר דו, וועמען מיין זעלע ליבט,
וואו פיטערסט דו, וואו לאַגערסט דו, צו מיטאָג־צייט?...

סענדערל האָט פאַר זיך דערזען אַ וויינגאָרטן מיט שיינע רויזן און בלומען. אויף ברוינע צווייגן מיט גרינע בלעטער הענגען פולע זאפטיקע זאנגען ווינטרויבן און זי, רייזלע, דרייט זיך אום צווישן די ווינטרויבן... און עס האָט זיך אים אַזוי פאַרוואָלט צו זיין מיט רייזעלען צוזאַמען אין אַ גאָרטן... און ער האָט ביי איר צוגענומען דעם בוך און געזאָגט:

— קום, רייזעלע, שפּאַצירן!...
— און שיר השירים?... — האָט זי געפרעגט.
— אַן אַנדערס מאָל, רייזעלע!...
— נו, קום!...

זיי האָבן זיך גענומען פאַר די הענט. מ'האָט זיך אויפגעהויבן פון דער קאַנאַפּע און סענדערל האָט אַ פרעג געטאָן ביי רייזעלען, ווייזנדיק אויף די פיל בילדער, וואָס אויף דער וואַנט איבער דער קאַנאַפּע.

— ווער זיינען זיי?...
— דאָס איז שלום־עליכם! — האָט רייזעלע דערקלערט. — דאָס איז מענדעלע מוכר ספרים. דאָס איז פּערעץ און אָט דאָס איז מאַנטיפיאָרי!...

סענדערל האָט זיך געחידושט, וואָס זיין שוועסטערקינדל איז יונגער פון אים, דערצו נאָך אַ מיידל און ווייסן, ווייס זי אַלץ מערער פון אים... ער האָט עפּעס פּלוצלונג גרויס אָפּשייד פאַר איר באַקומען. ער האָט זיין האַנט פון איר אַרויסגענומען און מיט גרויס אַכטונג געזאָגט:

— קום, רייזעלע!...

מ'איז פארבייגעגאַנגען די ברייטע שול־גאַס, וואָס פירט צום טייך. אויף דער גאַס האָבן יינגלעך אַלע שבת נאָך מיטאָג זייער שפּאַציר געמאַכט. דערנאָך איז מען פאַרביינגעגאַנגען אַ שיין הויז מיט אַ ברייטער וואַרענדע. די גרויסע פענצטער פון דעם הויז זיינען געווען צעעפנט. אונטער די פענצטער האָבן יינגינקע בוימעלעך זייערע ערשטע, גרינע שפּראָצן פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט...
ביי איינעם אַ פענצטער איז געזעסן אַ יינגערמאַן מיט אַן אויסגע־צויגן פּנים, מיט גראָבע, אַראָפּהענגענדיקע ליפּן. דער בליק זיינער איז געווען אַ בייזליכער. ער איז געזעסן, דער יינגערמאַן, מיט אַ הוילן קאָפּ שוואַרצע האָר און האָט געשריבן...

— דאָס איז שמעון־מאַטיעס הויז! — האָט רייזעלע געזאָגט.
— אַ, אַ. אָט דער, וואָס זיין מיהל איז לעבן טייך? — האָט סענדערל געפרעגט.
— יאָ!
— איז ווער זיצט דאָרט און שרייבט?
— דאָס איז דוד!... — האָט רייזעלע מיט גרויס רעספּעקט געענטפערט. — ער איז געקומען צום פעטער, צו זיינעם, צו גאַסט!...
— איז וואָס־זשע שרייבט ער גאָר אום שבת?...
— ער איז אַ שרייבער, שרייבט ער!...
— אַ שרייבער?... איז וועגן וואָס שרייבט ער?...
— וועגן לעבן שרייבט ער, סענדערל!...
— וועגן לעבן?... וועגן אונזער לעבן?...
— יאָ, סענדערל. אַלץ באַשרייבט ער דאָ... מ'זאָגט, אַז ער האָט שוין גאַנץ אָכרימאָווע און מאָנאַסטרישט באַשריבן... אפילו די משפּחה זיינע באַשרייבט ער אויך. און די מיהל באַשרייבט ער, און דעם וואַקזאַל, און אפילו זיינע קוזינע, מירעלע רופט ער זי, באַשרייבט ער...
— און דו, רייזעלע, האָסט זיינע ביכער געלייענט?...
— ניין. איך האָב נאָר געהערט ווי ער אַליין האָט פאָרגעלייענט.
— ס'איז שיין?...
— יאָ, טאַקע אַזוי ווי אין לעבן!...

מ'איז געגאַנגען ווייטער. מ'איז אַרויסגעגאַנגען פונם שטעטל. מ'איז פאַרבייגעגאַנגען דעם גראַפס פּאַלאַץ און מען האָט זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ. מ'האָט זיך ווידער אַמאָל גענומען פאַר די הענטלעך...
ביי אַ פּאַרקן מיט אַ צעבראָכן טירל איז מען געבליבן שטיין. איינע־

וויניק איז געווען אַ גאָרטן. אַ פּאַרלאָזטער, מיט בוריאַן פאַרוואַקסע־נער גאָרטן. עס איז געשטאַנען אַ ווייסע כאַטע מיט אַ רויטן בלע־כענעם דאַך. די טיר איז געווען מיט ברעטער איינגע איבער די אַנדערע פאַרהאַקט. פון ביידע זייטן טיר זיינען צוויי בוימער געשטאַנען. זיי האָבן איצט אָנגעהויבן צו בליען, די בוימער, מיט ווייסן צוויט...

— דאָ האָט די מומע שרה געוואוינט! — האָט רייזעלע געזאָגט.

— איך ווייס!...

מ׳איז אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן. לעבן דער כאַטער איז אַ פאַרשטויבטע באַנק געשטאַנען. סענדערל האָט אַראָפּגעבלאָזן דעם שטויב. מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט און סענדערל האָט געפרעגט:

— און וואָס איז אַזוינס דאָס לעבן, וויסטו, רייזעלע?...

— דאָס לעבן?... — האָט רייזעלע איבערגעחזרט — דאָס לעבן... דער זיידע זאָגט, אַז דאָס לעבן איז ווי אַן עפּעלע. שיין און מיט רויטינקע בעקעלעך און אַז מ׳צעשניידט עס, געפינט מען אָפט אין דעם אַ ווערימעל...

— ניט אַלע עפּעלעך האָבן דאָך ווערימלעך!...

— יאָ, סענדערל... זייער פיל זיינען דאָ מיט ווערימלעך...

— און דער זיידע קען דען ניט מאַכן, אַז ביי אים אין די סעדער זאָלן וואַקסן נאָר שיינע עפּל און קיין איינער פון זיי זאָל קיין ווערימעל ניט האָבן!?...

— דער זיידע, סענדערל, איז שוין אַלט...

— ער וועט שטאַרבן, דער זיידע?...

— יאָ, אַז ער וועט ווערן הונדערט מיט צוואַנציק יאָר!...

— און דו, רייזעלע, וויפל ווילסטו לעבן?...

— און דו, סענדערל?...

— איך?... — האָט סענדערל איבערגעפרעגט און אויפגע־שפּרונגען פון באַנק — אויב דאָס לעבן איז מיט אַ ווערימעל, אַזוי ווי אַן עפּעלע אַ שיינס, אָפּטמאָל, איז ווייס איך ניט!...

אַהיימגעגאַנגען איז מען שוויגענדיק. אויף צוריקוועגס האָט מען צווישן זיך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. מען איז געגאַנגען די הענטלעך געשלאָסן איינס אין אַנדערן און מ׳האָט וועגן עפּעס אין זיך פילאָזאָפיש־קינדעריש געטראַכט... ס׳איז געווען אַ שיינער, בלויער לבנה־אויפדערנאַכט... די לבנה איז געהאָנגען אין הימעל, ווי אַ קופּערנע שיסל און האָט אַ בלייכע שיין געוואָרפן אויף דער

ערד . . . די קליינע שטערנדלעך אין הימעל האָבן געגלאַנצט, ווי פייער־פונקן און אַלעמאָל איז צוגעקומען אַ נייער פונק אינם הימעל...

סענדערל האָט צוגעפירט רייזעלען צו איר שטוב. ביי דער טיר איז מען נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען. דערנאָך האָט ער זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און שטאַרק־שטאַרק אַ קוש געטאָן . . . ער איז באַלד אַנטלאָפן פון איר. ער איז געלאָפן צום זיידן און געטראַכט האָט ער, אַז ער ווייסט שוין איצט, וואָס צו טאָן . . . רייזעלע איז נאָך לאַנג־לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר און האָט נאָכגעקוקט נאָך סענדערלס טריט . . .

22. דער זיידע און דער גלח

מאָנטיק גאַנץ פרי איז שוין ביים זיידן אין באַזונדערן צימער געזעסן אַ גאַסט, פּאַנטעליי גאָנטע, דאָס פּאַרכעוואַטע גלחל מיטן ווייסן ציגן־בערדל. ער איז געקומען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשמייעטער און האָט אָנגעהויבן שרייען:

— דער צווייט וועט שוין באַלד אָפּפאַלן פון די בוימער און דו, ישראל, איילסט זיך גאָרניט. איך וועל עמיצן אַנדערש פאַרדינגען דעם סאָד! . . .

רב ישראל האָט אַריינגעפירט דעם גלח צו זיך אין דעם באַזונדערן צימער, געשטעלט פאַר אים אַ פלאַש בראָנפן און ביילע האָט אַריינגעטראָגן אַ טעלער פריש־געבאַקענע הייסע קנישעם . . . און דערביי האָט דער אַלטער ישראל ווי אומיסטן גערעדט לאַנגזאַם, זיך פאַרהיקעט און עס האָט זיך באַקומען, ווי ער טוט אַלץ דעם גלחל אויף צו להכעיס . . .

— וואָס, וואָס האָב איך זיך, וואָס צו איילן, פּאַטערל גאָנטע?... דעם סאָד וועט ביי מיר קיינער ניט אויסדינגען. ניטאָ אַזאַ ייד אין אַכרימאָווע און אין גאַנצן קאַנט, וואָס זאָל וועל אויסדינגען ביי מיר דעם סאָד. דער סאָד, פּאַטערל, איז ביי אונז אַ חזקה־זאַך . . . מיין טאַטע און מיין זיידע האָבן אַרענדירט דעם סאָד . . .

— כ׳וויים, כ׳וויים! — גיט אַ מאַך דאָס גלחל מיט אַ לאַנג, דאַר הענטל און דאָס ציגענע בערדל גיט אַ ציטער . . .

— דעם צווייט האָב איך שוין געזען . . . זאָגט רב ישראל —

א פיינער צווייט. ווייס ווי שניי. און אויף אַלע בוימער, אויף אַלע צווייגן . . .

— אַט אַ פּאַפּערעק ! — זאָגט גאַנטע — אַ גאַנצער בעל הבית ביי מיר אין סאָד ! . . .

— דיין סאָד ? ! . . . — צעשרייט זיך רב ישראל — מיין גאַנץ לעבן אָפּגעהאָרעוועט אויף אים . . . ס׳זיינען שטעקעלעך וורימדיקע געווען, ניט קיין בוימער ! . . .

— אַלע יאָר דאָס זעלבע ! — ציטערט דעם גלחס בערדל.

— אייביק וועט אַזוי זיין ! . . . — שרייט דער זיידע.

— נו, מה יקר ? — פּעגט דער גלח רואיקע און גיט אַ זופּ בראָנפן.

— יקר, יקר . . . קרימט זיך אים דער זיידע איבער — יקר ! . . . שוין צייט, פּאַטערל, צו קענען עברי . . .

— נו, סרול. דו ביסט טאַקע אַ פּאַפּערעק ! — זאָגט גאַנטע — איסטיני קרעסט . . .

— גיב איך דיר אַזו ווי פּאַראַיאָרן ! . . . — זאָגט דער אַלטער ישראל קראָוועץ.

— אַ חכם ! . . . — שרייט דער גלח — אַז עס איז ווייניק צווייט אויף די בוימער צאַלסטו וועלוועלער, און אַז עס איז אַ סך, וואָס־זשע גיבסטו ניט מערער ? . . .

— צווייט דאָס איז דאָך, פּאַטערל, נאָך ניט קיין עפּל, נאָך ניט קיין באַרן, נאָך ניט קיין קאַרשן און ווײַנשל, נאָך ניט קיין פלוימען . . . און איבערהויפּט איז צווייט נאָך ניט קיין עפּל. איך דאַרף עפּל, עפּל דאַרף איך, ניט קיין צווייט ! . . .

— אָך, ביסטו כיטרע, סרול . . . אַז עס איז דאָ צווייט, איז דאָ עפּל ! . . .

— דאָס וועסטו דער באָבען דיינער דערציילן, גלח . . . און טאָמער אַ ווינט, טאָמער אַ שלאָקס־רעגן, אַ האָגל . . . דו גאַראַנטירסט מיר אַ גוטן וועטער ?

— אַ טראַס טוואָוי מאַטערי ! . . . — צעשרייט זיך שוין ווידער גאַנטע. זיין ווייס בערדל ציטערט. ער גיט אַ קלאַפּ אין טיש און הויבט זיך אויף . . .

— גיי דיר, דיר ! . . . — שרייט אים נאָך דער זיידע — פּאַר־קאַטשע, פּאַטערל, אַליין די ריאַסע דיינע און קלעטער איבער די בוי־מער, שנייד אַרום די צווייגן, צעדראַפּע זיך די הענט און דאָס פּנים.

שלאָף די נעבעכט אויף דער הוילער ערד, בראָט דיין פּנים אַ גאַנצן זומער אָנטקעגן דער זון. ווער פּיטש נאָס אויסגעווייקט, אַז עס גייט אַ רעגן...

גאַנטע קערט זיך אום. דאָס ווייסע ציגן־בערדל ציטערט. עס רינט אים אַ טרער פון אַן אויג... ער גיט אַ זיפץ:

— דאָ... מיר זיינען שוין ביידע אַלטע. מ'טאָר ניט זינדיקן. מ'דאַרף שוין באַלד גאָט די נשמה אָפּגעבן...

— איך האָב נאָך צייט!... — לאַכט צופרידן רב ישראל — נאָך דאָ קינדער און אייניקלעך חתונה צו מאַכן!...

דער גלח איז מקנא. ער זיפט שווער אָפּ. ער צלמט זיך דריי מאָל איבער... געווען ביי אים אַ זון, איז ער געשטאָרבן. דאָס ווייב איז אויך שוין ניטאָ. אים באַדינט איצט אַ יונגע גויע, אַן אַלמנה... זי באַנעמט אים... פּאַלאַשקע הייסט זי. דער מאַן אירער איז פון דער קריג מיט יאַפּאַניע צוריק ניט געקומען... גאַנץ אַברימאָווע און די דערפער אַרום ווייסן, אַז ער לעבט מיט פּאַלאַשקען, ווי מאַן און ווייב...

— אַך, אַך!... — קרעכצט ער אָפּ און זעצט זיך צוריק צו — זינדיקע, זינדיקע זיינען מיר!...

רב ישראל שטעלט אָן זיינע אויערן. ער ווייס שוין. דאָס גלחל וועט באַלד דערציילן נייעס.

— אַט זאָגט מען, אַ מלחמה וועט זיין!...

— מיט וועמען?... — פרעגט איבער דערשראָקן דער אַל־טער ייד.

— מיטן דייטש!

— נאָך דאָס פעלט אונז!...

— וואָס־זשע אַרט עס דיך, סרול?... נו, און אַז דער דייטש וועט איינגעמען רוסלאַנד?... ס'איז דען דיין לאַנד?...

— מיינס, פּאַטערל, מיינס, אַזוי ווי דיינס!...

— כע, כע, כע!... אַ ייד האָט ניט קיין לאַנד!...

— פּאַטערל!... — האָט אַ געשריי געטאָן רב ישראל און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן — פּאַטערל, פון וואַנעט דו ביסט געקומען אַהער, קיין אַברימאָווע, ווייס איך ניט. נאָר איך בין דאָ געבוירן. מיין טאַטע, מיין זיידע און מיין עלטער־זיידע זיינען דאָ געבוירן. דאָ אין אַברימאָווע אויפן בית־עולם, דאָ אויף דער רוסישער ערד, ליגן זייערע ביינער, שטייען איבער זיי מצבות...

נו, סרול — האָט דאָס גלחל זיך צעלאַכט — מיט דיר טאָר מען זיך ניט פאַרפירן. מ'זאָגט דיר אַ וואָרט און דו ענטפערסט צען...

— איז קום ! . . . — האָט דער זיידע געזאָגט און געכאַפּט זיין שטעקן.

אינם גרויסן סאַד, וואָס אַרום קלויסטער, האָט זיך אַרומגעדרייט דער זיידע מיטן גלח. ביידע אַלטיטשקע מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט. איינער אַ הויכער, אַ שטאָלצער מיט פעסטע טריט. דער צווייטער אַ נידעריקער, שוין אַביסל אַ געבויגענער מיט וואַקלדיקן שפּאַן. איינער אַ ייד. דער צווייטער אַ גלחל . . .

סענדערל איז זיי נאָכגעגאַנגען פּיס־טראַט. ער האָט געקוקט און באַטראַכט די צוויי אַלטע לייט, וואָס גייען אין גרויסן, שיינעם סאַד . . . רייענווייז ווי סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען די בוימער מיט ווייס־געקאַלכטע שטאַמען, מיט ברייט־צעוואַקסענע צווייגן און אויף די צווייגן ווייסער צוויט . . . די זון האָט באַשיינט די קרוין־שפּיצן פון די בוימער, און עס האָט זיך געדוכט, אַז יעדער קרוין, פון יעדן בוים באַזונדער ברענט . . .

— פאָטערל, — האָט געזאָגט דער זיידע מיט אַ געבעט — אַז דער האָגל און דער ווינט זאָלן ניט צעשטערן מיינע בוימער, ניט פאַרניכטן דעם צוויט און ניט צעקלאַפּן די פּירות אָט דאָס פאַרלאָז איך זיך אויף גאָט . . . נאָר אָט גיב אַ קוק ! . . .

סענדערל האָט פאַר זיך דערזען עטלעכע בוימער מיט איבערגע־בראָכענע צווייג און אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זיינען מענשן מיט איבערגעהאַקטע הענט. עס האָט אים אָנגענומען אַ רחמנות צו די בוימער, אַ גרויס רחמנות און ער האָט אַ געשריי געטאָן :

— זיידע, ווער זיינען דאָס די מערדער, וואָס האָבן די בוימער צעשעדיקט ? . . .

— הערסט, פאָטערל ? — האָט רב ישראל צום גלח געזאָגט — דאָס קינד פרעגט אויף די מערדער, ווער עס האָט די שיינע בוימער צעבראָכן ! . . . אָט טאַקע דיינע שקצים, וואָס גייען צו דיר אין קלויסטער אַריין דאַווענען ! . . .

— איך וועל האַלטן אַ „פּראָפּאָוועד" סרול . . . איך וועל זאָגן, אַז מ'זאָל די בוימער ניט ברעכן, די עפּל ניט רייסן . . . נו, און די שליסל פון קלויסטער גיב איך אַ משכון . . . וועט עמיצער טשעפּן די בוימער, מעגסטו פאַרשליסן דעם קלויסטער און אונז ניט אַריינלאָזן זיך מאָליען . . .

— אוי, פאָטערל, איך וויל ניט קיין שליסל ! . . .

— נעם, נעם, סרול... מע דאַרף אָנלערנען די יינגען, אַז זיי זאָלן ניט ברעכן די בוימער!...

— ניין, פאָטערל. — האָט דער זיידע געזאָגט און אָנגעבויגן זיין שטאָלצן קאָפּ צו זיין ברוסט.

— ווייז אהער געלט!...

— קום!...

און מ'איז אַלע אוועק צום גלח אין שטוב, פאַרלענגערן דעם קאָנטראַקט אויף צו אַרענדירן דעם סאָד אויף נאָך עטלעכע יאָר...

23. דער פעטער ברוך און די מומע בתיה

דאָס מאָל האָט סענדערל גענעכטיקט ביים פעטער ברוך און ביי דער מומע בתיה... דער זיידע האָט אים אהין געשיקט:

— גיי, גיי, סענדערל, וועסט זען ווי מען לעבט...

דער פעטער ברוך, דאָס איז געווען רב ישראלס אַ ברודער. בסך הכל נאָר מיט איין יאָר עלטער פון דעם זיידן. פון די צען ברידער, וואָס רב ישראל פּאָפּערעק האָט געהאַט, זיינען צוויי שוין געשטאָרבן, זעקס זיינען זיך צעפאָרן אין אַנדערע שטעט און נאָר ער, ישראל, מיט זיין ברודער ברוך זיינען אין אָכרימאָווע געבליבן.

דער פעטער ברוך און די מומע בתיה האָבן געהאַט נאָר צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער, האָבן זיי ביידע חתונה געהאַט און אוועק קיין ארץ־ישראל... זיי האָבן געוואָלט, די קינדער, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אויך מיט זיי מיטפאָרן, נאָר רב ברוך האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— דאָ בין איך געבוירן געוואָרן און דאָ וויל איך שטאַרבן...

געלעבט האָט דער פעטער ברוך מיט דער מומע בתיה פאַרמעגלעך. זיי האָבן אַמאָל אַ שניט־קראָם געהאַט, האָבן זיי די שניט־קראָם אויף דער עלטער פאַרקויפט און לעבן איצט פונם גרייטן רובל...

— נשקשה, — האָט געזאָגט דער פעטער ברוך — איך האָב אויסגערעכנט, אַז אויב איך מיט מיין בתיהלן וועלן לעבן ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, וועלן מיר שוין פון הונגער ניט שטאַרבן... און אין קבר קיין געלט, קיין פאַרמעגן נעמט מען מיט זיך ניט מיט. איז צוליב וואָס נאָך איצט האָרעווען?... לאָמיר בעסער פאַרברענגען דאָס ביסל אַלטע יאָרן אין רו און אין כבוד!...

זייער אָפּט פלעגן די פריינט, איבערהויפּט קליינוואַרג, קומען צו גאַסט צום פעטער ברוך, נאָר אַז מען פלעגט אַ היים קומען פלעגט מען לאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער:

— דער פעטער ברוך שפּילט זיך מיט דער מומע בתיה!...

האָט מען אָנגעהויבן אומיסטנע אונטערשיקן די קינדער, זיי זאָלן זען ווי אַזוי דער פעטער מיט דער מומען פירן זיך אויף, כדי מען זאָל דערנאָך האָבן פון וואָס צו לאַכן... אָט האָט איצט טאַקע אַליין דער זיידע געשיקט סענדערלן צו זיין ברודער און אים אָנגעזאָגט:

—גיי, גיי, סענדערל, וועסט זען ווי מען לעבט...

דער פעטער ברוך, אַ ייד אַ מיטלוואוקסיקער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ וויים־קורצער, אַ ביסל אונטערגעצופּטער, באָרד, איז אַ גאַנצע וואָך געווען ענלעך אויף זיין יינגערן ברודער, אויף ישראלן, אום שבת און יום־טוב... דער פעטער ברוך, מחמת ער האָט שוין ניט געאַרבעט און ניט געהאַנדלט, נאָר געפּראָוועט זיין גליקלעכן על־טער, איז ער דערפאַר אַ גאַנצע וואָך געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק אין זיין שיינער, שוואַרצער, אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיטן זיידענעם גאַרטל אַרומגעוויקלט... די מומע בתיה איז געווען מיט אַ גאַנצן קאָפּ נידעריקער פון איר מאַן. אַמאָל האָט מען זי געהאַלטן פאַר דער ער־שטער שיינהייט פון אַברימאָווע, דערפאַר, ווייל איר פיגור האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ צאַרטער ליניע... נאָך איצט, ווען זי איז שוין אַריבער די זיבעציק, שטאָלצרט זי מיט איר צאַרטער ליניע... זי האָט אַמאָל געהאַט אַ שיינעם קאָפּ שוואַרצע האָר. איצט זיינען זיי גרוי. די ברענענדיקע אויגן פאַרלאָשן. אָבער דער שמייכל פון אירע דינע ליפּן איז איר שוין פאַרבליבן אויף אייביק...

מיט סענדערלען האָבן זיי זיך דערפרייט. זיי האָבן זיך געלאַנגווייליקט און יעדער פרישער מענש, בפרט נאָך אַ קינד, איז ביי זיי געווען דער בעסטער גאַסט... זיי האָבן שטאַרק געבענקט נאָך די אייניקלעך, נאָך זייערע, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין ארץ־ישראל. זיי פלעגן שעהנווייז אָפּזיצן ביים קאָמאָד, אויף וועלכן עס זיינען געשטאַנען די בילדער פון די קינדער און אייניקלעך און אָנקוקן...

סענדערל האָט זיך דערפילט זייער היימיש אין דער פּשוטער בעל־הבתישער שטוב, צווישן די פּשוטע ליבע אַלטע לייט... עס האָט זיך אים באַלד געוואָרפן אין די אויגן די טשודנעקייט פון די צוויי אַלטיטש־קע, וואָס פירן זיך אויף אַזוי ווי אַ יונג פּאָר־פּאָלק. אָבער אַלע זייערע פּראָוועכצן האָבן ביי אים ניט אַרויסגערופן קיין געלעכטער, נאָר פאַר־

קערט, ס'האָט אים אַ שטויס געטאָן זיך פֿאַרטראַכטן און ס'האָט אים דערמאָנט דעם זיידענס ווערטער: „גיי, גיי, סענדערל, וועסט זען ווי מען לעבט"... — יאָ. ווייזט אויס, אַז אַזוי איז טאַקע שוין צו לעבן...

די מומע בתיה האָט זיך עפּעס לאַנג פֿאַרזאַמט אין קיך. דער פֿעטער ברוך האָט זי גערופֿן און אַז זי איז אַזוי גיך ניט געקומען, האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט און איז איר געגאַנגען זוכן.

— באַ, בתיה, וואו ביסטו?...

זי איז אַריינגעקומען אין שטוב, די מומע בתיה, דערזען דעם מאַן מיט אַ ליכט אין האַנט, האָט זי זיך צו סענדערלן געווענדעט:

— זעסט, סענדערל, אַזוי אַ ווי ער איז אַלט, אַזוי נאַריש מאַכט ער זיך... — און צום מאַן האָט זי געזאָגט — נו, וואָס האָסטו שוין ווידער אַמאָל אינמיטן העלן טאָג אַ ליכט אָנגעצונדן?...

— אַז מ'האָט ליב דאָס ווייב — האָט דער פֿעטער בנימוס געזאָגט

— זוכט מען זי אַרום בייטאָג מיט אַ ליכט...

נאָכן עסן האָט דער פֿעטער אַ זאָג געטאָן צו דער מומע בתיה:

— בתיה, נו קוק נאָר אָן דאָס קינד. עס זאָל ניט זיין סענדערל, וואָלט איך געשוואוירן, אַז דאָס איז מאָטל... אָט פּונקט אַזוי איז ער געווען, איידער ער איז קיין ניקאָלאַיעוו אין דער ישיבה געפֿאָרן...

— יאָ, — האָט די מומע אָפּגעענטפֿערט — טאַקע צוויי טראָפּנס וואַסער.

סענדערל האָט געקוקט אויף די צוויי אַלטע לייט אָן פֿאַרדראָס. זיי האָבן דאָך ניט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי דערוועקן אין אים אַ בענקשאַפֿט נאָך אַ טאַטן, וואָס ער קען ניט, וואָס ער האָט ניט געזען און וואָס ער וועט אפשר שוין קיינמאָל ניט זען. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן. ער האָט געפֿרעגט:

— ווייסט איר, פֿעטער, וואו מיין טאַטע געפֿינט זיך?...

— וואָדען, איך ווייס ניט?... אין אַמעריקע, זאָגט מען, איז ער!... אַ גרויסער מענטש, זאָגט מען, איז ער!...

די מומע האָט זיך געכאַפּט, אַז מ'טוט אַ פֿעלער, וואָס מ'רעדט מיט סענדערלן וועגן זיין טאַטן, האָט זי געזאָגט:

— ווייס איך וואָס ער רעדט... סענדערל, אַן אַלטער מענטש, דער פֿעטער דיינער, שוין אַ ביסל עובר בטל... וואָס ווייסט ער? גאָר־ניט! וואָס, איז, דער זיידע דיינער האָט דיר ניט אַלץ דערציילט וועגן דיין טאַטן?...

— ניין, מומע. איך האָב ביי אים אַפילו ניט געפֿרעגט!...

— איז פרעג, פרעג, מיין קינד !... פרעגביים זיידן ... מ'זאָגט, אז מאָטל האָט צו אים אפילו בריוו געשיקט און געלט אויך ... ער האָט זיך אַלץ אָנגעפרעגט אויף דיר, מאָטל ... אָבער דאָס אַלץ זאָגט מען נאָר ... אָכרימאָווע האָט ליב צו ריידן ... איי, אָכרמאָווער יידן, געזונט זאָלן זיי נאָר זיין ! ... מ'רעדט, און מ'רעדט ... און דער זיידע דיינער טוט אַלץ פארקערט ... ער שטעלט אַלעמען ארויס א פייג ! ... אָט גיי ביי אַ פּאָפּערעק זיך דערוויסן דעם אמת ! ...

— בתיהלע, — האָט געזאָגט דער פעטער — גיי, מאַמעניו, בעטן ...

די נאַכט האָט סענדערל ניט געקענט שלאָפן. ער האָט וועגן עפּעס אַלץ געטראַכט ... ער האָט אַ דרימעל געטאָן און זיך צוריק אויפ־געכאַפּט ... פאַרטאָג האָבן אים ניט געלאָזט שלאָפן דאָס קרייען פון די הענער און דאָס מעקן פון די ציגן .. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, סענדערל... ער איז געלעגן אין עס־צימער אויף אַ קאַנאַפּע. די טיר פון אַלקער איז געווען אָפן און ער האָט געזען דאָס בעט, אין וועלכער דער פעטער ברוך מיט דער מומע בתיה זיינען געלעגן ... זיי האָבן עפּעס גערעדט, די אַלטיטשקע, זיי האָבן עפּעס אַזוי פאַרליבט גערעדט און פּלוצלונג אָנגעהויבן צו קושן זיך ... סענדערל האָט זיך איינגעהאַלטן מיט די לעצטע כחות, ער זאָל קיין געלעכטער ניט אויסזעצן ... ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, אריין מיטן פּנים אין קישן און האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער ...

ווען ער איז אַ היים געקומען, האָט אים דער זיידע ערנסט געפרעגט :

— געזעען, סענדערל ? ...

— געזעען, זיידע ! ...

— געלאַכט ? ...

— געלאַכט ! ...

— גוט, גוט ... פון אַלטע לייט מעג מען לאַכן ... און לערנען מעג מען זיך אויך ביי אַלטע ! ...

— זיידע ! ... — האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן סענדערל — פאַרוואָס דערציילסטו מיר ניט וועגן מיין טאַטן ? ...

— האה ! ... האָט זיך דער זיידע צעשריגן — אויף דעם האָב איך דאָך געוואַרט ... האָסט ניט געפרעגט, האָב איך ניט דערציילט... אָבער, אַז דו ווילסט וויסן ? .. נו, מילא. איך וועל דיר שוין דער־ציילן .. מאָרגן, סענדערל, מאָרגן גיי איך אין קעלער אריין איבער־

קלייבן די פארבליבענע עפּל, ס'נאָך פּאַראַיאָריקע עפּל... וועסט מיט מיר גיין... דאָרט אין קעלער איז שאַ־שטיל... קיינער איז ניטאָ. וועל איך דיר דערציילן... און איצט בין איך פאַרנומען. אין סאָד גיי איך!... ווילסט, קום אויך מיט, סענדערל...

— איך גיי, זיידע!...

24. אין סאָד...

ס'איז געווען פאַרנאַכטלעך... שטיל איז געווען אין סאָד. דער ווייסער צווייט איז אָפּגעפאַלן און עס האָבן זיך אויף די צווייגן באַוויזן גרין־רויטלעכע סמנים פון נײַ־געבוירענע פּירות... לאַנגזאַם איז די זון אַוועק פון הימעל. עס האָט זיך באַקומען גלייך ווי זי וויל זיך ניט געזעגענען מיטן טאָג. אנטקייגן דער זון ביים סאַמע עק פון גרויסן סאָד, האָט איבער אַן אַלטן באַרן־בוים אַ גלאַנץ געטאָן די זילבער־שיין פון דער אָנקומענדער לבנה... בלוי און שטיל איז אינם סאָד געווען... די בומער זיינען געשטאַנען ווי פאַרכישופטע וועזנס פון עפּעס אַ שיינער לעגענדע... דער ווייסער קלויסטער צווישן די ביימער האָט מיט זיינע שאָטנס אָנגעוואָרפן אַ שרעק... דער אַלטער ישראל מיט זיין גרויסן שטעקן איז אומגעגאַנגען פון בוים צו בוים, דערגרייכט מיט זיין שטאָלצן קאָפּ אַזש ביז צו די צווייגן און איז ענלעך געווען צו אַ מכשף פון עפּעס אַ כשוף־מעשהלע... עס איז אָנגעקומען דער פעטער שלמה, אָנגעטאָן אין הויכע שטיוול מיט אַ גרויען פּאַרוסינאַוואָן רעגן־מאַנטל אויף די אַקסלען און אויך מיט אַ שטעקן אין האַנט...

— טאַטע, — האָט ער געזאָגט — האָסט געהאַט רעכט. דער אַלטער בוים, וואָס מיר האָבן געוואָלט אָפּהאַקן אויף האָלץ, גיט פּירות... קאַרשן וואַקסן אויף אים!...

— קום!... — האָט דער זיידע געזאָגט — מ'דאַרף תמיד קריצן און פאָרן אַלטע מיט יינגע... איך האָב דאָך געוואוסט, אַז עס וועט זיך אָננעמען... אַלץ באַדאַרף מען אויספּרואוון...

עס איז געשטאַנען אַן אַלטער בוים. אַן איינגעבויגענער, אַ גע־קאַרטשעטער פון אַלטקייט און די צווייגן פונם בוים זיינען באַנייטע געווען מיט רויטע פּירות, וואָס האָבן פון לבנה־שיין און פון שטערן־שטראַל, ווי די שפּיגל־האָזעלעך אומגעטאַנצט איבער דער גרין־גראָזי־

קער ערד... עס האָט זיך באַקומען, ווי אַן אַלטער גוף וואָלט אויף זיך אַ יונגען צעשויבערטן קאָפּ געטראָגן...

דער זיידע מיטן פעטער שלמה זיינען געגאַנגען פון בוים צו בוים און סענדערל איז זיי נאָכגעגאַנגען שטיל שווייגענדיק... פייגעלעך זיינען געפלויגן פון בוים צו בוים. דער זיידע מיטן פעטער האָבן אין די הענט געפּאַטש, געפייפט, געשריגן און געשראָקן די פייגלען און עס האָט זיך געטראָגן איבערן סאָד אַ גוואַלד, אַ געשריי און געזאַנג:

— קוו, קוו, קווא!...

— טרילי, לילי, טרילי, לי!...

— קו, קו!.. קו, קו!.. קו, קו!..

— טשא—טשי, טשא—טשי, טשא—טשי!...

סענדערל האָט אויפגעכאַפּט דעם געזאַנג פון די פייגלען און האָט עפּעס אָנגעהויבן מיטצוזינגען מיט זיי:

— טא, טאט, טאט, טא... טא—טא, טא!...

דער זיידע האָט זיך אומגעקוקט:

— זינגסט, סענדערל?... זינג, זינג!...

מ׳איז אַרוים פון צווישן די בוימער און מ׳איז צו צו אַ שטיינער־נעם פּלויט... ביי דער זייט פּלויט איז מען געגאַנגען און די זילבערנע לבנה איז פּאַראויס געלאָפן... פּלוצלונג האָט מען דערזען אַ פייערל... אַ רויט פייערל האָט געברענט... מ׳איז צו נענטער. אויף דער ערד ביים פעיירל איז געזעסן דאָס קליינע פעטערל, בערעלע... דאָס קליינע פעטערל האָט מיט זיינע לאַנגע געזונטע הענט געוואָרפן אינם פייערל טרוקענע צווייגן. זיי האָבן געטרעשטשעט, די צווייגן, און עס האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ פלאַם פייער און באַלויכטן דעם גרויסן קאָפּ מיטן פאַרזאָרגטן פּנים פונם קליינעם. קאַרליקעוואַטן בערעלע... דאָס פּנים האָט העל אַ שיין געטאָן און איז באַלד צוריק שוואַרץ געוואָרן...

מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרום פייער אַפּרועז... מ׳האָט גע־לייגט אין פייער קאַרטאָפלעס בראָטן. מ׳האָט שטיל געגעסן און זיך איינגעהערט צו די בוימער אין סאָד...

— מ׳גייט!... — האָט דער זיידע געזאָגט. און סענדערל האָט זיך געחידושט פאַרוואָס ער הערט ניט די טריט אַזוי ווי דער זיידע. מ׳זעט דאָך קיינעם ניט. אין סאָד איז שטיל. און דער זיידע האָט דערהערט טריט...

און פּלוצלונג זיינען זיי אויסגעוואַקסן לעבן פייער־שייטער: דער

פעטער שמואל, אַנגעטאָן אַזוי ווי שלמה, מיט הויכע שטיוול, מיט אַ פּאַרוסינאָוון רעגן־מאַנטל און מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט... רייזעלע האָט ווי אַ מלאך אַ שיין געטאָן אָנטקייגן דעם פייער פלאַם מיט אירע הויכע שטיוועלעך, מיט דעם גרויען וואַטאָוון מאַנטעלע און מיט דעם ווייסן שאַלעכל אויפן קאָפּ...

— סענדערל ?... — האָט רייזעלע געפרעגט.

— יאָ, איך !... — האָט סענדערל געענטפערט.

דער זיידע האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויפן פעטער שמואל. ער האָט דאָך אים שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז ער זאָל רייזעלען ניט מיט־נעמען אין סאָד נעכטיקן... ס'איז ניט פאַר קיין מיידל... עס טרעפט, אַז אויפן סאָד פאַלן אָן שקצים און דאַן קומט אויס צו לויפן מיט די שטעקנס אין די הענט אויף די שקצים... מ'זידלט זיך מיט זיי. עס קומט אויס צו זאָגן אַ מיאוס וואָרט... אַמאָל גייען אַוועק די שטעקנס אין גאַנג. אַ שלעכטן שייגעץ, וואָס טוט אַלץ אויף צו להכעיס, וואָס נעמט זיך ניט איין און ברעכט די ביימער, קומט אויס צו ברעכן די ביינער... נו, מעג טאַקע רייזעלע ניט זיין דערביי... אָט, סענדערל, ער איז אַ ייִנגל. ער איז עפּעס אַנדערש. ער, סענדערל, דאַרף זיך לערנען. עס וועט אים אין לעבן צונוץ קומען... אָבער, אַז דער זיידע גיט אַ קוק אויף רייזעלען, צעשיינען זיך זיינע טרערנדיקע אויגן. ער גיט זי אַ קניפּ אין בעקל. נאָר דאָס איז אים ווייניק. די ליבע צו רייזעלען איז שטאַרק גרויס. נעמט ער, דער זיידע, איר ווייס, שיין הענטעלע, אין זיין גרויסער, אַלטער, פאַרברוינטער פון זון, ווינט, רעגן און פראָסט — האַנט און שפּילט זיך מיט איר...

— ביסט געקומען אין סאָד, רייזעלע, ביסטו ?...

— יאָ, זיידע !...

— ניט צו דיר איז זי געקומען, טאַטע, — זאָגט דאָס קליינע בערעלע. ער גיט אַ ווייז מיט זיין לאַנגער האַנט אויף סענדערלען — אָט, צו אים איז זי געקומען !...

— מ'זעצט אויס אַ הילכיקן געלעכטער...

דער פעטער שמואל לייגט אונטער צווייגן צום פייער־שייטער, עס פלאַקערט אויף אַ רויט־גרינער פלאַם. דער פייער־שיין צעגיסט זיך אויף די לאַכנדיקע פּנימער. דער פעטער שמואל זאָגט צופרידן:

— צום חתן, צו אירן, איז זי געקומען, רייזעלע !...

— וו, וואָס ? אהא ?... — צעשרייט זיך דער זיידע. און

באַלד צעשאָקלט ער זיך מיטן קאָפּ — איי, קינדער, קינדער! ... אַ נייע וועלט, כ'לעבן אַ נייע...

אַלע זיינען אַוועק פון שייטער. מ'האָט זיך געלאָזט אומגיין אַרום די ביימער. געבליבן איז נאָר דאָס קליינע פעטערל, בערעלע, און מיט אים זיינען געבליבן סענדערל און רייזעלע.

— זעט, קינדער, דאָס פייער זאָל ניט אויסגיין. — האָט בערעלע געזאָגט, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און האָט באַלד אָנגעהויבן דרימלען.

סענדערל האָט געהאַלטן רייזעלען פאַר דער האַנט.

— אוי, איז גוט אין סאַד, רייזעלע! ...

— יאָ, סענדערל! ...

— און איך וויל אַוועקפאָרן צוריק אַ היים...

— פאַרוואָס, סענדערל? ...

— איך קען דיר ניט זאָגן, רייזעלע...

— בלייב דאָ, סענדערל! ...

— איך וועל נאָך קומען, רייזעלע, לאָם מיר נאָר אויסוואַקסן. וועסט זען...

דאָס פייער אינם שייטער האָט געהאַלטןביים אויסגיין...

25. דער זיידע מיטן אייניקל...

אויפן אַנדערן טאָג איז סענדערל געזעסן מיטן זיידן אין קעלער און געהאָלפן איבערקלייבן די עפּל... עס איז געווען אַ גרויסער קעלער, געמויערט אינעווייניק מיט שטיינער. אינם קעלער זיינען געווען טיפע קאָרידאָרן, סעקרעטן, סכראַנען, דורכגאַנגען און לאַבי־רינטן... אין יעדער טייל פון קעלער איז געווען אָנגעשטעלט היל־צערנע פּאַק־קעסטלעך מיט שטרוי. פעסער מיט וויין, מיט עפּל־קוואַס, מיט געזייערטע עפּל. און אויף דער ערד זיינען געלעגן גאַנצע בערג מיט עפּל...

דער זיידע מיט סענדערלען זיינען געזעסן אינם גרויסן סעקרעט. דאָ איז אַלץ געווען צוזאַמען. דאָס איז געווען אַ גרויסער הייל, גע־מויערט מיט שטיינער און ווייס אויסגעקאַלכט. אויף אַ פעסל איז אַ לאַמטערן געשטאַנען און האָט באַלויכטן די אָנגעוואַלגערטע קופּעס עפּל, די קעסטלעך, דעם זיידנס און סענדערלס געזיכטער.

רב ישראל האָט געקליבן די עפּל, זיי געלייגט לויט דער ווערט, גרויס און קאָליר אין באַזונדערע קאַסטנס. ווען אַ קאַסטן איז פול געוואָרן, האָט ער אים אַרויסגעטראָגן אין אַ צווייטן טייל פונם קעלער. סענדערל איז פאַראויס געגאַנגען און האָט באַלויכטן דעם וועג. דער־נאָך האָט דער זיידע ווייטער זיך געזעצט איבערקלייבן די עפּל. אַז ער האָט געפונען אַ גוטן עפּל, האָטער אים סענדערל געגעבן.

— נאַ, עס!... ס׳אַנטאָנאָווקער עפּל... זעסט, און דאָס עפּעלע איז מיט רויטע בעקעלעך... אהאַ, אַזאַ עפּל וועסטו אין אָדעס ניט עסן. ניטאָ אין אָדעס אַזוינע עפּל!...

ער האָט נאָך עפּעס געפונען אַן עפּל און געוויזן:

— דאָס איז אַ ראַנעט!... ביי מיר וואַלגערט עס זיך, ביי מיר. אין שטאָט איז דאָס אָבער גאָלד...

ער האָט געהאַלטן, דער זיידע, דעם עפּל אין האַנט, אים באַ־טראַכט און פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו זיין ברייטער ברוסט און האָט אָנגעהויבן דרימלען. ער האָט באַקומען אַזאַ טבע, דער זיידע, לעצטנס, אַז ער רעדט און רעדט און אינמיטן כאַפּט ער אַ דרימעל... סענדערל האָט אים באַטראַכט, דעם זיידן. מיט גרויס ליבע האָט ער אים באַטראַכט און באַוואונדערט זיין גבורה...

— מיין זיידע!...

און אין הארצן האָט עפּעס גענאָגט. ער האָט אַליין ניט גע־וואוסט, סענערל, וואָס און פאַרוואָס... עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט צוריקפאָרן אַ היים, קיין אָדעס...

דער זיידע האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן עפּל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, אים דערלאַנגט סענדערלן:

— אָט דעם פאַרזוך אויך...

— זיידע, — האָט סענדערל געזאָגט — ווען טאַטן האָסטו מיר צוגעזאָגט דערציילן...

— וועגן טאַטן דיינעם?... יאָ, יאָ!.. דיין טאַטע, מאָטל, איז אַ גרויסער מענש... ער האָט געשיקט בריוו, זיך אָנגעפרעגט אויף דיר... נאָר דער אַנדערער טאַטע דיינער, גרשון, האָט פאַר־באָטן... די מאַמע האָט אויך ניט געוואָלט... איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז דיר גוט. איר זיינט גבירים אין אָדעס... אָט, זע. דאָס איז ער, דיין טאַטע!...

ער האָט אַרויסגענומען פונם בוזעם־קעשענע אַ קאָנווערט מיט

א בריוו און מיט א פאָטאָ־בילד. סענדערל האָט פאַר זיך דערזען א פּולבלעכן מענטשן, מיט קאַרע־אויגן, אין וועלכע עס האָט א העל פייערל געברענט. דאָס לינקע אויג איז קוים־קוים קלענער פונם רעכטן. די האָר בלאָנדלעכע, פאַרקעמט אַרויף. דאָס פּנים ערנסט און קלוג... אָט, דאָס איז זיין טאַטע? ... יאָ, יאָ. אַזאַ אָ האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט... ער, סענדערל, האָט שטענדיק וועגן זיך געטראַכט, אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער אַזאַ אָ זיין... יאָ. און אַפילו אַזאַ אַ ברוינעם עלעגאַנטן אַנצוג וועט ער טראָגן...

דער זיידע האָט פאַרגעזעצט דערציילן:

— נאָך דער יאַפּאַנישער קריג, ס'הייסט אַפילו נאָכן פינפטן יאָר, נאָכן פּאָגראָם, נאָך דער סלאָבאָדע, וואָס דער קייסער האָט גע־געבן, איז דער טאַטע דיינער צוריק קיין רוסלאַנד געקומען. אָבער דאָ אין אַכרימאָווע איז ער ניט געווען. מ'האָט אים ערגעץ געזען און מ'האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין אינגאַנצן אויס ייד געוואָרן... אינגאַנצן אַ גלאַטער, אַ ראַזירטער איז ער געווען, אָט אַזאַ ווי דאָ אויפן בילד... און ער איז דאָך אַ רב... סמיכות אויף רבנות געהאַט. געלערנט... און דערנאָך איז אַ בריוו אָנגעקומען פון סיביר. מ'האָט אים אַריינגעזעצט און פאַרשיקט... פאַר קיין גנבה און גזלה האָט מען אים אַוודאי ניט פאַרשיקט... ער האָט אָבער ליב געהאַט צו לייענען פאַרווערטע ביכלעך, דער טאַטע דיינער... כ'ווייס... נו, מילא! ... אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער שוין אין אַמעריקע געווען, דער טאַטע דיינער... אָט דעם בריוו מיט דער קאַרטע האָט ער מיר פון אַמעריקע געשיקט .. ער האָט אָנגעפרעגט אויף דיר. געוואָלט דיך נעמען צו זיך. אָבער די מאַמע און דער מאַן אירער... נו, און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט טאַקע ווי אַן אייגן קינד ביי גרשונען, דו ווייסט ניט, אַז ער איז דיר אַ שטיף־טאַטע... אָבער, אַז דו ווייסט יאָ? ... איז אָט זע! ...

די הענט האָבן געציטערט ביי סענדערלען, ווען ער האָט געלייענט די שורות פון דעם בריוו, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן:

„...איך וויל שיקן אַ מענטש נאָך סענדערלען, מ'זאָל אים ברענגען צו מיר, קיין אַמעריקע. נאָר אויב שיווע וויל מיר דאָס קינד ניט געבן, וועל איך שיקן געלט, כדי מען זאָל דעם קינד געבן אַ גוטע דערציאונג... איך, ליבער שווער, בעט איך, אַז איר זאָלט אַכטונג געבן פאַרן קינדס דערציאונג... טאַקע נאָר אויף איך אַליין פאַרלאָז

איך זיך... איך וויל, אז מיין סענדערל זאָל באַקומען ניט נאָר אַ רעליגיעזע, נאָר אויך אַ וועלטלעכע בילדונג..."

— איז וואָס האָסטו געענטפערט דעם טאַטן, זיידע? — האָט סענדערל מיט אַ צעבראָכן קול געפרעגט.

— איך האָב געמיינט, האָב איך, אַז איר זיינט גרויסע גבירים!.. ער האָט זיך אויסגעזידלט, דער טאַטע דיינער, גרשון... ער האָט מיר גאָר געשריבן, אַז ער האָט דיך פון פּיצלווייז אויף דערצויגן און ער וועט דיך שוין אויך ווייטער דערציען... און קיין הילף פון מאַטלן וויל ער ניט. ער נויטיקט זיך ניט אין זיין הילף... און די מאַמע דיינע, שייוועַ, האָט מיר אויך דאָס זעלבע געשריבן... האָב איך אָפּגעענטפערט דעם טאַטן דיינעם, מאַטלן, אַז דו נויטיקסט זיך ניט אין זיין הילף... און פון דאַן אָן ווייס איך ניט פון אים. פון דאַן אָן קיין בריוו מער ניט באַקומען... ווייזט אויס, באַליידיקט האָב איך אים, ווייזט אויס...

— זיידע!... — האָט סענדערל אויסגעזעצט אַ געוויין — וואָס האָבן זיי געוואָלט פון מיר, וואָס?!... אוי, זיידע, זיי זיינען דאָך גרויסע קבצנים, מ'שטאַרבט פון הונגער!...

און ער האָט זיך באַלד געכאַפּט סענדערל, אַז אייגנטלעך האָט אים דער שטיף־טאַטע קיין שלעכטס ניט געטאָן. ער איז נאָר אַ גרויסער קבצן, איז ער... ווען עס איז דאָ פּרנסה באַציט ער זיך צו אים גוט, אַפילו נאָך בעסער ווי צו די אייגענע קינדער... און די מאַמע, זי איז דאָך אויך ניט שולדיק, ווי לאָזט מען דאָס אָפּ אַ קינד פון זיך?... ביי איר איז ער און די איבעריקע קינדער אַלץ איינס ליב און טייער... און אַז ער האָט זיך שוין אינגאַנצן באַרואיקט, האָט ער געזאָגט צום זיידן:

— איך וויל צוריקפאָרן, זיידע!... צוריק קיין אָדעס!... דאָ זיין מערער קען איך ניט!... פאַרשטייסט, זיידע, די מאַמע איז אַ שטאָלצע ביי זיך. דער טאַטע, גרשון, אויך... מ'האָט ניט געוואָלט, אַז אַברימאָווע זאָל וויסן, אַז מ'איז אָרים!...

— אי, אי, אי!... — האָט דער זיידע אַ זיפץ געטאָן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און די באָרד האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן — דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוימעלע... פּאַפּערעק בלייבט פּאַפּערעק אַפילו אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי אָדעס!...

ער האָט אַרויסגענומען פון טייסטער פינף נייע צען־רובלדיקע אַסיגנאַציעס און זיי סענדערלן דערלאַנגט:

— נו, וועסט קומען א היים, וועסטו דעם פופציקער דער מאַמען צו די הענט אָפּגעבן... און אויף דיין רייזע ביז קיין אָדעס וועל איך דיר באַזונדער געבן!...

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך סענדערל געזעגנט מיט אַכרימאָווע... דאָס קאַרליקעוואַטע, קליין פעטערל, בערעלע, האָט אים אָפּגעפירט צו דער סטאַנציע... ביז איבערן בריקל פונם שטעטל אַרויס האָט אים באַגלייט דער פעטער שמואל מיט רייזעלען...

און ווען דער צוג האָט אים געפירט צוריק קיין אָדעס, איז ער געלעגן, סענדערל, איינער אַליין אויף אַ פּאָלקע פון דריטן־קלאַס וואַגאָן און געזען פאַר זיך די גאַנצע צייט רייזעלעס בילד, ווי זי שוועבט פאַר זיינע אויגן...

26. דער גאָלדענער ווינטער...

די פופציק רובל, וואָס סענדערל האָט געבראַכט צופירן פון אַכרימאָווע, איז אין שטוב גוט צונוצגעקומען. גרשון מלאך האָט געפּרוּווט ווערן אַליין פאַר זיך אַ בעל הבית... אין דער גרעס־טער אוניווערסאַל־פירמע פון אָדעס, ביי פּטאַשניקאָוו, האָט ער איינגעקויפט כל'ערליי שטאָפן און האָט אָנגעהויבן מאַכן אַליין פאַר זיך זומערדיקע און ווינטערדיקע היטלען. די היטלען האָט ער מיט אַמאָל, „הורטאָם", פאַרקופט אויפן טאָלטשאָק אין דער גרעסטער היטל־קלייט פון פיני לויטער... דער פיני לויטער, אַ הויכער, אַ שוואַרצער ייד מיט גרויסע, שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצן, וואָס האָבן אים געמאַכט ענלעך צו אַ ציגיינער, האָט זיך געהאַט זיין חשבון: וואָס דאַרף ער, אַז אויפן מאַרק זאָלן צוקומען נאָך קלייטן און שטעלעכלעך. אַמיין קויפט ער „הורטאָם" אָפּ ביי דעם, וואָס וויל ווערן בעל־הבית פאַר זיך, די גאַנצע סחורה זיינע און ער איז פּטור פון קאָנקורענטן...

גרשון מלאך האָט פאַרקויפט איין פּאַרטיע אַרבעט צו פיני לויטער, פאַרדינט ביי איר. האָט ער געמאַכט אַ צווייטע פּאַרטיע אַרבעט. ווידער פאַרדינט. דערנאָך אַ דריטע, און אַ פערטע... און אין דער גרויסער אוניווערסאַל־פירמע, ביי פּטאַשניקאָוו, האָט ער שוין געגעבן צו לייזן אַ גאַנצן הונדערטער... פּטאַשניקאָוו האָט זיך געהאַט זיין מנהג, ווי אַזוי צו פאַרנאַרן צו זיך קונים. ער האָט

געגעבן פּרעמיעס... יעדער איינער, וואָס האָט אים געגעבן צו לייזן אַ הונדערטער, האָט באַקומען אַ פּרעמיע מיט סחורות אויף פינף רובל... און אַזוי האָט דער קירזשנער גרשון אַרויסגעטראָגן פון פּטאַשניקאָווס קלייט און געבראַכט אַ היים אַ שיינעם סאַמאָוואַר, אַ פּלושענע קאָלדרע און אַ גרויסן הענגלאָמפּ מט אַ גרינע גלעזערנע שיין...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן לעבן בעסער. מ'האָט שוין דערזען אין שטוב אָפּטער אַ שטיקל פּוטער, אַ שטיקל פלייש און שבת איז שוין טאַקע געווען שבת אַזוי ווי ביי יידן דאַרף זיין...

סענדערל איז איצט געוואָרן געאַכט און געקרוינט ביי גרשונען... ער האָט אים אָנגעהויבן לערנען די מלאכה, די „קונסט" פון קירזש־נעריי, ווי אַזוי צו מאַכן אַ היטעלע... און ער האָט ניט פאַרגעסן, גרשון, אַלעמאָל איבערצוחזרן:

— מיט זיין צוריקקומען פון אַברימאָווע האָט אונז סענדערל דאָס מזל געבראַכט! . נאָר ווי זאָגט מען דאָס: אַ מזל אָן שכל איז אַ לעבערדיקער זאַק!... כאָטש אַנדעריש גערעדט: אַז עס איז ניטאָ קיין מזל, העלפט ניט קיין חכמה!...

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער האַרבסט מיט די רעגנס, ווינטן און איינגעגעסענע עשריקע קעלטן... עס האָט זיך אָנגערוקט דער שווערער ווינטער מיט די פרעסט, זאַווירוכעס און זאַווייעס... אָן אָרימאַן פון מאָלדאַוואַנקע טראַכט וועגן דעם ווינטער מיט שרעק און טרויער... עס הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט פאַרגרייטן קוילן און האָלץ און קאַרטאָפל... קיין געלט איז אָבער ניטאָ!... נאָר גרשון מלאך האָט דאָס מאָל וועגן דעם שוין נט געטראַכט... ס'האָט אָנגעזאָגט צו זיין אַ שווערער ווינטער, און גראָד איצט האָט גרשון מלאך פריילעך געזאָגט:

— אַ גאָלדענער ווינטער וועט זיין!...

ער איז אוועק צו די פוטערמאַכערס, ביי זיי אָפּגעקויפט שטיק־לעך אָפּפאַל פון קאַראַקול און קאָטיק און אינדערהיים האָט ער אַליין, שייווע, סענדערל און אַפילו לייבעלע אָנגהויבן צונויפנייען און צונויפ־טשאָבן די שטיקלעך פוטער, און פון דעם האָט זיך באַ־קומען גאַנצע שטיקער קאַראַקול און קאָטיק... ער האָט ערגעץ באַקומען, גרשון, אַ שטעמפּל, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ לייב און אָנגעשריבן אויף לאַטיין „מאַדע אין לאָנדאָן". מיט גאָלד־פאַרב האָט ער דעם שטעמפּל געשטעלט אויף זיידענע און אַטלאַסענע

פּאָדשיוועס, וועלכע ער האָט געמאַכט פון געקויפטע, אַלטע און צעריסענע שירעמס. דאָס קאַראַקולענע אָדער קאַטיקאַווע היטל וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון די פּיצלעך פוטער, מיט דער שיינער פּאָד־שיוועקע און גאָלדענעם שטעמפּל, האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ היטל פון דער שענסטער אויסלענדישער פירמע. געקויפט אַזאַ היטל האָט ניט קיין אָרימאַן, נאָר אַ גביר, אַ דאָס אַזאַ גביר, וואָס זוכט איינצו־האַנדלען מציאות, גוטע זאַכן פאַר ווייניק געלט...

ניט איין מאָל פלעגט דער פריילעכער קירזשנער אהיימקומען פון גאַס מיט אַ טרויעריקן געמיט, אַ וואָרף טאָן שייוועז דאָס דרייערל און אַליין בלייבן זיצן מיט פאַרוויינטע איבערגעשראָקענע אויגן ביים טיש:

— אָפּגענאַרט אַ מענשן! ...

און שייוועז, די מער פּראַקטישע, די קלוגע יידענע, פלעגט אים טרייסטן:

— נעם זיך ניט צום האַרצן, גרשון. ווי אַזוי־זשע דען קומט מען צו אַ קערבל, אויב ניט אַזוי? ... דיר דוכט, אַז דו האָסט אים אָפּגענאַרט און אים דוכט, אַז ער האָט דיך אָפּגענאַרט... קיין אָרי־מאַן קויפט דאָך ניט קיין קאַריקאַקולענע אָדער קאָטיקאָווע היטל... אַן אָרימאַן קויפט זיך אויף ווינטער פאַר דרייסיק־פערציק קאָפּיקעס אַ באַראַשקן אָדער גאַרעסן היטל... פאַר אַן אמת קאַראַקולענע אָדער קאָטיקאָווע היטל דאַרף מען דאָך באַצאָלן אין קלייט אפשר אכט־צען רובל... און ביי דיר אויף דער האַנט האָט ער באַצאָלט פאַרן היטל בסך־הכל אַ דרייערל... וואָס־זשע מיינט ער, ער האָט דיך אָפּגענאַרט? ... ניין, ער האָט זיך אָפּגענאַרט ...

— אין אַ פּאָר טעג אַרום — האָט גרשון טרויעריק געזאָגט — וועט זיך דאָס היטל צעפאַלן... עס איז דאָך פון גאָלע שטיקלעך און פּיצלעך...

— נשקשה — האָט אים שייוועז געטרייסט — אַ גביר האָט געלט. ער וועט קויפן אַן אַנדערע! ...

און אַרבעט איז געוואָרן מערער. מ'האָט זיך שוין אַליין ניט געקענט אָפּאָרן... מ'האָט צוגענומען אַ לערן־יינגל. און דאָס לערן־יינגל האָט געהייסן חיים־מוניע. נאָר גרשון האָט אים גערופן: חיים מיט דער זשמעניע... און דערנאָך איז נאָך צוגעקומען אַן עלטערער ייד מיט אַ שוואַרץ־גרויליכער, אין דער לענג צעוואַקסענער באָרד, מיט גרויע אויגן און מיט אַ תמעוואַטן פּנים. דער ייד האָט אַריינ־

געלייגט עטלעכע זיינע רובל אין „געשעפט" און איז געוואָרן אַ שותף צו גרשונען... דער ייד האָט געבראַכט צופירן זיין מאַשינדל, זיינע קלעצלעך און זיין שער־און־אייזן. דער ייד האָט זיך אַוועקגע־זעצט אַרבעטן צוזאַמען מיט גרשונען. מ'האָט אים גערופן, דעם יידן, חיים, נאָר גרשון האָט אים אַ נאָמען געגעבן חיים בוץ!...

און אין שטוב איז שוין געוואָרן שטאַרק ענג. די שטוב האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצן וואַרשטאַט... ביי די צוויי מאַשינען זיינען געזעסן גרשון מלאך און חיים בוץ. מיט דער האַנט האָט גע־נייט סענדערל און חיים־מוניע. שיינוע, אַז זי האָט זיך אָפּגעאַרבעט אין קיך, האָט זי אויך אונטערגעהאָלפן אין דער אַרבעט. און אַז לייבעלע מיט נחמנלע זיינען געקומען פון חדר, האָבן זיי אויך זיך געזעצט טשאַבן די פּיצלעך פוטער... אפילו דאָס קליינע קינד, דאָס מיידעלע מלכהלע, איז אומגעקראָכן אויפן פּאָל, געכאַפּט שטיקעלעך קאַראַקול און האָט זיך געשפּילט, מיינענדיק, אַז זי נייט, העלפט אויך צו אין דער אַרבעט... אין שטוב איז געוואָרן אַזאַ ענגשאַפט, אַז מ'האָט זיך שוין ניט געהאַט וואוהין צו רירן. און גרשון מלאך האָט אַ זאָג געטאָן:

— משנה מקום, משנה מזל!... מיר ציען זיך, שיינוע־לעבן, איבער אין אַ נייער דירה!...

די נייע דירה איז געווען אויף דער דלוגוי־גאַס נומער פינף, פּונקט אינמיטן. צווישן שפּיטאַל־גאַס און באַלגאַרסקי־גאַס.. אויפן ראָג פון שפּיטאַל־גאַס און דלוגוי־גאַס האָט זיך געפונען דאָס טיי־הויז, דער טראַקטיר, וואָס האָט אויף זיין ווייסער שילד מיט בלויער פאַרב אַ געמאָל פון אַ טשייניק מיט גלעזער טיי אַרום אים. מיט רויטער פאַרב אַ געמעל פון אַ בער, מיט שוואַרצער פאַרב אַ געמעל פון רוסישע אותיות, וואָס האָבן דערמאָנט, אַז דער טראַקטיר הייסט „מעדוועד"... אויף דער אַנדערער זייט דלוגוי־גאַס, צווישן שפּיטאָל־גאַס און פּראַכאַראָווסקע גאַס, האָט געוואוינט אַליין דער גרעסטער גנב פון אָדעס משהקע בראהון, וועמען די וועלט האָט גערופן מישקע יאַפּאָנטשיק. ער האָט דאָ געוואוינט, מישקע, מיט זיין אַלטן טאַטן, דעם בינדיוזשניק, און מיט זיינע צוויי שוועסטער, די שענסטע מיידן פון דער מאָלדאַוואַנקע. ער האָט געוואוינט ביי זיך אין אַן אייגענעם, פאַר אייגן געלט געקויפטן הויף... פּאָליציי האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן פאַר דעם הויף. אַז מישקע פלעגט זיך אויף דער גאַס באַווייזן, פלעגט אים דער גראָדאָוואָוי, וואָס פלעגט אויפן פּאָסטן שטיין אויפן ראָג, אָפּגעבן טשעסט.

דער הויף נומער פינף אויף דער דלובוי־גאַס, דאָס איז געווען א גרויסער הויף, פול מיט וועגענער, שליטנס, דראָשקעס, פורגאַנעס און בינדיוגעס... עס זיינען דאָרט געווען פיל שטאַלן מיט פערד. דער פראָנט פון הויף איז אָבער געווען א שיינער, א צוויי־גאָרנדיקער, מיט פענצטער פון די שטיבער צו דער גאַס ארויס. אויבן אויפן דאַך, איבער די שטיבער, איז א גלעזערנע געביי געווען, אזא מאַנסאַרדע. דאָרט איז עפּעס איינער, א מאָדנער פּאַרשוין געזעסן, סאַלאָמאָן דער „בודאָזשניק” האָט מען גערופן דעם פּאַרשוין. און ער האָט טאָג ווי נאַכט געמאָלט בילדער...

גרשונס דירה איז איצט געווען אויפן צווייטן שטאָק און איז באַשטאַנען פון דריי צימערן מיט א קיך. אין איין צימער איז געווען דער וואַרשטאַט. אין צווייטן דאָס עס־צימער. אין דריטן דאָס שלאָף־צימער. אַלע פענצטער פון די צימערן זיינען ארויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און גרשון האָט געזאָגט:

—ס׳א פריילעכע דירה!...

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער. ס׳האָט א שניי געשאָטן. פון ים האָט א ווינט געבלאָזן און דעם שניי געטריבן און געדרייט, ווי א וויכער.... דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע פרעסט און עס האָט זיך גאָרניט געגלויבט, אז אין דער אָ שיינער, זוניקער דרום־שטאָט זאָלן אזוינע ווינטערן זיין ...

אין וואַרשטאַט האָט א טשוהונער אויוועלע געברענט. דאָס אויוועלע איז געווען רויט... מ׳האָט קיין קוילן ניט געזשאַלעוועט. מ׳האָט געלעגט און געלעגט און עס איז געווען וואַרים... מ׳איז אַלע געזעסן ארום דעם רויטן אויוועלע און מ׳האָט גענייט די נעט פון די גאָרוסנע, שמויסענע, קאָטיקאָווע און קאַראַקולענע היטלען... חיים בוץ האָט אַלעמאָל דורכן פענצטער אויף דער גאַס ארויסגעקוקט און א ברום געטאָן:

— נו, נו, א ווינטער. ווי אין סיביר!...

גרשון מלאך האָט פריילעך אויף זיין שותף געקוקט און זיך געוועַרטלט:

—ס׳דען א ווינטער. ס׳דאַך א גאָלד ...

און דאָס לערן־יינגל חיים־מוניע, וועלכן מען האָט גערופן חיים מיט דער זשמעניע, האָט לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיק געגייט די נעטלעך, זיך גוט־גוט איינגעקוקט מיט די זשוואַווע אויגעלעך, וואָס ער טוט, געשמאַרעט מיט זיין לאַנגער נאָז און אַלע מאָל זיך די פינגער מיט דער נאָדל געשטאָכן ...

— אך, אך ! . . . — האָט ער אויסגעשריגן, געכאַפּט דעם צע־שטאָכענעם פינגער אין מויל און אים אָנגעהויבן זויגן . . .

— וואָס איז, חיים מיט דער זשמעניע ? . . . — האָט גרשון געשריגן — זיך שוין ווידער צעשטאָכן די פינגערלעך ? . . .

— יאָ, בעל־הבית ! . . . — האָט חיים־מוניע געענטפערט — צעשטאָכן ! . . .

— זויג אויס דאָס בלוט. עס וועט איבערגיין . . .

— איך זויג דאָס בלוט, בעל־הבית ! . . .

און דער שותף חיים בוץ האָט זיך אויך געוואָלט ווערטלען, נאָר עס האָט זיך ביי אים גאָרניט באַומען :

— חיים מיט דער זשמעניע, ווילסטו זיין אַ בעל מלאכה, מוזטו זיך צעשטעכן די פנגער און זיך אָפּבריען . . . איך אַליין האָב זיך אויך אַמאָל צעשטאָכן און אָפּגעבריט ! . . .

ער האָט געהאַט אַ טבע, חיים־מוניע, אַז מ'האָט אים געשיקט אַ גאַנג, האָט ער שוין פאַרגעסן צוריק צו קומען. ער פלעגט זיך אָפּט זאַמען אַ צוויי־דריי שעה און ערשט דערנאָך ברענגען ניט דאָס, וואָס מ'האָט באַדאַרפט. דאַן פלעגט אויסקומען סענדערלן אַליין צו גיין ברענגען די זאַך . . . און אָפט מאָל פלעגט סענדערל אים ארומגיין זוכן.

שייוועס האָט וועגן חיים־מוניען געזאָגט :

— אים איז גוט נאָכן מלאך־המות שיקן, ער וועט אים קיינמאָל ניט ברענגען ! . . .

— מ'דאַרף אים ארויסטרייבן — האָט חיים בוץ געזאָגט — קיין נוצן האָבן מיר סיי ווי סיי ניט פון אים . . .

— ס'נאָך אַ קינד, אַ נאַריש קינד. ער וועט זיך אויסלערנען — האָט גרשון געענטפערט — זאָל ער זיין !

און מ'האָט אָנגעהויבן מיט חיים־מוניען טרייבן קאַטאָוועס. מ'האָט אים איצט שוין געהאַלטן ניט אַזוי צוליב אַ מלאכה זיך לערנען, ווי צוליב פרייליכקייט . . .

— חיים מיט דער זשמעניע — פלעגט אַ געשריי טאָן חיים בוץ — גיב אַ שפּרונג צו פּטאַשניקאָוון אין קלייט און הייס זיך געבן פאַר צוויי קאָפּיקעס אַ ניכטערן פאַדים ! . . .

חיים־מוניע פלעגט אויפשטעלן אַ פּאָר תמעוואַטע קוקערס און פרעגן :

— ווי אַזוי זאָגט מען אויף רוסיש ניכטערער פאַדים ?

— „ניטקי נאַטאַשטשאַק", פאַרשטאַנען ?... נו, גיכער, ריר זיך, איין פוס דאָ, אַ צווייטן דאָרט און קום שוין צוריק !...

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער געקומען צוריק, אָפּגעגעבן די צוויי קאָפּיקעס און גאַנץ ערנסט געמאָלדן:

— מ'האָט פון מיר געלאַכט. ניטאָ אַזוינע פּאָדים, זאָגט מען !

— אוי, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין — האָט זיך גרשון מלאך געקייקלט פון געלעכטער — ווייסטו גאָר וואָס, חיים מיט דער זשמע־גיע, גיב נאָר אַ שפּרונג אַרויף אַט אַ דאָ אויבן, צו דעם שמירער, ווי הייסט ער דאָרט, צו סאַלאָמאָנען דעם „כודאָזשניק", און בעט אים ער זאָל אונז לייען אַ שיקע־שער !...

חיים־מוניע לויפט שנעל אַרויף צום שכן. ער לויפט איצט שנעל, ווייל ער וויל זייער וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דעם גלעזערנעם קאַסטן. אין דער מאַנסאַרדע, וואָס שטייט אויפן סאַמע בוידעם... ער קומט אָבער באַלד אַראָפּ אַן איבערגעשראָקענער:

— בעל־הבית, מען האָט מיך פון דאָרט אַראָפּגעוואָרפן, אַרויסגעטריבן צו אַלדי שווארץ יאָר !...

מ'שטיק זיך פון געלעכטער. מ'איז פריילעך. מ'איז זאַט. ס'איז אויפגעלייגט אויפן האַרצן... שייווע טראָגט אַריין אַ גרויסע שיסל קאַרטאָפל, עס זעצט פון זיי אַ הייסע פּאַרע, אַזוי פריש־געקאָכט זיינען זיי. דערנאָך דערלאַנגט זי אַ לעבעל קאָרן־ברויט און אַ טעלער זויערע אוגערקעס. מ'עסט גיך אָפּ דעם פרישטיק און מ'זעצט זיך ווידער צו דער אַרבעט...

איין מאָל האָט גרשון מלאך געשיקט חיים־מוניען צו פּטאַשני־קאָוון אין קלייט קויפן קאָלינקאָר. דער קאָלינקאָר איז נויטיק געווען דרינגנד צו אַ פּאַרטיע ווינטערדיקע היטלען פון פּראָסטן גאַרוס און באַראַשקע. מ'האָט פונם קאָלינקאָר באַדאַרפט פּאָדשיוועקעס מאַכן און גרשון האָט צו אים געזאָגט:

— געדענק, וואָס גיכער קומען. פאַרהאַלט זיך ניט. מיר בלייבן שטיין אָן אַ שטאָך אַרבעט...

— גוט, בעל־הבית !... — האָט חיים־מוניע געזאָגט און איז אַוועק.

און ווי נאָר ער איז אַרויס פון שטוב, האָט גרשון זיך איבערגע־לייגט און ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו סענדערלען:

— אַנו, דעריאָג אים נאָך, סענדערל, און ווייז אים ווי אַזוי מ'ברענגט שנעל דעם קאָלינקאָר. מאַך עס, סענדערל, איינס און

צוויי, ווייל מיר בלייבן באַלד זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און אויף אים פאַרלאָזן זיך טאָר מען ניט...

סענדערל האָט חיים־מוניען דעריאָגט אויף דער גאַס. יענער איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך, ניט געאײַלט, געקוקט אויף די שליטנס, וואָס פאָרן אום אַהין און צוריק און זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער קראָם לייענען די שילדן. סענדערל האָט אים אונטערגעטריבן און מ׳איז גיך געקומען צו פּטאַשניקאָוו. מ׳האָט געקויפט, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט, און מ׳איז צוריק אַ היים געגאַנגען. און כדי מאַכן קירצער דעם וועג, האָט איצט חיים־מוני פאָרגעלייגט דורכגיין דורכן „גראַדאַנאַטשאַלניקס" הויף, וואָס שניידט אַדורך צוויי גאַסן... דאָס איז געווען אַ הויף מיט פאַרשידענע קליינע קלייטלעך, קרעמלעך און שטעלעכלעך. דאָ האָט מען געקאָנט קויפן זייער ווּאָלוול פאַרשידענע, פאַרלעגערטע סחורות האַלב אומזסט... אין דעם הויף איז געווען אַ וואַלוועלע קיך, וועלכע מ׳האָט גערופן „אבזשאַרקע", אַ כמעט אומזיסטע נאַכט־הויז, וואָס יעדער איינער האָט גערופן „נאָטשליאָזש־קע", אַן אומזיסטע אַמבולאַטאָריע, אַ האַלב־אומזיסטע אַפּטייק און אַ גאַנץ אומזיסטע באָד... ווען מ׳איז דורכגעגאַנגען אַ ברוינע געביידע מיט אַ רויטער פאָן אין טויער, אַ סימן, אַז דאָס איז די באָד, האָט חיים־מוניע געזאָגט:

— סענדערל, אפשר וועלן מיר אַריינגיין?...

— וואוהין?...

— אין באָד!...

— צוליב וואָס?...

— נאַרעלע, — האָט חיים־מוני געזאָגט — קיין געלט קאָסט עס דאָך ניט. פאַר אומיסט באָדט מען זיך אויס. מיר וועלן נאָר איינס און צוויי זיך אויסבאָדן און גיין אַ היים!...

— ניין. דער טאַטע וואַרט אויפן קאָלינקאָר. ער וועט שרייען!...

— עס וועט דאָך גאָרניט געדויערן. און ס׳איז דאָך אומזיסט!...

— טאַקע אומזיסט?... — האָט סענדערל איבערגעפרעגט. אים איז דאָס אַזוי טשיקאַווע געוואָרן... ער האָט שוין געהאַט עפּעס געהערט וועגן דעם מאָדנעם גראַדאָנאַטשאַלניק, וועלכער האָט געמאַכט פאַר אָרימע לייט אַן אומזיסטע באָד. און ער האָט באַשטימט אַריינ־גיין, זעען צו דאָס איז טאַקע אַן אמת...

מ׳איז אַריין. אין אַ קעסטל האָט מען צונויפגעלייגט דאָס אָנטאָן און אונטערן אָנטאָן האָט מען באַהאַלטן דעם קאָלינקאַר... מ׳איז אַראָפּ אונטן אין דער שוויץ און מ׳האָט זך אָנגעהויבן וואַשן. מ׳האָט

באשטימט זיך ניט לאַנג דאָ זאמען... אַט: מ'האָט זיך נאָר אָפּגעגאָסן מיט שעפּעלעך וואַסער, איינס דאָס אַנדערע זיך אַ רייב געטאָן די פּלייצעס, דערנאָך אָפּגעשוויצט אויף דער אויבערשטער באַנק און זיך ווידער אָפּגעגאָסן מיט שעפּעלעך וואַסער... און אַז מ'איז אַרויס פון באָד איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך... ס'האָט אַ ווינט געבלאָזן. דער שניי האָט געדרייט. ס'האָט זיי ביידע באַלד אַ נעם געטאָן דער פראָסט. זיי האָבן אַ ציטער געטאָן און אָנגעהויבן לויפן...

און אין דער היים האָט מען זיי אַרומגעזוכט.

גרשון מלאך און חיים בוץ זיינען געלאָפן צו פּטאַשניקאָוון אין קלייט. דאָרט האָט מען זיי געזאָגט, אַז צוויי יינגלעך זיינען געווען, געקויפט, געקויפט דריי אַרשין קאַלינקאַר און זיינען באַלד אַוועקגעגאַנגען. איז גרשון מלאך מיט חיים בוץ צוריק אַ היים געגאַנגען, נאָר דאָ די קינדער ניט געטראָפן. מ'האָט זיך דערשראָקן. אפשר האָט עפּעס פּאַסירט מיט זיי?... און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט דער ווינטערדיקער אויפדערנאַכט... מ'האָט שוין געוואָלט לויפן אין פּאָליציי... נאָר די צוויי פאַרשווינען האָבן זיך פּלוצלונג אַליין אַריינגעשטעלט: צוגעקילטע, הוסטנדיקע, פאַרפרוירענע...

— וואו זיינט איר געווען? — האָט שייווע אויסגעשריגן און אין דעם אויסגעשריי איז געווען סיי פרייד סיי צאָרן.

— מאַמע! — האָט קוים סענדערל אויסגערעדט — לייג מיך שוין אַריין אין בעט. איך בין צוגעקילט.

גרשון האָט דערזען, אַז סענדערל איז קראַנק. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף חיים־מוניען און באַמערקט, אַז ער איז אויך ניט מיט אַלעמען... עס רינט אים פון דער נאָז און די אויגן טרערן אים. האָט ער געפרעגט:

— פאָרט, וואו זייט איר געווען?...

חיים־מוני האָט אַ הוסט געטאָן און געענטפערט תמעוואַטע:

— אין באָד, בעל־הבית!...

מ'האָט אויסגעזעצט אין אַ געלעכטער. נאָר מ'איז באַלד ערנסט געוואָרן. מ'האָט דערזען, אַז די קינדער זיינען טאַקע גוט פאַרקילט... גרשון מלאך האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט צו חיים מוניען:

— גיי אַ היים און מער זאָלסטו שוין ניט קומען. מיטן טאַטן, מיט דיינעם, וועל איך שוין אַליין איבעריידן...

חיים מוניע איז אוועקגעגאַנגען און חיים בוץ האָט אים נאָכגעשריגן:

— אַ רוח אין דיין טאַטנס זון אַריין, סמאַרקאַטש דו איינער!...

אָט אַזוי איז מען פּטור געוואָרן פון חיים מוניען.

און סענדער'ל איז אָפּגעלעגן אַ פּאָר חדשים צו בעט, ביז ער האָט זיך אויף די פיס געשטעלט. ער האָט געהאַט אַ שווערע לונגען־אָנצינדונג.

און פאַר דער צייט האָט אין הויז עפּעס פּאַסירט...

פון אַ שטיק צייט אָן האָבן די שכנים געהערט יעדע נאַכט, אַז אין איינעם פון די שטאַלן קלאַפּט עפּעס. די פורמאַנעס, די איזוואָז־טשיקעס און די בינדיוזשניקעס האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז אַ „דאָמאָוואָי" האָט זיך איינגענאַרעט אין שטאַל און מאַטערט אַ גאַנצע נאַכט די פערד. נאָר איינער צווישן זיי, דער איזוואָזטשיק איציק לאַנגער, אַ ייִנג מיט אַ רויטן קאַרג, אַ פרייליכער און שוין צופיל אַ געבילדעטער ווערליק אַ איזוואָזטשיק דאַרף זיין, ער האָט ניט געגלויבט. ער האָט צו אָמאָלען אונטערגעוואונקן מיט זיינע שיינע אויגן, באַוויזן אַ גרויס מויל מיט ווייסע, שיינע ציינער און געלאַכט:

— יידן מיט בערד און גלויבן אין נאַרישקייטן. ניטאָ קיין שום דאָמאָוואָי... דאָס האָבן יאָלדן אויסגעטראַכט!...

מ'האָט אָבער פאָרט געהערט אין די אויפדערנאַכטן, ווי עס קלאַפּט אין שטאַל און די פערד ווערן אומרואיק, זיי בריקעווען מיט די פיס... יאַנקל דער בלינדער, אַן עלטערער בינדיוזשניק, האָט געשוואוירן, אַז אויב ער זאָגט ליגן, זאָל ער פאַרלירן דאָס רעכטע אויג אויך, ווי ער האָט פאַרלוירן דאָס לינקע... ער האָט אַליין געהערט, ווי ביינאַכט האָט עפּעס אין שטאַל געקלאַפּט און געקלאַפּט... ער ווייס ניט געניי צי אין שטאַל, צי אונטערן שטאַל... אָבער עס האָט געקלאַפּט און די פערד זיינען אומרואיק געווען... די פור־מאַנעס, איזוואָזטשיקעס און בינדיוזשניקעס האָבן זיך צונויפגע־רעדט, אַז מ'וועט מיט זיך נעמען העק, מ'וועט אַ גאַנצע נאַכט נעכטיקן אין הויף אויף די וועגענער און אַזוי ווי מ'וועט נאָר דער־הערן, אַז עס קלאַפּט אין שטאַל, וועט מען אַריין מיט די העק און מען וועט הרגענען דעם „דאָמאָוואָי"...

איציק לאַנגער האָט געלאַכט פון זיי, געבעטן מ'זאָל זיך ניט נאַריש מאַכן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. אויפדערנאַכט זיינען עטלעכע פורמאַנעס צוזאַמען מיט יאַנקל דעם בלינדן אַרויס אין

הויף מיט העק און לאָמען און מ'האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף די פורן וואַרטן . . .

דער גאַנצער הויף איז דאַן געגאַנגען כּאָדראָאָם. פון אויבן, פון דעם גלעזערנעם קאַסטן, פון דער מאַנסאַרדע, וואָס אויפן בוידים, איז אַראָפּ סאַלאָמאָן דער „בודאָזשניק", אַ מאָגער מיטלוואָוקסיקער יינגערמאַן, מיט פּיצינקע וואַנצקעלעך אונטער אַ קליין שוואַרץ חנעוודיק נעזל און מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, ווי ביי אַ מיידל, צי ווי ביי אַ גלח. ער איז אַריינגעגאַנגען, סאַלאָמאָן, צום קירזשנער אין שטוב, געזעסן אַ ביסל, אַלעמאָל זיך אויפגעהויבן, געקוקט דורכן פענצטער אויף דער גאַס אַרויס און געטהנהט צו גרשונען:

— נאַרישע יידן. זיך איינגערעדט אַ דאַמאַוואַי! . . .

סענדערלן איז געוואָרן גרינגער. ער איז שוין אַראָפּ פון בעט. ער האָט מיט נייגער געקוקט אויף דעם בחור מיט די לאַנגע האָר און ווען יענער איז אַרויס האָט ער געפרעגט:

— וואָס ערגערט ער זיך אַזוי, סאַלאָמאָן? . . .

און גרשון האָט געענטפערט:

— הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן. מיט גוטן וועט זיך דאָס ניט ענדיקן! . . .

— וואָס איז! . . .—האָט שייוע דערשראָקן איבערגעפרעגט—ווייסט עפּעס, גרשון? . . .

— כ'מיין עפּעס! . . . איך האָב באַמערקט, ווי דער יינג איציק לאַנגער כאַפּט זיך שטילערהייד בגנבה אַריין צו סאַלאָמאָנען . . . וואָס פאַר אַ מחותן איז עפּעס אַן איזוואָזטשיק מיט אַ מאַליער? . . . ניין, עס געפעלט מיר ניט די מעשה! . . .

ער איז אַרויס אין הויף, גרשון מלאך. סענדערל האָט זיך וואָרים אָנגעטאָן. חוץ דעם ווינטערדיקן וואַטאָווען מאַנטעלע האָט ער נאָך מיט דער מאַמעס שאַלעכל זיך אַרומגעבונדן דעם האַלז און ער איז אויך אַרויס אין הויף ... אויף די וועגענער זיינען געזעסן יידן מיט העק אין די הענט. לעבן זיי איז געשטאַנען איציק לאַנגער, געהאַלטן אַ פלאַש בראָנפן מיט אַ גלאָז אין די הענט און האָט אַלעמען מכבד געווען:

— ברידערלעך, ווי באַלד מ'נעכטיקט שוין יאָ אין דרויסן, אויפן פראָסט, מוז מען זיך דערוואָרימען! . . .

ער האָט געזען גרשונען און סענדערלן, האָט ער זיי צוגערופן:

— אָ, רב גרשון און דו, סענדערל, ביסט אויך דאָ, איר ווילט אויך כאַפּן דעם דאָמאָוואַי? . . . קומט אַהער, נעמט צו ביסלעך

בראָנפּן, נשקשה, עס וועט סטאַיען פאַר אַלעמען, אַט זעט! ... —
און ער האָט אַרויסגענומען נאָך אַ פלעשל...

יאַנקל דער בלינדער איז צופרידן געווען. ער האָט געקלאַפּט איציקן אין דער פּלייצע און געשריגן:

— איך האָב דיר געזאָגט, איציקל, אַז אַ דאַמאַוואַי קלאַפּט און דו האָסט ניט געגלויבט...

— יאָ, מיר וועלן שוין זען, רב יאַנקל, מיר וועלן זען! ...

און מ'איז אַלע שיכור געוואָרן. מ'האָט אָנגעהויבן זינגען און דערנאָך זיך שעלטן. צום סוף האָט איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן דרימלען און מ'איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף די וועגענער. גרשון מיט סענדערלן זיינען אַריין אין שטוב און האָבן זיך אויך געלייגט שלאָפן...

פאַרטאָג האָט זיי אויפגעוועקט אַ קלאַפּעריי און אַ געשריי. גרשון מלאך, שייוע, סענדערל און אַפילו די קלענערע קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט. ס'איז געווען אַ פולער הויף מיט פּאָליציי און זשאַנדאַרמען. מ'האָט עפּעס געזוכט אין די שטאַלן און אויך אויבן אין דער גלעזערנער מאַנסאַרדע, וואָס אויפן בוידעם. אַ לאַנגער פּריס־טאַוו מיט אַ פּרישטשעוואַטן פּנים און גרויע אויגן האָט אין האַנט געהאַלטן שטיקלעך בליי און האָט אַלעמען באַווין:

— שריפט. אַ טיפּאָגראַפיע דאָ געווען! ...

מ'האָט זיך אָנגעפּרעגט אויף סאַלאָמאָנען און אויף איציקן. יעדער איינער האָט זיי נעכטן געזען. נאָר קיינער ווייסט ניט, וואו און וואוהין זיי זיינען נעלם געוואָרן... דער פּריסטאַוו האָט גע־שריגן, געטופּעט מיט די פיס:

— זוכן, אונטער דער ערד, זיי זוכן און געפינען! ...

סענדערל האָט זיך אומגעדרייט צווישן די פּאָליציאַנטן און איבערגעשראָקענעם עולם, זיך צו אַלעמען צוגעהערט, אַלץ צוגע־זען און ער האָט איצט עפּעס סמוטנע אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס לעבן אויף אַ גאָר נייעם אופן.

— אַט אַזוי לעבן מענשן! ...

דער ווינטער אַז געגאַנגען צום סוף. דער חודש מאַרט האָט שוין מיט פרילינג געשמעקט... פאַרטאָג איז נאָך אַ פראָסט געווען. בייטאָג האָט די זון אַ שיין געטאָן און דער שניי האָט זיך אָנגעהובן צעגיין. אויפדערנאַכט איז ווידער קאַלט געוואָרן... די אָדעסער איינוואוינער האָבן שוין מער קיין ווינטערדיקע היטלען ניט געקויפט. פאַר זומערדיקע היטלען איז נאָך דערוויל דער סעזאָן ניט געווען...

עס איז איבערגעבליבן א גרויסע פארטיע ווינטערדיקע ארבעט, א שטיקל געוואנט און א פאר מעטער גארוס... געלט אין דער „קאסע" איז גאר ווייניק געווען... מ'האט זיך אומגעדרייט א פאר וואכן ליידיק, אן א שטאך ארבעט. דערנאך האבן זיך די שותפים צעטיילט... און גרשון איז ווידער געבליבן דער זעלבער ארימאן, וואס פריער...

ס'איז געקומען דער בעל הבית פון הויז נאך דירה־געלט. דאס איז געווען א פראסטער ייד מיט א ראזירטער באָרד און א פאר דיקע גרויע וואנצן. ער איז אמאל אליין געווען א איזוואזטשיק, געהאט א פערד און א דראזשקע, זיך ארויפגעארבעט, געקויפט עטלעכע וואגאנעס און בינדיוגעס, צוגענומען מענשן, פארדינט עטלעכע שיינע רובל אין האפן ביים אויסאלדן די שיפן און איבערפירן די משאות צום וואקזאל און זיי אנלאדן אין די פראכט־וואגאנעס. דערנאך האט ער זיך געקויפט דאס הויז און איז געווארן א בעל הבית, א גביר... נאר אין אלגעמיין האט ער זיך מיט גארניט ניט אויסגעטיילט פון יעדער איינעם אנדער פורמאן און בינדיוזשניק.

— נו, רב גרשון — האט ער געזאגט — עס קומט שוין פון אייך פאר א גאנצן חודש דירה־געלט...

— אם ירצה השם, נאך שבת וועל אך אייך באצאלן !...

ער האט א קוק געטאן, דער בעל הבית, אויפן פאל, לעבן דער וואנט, וואו עס זיינען געשטאנען אויסגעלייגט איינס אויפן אנדערן ווינטערדיקע היטלען, און ער האט א צי געטאן מיט די ליפן, ווי ער וואלט צו א פערדל זיך געווענדעט :

— פו... וי... איך זע שוין, אז איר וועטווארטן אויף קונים ביז איבעראיאר ווינטער און איצט גייט ערשט צו זומער. געלט דארף איך שוין !...

— נאך שבת וועל איך אייך אפצאלן — האט גרשון ווידער געזאגט — ווי איך בין א ייד, איך וועל אייך אפצאלן !...

— אט אזוי איז גאר עפעס אנדערש — האט דער בעל הבית צופרידן א געשריי געטאן — איר קענט דאס לידל ?... — און ער האט זיך צעזונגען :

דירה־געלט און אוי, אוי, אוי...
דירה־געלט און באזשע מאי...
דירה־געלט און גאראדאוואוי...
דירה־געלט מוז מען צאלן !...

גרשון מלאך האט פאר האלב אומזיסט פארקויפט צו פיני

לויטערן אַלע זיינע איבערגעבליבענע ווינטערדיקע היטלען, אָפּגע־צאַלט דירה־געלט און אָנגעהויבן צו טראַכטן ווי אַזוי ווייטער צו לעבן אויף די פּאָר פאַרבליבענע רובל ביז דער סעזאָן פון זומער וועט זיך אָנהויבן...

— דאָס דירה־געלט... — האָט גרשון אַ שווערן זיפץ געטאָן.

— יאָ, ס'איז אַ צו שיינע דירה — האָט שייוועס מיטגעזיפצט — מ'דאַרף אָפּזוכן אַ קלענערע אַ וואָלוועלערע...

אויף יעדער טויער פון די מאָלדאַוואַנקער גאַסן זיינען קוויטלעך געהאָנגען: „עס פאַרדינגט זיך אַ צימער", „אַ צימער מיט אַ קיך", „צוויי צימערן מיט אַ קיך"... גרשון מלאך מיט שייוועס זיינען אַוועק איבער די גאַסן אויסקוקן אַ פּאַסיקן, אַ שיינעם און וואָלוועלען צימער מיט אַ קיך... ער איז געלאָפן פאָרויס, גרשון, מיט זיינע לאַנגע פיס, ער האָט זיך געאיילט, געפּאַכעט מיט די הענט, ווי מיט פליגל. ער איז געפלויגן... שייוועס איז הינטער אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט מיט אים צוזאַמען אַזוי גיך ווי ער ניט געקענט גיין... זי איז געבליבן הינטערשטעליק...

סענדערל איז זיי נאָכגעגאַנגען...

מ'איז אַריין אין אַ הויף. מ'האָט אָנגעקוקט עפּעס אַ נאַסע דירה, אַ קבר, און מ'איז געגאַנגען ווייטער. אין אַ צווייטן הויף איז געווען אַ שיינע דירה, האָט זי געקאָסט זייער טייער... מ'איז אַזוי לאַנג געגאַנגען איבער די גאַסן, ביז מ'איז געקומען צו דעם זעלביקן הויף וואו מ'האָט פריער געוואוינט, אויף דער שפּיטאָל־גאַס נומער ניין. די דירה, אין וועלכער זיי האָבן נאָך פריער געוואוינט, איז אַלץ געשטאַנען ליידיק. ס'האָבן זיך נאָך ביז איצט אויף איר קיין בעלנים ניט געפונען. גרשון מלאך האָט צוריק געדונגען זיין אַלטע וואוי־נונג...

די שכנים פון הויף האָבן מיט ליבע באַגעגנט דעם פריילעכן קירזשנער מיט זיין געזינדל. און ווינגדער דער פאַרבער האָט געזאָגט:

— יאָ, ס'איז טאַקע משנה מקום, משנה מזל!...

סענדערל האָט באַטראַכט דעם פאַרבער און זיך פאַרקלערט:

— וואָס זשע מיינט ער מיט דעם, רב ווינגדער?...

27. צוריק שפּיטאָל־גאַס נומער נײַן

די פּאָר רובל האָבן געטײַעט און דער זומער־סעזאָן האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָנגעהויבן... מ'האָט אָנגעהויבן שפּאָרן. מען האָט ניט דערעסן... גרשון מלאך פלעגט אַלע טאָג אַוועקגיין אויפן טאָלטשאָק און דאָרטן אין „שאַפּע" אָפּקויפן פאַר וואָלוול אַלט־געבאַ־קענע בולקעס און ברויט... די „שאַפּע", דאָס איז געווען אַזאַ גע־דעקטע ריי אין מאַרק, וואו מען האָט צונויפגעפירט פון די שטאָטישע בעקערייען פאַרברענטע, קאַליע־געוואָרענע און אַלט־געבאַקענע, שטיקער, אָפּגעבראָכענע און גאַנצע מעל־שפּייזן, טאָרטן, געבעקס, חלה, בולקעס, קוילעטש און ברויט... דאָס, וואָס די גבירים האָבן ניט געוואָלט עסן, האָט מען אַראָפּגעפירט אין „שאַפּע" און פאַרקויפט די קבצנים האַלב אומזיסט...

דאָס ערשטע מאָל, ווען גרשון האָט געבראַכט אַ פולע טאָרבע מיט ווײַסע שטיקער קוילעטש, האָט זיך שײַווע שטאַרק דערשראָקן... זי האָט אַזש אַ שלוקערץ געטאָן און אויסגעשריען:

— ווײ איז מיר!...

גרשון האָט זי קוים באַרויִקט:

— גאָט איז מיט דיר, שײַווע. וואָס מיינסטו, איך האָב גע־בטלט?... איך האָב געקויפט פאַר געלט, אין „שאַפּע" האָב איך געקויפט, זאָל איך אַזוי לעבן...

ביסלעכווײַז האָט מען זיך צוגעוואוינט צו די שטיקער ווײַסע קוילעטש... ס'האָט שוין מער ניט געמאַכט אויף קיינעם קיין אײַנדרוק, ווי אויסגעבעטלטע שטיקער ברויט... שײַווע פלעגט שוין אפילו אַליין סענדערלען שיקן אין שאַפּע און דערבײַ זאָגן:

— ס'איז שפּאָרעוודיקער...

סענדערל האָט געזען, אַז ער האָט ניט מער, וואָס צו טאָן אין דערהיים. ער איז אַוועק צו זײַן אַלטן חבר, צו אָקסמאַנען. נאָר אין דער חורבה, אויף דער קאַרטאָמישעווסקע גאַס, האָט שוין קיינער ניט געוואוינט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט בײַ שכנים פון אַ צווייטן און אַ דריטן הויף און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין דער בלינדער פידלער מיט זײַן ווײַב און קינד זײַנען אַוועק...

האָט ער זיך אומגעדרייט, סענדערל, מיט אַ געפאַלענעם געמיט איבער די גאַסן און פאַרנאַכט איז ער אַ הונגעריקער אַ היים געקומען,

נאָר אין שטוב ניט אריין. ער איז געבליבן שטיין ביים טויער גלייך ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט...

טשאַרנע פלעגט שטענדיק אין דער צייט אַרויסקומען פון טויער, אונטערוואַרטן אויף איר שעפן. דאָס איז געווען זיין צייט. ער פלעגט אַהיים קמען אָפּעסן, זיך אויסרוען און דערנאָך זיך אַרויס־כאַפּן אויף אַ פּאָר שעה אין גאַס... זי האָט דערזען, טשאַרנע, סענדערלען און זיך דערפרייט מיט אים:

— זע, זע, ווי אויסגעוואַקסן!... וואָס מאַכסטו, סענדערל?...

— ניט גוט, טשאַרנע!... — האָט סענדערל פּשוט, ווי פאַר אַן אַלטן גוטן פריינט זיך באַקלאָגט.

זי האָט באַמערקט זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן, אים פאַר דער האַנט אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— האָסט היינט געגעסן, סענדערל?...

— יאָ. אין דערפרי!...

—קום!... — האָט זי אים געזאָגט און האָט אים אַריינ־געפירט אין דער ערשטער טיר, פון הינטערן טויער.

דאָס איז אַ גנבישע מאַלינע געווען. אַרום עטלעכע טישלעך זיינען געזעסן גנבים. ביי איין טישל איז געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, מיט רויטע האָר, אַזוינע רויטע און גלאַנציקע האָר, פאַר־דרייטע אין לאָקן, און זיי האָבן געשיינט די האָר, ווי גאָלדענע פעדים... איר פּנים איז געווען קיילעכדיק, ווייס, מילד און שיין. די אויגן בלויע, לויטער בלויע, ווי אַ הימל אין אַ פאַרכישופטער לויטער בלויער נאַכט... זי האָט געגעסן, דאָס מיידל, וואורשט און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז הייסער מילך...

טשאַרנע מיט סענדערלען האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. זי האָט אַ געשריי געטאָן, טשאַרנע:

— עהיי!... ביק!... דערלאַנג וואָס עס איז דאָ!...

ס'איז צו אַ גרויער ייד, הינקנדיק אויף אַ פוס. ער איז געווען נידעריק און פעסט, מיט גראָבע ליפּן און מיט גרויסע אויגן, פון וועלכע דער אַמאָליקער גלאַנץ איז פאַרשוואונדן און איצט איז איין אויג בלינד און דאָס צווייטע מוטנע. דער האַלדז איז ביי אים געווען אַביסל אויסגעבויגן און ער האָט געהאַט אַן אויסזען ווי אַן אמתער ביק. ער האָט אַ פרעג געטאָן גיך:

— אַ, טשאַרנע, וואָס ווילסטו עסן? ס'איז דאָ וואורשט, מילך, אייער, פּוטער, ברויט, בראָנפן, טיי און ביר!...

— צוויי פּאָרציעס וואורשט מיט צוויי גלעזער ביר! — האָט

טשאַרנע באַפּוילן — אָבער שנעלער מאַך דאָס, אַלטער ביק!...

סענדערל האָט זיך איצט פאַר טשאַרנען ניט געשעמט. ער האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט דעם וואורשט און פאַרטרונקען מיט ביר... טשאַרנע האָט אויך געגעסן. און פּלוצלונג האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דעם גאָלד־האָריקן מיידל, וואָס איז ניט ווייט פון איר געזעסן און זיך צו איר געווענדעט:

— נו, רויטע, וואָס מאַכסטו? ביסט שוין אַ „נקבה", אַ?...

— ניין!... — האָט דאָס מיידל געענטפערט און אַ בושה־פאַרב האָט אַ שפּיל געטאָן אויף איר געזיכט — כ'וועל קיינמאָל ניט זיין!...

— נו, און זינגען?... מיט אַזאַ קול ווי ביי דיר...

— יאָ, איך זינג, טשאַרנע!... — האָט דאָס מיידל געזאָגט און אויף די מויל־ווינקלען האָט אַ שיין געטאָן אַ גליקלעכער שמייכל — זינגען האָב איך ליב!...

— מאָלאָדעץ. אַזאַ מיידל געפעלט מיר! יאָ, ביסט מיט אַ כאַראַקטער... און זי האָט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג, טשאַרנע, געוויזן אויף סענדערלען — אַן אָרים ייִנגל. מ'דאַרף אים העלפן!... ער איז אַזוי ווי דו, מיט אַ כאַראַקטער...

בראָניע האָט אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען, זיך אָנגעצונדן. נאָך רויטער געוואָרן ווי זי איז געווען... זי האָט געפרעגט:

— אויף אַן אַרבעט וועסטו גיין?... איך קען אַ רעד טאָן מיט חברה... וועסט נאָר דעם "טיץ־מאַנטל" טראָגן, אָדער וועסט שטיין אויף „צינק"!...

סענדערל האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס טעלערל מיט וואורשט, זיך אויפגעהויבן:

— ווערן אַ „הורקע" קען איך אָן אייער הילף!...

— זיץ, סענדערל, עס!... — האָט טשאַרנע געזאָגט — קיינער צווינגט דיך ניט!... — און צום מיידל האָט זי זיך מיט אַ פאָרוואורף געווענדעט — ער איז ניט קיין "יאָלד" און קיין „פרייער" אודאי ניט. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז מיט אַ כאַראַקטער, אַזאַ ווי דו!...

איצט האָט שוין בראָניע אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אירע לויטער בלויע אויגן און זיי שוין מערער אַפּרייסן פון דעם שיינעם ייִנגל ניט געוואָלט.

— ניין, אַזאַ וועט קיין „הורקע" ניט זיין!... — און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע שיינע הענט מיט די לענגלעכע רירעוודיקע פינגער.

— כאַטש מיט אַזוינע הענט... גאָט מיינער...

— ער שפּילט פידל!... — האָט טשאַרנע געזאָגט.

— וואָס זאָגסטו? אויף אַ פידל שפּילט ער? — האָט זיך בראָניע געוואונדערט.

— יאָ. זע, אפשר דאַרט ביי אייך אין „מעדוועד" אים איינ־אָרדנען?...

— גוט, גוט. איך וועל רעדן! — האָט בראָניע אויסגעשריגן און געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף סענדערלען.

טשאַרנע מיט סענדערלען זיינען אוועקגעגאַנגען. בראָניע איז געבליבן אַליין זיצן ביי איר טיש...

דאָס רויט־האָריקע מיידל איז געוואַקסן אָן עלטערן. דער ביק — דער בעל־הבית פון דער מאַלינע, נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פון תפיסה מיט אַ צעבראָכענעם האַלז און נאַקן, האָט ער זיך ניט געקענט מער פאַרנעמען מיט זיין פּראָפעסיע, גנבענען פון די קעשענעס. ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די הייזער בעטן נדבות... דאָס רויטינקע מיידעלע האָט ער גענומען ביי זיינס אַ פריינטל, וואָס האָט פאַרן טויט אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס קינד באַזאָרגן... און ער, דער ביק, האָט צוגעזאָגט דעם פריינטל, וואָס איז אויפן טויטן בעט געלעגן, אַז ער וועט דעם קינד זיין ווי אַן אייגענער פאָטער...

פינף יאָר איז אַלט געווען בראָניע, ווען איר פאָטער איז גע־שטאָרבן פון עפּעס אַ האַרץ-קראַנקייט. אין אַ יאָר אַרום איז אויך די מוטער געשטאָרבן און זי איז איבערגעגאַנגען צום פעטער, צו אירן, צו דער מאַמעס אַ ווייטן קרוב, צו דעם ביק... ער האָט זיך מיט איר אַרומגעשלעפּט, דער פעטער, איבער די הייזער, געבעטלט און, אַז עס האָט זיך איינגעגעבן, אויך געגנבעט. ער האָט זיך צוגעבונדן צום קינד, עס שטאַרק ליב באַקומען און אַז ער האָט זיך דערשלאָגן צו עטלעכע הונדערטער, האָט ער אופגעהערט צו בעטלען און גנבע־נען... ער איז אָבער צו גאָרניט געווען פּייאיק, דער אַלטער גנב און בעטלער. פון זיין גנבישער סביבה האָט ער זיך ניט געקענט אַרויסרייסן, האָט ער געעפנט אַ מאַלינע און איז געוואָרן פאַר זיך אַ בעל-הבית... אין אַ צייט, ווען אין מאַלינע זיינען קיין באַזוכער ניט געווען, פלעגט ער מיטן קינד שמועסן, איר עפּעס דערציילן און צום סוף זאָגן:

— אַלץ וואָס דו זעסט ביי מיר אין מאַלינע זאָלסטו פאַרגעסן. אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן און אַלץ, וואָס איך טו איצט, איז ניט

גוט... איך וועל שוין אזוי שטאַרבן, אָבער דו, דו מיין קינד, זאָלסט קיין גנבטע און קיין „נקבה" ניט זיין!... פּאַראַן אַ וועלט אַן אַנדערע, אַ שענערע, קוק זיך צו צו איר, געפין דאָס גוטע, זיך אָפּ אַ ריכטיקן וועג און זיי אַ מענש...

בריינדעלע איז געוואַקסן אין דער מאַלינע. אויף די אויגן פון די גנבים און גאַסן־פּרויען איז פון דעם קליינעם מיידעלע אויסגעוואַקסן אַ גרויסע פריילין. מ'האָט בריינדעלען אָנגעהויבן רופן בראָניע. פאַר איר האָבן זיך שוין געשלאָגן „הורקעס" און „שולערס"... פאַר דעם מיידעלס אויגן האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט טראַגישע סצע־נעס פון שיינע גנבישע מיידלעך, פון גאַסן־פּרויען... זי האָט גע־זעען זייער אויפבלי און זייער פאַלן... און זי האָט געזאָגט:

— ניין. קיינמאָל וועל איך אַזאַ ניט זיין!...

ס'איז שוין געווען אָבער שווער זיך אַרויסצורייסן פון דעם קרייז, אין וועלכן זי איז פון קינדווייז אָן געוואַקסן... זי האָט געהאַט אַ שיין קול צום זינגען. זי האָט געקענט פיל גנבישע ליבע־לידער. און דאָס איז געוואָרן איר פאַך: זי האָט אָנגעהויבן אין די אויפדערנאַכטן אינעם טיי־הויז „מעדוועד" צו זינגען אירע לידער פאַר די באַזוכער. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, אַן אַלטע שיקסע, אַמאָל אַ גרויסע פּיאַניסטן, פלעגט איר אויפן צעפּאַרענעם ראָיאַל אונטער־שפּילן... מיט דער צייט איז בראָניע אינגאַנצן אַוועק פון דער מאַלינע. זי האָט פאַר זיך זעלבסט, ביי פרעמדע מענשן, געדונגען אַ צימערל, ניט ווייט פון טראַקטיר „מעדוועד". אָבער אינגאַנצן זיך באַפרייען פון דער אונטערוועלט האָט זי נאָך אַלץ ניט געקענט... פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך נאָך אַריינכאַפּן אין מאַלינע פונעם אַלטן ביק, עפּעס אָפּעסן דאָרט און נעמען ביים פעטער עטלעכע רובל...

אָט דאָס אַ אומגליקלעכע מיידל, וועלכע האָט זיך אַליין גענווי־טיקט אין הילף, האָט פאַרטראַכט העלפן סענדערל...

אויפן אַנדערן טאָג, אינדערפרי, איז טשאַרנע אַריינגעקומען צו גרשונען. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַן אַלטן ברוינעם פידל, פון וועלכן עס האָט זיך קאַלופּעט די פּאָליטור. זי האָט דערזען סענדערלען און צו אים געזאָגט:

— נאַ, סענדערל! איך האָב דיר אַ פידל געבראַכט!...

סענדערל האָט דעם פידל מיטן סמיטמשיק גענומען אין די הענט. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט בעטנדיקע אויגן אויף דער מאַמען, דער־נאָך אויפן טאַטן... לייבעלע, נחמנלע און דאָס קליינע מיידעלע, מלכהלע, האָבן אים אַרומגערינגלט, געקוקט אויף אים מיט נייגיר...

אויך שייווע איז געררירט. זי זעט איר קינד דאָס ערשטע מאָל האַלטן א פידל אין די הענט... גרשון מלאך האָט אויסגעשטאַרטשעט אויף אים א פּאָר באַלעבעוואַטע, איבערגעשראָקענע אויגן:

— אנו, סענדערל, לאָמיר טאַקע הערן, וואָס דו קענסט...

און די שטוב מיט די מענשן האָבן דאָס ערשטע מאָל דערהערט א פידל־קלאַנג... א פּאַרהלומטער איז סענדערל געשטאַנען. ער איז געווען ווי א צונויפגעלעבטער מיט זיין פידעלע. ער האָט לאַנגזאַם געפירט מיטן סמיטשיק איבער די סטרונעס און מיט ציטעריקע פינגער איבערן גריף געטאַנצט... און דאָס פידעלע האָט זיך צערעדט מיט א שטים פון א צעבראָכן קינדעריש האַרץ... דאָס פידעל האָט גע־זונגען, געוויינט און געלאַכט...

— טרילי, לי, לי, לי, לילילי... טרי, לי, לי...

ביי שייוועץ אין די אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט. די קינדער האָבן זיך צו סענדערלן געלאַשטשעט און מיט ליבע אויגעלעך אויף אים געקוקט. גרשון האָט מיט דער האַנט איבער דער פּאַטלעצע א פיר געטאָן און פאַרחידושט געזאָגט:

— גיי, זיי א נביא, אז סענדערל שפּילט טאַקע פידל!...

פון דעם טאָג אָן האָט סענדערל אָנגעהויבן אַלע אויפדערנאַכט צו שפּילן א פּאָר שעה אינם טיי הויז „מעדוועד”. דער בעל־הבית פון טראַקטיר א פעטער ייד מיט קליינע פאַרלאָפענע אויגעלעך, כמעט א פּנים אָן אויגן, האָט יעדער שבת צו נאַכט אָפּגעצאָלט סענדערלן צוויי רובל זילבערגעלט... בראָניע, דאָס גאָלד־האָריקע מיידל, וועלכע האָט מיט איר שיין זינגען צוגעצויגן זייער פיל באַזוכער אין טראַקטיר, האָט ניט אויף א סך מערער פון סענדערלן באַקומען. דריי רובל א וואָך האָט זי באַקומען, בראָניע...

סענדערלס פּאָר רובל האָט זייער פיל הילף אריינגעבראַכט אין דער פאַראָרימטע געוואָרענער שטוב... ער האָט זיך איצט אָנגע־הויבן צו פילן ווי א גרויסער, זעלבסטשטענדיקער מענש, א פּאַר־דינער. און עס פלעגט זיך שוין אַמאָל אויך טרעפן, אז סענדערל איז ניט א היים געקומען נעכטיקן... זייער אָפט פלעגט ער זיך פאַר־האַלטן אין טראַקטיר, אונטערוואַרטן אויף בראָניען און דערנאָך מיט איר צוזאַמען א היים גיין...

עס פלעגט זיך מאַכן, אז פריילעכע יונגען זיינען געקומען אין טיי־הויז, מ׳האָט זיך געוואָרפן מיט געלט „נאַ טשיי...” און מען האָט געפּאָדערט, אז סענדערל און די אַלטע שיקסע, מאַריע איוואַ־נאָוונע, זאָלן שפּילן און בראָניע זאָל זינגען עפּעס א טרויעריקע,

גנבישע ליד... סענדערל האָט דאַן געטראַכט וועגן זיינע הונגעריקע ברידערלעך, וועגן זיין שוועסטערל, און ער האָט געהאַפּט, אַז בראָניע, דאָס גוטע, שיינע מיידל וועט שוין מאַכן אַזוי, אַז מ'זאָל עפּעס האָבן פון דער הולאַנקע... אָבער ער האָט אויך אָן איר, אין דעם שיין גאָלד־האָריק מיידל, ניט פאַרגעסן... ווען עמיצער פון די פריילעכע יינגען פלעגן איר וועלן פאַרהאַלטן, פלעגט באַלד סענדערל זי אַרויס־ראַטעווען פון דער לאַגע:

—קום, בראָניע, קום שוין גיכער אַ היים!...

און זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון די יינגען:

— איר זעט דאָך, דאָס ברודערל וואַרט...

אָט איז געשטאַנען בראָניע אין איר ווייס־זיידן קלייד, אַזאַ שיינע און אַזאַ ליכטע. ניט זי שטייט, נאָר זי שוועבט, זי פליט ווי אַ מלאך... ער, סענדערל, שפּילט איר אונטער און איר קול קלינגט אַזוי שיין, אַזוי מילד, אַזוי זיס... זי זינגט איצט אַ ליד וועגן אַ פאַלשן בחור, וואָס האָט אָפּגענאַרט אַ מיידל:

„— אוי קום נאָר אהער, מיין טייער זיס לעבן,
זעץ זיך אַנידער לעבן מיר.
וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך געטאָן דיין מאַמען,
וואָס איך שטיי איר שוין ניט אָן פאַר קיין שנור...״

מ'איז ביידע אַ היים געגאַנגען. עס איז שוין געווען שפּעט. ס'איז גראָד אַ פינצטערע נאַכט געווען. ניטאָ קיין לבנה און ניטאָ קיין שטערן. שוואַרץ איז דער הימל... בראָניע נעמט סענדערלן פעסט אַרום און זאָגט אים:

— וואוהין וועסטו גיין, ברודערל, אַזוי שפּעט אַליין אַהיים?...

עס ווערט אים אַזוי וואַרים און היימלעך. ער האָט זי ליב, גלייך ווי זי וואָלט טאַקע אויף אָן אמתן אים געווען אַ ליבלעכע שוועס־טער... אינם צימערל ביי בראָניען איז באַקוועם און ציכטיק. איין בעטל שטייט דאָ. אַ ווייס־געפאַרבט אייזערנעם בעטל, מיט אַ זויבער ווייסן צודעק. אַנטקעגן בעטל שטייט אַ ברוין געפאַרבטער קאַסטן. דאָ האַלט זי, בראָניע, אירע קליידער, איר גאַנץ פאַרמעגן... ביים איינציקן פענצטער, וואָס איז מיט אַ ווייסן פאָרהאַנג פאַרהאָנגען, שטייט אַ שוואַרץ פּאָלירטער טישל מיט צוויי בענקלעך. ביי דער זייט ניט ווייט פון קאַסטן איז אַ קליין אויוועלע... אָט דאָס איז בראָניעס ״קעניגרייך״...

זי האָט אויסגעבעט סענדערלן אויפן קאַסטן, זי האָט אים אַ קוש געטאָן:

— שלאָף, ברודערל, אַ גוטע נאַכט! ...

סענדערל קען לאַנג ניט אַנטשלאָפן ווערן... פאַרטאָג, ווען די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן דורך דעם פאַרהאַנגע־נעם ווייסן פאָרהאַנג פון פענצטער, און באַלויכטן דאָס צימערל, האָט זיך סענדערל אויפגעכאַפּט. ער שלאָפט שוין מער ניט... בראָניע ליגט אַנטקעגן אים. די ווייסע דעקע איז אַראָפּגעפאַלן פון איר... ער דערזעט איר הוילן שיינעם קערפּער און עס ווילט זיך אים צו גיין צו איר, אַ קוש טאָן איר לייב... ער טוט זיך גיך אָן און גייט אַוועק...

ער קומט אַ היים. ער גיט אָפּ דער מאַמען זיין פאַרדינסט. זי נעמט ביי אים צו דאָס געלט שווייגנדיק. זי פרעגט ניט, וואו ער איז געווען, וואו ער האָט גענעכטיקט... עס כאַפּן זיך אויף די קינדער פון שלאָף. דאָס פּיצעלע, דאָס שוועסטערל, לאַכט, מאַכט מיט די הענטעלעך:

— סענדערל, סענדערל, אַ קיכעלע! ...

ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קיכעלע מיט אַ צוקערל און גיט עס דעם קינד.

— נאַ, מלכהלע, עס! ...

לייבעלע מיט נחמנלען באַלעקן זיך מיט די צינגעלעך, מיט די פאַרטריקנטע ליפּעלעך... סענדערל באַקומט אַרויס פון די הויזן־קעשענעס נאָך אַ פּאָר קיכעלעך:

— נאַט, קינדער, עסט! ...

שייוועלע מאַכט פרישטיק: פאַרטריקנט ווייס ברויט פון דער שאַפע מיט שוואַרצער זיסער טיי פון צוקער־מאַליאַס... גרשון מלאך דאַוונט שנעל אָפּ. ער איז אַ ביסל פריילעכער. ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן דער סעזאָן. פיניע לויטער האָט ביי אים באַשטעלט אַ פּאַרטיע קינדערשע היטעלעך, מאַטראָסקעס... סענדערל קוקט אויפן טאַטן און אויף דער מאַמען. ער וויל זיי עפּעס זאָגן, ער ווייס אָבער ניט, צי זאָל ער זאָגן... און פּלוצלונג זאָגט ער:

—מאַמע, איך וועל שוין מער ניט גיין אין טראַקטיר שפּילן!...

זי קוקט אויף אים, שייוועלע, מיט געבעט. זי ענטפערט אים גאָר־ניט. זיינע פּאָר רובל דאַרף זי דאָך נויטיק. אָבער זי וועט עס אים ניט זאָגן. ער איז שוין אַ גרויסער. שוין דאָס צוועלפטע יאָר אַ בחורל... אפשר איז אים שווער... און גרשון גיט אויך אַ קוק אויף סענדערלען און ער לאָזט באַלד אַראָפּ צו דער ערד זיינע צעשראָ־קענע אויגן און זאָגט:

— גוט, סענדערל, וועסט מיר העלפן אין דער ארבעט.

— ניין, טאטע. קיין קירזשנער וועל איך ניט זיין. עס געפעלט מיר ניט.

שייוועס ציטערט אויף. זי האָט מורא פאר א קריג. אָבער גרשון שווייגט אָפּ.

— נו, מילא. עס געפעלט דר ניט קיין קירזשנער צו זיין, דארף מען ניט!...

אזוי איז אוועק עטלעכע טעג. סענדערל איז אין טיר־הויז מער ניט געגאנגען. עס האָט ניט געהאָלפן ניט טשארנעס בעטן, ניט אפילו בראָניעס קומען צו אים. ער האָט געוואָרפן אן אומחן אויפן טראַקטיר מיט די פריילעכע, שרעקלעכע, בלאָטע־יינגען... און צו קיין שום ארבעט האָט ער זיך ניט גענומען... ער איז ארומגע־גאנגען פוסט און פאס ביז איין מאָל, מיטיק-צייט, בעת דעם עסן, האָט גרשון מלאך געזאָגט צו שייוועס און דערביי דערשראָקן, ווי ער וואָלט עפעס מורא געהאט פאר סענדערלן, ער זאָל אים ניט באַ־ליידיקן מיט קיין וואָרט, א קוק געטאָן אויף אים:

—איינער א שניידער, א גוטער בעל־מלאכה, האָט מיר צוגע־זאָגט, אז ער וועט אויסלערנען... אפשר וויל סענדעל, א?...

— נו, סענדערל, וואָס זאָגסטו? — האָט שייוועס ביי אים גע־פרעגט — ביסט דאָך שוין קיין עין־הרע א יינגל דאָס צוועלפטע יאָר... מ'דארף א טראַכט טאָן וועגן תכלית!...

— גוט, מאַמע — האָט סענדערל געזאָגט — איך וויל גיין צום שניידער...

28. סענדערל לערנט זיך מלאכות

אויף דער פּראָכאָראָווסקע גאס, ניט ווייט פון דער קאָסטיועצקי, איז געווען א פאָרנדיקע טיר מיט א שילד, אן אָפּגעבליאַקעוועטע פון שווארצן קאָליר אויף ברוין. אויפן שילד איז געווען אויסגעמאָלט א מונדיר און עס האָט זיך מיט ווייס־קויטיקע בוכשטאבן געשריבן: „פּאָרטנאָי"... דער שניידער, א בייזער ייד, מיט א צעשפּאָלטענער אויבערשטער ליפּ און מיט א קליין, שפּיציק, גרוי בערדל, וועלכעס ער האָט אַלע מאָל געווישט מיט דער האנט פון רעכט אויף לינקס, אָט דער שניידער, וואָס האָט גערעדט מחמת זיין צעשפּאָלטענער

אויבערשטער ליפ מיט א פייף, האָט א קוק געטאָן מיט א פּאָר גרינע שטעכיקע אויגן אויף סענדערלען און געזאָגט:

— ביי מיר דאַרף מען קומען פּינקטלעך זעקס פאַרטאָג. ביי מיר איז איינגעפירט פּינקטלעכקייט. ביי מיר, אז מ'איז א מענש ווערט מען פאַר צוויי יאָר צייט א פאָלנער מייסטער!...

דאָ, ביי דעם שניידער אין וואַרשטאַט, פלעג סענדערל שלעפּן פאַרסטריגעס, מאַכן דאָס אייזן, אָפּטראָגן דעם קונד א שטיקל אַרבעט, פאָלגן א גאַנג, אָבער צו דער מאַשין האָט אים דער בעל־הבית ניט צוגעלאָזט... און אין שטוב ביי דעם שניידער, כאָטש מ'האָט ניט געהונגערט, האָט זיך דער דלות אַרומגעטראָגן אויבן אויף... ס'איז געווען אומריין... אָרים... די צוויי קינדערלעך דעם שניי־דערס, צוויי מיידלעך, זיינען אומגעגאַנגען מיט געלאַטעטע קליידלעך. די שניידערקע אַליין, א הויכע, דאַרע יידענע, מיט א געקנייטש פּנים, האָט געטראָגן אויף זיך עפּעס א מין אָפּגעריבן, געלאַטעטע קליידל און דער בעל־הבית האָט אויף זיך קיין גאַנצע הויזן ניט געהאַט...

און איין מאָל האָט סענדערל צום בעל־הבית אַזוי געזאָגט:

— איך קען שוין אַליין מאַכן א פּאָר הויזן!...

דער בעל־הבית האָט אויף אים בייז א קוק געטאָן:

— עס חלומט זיך דיר!...

— אָט לאָזט מיך נאָר צו צו דער מאַשין, וועט איר זען!...

— האָסט שוין אַמאָל געמאַכט א פּאָר הויזן?

— ניין!

— פאַרוואָס־זשע זאָגסטו, אז דו קענסט?

— ווייל איך קוק זיך צו ווי איר נייט, פאַרשטיי איך שוין...

— אַזוי?... — האָט דער שניידער אויסגעזעצט א געלעכ־טער מיט א פייף צוזאַמען — כאַפּ ניט. ביי מיר ווערט מען פאַר צוויי יאָר צייט א פאָלנער מייסטער!...

סענדערל איז א היים געקומען א ברוגזער און געזאָגט:

—מער גיי איך ניט צום שניידער. ס'געפעלט מיר ניט!...

שייוועס האָט אויף אים ניט געשריגן. זי האָט באַטראַכט איר סענדערלען און איז מסכים געווען „ניין, ניט קיין שניידער דאַרף ער זיין!...״ אָבער געזאָגט האָט זי עפּעס אַנדערש:

— סענדערל, וואָס־זשע וועט זיין דער תכלית?... זוך פאַר זיך אָפּ אזא פאַך, וואָס זאָל דיר געפעלן!...

— וואָס זאָל מיר געפעלן?... — האָט ער איבערגעחזרט און זיך פאַרטראַכט... אים געפעלט, דאַכט זיך, גאָרניט... אים גע־

פעלט זיך לערנען ! ... אי, וואָלט ער זיך געלערנט, ער וואָלט שטו־דירט און ער וואָלט אויפן פידל געשפּילט ... און ער פאַרשטייט גוט, אַז דאָס איז נאָר אַ טרוים, אַ זיסער חלום, פאַר אים איז דאָס אומעגלעך... ער, סענדערל, פאַרשטייט דאָס גוט. ביי זיינע אָרמע עלטערן איז דאָס אומעגלעך ... אָט ליגט ער דאָך, דער פידל, אויפן שראַנק אַ פאַרפילעטער, אַ פאַרשטויבטער, אַ פאַרלאָזטער ... ער, סענדערל, רירט זיך ניט צו מער צו אים און קיינער דערמאָנט אים דאָס ניט, קיינעם גייט דאָס ניט אָן, קיינעם פעלט ניט אויס זיין שפּילן אויפן פידל ... און דער פידל אליין איז דען זיינער אַן אייגע־נער ? ... דעם בעל־הבית פון טיר־הויז געהערט דער פידל ... דער־ווייל מאָנט מען אים ניט צוריק. מ'מיינט, אַז סענדערל וועט זיך נאָך צוריק אומקערן. מ'פאַרשטייט דאָך ניט, פאַרוואָס ער איז אַוועק ... ער האָט דאָרט שיין פאַרדינט, קיינער האָט אים ניט באַליידיקט ...

אויפן אַנדערן טאָג איז סענדערל אַוועק אין שטאָט זוכן פאַר זיך אַ מער פּאַסיקע אַרבעט ... אויף די שויבן פון די שיינע גלע־זערנע וויטרינעס זיינען געהאַנגען צעטעלעך : „עס פאַדערט זיך אַ יינגל ..." „עס פאַדערט זך אַ שיק־יינגל ..." „עס פאַדערט זיך אַן אויפראַמער ..." אויף אייניקע שויפענצטער איז נאָך צום צעטל געווען אַ צושריפט : „אָן רעקאָמענדאַציעס נעמט מען ניט צו ..." אַזוינע צעטלען זיינען געווען אַרויסגעהאָנגען אין די רייכע פענצטער פון שיך, קליידער, מעבל און גאָלד־קראָמען. איינס אַזאַ צעטל איז אויך געהאָנגען אין אַ פאָטאָגראַפיע־וויטרינע, אינם הויף פון פאַ־סאַזש ... און סענדערל איז אַהין אָנגעקומען זיך לערנען די מלאכה. דער תנאי איז געווען אַזאַ : אַ יאָר צייט אַרבעטן אומזיסט. עס מאַכט זיך אַמאָל טיי־געלט פון אַ קונד, דאָס איז זיין פאַרדינסט ... דער־פאַר אָבער באַקומט ער אין אַ יאָר אַרום אַ צעטל, אַז ער איז אַ גוטער פאָטאָ־מייסטער. ער באַקומט צען רובל אַ חודש, אויב ער וויל דאָ בלייבן. אַלא ניט, האָט ער רעכט אַוועקצוגיין צו אַן אַנדער פאָטאָגראַף ...

גרשון מלאך האָט געזאָגט :

— נו, מילא, מיר וועלן זיך מיט אים צומוטשען אַ יאָר ... איך זע דאָך שוין, אַז זיין גוסט איז צו העכערס ! ... כאָטש ווי זאָגט מען דאָס : ניטאָ קיין גוטע מלאכה אָן גאָטס ברכה ! ...

שייוועס האָט דאָן מיט פיל צאַרטקייט און דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף איר מאַן. און ער, דערזעענדיק נאָך שייוועס שיינע אויגן, אַזוינע

אויגן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע וועלט, האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַר איר:

— וואָס מיינסטו, שייווע, מיר טוט דען ניט ווייַ דאָס האַרץ אויף אים?... אָבער וואָס קען איך טאָן, אז איך בין אַן אָרימאַן... אי. אי, אי... אָרים איז ניט רייך און קרום איז ניט גלייך!...

און סענדערל איז אָפּגעווען אַ וואָך צייט אין דער פאָטאָגראַפיע און איז פון דאָרט אוועק... אים האָט עפּעס גענודעט און גע־לאַנגווײַלט פון די פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס פלעגן קומען, זיך זעצן אין געפלאָכטענע שטולן אָדער שטיין געאָרעמט... און דער בעל־הבית פון דער פאָטאָגראַפיע, אַ שיין־ראַזירטער ייִנגערמאַן מיט אַ פולן מויל גאָלדענע ציין, אָנגעטאָן אין אַ שיין, פּריש־אויסגעפּרעסטן אָנצוג, מיט אַ קאָפּ שיינע האָר, פאַרקעמטע אויף אַרויף, גלאַטע און באַשמירטע מיט עפּעס אַ שמירעכץ, פון וועלכע די האָר האָבן שטענ־דיק געגלאַנצט, אָט דער אָ בעל־הבית פלעגט אַזוי מאַיעסטעטיש צו־גיין צום פאָטאָ־אַפּאַראַט, זיך איבערדעקן מיט אַ שוואַרצן טוך איבערן קאָפּ, דערנאָך אַ קוק טאָן אַזוי מילד אויף דעם פאַרליבטן פּאָרל און מיט אַ צוקער־זיסע שטימע אויסשרייען:

— ספּאָקאָינאַ, סנימאַיו, ספּאַסיבאָ!...

סענדערלען האָט אָנגעהויבן צו איבלען פון דער אָנגעבלאָזענער פּוסטקייט. ער איז אוועק.

גרשון מלאך האָט סענדערלען אַריינגעגעבן אין דער באַוואוסטער פירמע פון לעדערוואַרג, וואו די בעלי־בתים זיינען געווען די צוויי ברידער זיידענאַוווסקים... דאָס איז געווען אַזאַ פאַבריקל, וואו מ'האָט אויסגעאַרבעט אַלץ, וואָס מ'קען נאָר מאַכן פון לעדער. מען האָט דאָ אויסגעאַרבעט שיך און בייטלען, וואַליזעס און זאָטלען, רי־מענדלעך און רענצלעך... עס זיינען דאָ געווען עטלעכע צעכן און יעדער האָט געאַרבעט מיט אַ באַשטימטן פּלאַן... אין יעדן צעך האָבן געאַרבעט אַ צען מענשן עלטערע אַרבעטער און אַ פיר־פינף לערן־ייִנגלעך... די צוויי ברידער זיידענאַוווסקים האָבן יעדן מענשן אויסגענוצט ביזן גרונט... די לערן־ייִנגלעך האָבן ביי זיי באַקו־מען דאָס ערשטע יאָר צו דריי רובל אַ חודש. ביי זיי האָט מען זיך מיט קיין ייִנגלעך ניט געשאַפּן ווי ביי אַנדערע. מען האָט זיי ניט געשיקט אַ גאַנג, נאָר מען האָט באַלד געשטעלט צום טיש, צום וואַרשטאַט, צו דער מאַשין און מ'האָט געלערנט די מלאכה... אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט שוין דאָס לערן־ייִנגל געאַרבעט ווי אַ דער־

וואקסענער אַרבעטער און די זיידענאַוווסקיס האָבן שוין צום יינגל ניט דערלייגט...

אַריינכאַפּן זיך צו די זיידענאַוווסקיס אַרבעטן איז פאַר אַן אָרים יינגל געווען אַ גרויס גליק... דאָ האָט זיך דאָס יינגל גיך און ווירקלעך אויסגעלערנט אַ פאַך... ביי די זיידענאַוווסקיס האָט מען געקענט ווערן אַ מענש!...

זיי זיינען געווען צוויי ברידער, די זיידענאַוווסקיס. ביידע נידע־ריקע, פולע, מיט קורצע אונטערגעשוירענע בלאָנדע וואנצעס, מיט גרויע קעצעשע אויגן, מיט גרויסע ראַזירטע קיילעכדיקע קעפּ, מיט לאַנגע אויערן, און אַז זיי זיינען געגאַנגען, האָבן זיי זיך געשאָקלט און געקאַטשעט ווי פּעסלעך. און שטענדיק האָבן זיי זיך באַוויזן אין צווייען. און דערפאַר האָט מען זיי טאַקע גערופן „די צוויי ברידער זיידענאַוווסקים". ווען איינער האָט עפּעס אויף אַ שטיקל אַרבעט מבינות געזאָגט, האָט דער צווייטער אים אונטערגעהאַלטן. זייערע געדאַנקען זיינען שטענדיק געווען אין איין ריכטונג און קיינמאָל האָט איין ברודער ניט געזאָגט דאָס קיגנגעשטעלטע פון צווייטן... אין אַלץ איז מען מסכים געווען, מיט אַלץ סאָלידאַר. און אַז איינער פלעגט אַ יינגל אַ פּאַטש טאָן, אין דער לינקער באַק, פלעגט דער צוויי־טער ברודער אים נאָכטאָן און פּאַטשן אין דער רעכטער באַק...
פּעטש געבן איז ביי די צוויי ברידער זיידענאַוווסקים געווען אַ געוויינ־לעכע זאַך...

אַפילו אַלטע אַרבעטער האָבן פאַר זיי געציטערט... און שטיי־לערהייד צווישן זיך, האָבן די אַרבעטער זיי גערופן: „די צוויי ביר־פּעסלעך!..."

און דאָ, ביי די זיידענאַוווסקים, האָט סענדערל געאַרבעט.

אָנגעהויבן האָט דאָ סענדערל פונם סאַמע אָנהויב אַזוי ווי יעדער ניי יינגל, וואָס איז אַהער אָנגעקומען... ער האָט אָנגעהויבן פון לאַגער מיט די פולע זעק און קאַסטנס הארטן און ווייכן, פאַר־שידן־קאָליריקן לעדער... זיין אַרבעט איז איצט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט סאָרטירט שטיקלעך לעדער אין פאַרשידענע קעסטלעך לוט די קאָלירן און ווערט... שעוורא באַזונדער, כראָם באַזונדער און לאַק באַזונדער. דערנאָך לויט די קאָלירן: געלע, גרינע, ברוינע, רויטע, שוואַרצע, ווייסע... און דערנאָך לויטן ווערט: אַזאַ שטיקל לעדער, וואָס איז עלאַסטיש און דין, פּאַסט פאַר דאַמען־טופלעס, אַ ביסל שטייפערער לעדער איז גוט פאַר מענער־שיך, דאָס פאַר רענצעלעך און דאָס אַנדערע פאַר רימענדלעך...

סענדערל איז געשטאַנען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו יעדער שטיקל לעדער, עס באַטאַפּט מיט זיינע לאַנגע, רירעוודיקע פידל־פינגער... און דאָ האָבן זיך אַריינגע־קייקלט די צוויי ברידער זיידענאָוסקיס, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים און איינער האָט אַ נעם געטאָן אַ שטיקל לעדער פון אַ קעסטעלע, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן „דאַמען-טופלעס", עס באַטראַכט און אַוועקגעלייגט, דערנאָך אַרויסגענומען אַן אַנדער שטיקל לעדער, עס באַטראַכט, באַטאַפּט און אַ הויב געטאָן מיט די ברייטע, אויסגעקיילעכטע אַקסל:

— גרעבלעך!...

דער צווייטער ברודער האָט אויך אַ טאַפּ געטאָן דאָס שטיקל לעדער און אויך אַ הויב געטאָן מיט די אַקסל:

— גרעבלעך!...

האָט זיך איין ברידער צו סענדערלען געווענדעט:

— דיינע אויגן זיינען דיר אַרויס?... זאָלסט וויסן, אַז אַ פעסטער שטיקל לעדער גייט אויף מענער־שיך!... — און ער האָט אים מיט זיין פול־פליישיקער האַנט געטראָפן אַ פאַטש אין דער לינקער באַק...

האָט אים דער צווייטער ברודער באַלד געטראָפן אַ פאַטש אין דער רעכטער באַק און דערביי צוגעגעבן:

— זאָלסט וויסן, אַז אַ שוואַכער שטיקל לעדער גייט אויף דאַמען־טופלעס!...

סענדערל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן פנים מיט ביידע הענט. ער האָט געקוקט מיט כעס אויף זיינע צוויי בעלי־בתים און פלוצלונג געכאַפּט דאָס היטל, וועלכעס איז דאָ נעבן אים אויף דער וואַנט געהאָנגען, עס אָנגעטאָן און אויסגעשריגן:

— אָן הענט זאָלט איר בלייבן, ביר־פעסלעך!... — און ער איז אַוועק.

אויף דעם אַלעקסאַנדראָווער פּראָספּעקט זיינען געווען פיל שיינע קלייטן פון שניט־קראָם, שיכוואַרג און פאַרטיקע קליידער. אין איינעם אַ גרויסן פענצטער פון אַ קאָנפעקטיאָן איז געהאָנגען אַ קוויטל, אַז עס פאָדערט זיך אַ ייִנגל צום לערנען זיך ווערן אַ פּריקאַשטשיק... סענדערל איז צו צו דער טיר, אַריינגעקוקט און דערזען ווי עטלעכע מענטשן, מענער און פרויען, דרייען זיך אַרום, ריידן צווישן זיך און שמייכלען ליבלעך... ער האָט באַשלאָסן אַריינגיין:

— וואָס ווילסטו, ייִנגעלע?.. — האָט אים געפרעגט איינער

א יינגערמאַן מיט א פּעטראַנגעשמירטן גלאַנציקן קאָפּ שווארצע האָר. דער יינגערמאַן האָט אים איגנאָנצן דערמאָנט זיין געוועזענעם בעל־הבית, דעם פאָטאָגראַף. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס ביי יענעם זיינען די האָר געווען פארקעמט אויף ארויף און ביי דעם זיינען זיי ציטיילט אויף צוויי גלייכע טיילן, מיט א ווייסן שרונט אויפן סאמע מיטן... דער ווייסער שרונט אויפן מיטן קאָפּ איז געווען ענלעך אויף אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע, אויף א וועג, וואָס פירט ערגעץ...

— עס הענגט אין פענצטער א קוויטל... — האָט סענדערל געזאָגט.

— אָ, אָ, !... — האָט אים ניט געלאָזט מער ריידן דער יינגערמאַן — קום !...

און ער האָט סענדערלן צוגעפירט צו א גרויסער גלעזערנער שאפע, וועלכע איז געשטאַנען צווישן דער אריינגאַנג־טיר און פענצטער. סענדערל האָט גאָר פון אָנהויב די שאפע ניט באמערקט. אינעווייניק, אין דער קאַנטאָר — אָט דאָס איז געווען די גלעזערנע שאפע — זיינען געזעסן צוויי מענשן. אַן אַלטער ייד מיט א קורצער גרויער באָרד, מיט גרויסע ברילן־גלעזער אויף א ווייס־שיינער נאָז און מיט א גרויען קאָפּ עטוואָס צעשויבערטע האָר. לעבן דעם אַלטן יידן איז געזעסן א יינגע פרוי פון א יאָר פיר־פינף און צוואַנציק, א שווארץ־חנעוודיקע, א שיינע און א געפּעסטעטע.

דאָס זיינען געווען דער בעל הבית פון מאַגאַזין מיט זיין איינציגער טאָכטער.

ער האָט א קוק געטאָן, דער בעל־הבית, אויף סענדערלן מיט א לייכטן חוזק דורך זיינע ברילן־גלעזער און געפרעגט:

— רוסיש קענסט דו ?...

— יאָ !...

— לייענען און שרייבן ?...

— א ביסל !...

— שלעכט, מ'דארף קענען גוט !...

— מיין טאַטע איז אַן אָרימאַן...

— כ'פארשטיי — האָט דער אַלטער פריילעך געזאָגט — אלא ניט, וואָלט ער דאָך דיך ניט געשיקט זיך אָנדינגען פאר א יינגל צו מיר אין קאָנפעקסיאָן !...

דאָס מיידל האָט עפּעס אריינגערוימט דעם טאַטן אין אויער א סוד און האָט זיך צעלאַכט. און באַלד האָט זי געפרעגט:

— ווי אזוי רופט מען דיך, יינגעלע ?

— סענדער ! . . .

— פי, סענדער ! . . . — האָט זי אויסגעשריגן — סאשא איז בעסער ! . . .

— אַלעקסאַנדער וועט ער הייסן — האָט דער אַלטער ערנסט געזאָגט — נו,גוט, אַלעקסאַנדער, קום מאָרגן צוגיין מיטן טאַטן אָדער מיט דער מאַמען . . .

אויף מאָרגן איז שייוועַ, אָנגעטאָן אין אירע שבתדיקע קליידער, געשטאַנען מיט איר סענדערלן פאַר דער גרויסער גלעזערנער שאַפע, פון וועלכער עס איז אַרויסגעקומען דער בעל-הבית. זי האָט אים דער־ציילט ווער זי איז און געבעטן, אַז מ׳זאָל סענדערלן לערנען, ווייל ס׳איז אַ שטיל קינד און אַ פּייאַיקס, עס שטרעבט צו עפּעס העכערס און בעסערס, נאָר זי, שייוועַ, די אָרימע מאַמע, קען אים ניט מיט גאָרניט ניט העלפן . . .

דער בעל־הבית האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט :

—זאָל ער מאָרגן קומען. זעט נאָר, אַז ער זאָל קומען ריין, ווייל ביי מיר איז אַ קאָנפעקסיאָן מיט מענשן, מיט לייטישע מענשן...

פון אָנהויב אָן איז אַפילו געווען דאָ זייער גוט. אַהער זיינען געקומען מענשן פון פאַרשידענע שיכטן, מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן און זיטן . . . סענדערל האָט זיך צוגעקוקט ווי מ׳האַנדלט, מ׳קלייבט איבער די קליידער, מ׳מעסט, מ׳הייסט עפּעס ריכטן און מ׳קויפט . . . יעדן טאָג פלעגט ער האָבן עטלעכע קאָפּיקעס „אויף טיי״. . . פון די רייכע קונדן, וואָס האָבן זיך געהייסן אָפּטראָגן די געקויפטע מלבושים אַ היים.

די אַרבעט איז געווען אַ פריילעכע און אַ גרינגע און דאָך האָט אים אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיך איינגעגעסן דער קאָנפעקסיאָן מיט די מענשן . . . ער האָט שטאַרק פיינט באַקומען דעם עלטערן פּריקאַזטשיק, דעם יינגנמאַן אינם נייעם אַנצוג און מיט די צוגע־קעמטע, אויסגעשמירטע אין פעטן גלאַנציקע האָר, מיטן ווייסן שרונט אויפן סאַמע מיטן . . . ער האָט ניט געקענט פאַרליידן, ווי ער, אַזאַ שטאָלצער מענש פאַר אַלע מענשן פון דעם קאָפּעקסיאָן, בויגט זיך איין אין דרייען, בוקט זיך זייער נידעריק פאַר יעדן ליאַדן מענשל, וואָס קומט פון דרויסן, וואָס וויל עפּעס קויפן . . . ס׳האָט סענדערלן פּשוט געעקלט פון אים . . . און ער ווי אויף צו להכעיס פלעגט

יעדער מאָל, ווען דער קונה האָט געהאַלטן ביים אַרויסגיין, זיך ווענדן צו סענדערלן:

— זעסט, אַלעקסאַנדער. אַט אַזוי רעדט מען מיט אַ קונה!...

און ער האָט געפּילט, סענדערל, אַז ער וועט אַזוי קיינמאָל ניט קענען ריידן מיט אַ קונה... און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אויך דאָ איז פאַר אים ניט קיין אָרט...

אָבער וואָס טוט מען?..

און דאָ האָט זיך נאָך צו אים צוגעטשעפּעט דעם בעל־הבית'ס טאָכטער מיט פּוסטע זאַכן... אין מיטן דרינען פּלעגט זי אים אַ רוף טאָן, אים געבן אַ בריוול און אים אונטערמורייבן:

— שנעלער, סאַשינקאַ!... וועסט האָבן ביי מיר אויף שאָקאָ־לאַד, אויב דו וועסט מיר ברענגען פון אים אַן ענטפער...

דעם בעל־הבית'ס צעפּעסטעטע טאָכטער האָט מיט יעדן טאָג זיך איינגעשאַפּן אַלץ מער קאַוואַלירן און סענדערל איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער אומגעלאָפן מיט אירע נאַרישע בריוועלעך.. ער איז גע־בליבן אָן כוחות אומלויפנדיק אַ גאַנצן טאָג. — דעם קאָנפעקסיאָן פלעגט ער שוין כמעט ניט אָנקוקן און די שיך זיינע האָבן שוין אינגאַנצן געפּלאַצט...

איין מאָל האָט שיווע באַמערקט זיינע צעריסענע שיך. ס'האָט איר אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ. קיין געלט אויף צו קויפן אַנדערע שיך איז ניט געווען. זי איז אינגאַנצן אַ פאַרצווייפלטע געשטאַנען פאַר אים.

— וואָס טוסטו דאָרט, וואָס דו האָסט אַזוי גיך די שיך צעריסן?...

סענדערל האָט איר אַלץ דערציילט.

ער האָט באַשטימט זיך גוט אויסלערנען קירזשנעריי און צוזאַמען מיטן טאַטן, מיט גרשונען, אַרבעטן אַזויפיל, אַז אין שטוב זאָל מע־רער קיין נויט ניט זיין... גרשון מלאך האָט אים צוגעגעבן פיל היץ... ער האָט באַוויזן מיט ראיות און דערציילט מעשיות:

— וואָס מיינסטו?... פון קירזשנעריי קען מען דען ניט ווערן קיין גביר?.. אי, אי, אי!.. נאָר מזל!.. ווי זאָגט מען דאָס, אַז עס איז דאָ מזל, עסט אַן אָרימאַן אויך קרעפּלעך מיט קעז!... אַט נעם אַ שטייגער פּיני לויטער... ער איז ניט קיין נגיד, נאָר טאַקע אַ מיליאָנטשיק!... און נאָר ער אַליין איז דען אַזאַ?... זע נאָר אויף דער דעריבאַסאָווסקע, אויף רישעליעווסקי און אין פּאַ־סאַזש! אוהאַ!... אַ מינע קלייטן פון היטלען און קאַפּעליושן...

זיי זיינען שוין גוט אין די פּעדערן!... אָבער נשקשה. בטחון, סענדערל, נאָר בטחון!... אַט וואַקסט אונטער ליבעלע, דערנאָך נחמנלע... אַלע צוזאַמען וועלן מיר זיך נאָך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט און עס וועט ווערן, ווי אין פּסוק שטייט: אור ליהודים!... עס וועט זיין גוט!...

אָבער גוט איז ניט געווען...

ס'איז פּלוצלונג געשען אַזוינס, וואָס האָט צערודערט, צעטומלט און אומגליקלעך געמאַכט טויזנטער און טויזנטער מענשן... דאָס ביסל אַרבעט, וואָס גרשון האָט געהאַט איז ניט געוואָרן... קיינעם איז אין קאָפּ ניט געלעגן גרשון מלאך'ס היטלען...

דריטער טייל

„לא תרצח — זאָלסט ניט הרגענען"
(פון די לוחות)

„אַ לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן,
אַרויפקריכן וועל איך צו גאָט . . .
נאָר איינע צוויי ווערטער וועל איך ביי אים פרעגן:
פאַרוואָס דאַרף זיין מיין חתן אַ סאָלדאַט? ! . . ."
(יידישע פאָלקס-ליד)

29. מלחמה

אויף די גאסן, אויף יעדער פּלויט און סלופּ זיינען געווען צע־האנגען ווייסע פּאפּירן מיט שווארצע אָדלערס אין סאמע אָנהויב, און מיט גרויסע שרייענדיקע בוכשטאבן: „מאָביליזאציע"!..."

די ווייסע פּאפּירן מיט די שווארצע אָדלערס אין סאמע אָנהויב דאָס זיינען געווען באפעלן וועגן מאָביליזאציע, באפעלן, וועלכע האָבן אין זיך אנטהאלטן אויך אַן אויפרוף און ווענדונג צו דער גאנצער באפעלקערונג פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע... און אָנגעהויבן האָט זיך די ווענדונג מיט די ווערטער: „מיר, ניקאָ־ליי דער צווייטער..."

לעבן די צעהאָנגענע פּאפּירן זיינען געשטאנען רעדלעך מענשן מיט אויף טויט איבערגעשראָקענע פּנימער. עפּעס אַ יידענע האָט אָנגעהויבן צו וויינען... אַן עלטערער ייד האָט זיך אין הארצן אַ קלאַפּ געטאָן... אַ יונג ווייבל מיט אַ קינד אויף די הענט האָט זיך צו אַ יינגענמאַן געווענדעט מיט אַ געשריי:

— אויף וועמען לאָזטו מיך איבער מיטן קינד, אויף וועמען?!..

אין הויף נומער ניין, אויף דער שפּיטאָל־גאַס, איז איצט תשעה־באב געווען... אַ שווארצע כמארע האָט זיך אָנגערוקט אויף דעם גרויסן און לאַנגען הויף... קיינער האָט אין דעם טאָג קיין מיטיק ניט געקאָכט... די קינדער זיינען אין די חדרים ניט געגאַנגען... ארום אײנציקן בוים, וואָס אין עק הויף,זיינען געשטאַנען דערשלאָ־גענע מענשן און וועגן עפּעס גערעדט... פון דער גנבישער מאַלינע האָט זיך געטראָגן אַ שיכורער געזאַנג פון יינגען, וואָס האָבן לויטן באפעל זיך געמוזט קומען מעלדן אלס מאָביליזירטע... זייערע שיינע, יונגע ווייבלעך האָבן באַגלייט דעם געזאַנג מיט אַ האַרץ־רייסנדיקן געוויין... דער אַלטער רב מרדכי, דער וועגעלע־שטעפּער, האָט הויך אויף אַ קול געזאָגט תהילים און זיינע געשרייען האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויף... מענשן זיינען אַלעמאָל געלאָפן

פון הויף אויפן גאַס און דאָרט פאַרן טויער הערן און זען, וואָס עס טוט זיך און מ'איז באַלד צוריק געקומען אין הויף אַריין מיט ביטערע בשורות...

ביי רב וויגדערן דער פאַרבעך איז פּלוצלונג די באָרד אינגאַנצן גרוי געוואָרן... דער זון זיינער, אַרקע דער חתן־בחור, וועלכער האָט געוואַרט, אַז די כלה זיינע זאָל איצט מיט אירע עלטערן אָראָפּ־קומען פון אומאַן אהער קיין אָדעס און מ'וועט שטעלן אַ חופּה, ער, אַרקע, איז איצט טרויעריק געוואָרן... נחום דער סטאָלער מיטן פּליכעוואַטן קעפּל און מיטן דינעם קולכל איז זיך שוין אַוועק מעלדן אין דער פּריסוטסטווע... טשאַרנע האָט זיך געבראָכן די הענט און דער מאַן אירער, דער גרעסטער גנב שעפּע בלאָך, איז איר נאָכ־געגאַנגען פּיס־טראָט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ... גרשון מלאך האָט צעשפּרייט זיינע הענט, געוואָרפן מיט זיי אין דער לופט, גע־פּאַכעט און האָט זיך אַרומגעטראָגן איבערן לאַנגן הויף... ער איז אַרויס אויף דער גאַס און באַלד זיך צוריק אין הויף באַוויזן אַ דער־שראָקענער, מיט פאַרגלאָצטע, אויגן...

אין גאַס האָבן זיך קאָזאַקן באַוויזן.

די קאָזאַקן זיינען געפאָרן רייטנדיק אויף שוואַרצע פערד, אָנגע־טאָן אין דער גאַנצער פּאַראַד־פאָרם, אין בלויע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן, אין בלויע מונדירן מיט רויטע קאַנטן און גלאַנציק־מעשענע קנעפּ. פון הינטער די בלויע היטלען מיט רויטע אַקאַלעש־קעס האָבן אַרויסגעשפּאַרט גרויסע טשובן. אין די הענט האָבן זיי פּיקעס געהאַלטן און מיט זייערע רוצחישע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף די פאַרזאַמלטע מענשן ביי די מלחמה־מעלדונגען און ביי די טויערן פון די הויפן...

עפּעס אַ ייד מיט אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, מיט אַ גרוי ברייט־צעוואַקסענער באָרד, מיט אַ שירעם אונטערן אָרעם, איז אונטערגע־לאָפן און האָט זיך געווענדעט צו די מענשן, וואָס זיינען לעבן טויער געשטאַנען.

— אַ צרה, יידן, אַ גרויסע צרה!... — און האָט אויסגע־לאָזט מיט אַ געוויין — מיין זון איז אויף דער „דייסטוויטעלניע". ער דינט אין קאַליש. אוי, גוואַלד, פון דאָרטן וועט עס זיך אָנהויבן!...

ער איז אַוועקגעלאָפן, דער ייד. און באַלד האָבן זיך איבער די גאַסן באַוויזן רייטנדיק אויף ווייסע פערד הוסאַרן. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן די הוסאַרן, אין זייערע מונדירן פון שטאָל־קאָליר, מיט געלע קאַנטן. אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן שוואַרץ־לאַקירטע קאַס־

קעם מיט ווייסע פעדערן. די הוסארן זיינען גיך אדורך די גאס מיט א פריילעכן געזאנג... און דער ייד מיטן שירעם אונטערן אָרעם האָט זיך ווידער באוויזן לעבן טויער. זיין פּנים האָט איצט געשיינט, כאָטש פון די אויגן האָבן טרערן גערונען:

—יידן, עס וועט שוין זיין שטיל. ס'נאָר אַ איבערשרעק געווען, יידן!...

און ער איז באלד אוועק, דער ייד...

עס האָבן זיך ווידער באוויזן אויף דער גאס קאָזאַקן. זיי האָבן איצט לאנגזאם געריטן אויף זייערע שווארצע פערד און בייז געקוקט אויף די מענשן. דער אלטער ייד מיטן שירעם איז ווידער אַנגעלאָפן. אצט איז ער שוין אינגאנצן צעטומלט געווען און ער האָט שטיל געכליפּעט:

— יאָ, יאָ, טאַקע אַ מלחמה, אַ מלחמה, יידן!...

און ביי גרשונען איז די לאַגע פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער. מ'האָט אָנגעהויבן אויסצופארקויפן פון דער שטוב, פון אָנהויב קליי־ניקייטן און דערנאָך גרעסערע זאכן... קיין ארבעט איז ניט געווען, קיין עסן אויך ניט... אויף סענדערלן האָט זיך איצט שוין קיינער ניט אומגעקוקט... ער פלעגט אָפט אומגיין, סענדערל, איבער די גאסן און אז ער האָט דערזען מארשירנדיקע סאָלדאטן, האָט ער זיי נאָכגעקוקט און געטראַכט:

— „מיך וועט מען אפשר אויך נעמען פאַר אַ סאָלדאַט?..."

אינם הויף נומער ניין אויף שפּיטאָל־גאַס האָט מען שוין באַקו־מען בריוו פון פראָנט. אַרקע דער חתן-בחור, וויגדערס זון, איז געווען פארוואונדעט אין אַ פוס... נחום דער סטאָלער איז דערהרגעט געוואָרן און זיין ווייב, רחל־לאה, האָט אים שוין בטווינט... סיניי, יענטע דער פישערינס זון, איז אלס דאָקטאָר אויפן פראָנט געווען און ער האָט געשריבן שלעכטע בריוו אַ היים...

דער דייטש האָט איינגענומען שטעט און שטעטלעך. ער איז אכזריותדיק און ווילד געווען בעת די אָנגריפן... די צוגענומענע שטעט האָט ער חרוב געמאַכט, פרידלעכע איינוואוינער האָט ער גע־שאָסן און עס האָבן זיך באוויזן אין אָדעס פּליטים פון ווייטע גרענעץ־שטעט. מערער פון אַלע האָבן געליטן די יידן... אין די איינגענומענע שטעט האָט דער דייטש זיי געשלאָגן, זיי געהאַלטן פאַר רוסישע שפּיאָנען... זיינען יידן מאַסנווייז אַנטלאָפן טיף אין לאַנד פון די שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך נאָענט פון דער פראָנט־ליניע געפונען. און דאָ אין לאַנד האָבן פּוערים און פּראָסטע מענשן,

אונטערגעהעצטע פון די שווארצע־מאהניקעס, געשריגן, אז די יידן זיינען דייטשישע שפיאָנען...

משה דער שומר, יענטע דער פישערינס מאַן, וועלכער פלעגט שטענדיק שווייגן און קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט, וואָס פאר א קול ער האָט, אָט דער אָ משה האָט פּלוצלונג אויף א גראָב־באַסאָ־ווער שטים זיך צעבייזערט:

— איך קען זיי גוט, די דייטשן. ערגער פון היצעלעס זיינען זיי!... נאָך ווען איך בין א סאָלדאַט געווען, זיינען ביי אונז אין דער צאַרסקי אַרמיי אָפיצערן דייטשע געווען... די סאָלדאַטן האָבן זיי פיינט געהאַט!... די רוסישע אָפיצערן האָבן זיי אויך פיינט געהאַט... א רוסישער אָפיצער, אז ער האָט אמאָל געשלאָגן א סאָלדאַט, האָט ער אים ווי א טאַטע געשלאָגן, ער האָט אים געלערנט... און א דייטש האָט ווי א היצל נאָר געפּייניקט דעם סאָלדאַט!...

גרשון מלאך איז איינגאַנצן אָפּגעלאָזן געוואָרן. ער האָט געהאַט א בלויען בילעט. אים האָט מען אויף דער מלחמה ניט גענומען. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט א פּאָר פאַרלאַטעטע הויזן, מיט צעריסענע שיך און נאָר א ניי היטל האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ... די באָרד איז אים שוין לאַנג ניט געווען אונטערגעשוירן. ער איז אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און פאַרחלומט. ביי רב ווינגדער דעם פאַרבער האָט ער אַלע מאָל א ביסל מאַכאָרקע געליען, א גראָבן ציגאַר פאַרדרייט, זיך שטאַרק פאַרצויגן און האָט מיט זיינע איבערגעשראָקענע שווארצע אויגן אויף די בלויע רינגען רויך, וואָס ער האָט פון מויל אַרויסגע־לאָזט, געקוקט...

—נעבײ וואָלט מען מיך בעסער פאַר א סאָלדאַט גענומען — האָט ער אַלע מאָל געזאָגט.

יאָ. אין הויף נומער ניין, אויף דער שפּיטאָל־גאַס, זיינען איצט אַלע דערשלאָגן געווען... ניט געווען אזא מענטש אין דעם הויף, וועמען די מלחמה האָט ניט געטראָפן... אַפילו מאַניש דער משו־גענער, וועמען אַלע פלעגן דאָ רופן „מאַניש מיט די שמאַטעס”, דער אָפּגעריסענער יונגערמאַן מיט די גוטע קינדערישע אויגן און מיט דעם שטענדיקן שמייכעלע אויף די ליפּן, ער, וועלכער איז שוין פון לאַנג פון זינען אראָפּ און איז שטיל־משוגע געווען, און האָט זיך אויפגעהאַלטן ערגעץ אין קעלער פון הויף, דער אָ משוגענער מאַניש איז איצט אויך, ווי אַלע אין דעם הויף, טרויעריק געווען... און אז מ'האָט אים געגעבן א נדבה, פלעגט ער מיט א טרויעריקן שמיי־כעלע אָנהויבן זינגען:

„ווי דעם טאַטן, ווי דער מאַמען,
וואָס האָט אַ זון אַ זאַפּאַסנוי...
מ׳טוט אים אָן די סאָלדאַטסקע קליידער,
מ׳שיקט אים גלייך אַוועק אין בוי..."

און סענדערל האָט שוין מערער הונגער ליידן ניט געקענט. ער איז אומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס איבער די גאַסן... שעהנווייז איז ער אָפּגעזעסן אויפן בולוואַר אויף אַ באַנק און האָט פון דאָרט אַראָפּגעקוקט צום גרויסן האַפן און צו די שיפן, וואָס גייען אָפּ און קומען אָן... „וואָס טוט מען?..." דאָס איז געווען די אָפּטע פראַגע אין זיין טראַכטן אין זיך... און ער האָט שוין באַשטימט, געפּועלט ביי זיך צוריקצוגיין אין טיר־הויז, אינם טראַקטיר „מעד־ווער" און פאַרווײַלן מיט „זיין" פידל דעם שיכורן המון... נאָר ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דורך איינע פון די פיל בעקערייען, וואָס אויף דער מאַלאַרנאַוטסקע־גאַס, האָט דערשפּירט דעם ריח פון פריש־געבאַקענעם ברויט האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט עסן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אין די שיינע גרויסע פענצטער... אין דער וויטרינע זיינען געשטאַנען ווייסע קויליטשן, ברוינע טאָרטן מיט ראָזן קרעם, פאַרשידענע לעקעכן, שטרודל, קיכלעך און אַנדערע מעל־שפּייזן... עס האָט אים אַ זעץ געטאָן דער אָנגענעמער, באַ־טעמטער גערוך אין דער נאָז אריין. די צונג אין מויל האָט זיך אָנגעהויבן דרייען. די סלינע האָט אָנגעהויבן איבער די ליפּן צו רינען... נאָר באַלד איז אים אין מויל שטאַרק טרוקן געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אונטן איז אַ קעלער געווען. ס׳האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן אַ ווייס־מעליקער שטויב, אַ הייסער דאַמף, אַ געזאַנג און אַ געשריי... ער האָט אַראָפּגעקוקט אין קעלער דורך דער צעעפנטער טיר, דערזען מענשן האַלב נאַקעטע, אין ווייסע הויזן, ווייסע פאַרטעכער און אין ווייסע קאַלפּאַקעס אויף די קעפּ... ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, נאָר באַלד אויף די טרעפּ זיך צוגעזעצט, געוואָלט עפּעס אַ טראַכט טאָן, נאָר ניט געקענט. ס׳איז אים עפּעס טונקל געוואָרן אין די אויגן. און ווייסע ברויטן, ברויטן און ברויטן האָבן זיך פאַר זיינע אויגן געטראָגן... דערנאָך איז לייכטער געוואָרן. ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

— אַ בעקער. ער האָט באַטש ברויט!...

ס׳איז אים אינגאַנצן פינצטער געוואָרן. ער האָט זיך אַראָפּגע־קייקלט פון די טרעפּ... ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער דער־

זען, אַז לעבן אים שטייען מענשן. אַלע זיינע זיי ווייסע, פאַרמעלטע. ער זיצט אין אַ צימערל ביי אַ טישל. לעבן אים שטייט אַ גלאָז טיי מיט לימענע. עס ליגט אַ שטיק ווייס ברויט... איינער, אַ הויכער מענש מיט אַ ווייס־ראַזירטן קאָפּ, מיט קאַרע, פריילעכע אויגן, מיט קליינינקע, אויף אַרויף פאַרדרייטע וואָנצקלעך, לאַכט אונטער, באַווייזט געזונטע, ווייסע ציינער.

— עס יינגעלע, עס און זאָרג ניט!...

אַ צווייטער מענש, אויך אַ הויכער און מיט אַ ווייס־ראַזירטן קאָפּ, נאָר מיט בייזע אויגן, מיט אַ פאַרשאַרפטן קין, אָן אַ באָרד און אָן וואָנצן, נאָר מיט פיל קנייטשן אין פּנים, אַ סימן, אַז ער איז שוין ניט יונג... מיט דינע, אויסגעצויגענע ליפּן, וואָס קוקן אויף מענשן מיט חשד און פאַרגינען אים ניט דאָס לעבן... אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ גרויען אַנצוג, אויף די גראָבע פינגער פון די קורצע הענט זיינען גאָלדענע רינגעלעך געווען. — דאָס איז געווען דער בעל־הבית פון דער בעקעריי... דער צימער, אין וועלכן סענדערל האָט זיך איצט געפונען, איז געווען די קאַנטאָר און קאַבינעט פון דעם בעל־הבית. ער האָט זיך געפונען, דער צימער, בשכנות מיט דער בעקעריי... ווען סענדערל האָט אָפּגעגעסן און איז פולקאָם געקומען צו זיך, האָט אים דער מענש געפרעגט:

— אַרבעטן ווילסטו?...

— יאָ!... — האָט סענדערל געענטפערט.

— איך נעם אים צו זיך, אונטער מיין האַנט — האָט דער ערשטער געזאָגט.

גוט, מישע! — האָט דער בעל־הבית צוגעשטימט — נעם אים צו זיך און גיב אויף אים אַכטונג!...

דאָס לעבן איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן. פון קיין שווערע אַרבעט שטאַרב מען ניט. שטאַרבן, שטאַרבט מען נאָר פון ניט עסן... סענדערל האָט אַלע מאָל אַ היים געבראַכט אַ פריש ברויט. גרשון מלאך האָט אויך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אונטערפאַרדינען... און אין בעקעריי־קעלער האָט מען סענדערלן ליב באַקומען. ער האָט אַלץ געטאָן, וואָס מ'האָט אים געהייסן גיך און גוט... ער האָט אויסגעהערט די רייד און טענות פון די בעקער־אַרבעטער און האָט שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָ זיינען געווען אַלטע, אויסגעהאָרעוועטע, בעקער מיט פאַרלאָשענע אויגן, און יונגע געזונטע מיט אויגן, וואָס האָבן געברענט און געצונדן זוכנדיק עפּעס...

און גערעדט האָט מען מערסטנס טייל וועגן בעל־הבית.

ער האָט זיך דערוואוסט, סענדערל, אַז דער בעל־הבית איז אַ שלעכטער און קאַרגער מענש. ער וועגט יעדן שטיקל אויסגעקנאָטן און אויסגעפלאָכטן טייג פאַרן אַריינגעבן אין אויוון און נאָכן אַרויסנע־מען פון אויוון. ער ציילט יעדער ברויט, די בייגל און אפילו די קליי־נינקע קיכעלעך... ער פאַרגינט ניט, אַז אַן אַרבעטער זאָל אַמאָל אַ ווייס שטיקל ברויט אויפעסן. ער זידלט זיך און שרייט:

— שוואַרץ ברויט זיינט איר קראַנק צו עסן?...

— נאָר גבירים עסן ווייס ברויט!...

— איך עס אויך שוואַרץ ברויט.איך בין נאָך ניט קיין גביר!...

— בדול־דלות וועט איר מיך שטעלן!...

ער האָט זיך אויך דערוואוסט סענדערל, אַז דאָ אין בעקעריי אַרבעטן עטלעכע „וואַלעטן", דעזערטירן, וואָס באַלאַהאַלטן זיך אויס און ווילן ניט גיין מלחמה האַלטן. עפּעס איינער אַ שיכור, וואָס אין קיין שום לייטישער בעקעריי וואָלט מען אים ניט געהאַלטן, געפינט זיך אויך דאָ... און די אַלע מענשן, וואָס זיינען אָפּהענ־גיק פון בעל־הבית, דאַרפן זיין הילף, זיין באַהעלטעניש, עקספּלואַטירט ער, באַליידיקט ער און טאָמער עפּעס סטראַשעט ער:

— קענסט גיין, די תפיסה וואַרט שוין אויף דיר!...

— קענסט גיין, די גאַס וואַרט שוין אויף דיר!...

— קענסט גיין, דער פראָנט וואַרט שוין אויף דיר!...

און נאָר צו איינעם באַציט ער זיך מיט רעספּעקט. דאָס איז צו מישען. צו דעם הויכן מענשן מיט דעם ווייס־ראַזירטן קאָפּ און מיט די קאַרע פריילעכע אויגן, וועלכן אַלע רופן דאָ „פּעטער מישע"... קיינער ווייס ניט, צי מישע קערט זיך עפּעס אָן מיטן בעל־הבית צי ניין... מ'זעט, אַז ער לעבט גלייך ווי אַלע אַרבעטער. ער גייט קיינ־מאָל ניט אַרויס פון בעקעריי. דאָ אויף די זעק מיט מעל נעכטיקט ער, פונקט אַזוי ווי די בחורים, וואָס באַהאַלטן זיך אויס פון מיליטער־דינסט... אין אַ ווינקל פון דער בעקעריי שטייט אַ קליין, ברוין קעסטעלע. עס איז פול מיט ביכער דאָס קעסטעלע... אין אַ פרייער צייט נעמט מישע אַרויס פון דאָרט אַ בוך, גייט צו צום פענצטער, זעצט זיך אַוועק און לייענט... מ'זאָגט אפילו, אַז ניט דער בעל־הבית צאָלט מישען פאַר דער אַרבעט, נאָר מישע צאָלט דעם בעל־הבית דערפאַר, וואָס ער באַהאַלט אים דאָ אויס...

איינמאָל אין אַ פרייער צייט איז מישע צוגעקומען צו סענדערלן און ביי אים געפרעגט:

— לייענען קענסטו?...

— יאָ, פעטער מישע ! ...

— ביכער האָסטו שוין געלייענט אמאָל ? ...

— יאָ, פעטער מישע, יידישע ביכער האָב איך געלייענט !

— און רוסישע ? ...

— רוסישע ווייניק. רוסיש קען איך שוואך ! ...

— ניט גוט. מ׳דאַרף קענען רוסיש. יידיש איז אויך גוט. ס׳איז ניט שיין, ווען אַ ייד קען ניט זיין שפּראַך. אָבער רוסיש מוז מען אויך ... ווילסט לייענען ביכער ? ...

— יאָ, פעטער מישע !

— נו, וועל איך דיר געבן אַ ביכל ... וועגן וואָס־זשע ווילסטו לייענען ? ...

— וועגן לעבן, פעטער מישע ! ...

— אַט אַ חכם ... וועגן לעבן וויל ער ! ... נו, און וואָס איז אַזוינס לעבן, ווייסטו כאָטש ? ...

— איך ווייס, פעטער מישע, האָט סענדערל פּשוט געענטפערט.

— פאַר איינעם איז דאָס לעבן גוט, פאַר אַ צווייטן שלעכט. מיין זיידע זאָגט, אַז דאָס לעבן איז ווי אַ שיין עפּעלע ... עס טרעפט זיך אָבער אָפט אין דעם שיינעם עפּעלע אַ ווערימל ! ...

ער האָט שטאַרק געלאַכט, מישע. ער האָט געקלאַפּט סענדערלען אין פּלייצע. דערנאָך האָט ער געפרעגט :

— ער האַנדלט אפשר מיט פוילע עפּעלעך אין מאַרק, דער זיידע דיינער ? .. אהא ... ס׳דאַרף זיין אַ ייד אַ חכם ! ..

סענדערל האָט זיך באַליידיקט :

— מיין זיידע האָט אַן איינענעם עפּל־גאָרטן. ער איז אַ סאַדאָווניק, מיין זיידע ! ...

מישע האָט אים באַרואיקט :

— ביסט אַ אַ וואוילער יאַט, סענדערל. איך האָב דיך ניט גע־מיינט באַליידיקן. וואו איז ער, דיין זיידע ? ...

— אין אָכרימאָווע ! ...

— אין אָכרימאָווע ? ... — האָט מישע איבערגעפרעגט איבער־ראַשט, נאָר ער האָט זיך באַלד באַהערשט ... ער האָט ניט געוואָלט, צי אפשר ניט געטאָרט דערציילן, אַז ער הייסט גאָר ניט מישע ... ער איז וולאַדימיר, ער איז זיינער, סענדערלס, אַ פעטער, די מומע שרהס מאַן ... די פרוי זיינע מיטן טעכטערל ציפּעלע געפינען זיך איצט אין קיעוו, ביי זיינע עלטערן ... ער, וולאַדימיר גאָלד, מוז זיך איצט אָנרופן מישע, פעטער מישע ... ער באַהאַלט זיך אויס...

און אפילו שרה, זיין ווייב, אַז די וועלכע איז אַמאָל סענדערלס אַם געוועזן, טאָר ניט וויסן וואו ער איז... קיינער ווייסט ניט... אַזוי איז בעסער... — אַכרימאָווע?... — האָט ער ווידער און ווידער איבערגעחזרט — גוט, גוט... אַט וועל איך דיר געבן אַ שיין ביכל, אַ ביכל וועגן לעבן!...

ער האָט אַרויסגענומען פונם קעסטעלע אַ קליין ביכל אין בלויע טאָוועלעך און מיט גאָלדענע בוכשטאַבן. ער האָט עס דערלאַנגט סענדערלן. דערביי האָט ער אויף אים מיט גרוים ליבע געקוקט. ער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן בלאָנדלעכן קאָפּ און געזאָגט:

— פאַר מיין טאַכטער האָב איך דאָס ביכל געקויפט. איך האָב אַ מיידעלע... ס׳איז אַ רוסיש ביכל. דאָ איז פאַראַן אַ מעשיהלע... פושקין האָט דאָס געשריבן... אַ גרויסער מענש געווען פושקין... און דאָס מעשיהלע הייסט: „דאָס גאָלדענע פישעלע...” לייען איבער. דו וועסט דאָס מעשהלע פאַרשטיין... און דערנאָך וועל איך דיר געבן אַן אַנדער ביכל, איך וועל דיר פיל ביכער געבן!...

אָבער קיין אַנדער ביכל איז שוין סענדערלן ניט אויסגעקומען צו נעמען ביים פעטער מישע.

קיין פּאָליציי איז קיינמאָל ניט אַראָפּגעקומען אין דעם בעקעריי־קעלער. אין פּאָליציי־באַצירק האָט מען שוין גוט געקענט דעם בעל־הבית פון דער בעקעריי. מ׳האָט ביי אים גענומען חודש־געלט און מ׳האָט אים געלאָזט צורו... און דאָ האָט זיך אינמיטן דערינען אויף די קעלער־טרעפּ דערהערט אַ טאַפּען פון די פיס צוזאַמען מיט אַ שפּאָרען־געקלאַנג...

— פּאָליציי!...

די עטלעכע „וואַלעטן” זייגען באַלד אַרויסגעלאָפן דורך דער הינטער־טיר, נאָר זיי האָבן זיך צוריקגעקערט מיט אַ געשריי:

— מיר זיינען אַרומגערינגלט!..

דער פעטער מישע איז געשטאַנען אויף זיין אָרט און האָט רואיק געקנאָטן דאָס טייג... פון אויבן, פון דער בעקעריי־קראָם איז אַריינגעלאָפן דער בעל־הבית. ער האָט פאַרשטעלט די פּאָליציאַנטן דעם וועג. ער האָט זיך פאַר זיי געבויגן און געבוקט. ס׳איז צווישן זיי געווען איינער, זיינער אַ מענש, אַ פּריסטאַוו, וואָס האָט גענומען „אין דער יד”... האָט ער זיך צו אים געווענדעט:

— גאַספּאָדין פּריסטאַוו, ערשט נעכטן זייט איר דאָך געווען ביי מיר. צוליב וואָס ווידער אַמאָל,.. איר וועט זיך אויסשמירן...

מעל איז דאָ אין קעלער, אומעטום מעל... קומט בעסער אַרויף אין קאַנדיטאָריי... טאָרטן האָב איך איצט. פרישע טאָרטן!..

צווישן דער פּאָליציי איז אָבער געווען איינער אַ פרעמדער, אַ ציוויל־געקליידעטער און מיט שוואַרצע וואָנצעלעך. דאָס איז געווען דער נייער מוסר לאַפּאַטין, וואָס איז אַהער אַראָפּגעקומען פון סאַמע פּעטערבורג. ער האָט אַ שליידער געטאָן דעם בעל־הבית:

— פּשאָל וואָן!...

מ׳האָט לאַנג ניט געזוכט. מ׳האָט פאַרנומען דעם פּעטער מישע מיט נאָך צוויי אַרבעטער און מ׳איז אַוועק... דאָס ברוינע קעס־טעלע מיט די ביכער האָט די פּאָליציי אויך מיט זיך פאַרנומען...

ס׳איז שטיל געוואָרן אין דעם בעקעריי־קעלער. ס׳איז ניט געווען ווער עס זאָל אַרבעטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַליין דער בעל־הבית אַראָפּ אין קעלער. ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך געשטעלט קנעטן דאָס טייג. די איבערגעבליבענע אַרבעטער האָבן פאַרן בעל־הבית מורא געהאַט. מ׳האָט אים פיינט... קיינער האָט שוין איצט צווישן זיך קיין וואָרט ניט גערעדט... אַ גאַנצן טאָג האָט מען געשמאַכט און מ׳האָט ניט געוואַגט זיך צום געבעקס צורירן... מ׳האָט שוין ניט געקענט אַ נאַש טאָן אַזוי ווי פריער...

סענדערל האָט אין דעם טאָג געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט... ער האָט גענומען זיין לעבל ברויט, וואָס איז אים געקו־מען. ער איז אַ היים געגאַנגען און מערער האָט ער זיך שוין אין דער בעקעריי ניט באַוויזן...

סענדערל האָט שוין מער קיין פרישע ברויטן ניט אַ היים גע־בראַכט. די קלענערע קינדער, לייבעלע, נחמנלע און דאָס מיידעלע מלכהלע, האָבן אויף אים געקוקט מיט הונגעריקע אויגעלעך און ער האָט דאָס ניט געקענט אַריבערטראָגן... און די מאַמע האָט אים שוין איצט ניט געהאַט, וואָס צו זאָגן... און נאָר גרשון מלאך האָט געזיפצט:

— מ׳וואַרפט אַוועק ברויט און מ׳גייט זוכן שטיינער!...

איז סענדערל ווידער אַוועק איבער די שיינע אָדעסער גאַסן זוכן זיין גליק...

30. ניטאָ קיין גליק...

וואַלעטן. — אַזוי האָט מען גערופן אַלע די, וואָס האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן, די דעזערטירן, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין מלחמה

האלטן... מיט זיי, מיט די „וואלעטן", האט די צארישע רעגירונג געפירט א שווערן קאמף. זיין א וואלעט איז געווען נאך ערגער ווי זיין א גנב... פון פעטערבורג איז ספעציעל אראפגעקומען א שפיק, וואס האט זיך פארנומען מיט זוכן די דעזערטירן. דער שפיק לאַ־פאטין האט זוכנדיק דעזערטירן שוין מיט איינוועגס אויך אויפ־געדעקט גנבישע מאלינעס און רעוואלוציאנערע קאנספירירטע די־רות... אין „דער יד" האט ער ניט גענומען, לאפאטין. און וועגן אים האט מען אין אדעס גערעדט:

— ער וויל זיך אויסדינען ביי פאניען!...

— צו א פאלקאווניק וויל ער זיך דערדינען!...

— ער באקומט דאך שוין א געארגיעווסקי קרעסט...

— באקומען זאל ער שוין א מיתה משונה!...

— מיט זיין טויט וועט ער ניט שטארבן. ווי א הונט וועט מען אים הרגענען!...

אינדערפרי איז סענדערל געזעסן אויפן בולוואר. אין האפן איז א מיליטער־שיף געשטאנען. ס'איז אנגעקומען א מארשעווע טייל אין האפן. די סאלדאטן האבן זיך אנגעהויבן אין שיף צו לאדן... דא, פון אויבן, פון בולוואר, האט מען אלץ ווי אויף דער דלאניע געזען... די שיף־דעק איז ווייס געווען. די רערן פו די „פושקעס" האבן אויף דער שטאט געקוקט, מיט גרויסע קיילעכדיקע מיילער, וואס וועלן אט־אט א שפיי טאן... די מעשענע טיילן פון די האר־מאטן האבן אנטקייגן דער זון מיט גאלדענעם בליאסק זיך צע־שיינט... עס האט זיך דערהערט א שאלן פון א טרוימייט. עס זיינען באלד אויפן דעק ארויף מאטראסן אנגעטאן אין ווייסן. די אפיצערן אין ווייסע קיטלען האבן זיך איבער דעם דעק אומגעדרייט. זייער גאלדענע פאגאנעס האבן זיך מיט זון־שטראלן צעשפילט... און אט האט די מוזיק א זעץ געטאן דעם הימן: „באזשע צאריא כראני..." עס האבן זיך אויפגעצויגן אויף די מאסט־סלופעס פיל־קאליריקע פא־נען און צווישן זיי אויף דער פאדערשטער טייל דריי צוזאמענגע־העפטע פלאגן פון די פארבינדעטע, פון רוסלאנד, ענגלאנד און פראנקרייך...

די שיף האט אנגעהויבן אפגיין. פארבליבענע מענשן אונטן, אין האפן, און אויבן, אויפן בולוואר, האבן מיט ווייסע טיכלעך געפאכעט. אייניקע האבן געוויינט, זיך געווישט די אויגן...

סאלדאטן זיינען געפארן אויפן פראנט...

און סענדערל איז אלץ געזעסן אויפן בולוואר, אויף א באנק,

ניט ווייט פון פושקינס דענקמאָל. ער האָט געקוקט אויפן רוישיקן האַפן, אויפן שווארצן ים מיט די בלוילעכע וועלן און אויף די שפּאַצירנדיקע מענשן פון בולוואר...

די זון איז שוין הויך געשטאַנען אינם הימל. זי האָט געבראָטן די זון. אַלץ ארום איז אַזוי ווייס און העל געווען. די גאָלדענע זון־שטראַלן זיינען העל־ווייסע געוואָרן פון צופיל ברענען און איבער־געשמאָלצנקייט... צו סענדערלן איז צוגעגאַנגען אַ יינגערמאַן אָנ-געטאָן אין אַ ווייסער אוניפאָרם פון אַ שיפס־מאַן... ער האָט זיך אָוועקגעזעצט. אַ הוסט געטאָן. דערנאָך שטיל געזאָגט:

— סענדערל...

סענדערל האָט אויפגעציטערט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם גלאַט־ראַזירטן מענשן. נאָר די אויגן און דער שטילער שמייכל איז אים עפּעס קענטלעך געווען...

— שאַ, שטילער... — האָט דער מענש געזאָגט — וואָס מאַכט עפּעס טשאַרנע? מיין ליאָוועטשקע?...

איצט האָט אים סענדערל דערקענט. ס׳איז שעפּע בלאָך.

פון אַ שטיק צייט קומט שוין שעפּע ניט אַ היים נעכטיקן. דער מוסר לאַפּאַטין יאָגט זיך נאָך אים. ער וויל דאָ כאַפּן צוויי האָזן מיט איינמאָל: שעפּע דעם „וואַלעט" און שעפּע דעם גרויסן אָדעסער גנב... אָבער שעפּע לאַכט זיך אויס פון אים. נאָר ער איז אַ גרויסער פאַמיליע־מענש, שעפּע. ער האָט ליב זיצן אַ פּאָר שעה אינדערהיים מיט זיין ווייב און קינד און איצט קומט אים גאָר אויס בייטן די דירות, בייטן דאָס אָנטאָן, בייטן דעם אויסזען... שוין צוויי וואָכן, אַז ער האָט זיין טשאַרנען און ליאָוועטשקען ניט געזען... היינט איז ער ארוים אויפן בולוואר און נאָך פון דער ווייטנס האָט ער צופעליק סענדערלן באַמערקט און ער איז צו אים צוגעגאַנגען...

— הער, סענדערל — האָט שעפּע געזאָגט און זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט ארויסגענומען אַ ווייס טיכעלע, אין וועלכן ס׳איז עפּעס געווען איינגעבונדן. ער האָט עס סענדערלן געגעבן — באַהאַלט עס שנעלער אין קעשענע. גיי אַ היים און גיב עס אָפּ טשאַר־נען. דאָ איז אַ גאָלדן זייגערל און אַ צוויי הונדערט רובל געלט... וועסט איר זאָגן, טשאַרנען, אַז זי זאָל דיר פאָרן וועג באַצאָלן... און פינף אַ זייגער זאָלסטו דאָ ווידער זיין. אָט דאָ, צום פּושקין־דענקמאָל זאָלסטו צוקומען און אַ צעטעלע פון טשאַרען מיר ברענ־גען... זאָל זי מיר שרייבן, וואָס זי טוט און וואָס דאָס קינד טוט...

און אַלץ זאָל זי שרייבן... איז געדענק, פינף אַ זייגער, אָט דאָ. לעבן פּושקינען...

— גוט — האָט סענדערל געזאָגט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק.

שעפּע בלאָך האָט אים נאָכגעקוקט.

פינקטלעך 5 אַ זייגער איז שוין סענדערל צוריק געווען לעבן „פּוש־קינען". ער האָט איצט ביי זיך געהאַט אַ צעטעלע פון טשאַרנען. ער האָט איר אַלץ איבערגעגעבן. זי האָט אים באַדאַנקט. אים צען רובל פאַרן וועג געגעבן. די צען רובל האָט סענדערל באַלד דער מאַמען אָפּגעגעבן... ער האָט געהאַט אַ טבע, סענדערל, אַלץ דער מאַמען דערציילן. און דערפאַר האָט שייווע געגלויבט אין סענדערלען. זי איז זיכער געווען, אַז איר קינד וועט פון גלייכן וועג ניט אַראָפּ... פינקטלעך פיר אַ זייגער איז טשאַרנע אים געקומען רופן. זי האָט אים אַ צעטעלע געגעבן און זיך געבעטן:

— סענדערל, נאַר פאָרזיכטיק. אַז דו וועסט אים זען, שעפּען, זאָלסטו אַליין צו אים ניט צו גיין. זאָלסט וואַרטן, אַז ער זאָל צו דיר צוקומען!...

און אַצט שטייט ער, סענדערל, לעבן פּושקינס דענקמאָל און קיינער קומט צו אים ניט צו. און פּלוצלונג האָט ער דערהערט, עמיצער רופט:

— מאַלטשיק!...

ס'איז פאַר אים געשטאַנען אַ יינגערמאַן אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן עלעגאַנטן אַנצוג, מיט אַ גרויען ווייכן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. אויף דער נאָז פּענסנע און אין איין האַנט האָט ער אַ שוואַרץ שטעקעלע געהאַלטן מיט אַ זילבער־געפּאַסט הענטל. דער טאָן פון דעם יינגעמאַנס רופן איז געווען ווי פון איינעם, וואָס האָט געשיקט עפּעס אַ שיק־יינגל מיט אַ ליבע־בריוועלע צו עפּעס אַ געליבטער און איצט וואַרט ער אויף אַן ענטפער... ס'איז שווער געווען אין דעם עלעגאַנטן מענטשן צו דערקענען דעם גנב שעפּע בלאָך, דעם, וואָס נאָך מישקע יאַפּאָנטשיקן האָט געקענט גאַנץ אָדעס...

— נאַט אייך דאָס צעטעלע! — האָט שטיל סענדערל געזאָגט.

שעפּע האָט אויף גיך איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, צופרידן אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צו סענדערלען:

— מיר וועלן עפּעס איבערבייסן. גיי נאָך מיר!...

פון בולוואַר האָט מען זיך געלאָזט אויף דעריבאַסאָווסקע־גאַס. מ'איז שנעל אַריבער די טומלדיקע שיינע גאַס און אויפן ראָג פון פּרעאָבראַ־

זשענסקי־גאַס איז מען צוגעקומען צו אַ האַלב־קעלער, איבער וועלכן עס האָט געהאָנגען אַ שוואַרצע שילד מיט בולטע, גאָלדענע בוכ־שטאַבן: „קאַפע־רעסטאָראַן". איבערן אַריינגאַנג איז נאָך אויך גע־האָנגען אַ גרויסער, קיילעכדיקער ווייסער לאָמטערן מיט אַ שוואַרצן אויפשריפט: „מעטשטאַ". מ'איז אַריין אינעווייניק. עס זיינען גע־שטאַנען שוואַרצע טישלעך, פאַרשפרייטע מיט ווייסע, פריש־געביגלטע טישטעכער. אַרום אייניקע טישלעך זיינען געזעסן מענער און פרויען, אַלע זיינען רייך און שיין געקליידעט, צום מערסטן אין שוואַרצע קליידער... קעלנערס, אָנגעטאָענע אין שוואַרצע הויזן מיט ווייסע ראָקן זיינען אומגעלאָפן מיט זילבערנע טעצלעך, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעשטעלט געשמאַקע מאכלים, טייערע ווייגען, גע־בעקס און בראָנפן.. פון אַלץ האָט דאָ געפינקלט און שימע־רירט...

שעפע האָט פאַרנומען אַ טיש באַלד נעבן אַריינגאַנג. סענדערל האָט זיך אַוועקגעזעצט, באַטראַכט דעם לאָקאַל, די מענטשן, די קעל־נערס, וואָס האָבן באַדינט אַזוי געשיקט און פריינטלעך... ער האָט געשטוינט, סענדערל.. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך געפונען אין אַזאַ געזעלשאַפט... אַן עלטערער מענש, מיט גרויע באַקנבאַרדן, אָנגעטאָן אין שוואַרצע הויזן מיט אַ ווייסן ראָק, האָט אַזוי רירעוודיק צוגעטראָגן צו זייער טיש אויף אַ זילבערנער טאַץ צוויי טעלער זויבערע יויך מיט לאָקשן, צוויי האַלבע געבראָטנע הינדלעך און צוויי פלעשלעך, איינס מיט וויין און דאָס צווייטע מיט בראָנפן. ער האָט געשיקט דאָס אַלץ צעשטעלט אויפן טיש. עפּעס אַ מאַך געטאָן מיט אַ ווייס האַנטעכל אין דער לופט, ווי אַ צירקוס־פּאָקוס־ניק, זיך אָנגעבויגן צו שעפען און באַלד פאַרשוואונדן.

מ'האָט גענומען עסן. סענדערל האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר די צופיל טייערע מאכלים. ער האָט אַ זופּ געטאָן די יויך און האָט אַוועק־געלייגט פאַרשעמט דעם לעפל, זיך צוגעקוקט צו אַנדערע מענטשן, וואָס זיי טוען, צי עסן זיי אויך און ווי אַזוי זיי עסן... שעפע האָט דאָס באַמערקט און אים אונטערגעטריבן:

— עס, נאַרעלע. עס ווי ביי זיך אינדערהיים!...

ווען מען האָט זיך גענומען צום פלייש, האָט שעפע אָנגעגאָסן סענדערלן אַ גלאָז וויין. זיך האָט ער אָנגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפן.

— טרינק, סענדערל. לחיים!...

— לחיים, שעפע. — האָט סענדערל פאַרשעמט געזאָגט. ער האָט אויסגעטרונקען און זיין פּנים איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט רויטער

פאַרב. די פייערלעך פון זיינע קאַרע אויגן האָבן פריילעכע פונקען פון זיך געוואָרפן...

—עס, עס, סענדערל... וואָס זאָגסטו אויפן געבראָטן הינדל?..
אָ, ס'איז איין מאָל אַ הינדל?... עס, עס... אַז מ'עסט, מעג מען טרינקען, מ'ווערט ניט שיכור!...

ער איז פריילעך געוואָרן סענדערל. דער ווײַן האָט אים אַ קנאַק געטאָן אין קאָפּ. ער האָט זיך צערעדט...

— שעפּע. פּעטער שעפּע. ס'איז גוט. כ'זאָל אַזוי לעבן, ס'איז גוט... — און פּלוצלונג האָט ער זיך דערפילט, ווי אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער, אַ זעלבסטשטענדיקער מענש. — פּעטער שעפּע, איך בין דען שיכור?... איאַ, איך בין ניט שיכור?..

שעפּע האָט געלאַכט. ער האָט מיט גרויס הנאה געקוקט אויף סענדערלען און האָט געלאַכט.

— ניין, ניין, סענדערל, ביסט ניט שיכור!

סענדערל האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום פלעשל. געוואָלט זיך אַליין אָנגיסן, נאָר שעפּע האָט צוגענומען דאָס פלעשל פון אים.

— אויף היינט איז פאַר דיר גענוג... פאַרענדיק בעסער עסן דאָס הינדל!..

סענדערל האָט אויפגעגעסן דאָס פלייש. געקוקט מיט דאַנק־באַרקייט אויף שעפּען. און מיט דער צונג אַלץ געפּלאַפּלט:

— אַ דאַנק, שעפּע, אַ דאַנק... אָט, איך וועל אויסוואַקסן, איך וועל געלט, אַ סך געלט פאַרדינען...

דער קעלנער האָט צוגעטראָגן צוויי טעלער טאָרט און צוויי גלע־זער קאַווע.

— עס, סענדערל!...

סענדערל האָט געגעסן דעם טאָרט, פאַרטרונקען מיט קאַווע. דער קאָפּ האָט זיך אים מער ניט געדרייט. די שיכרות איז אַריבער. אָבער די שטימונג איז געוואָרן נאָך מער אַ פריילעכערע. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אויסגעוואַקסן. ער איז שוין ניט מער קיין קינד. ער איז עפּעס אַ חבר, אַ גוטער־ברודער... און ער האָט אים אָנגע־הויבן אויסצודערציילן זיין לעבן, זיין ביטער האַרץ...

— שעפּע, איר ווייסט דאָך... איך קען שפּילן פידל. איך האָב ליב שפּילן... איך וויל זיך לערנען. אוי, שעפּע, וויל איך לערנען!... און וואָס טוט מען?.. דער טאַטע איז אָרים... און ס'איז דאָך ביי מיר ניט קיין אייגענער טאַטע... גיט אַן עצה, שעפּע!..

שעפּע האָט באַטראַכט סענדערלען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ

און א זיפץ געטאָן... אים האָט זיך דערמאָנט זיין קינדהייט און זיין יוגנט... ער האָט אויך צו עפּעס געשטרעבט, צו א גרויסער זאַך געשטרעבט און האָט צו דעם ניט דערגרייכט... ער איז צום סוף געוואָרן אָט דאָס, וואָס ער איז איצט...

— אַך, טרוימען, טרוימען, קינדערשע טרוימען!... — האָט שעפּע צום סוף געזאָגט — סענדערל, איך פאַרשטיי דיך גוט. אָבער וואָס קען איך דיר עצהן?... — ער האָט זיך אָנגעגאָסן א גלאָז בראָנפן. אויסגעטרונקן מיט איין מאָל — אָט, גיי איך היינט אויף אַן ארבעט... א גרויסע ארבעט... איך קען מיט אַמאָל רייך ווערן און דאַן... אוים שעפּע גנב!.. גענוג!.. אָט, דיין גליק, דיין מזל... לאָמיך זען, צי האָסטו גליק?... קום, סענדערל, מיט מיר אויף דער ארבעט!...

סענדערל האָט דערשראָקן א קוק געטאָן אויף שעפּען. ער האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס טעלערל מיטן ניט דערעסענעם טאָרט.

— ניין, שעפּע. איך וועל ניט גיין!...

שעפּע האָט שפּאָטיש אויף אים א קוק געטאָן:

— האָסט מורא?

סענדערל איז אויפגעשפּרונגען:

— איך בין ניט קיין פּייגלינג, ניט קיין פּחדון!...

— איז וואָס־זשע? — האָט שעפּע געפרעגט — קיין געלט האָסטו ניט. דיין טאַטע איז א קבצן. דו וועסט דאָך גאָרניט ניט דערגרייכן!...

— קיין גנב וועל איך ניט זיין!...

— קיין גנב?... מיינסט אפשר קיין „הורקע”!... אַך, דו שנעק!... ווער איז א גנב?... אלע זיינען גנבים, אלע, אלע!... אָט, די רייכע מענשן, דער קייסער, די מיניסטאָרן, די פּאָליציי, אלע, אלע גנבענען!... ביסט א קינד, סענדערל. דו ווייסט נאָך ניט דאָס לעבן... נו, גוט!...

ער האָט ארויסגענומען, שעפּע, גאַנצע פינף־און־צוואַנציק רובל און זיי געגעבן סענדערלען.

— נאַ, סענדערל!... דאָס האָסטו פאַר דיין טובה, וואָס דו האָסט מיר היינט געטאָן... און א גרויסן דאַנק דיר פאַר דער קאָמפּאַניע. איך האָב מיט דיר פריילעך פאַרבראַכט א פּאָר שעה. נו, און איצט גיי א היים. וועסט אָפּגעבן א גרוס מיין טשאַרנען. איך מוז נאָך דאָ א ביסל בלייבן...

סענדערל האָט זיך אויפגעהויבן. אים איז עפּעס שווער געווען

פארלאָזן דעם גוטן מענטשן. שעפּע האָט באַמערקט, ווי סענדערל וואַקלט זיך האָט ער געזאָגט:

— הער אויס. דו דאַרפסט גאָרניט טאָן. דאַרפסט נאָר אויף „צינק״ שטיין. טאָמער עפּעס גיסטו אַ פייף...

— ניין! — האָט סענדערל געענטפערט און האָט זיך גע־לאָזט גיין...

— סענדערל!... — האָט אַ געשריי געטאָן שעפּע. אים אוועק־געזעצט צוריק צום טיש. — ביסט נאָך הונגעריק, סענדערל?... — ער האָט אַ געשריי געטאָן צום אַלטן קעלנער: — נאָך צוויי קאַווע מיט טאָרט!... — דער אַלטער האָט געבראַכט שנעל אַלץ, וואָס שעפּע האָט אים באַפוילן און איז באַלד אַוועק פון טישל. שעפּע האָט צו סענדערלן געזאָגט: — איך בין איבערגלויביק, סענדערל. דו ווייסט וואָס דאָס הייסט?... איך האָב איצט אַ נדר געטאָן, סענ־דערל, אַז איך זאָל דיר העלפן. דער דערפאָלג פון מיין היינטיקער אַרבעט הענגט אָפּ פון דיין גליק... האָסטו גליק, געלינגט מיר די אַרבעט. האָסטו ניט קיין גליק, פאַל איך דורך... פאַרשטייסט?.. און דאָרט איז אַזאַ קוש, וואָס אויב מיר געלינגט נאָר, האַלט איך וואָרט... מיין נדר, וואָס איך גיב, איז: צען פּראָצענט פון דער גאַנצער סומע געהערט דיר. און די סומע איז אַזאַ. אַז נאָר פון די צען פּראָצענט אַליין ווערסטו רייך... דיין טאַטע ווערט אַ גביר. דו וועסט זיך לערנען, וועסט שפּילן... און איך, איך ווער אַ מיליאָנער... אויס שעפּע גנב. אַן עק!.. נו, גיי, סענדערל, גיי און בעט פאַר מיר גאָט, אַז עס זאָל מיר געלינגען...

סענדערל האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. ווי אַ פאַרכישופטער איז ער געזעסן און געקוקט אויף שעפּען. דערנאָך האָט ער זיך גע־כאַפּט, אַז די קאַווע איז שוין קאַלט. דער טאָרט איז ניט גערירט... ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער דאָס שטיק טאָרט אַריינגעלייגט אין קעשענע, אַהיימגעבראַכט דעם שוועסטערל... ער האָט אָבער אָנגעהויבן עסן, כאָטש ער איז שוין געווען איבער זאַט... ער האָט מיט די קאַלט־געוואָרענע קאַווע פאַרטרונקן...

שעפּע האָט אים צוגעאיילט:

— ס׳ווערט שפּעט, סענדערל, גיי!...

סענדערל האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, האָט אַ קוק געטאָן מיט זיינע פייערלעך פון די קאַרע אויגן אויף שעפּען, געזען ווי ער זיצט אַ פאַרטראַכטער און ער האָט פּלוצלונג אַנטשלאָסן געזאָגט:

— פּעטער שעפּע, איך גיי מיט אייך. איך וועל פּרואוון...

— זיץ, סענדערל — האָט זיך שעפּע דערפרייט. — פאַרשטייסט, אַליין איז שווער. איך וויל אָבער ניט קיין שותּפים... אויף דער אַרבעט קוק איך מיין גאַנץ לעבן אַרום... איך מוז דאָס אַליין טאָן, אָן שותּפים, אויב איך וויל מער קיין הורקע ניט זיין!... אָבער דיין הילף איז פאַר מיר זייער וויכטיק!...

ער האָט זיך צוגערוקט צו סענדערלען און שטיל דערציילט:

— אויפן פאַנטאַן, אין אַן איינענער ווילע, וואוינט אַ פּריץ, פאַן קאַזמיר יאַנקאָווסקי... ער איז אַלט און קאַרג, דער שליאַכ־טשיץ. ער געטרויט קיינעם ניט. דער באַנק אויך ניט. זיין גאַנץ פאַר־מעגן איז איצט ביי אים אין אַן אייזערנער וואַנט איינגעמויערט... די וואַנט איז ביי אים אַנשטאָט אַן אייזערנער, ניט־ברענענדיקער שאַפע... עפענען אייזערנע, ניט־ברענענדיקע שאַפעס און קאַסעס דאָס איז מיין פאַך!... איך אַליין, סענדערל, שטאַם פון פוילן, פון לאָדזש... דער פאַן יאַנקאָווסקי איז אַ לאָדזשער מאַגנאַט. איך אים קען, אָבער ער מיך ניט!... מ'האָט אים אַרויסגעשיקט פון לאָדזש, פאַרשיקט אַהער קיין אָדעס, ווייל ער האָט אַ פּוסטע צונג. ער רעדט נאָר וועגן אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיק פוילן... איצט זיינען זיי אין דרייען אויף דער ווילע: דער אַלטער פאַן, זיין איינציקער דינער סטאַניסלאַוו, שוין אַ טויבער, נאָר געפּערלעכער פון אַ הערנדיקן... און דאָרט איז נאָך דאָ אויף אַ לאַנגער קייט אַן אַלטער שוואַרצער, קודלאַטער הונט, וואָס איז אַזוי בייז, אַז יעדער פרעמדן צערייסט ער אויף שטיקלעך... ער זיצט, דער אַלטער פאַן, מיט זיין סטאַניסלאַוון אין שטוב מיט דער אייזערנער וואַנט, ביי צעעפנטע פענצטער און אַלע אויפדערנאַכט זינגען זיי: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגיניעלאַ...״ ער האָט שטאַרק פיינט, יאַנקאָווסקי, די רוסן און די דייטשן. ער ווינשט זיי ביידן אַ מפּלה אין דער מלחמה און ער איז גרייט זיין פאַרמעגן אָפּגעבן אַלע די מענטשן, וואָס וועלן קעמפן פאַר אַ באַזונ־דער, אומאָפּהענגיק פוילן... און אָט, ווי אַזוי עס האָט זיך נאָר אָנגעהויבן די מלחמה, בין איך צו אים געקומען... פּויליש רייד איך ווי אַן אמתער שליאַכטשיץ... פאַר אים און נאָך פאַר עמיצן בין איך אַן עכטער פּאָליאַק... איך בין אַ סוחר, אַ גביר, אַ מאַג־נאַט... איך טרעף זיך מיט אים אָפט... מיך קען שוין גוט דער אַלטער דינער, דער טויבער סטאַניסלאַוו. מיך קען שוין אויך גוט דער בייזער, קודלאַטער הינט... איך ווייס שוין אַלץ: וואו, וואָס און ווי אַזוי... מיין פּלאַן איז פאַרטיק!... איצט דאַרף איך נאָר טאָן. — פאַרשטייסט?...

סענדערל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און שעפּע האָט אים דערקלערט זיין אויפגאַבע:

— דעם הונט וועל איך שוין באַוואָרענען. איך וועל אים אָפּ־סמען, דעם הונט. ארום דער ווילַלע איז אַ נידעריקער פּאַרקאַן פון אייזערנע שטאַכעטן. דו דרייסט זיך ארום פּאַזע די שטאַכעטן, דו ביסט אויף „צינק”... און טאָמער אַ „שוכער”, אַ סכנה פאַר מיר, וואָרנסטו מיר מיט דעם סיגנאַל; — ער האָט ארויסגענומען, שעפּע, פון קעשענע אַ שוואַרץ־ביינערן פייפעלע און דאָס סענדערלן געגעבן. דו פייפסט מיטן גאַנצן קראַפט, מיטן גאַנצן כוח... איינמאָל, צוויי־מאָל, דריימאָל!... און דאַן מאַכן מיר ביידע פּליטה...

מ'האָט פאַרלאָזט דעם „קאַפע רעסטאָראַן”. מ'איז אין צווייען אוועק אויף אַן אָרט, נעענטער צו די דאַטשעס... די טיר פון אַן אומגעלומפּערט גרוים הויז אין מיטן פון אַ פאַרלאָזטן, ווילד־געוואָ־רענעם גאָרטן, האָט אויפגעמאַכט אַן אַלטע מיט צעפּאַטלטע גרויע האָר. מ'איז אריין אין אַ צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ בעט, אַ קאַנאַפּע, אַ טישל מיט צוויי בענקלעך און אַ שווערער, אַלטמאָדישער דעמבענער שראַנק. שעפּע האָט באַלד פון זיך אראָפּגעוואָרפן דאָס פּידזשאַקל, אָנגעוויזן סענדערלן אויף דער קאַנאַפּע:

— טו זיך אויס. איך וועל דיך שוין אויפוועקן.

אויפגעשטאַנען איז מען אַ זייגער צוויי ביינאַכט. מ'איז אַרויס אויף דער גאַס. די נאַכט איז געווען אַ בלייכע. דער הימל ווי מיט מילך באַגאָסן. מוטנע, מילכיקע וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן אינם הימל. די לבנה אַ ווייס־גלאַנציקע האָט זיך אַלעמאָל באַוויזן און אַלעמאָל אונטער אַ וואָלקן פאַרשוואונדן. ס'איז טונקעלער געוואָרן... שעפּע האָט אַ צונויפגעוויקלטן זאַק געטראָגן. סענדערל איז אים שטיל נאָכגעגאַנגען...

מ'איז אַרויף אויף די דאַטשע גאַסן פונם גרויסן פאַנטאָן. אויף יעדער ראָג צווישן די דאַטשעס און באַזונדערע ווילַלעס האָט אַ קיל ווינטל געבלאָזן. דאָרט פון די ראָגן, באַרג אַראָפּ, האָט זיך דער שוואַרצער ים מיט זיינע הוידנדיקע וועלן באַוויזן... און באַלד איז מען געבליבן שטיין קעגן אַ נידעריקן פּאַרקן מיט אייזערנע שטאַכעטן. פון יענער זייט פּאַרקן זיינען פיל בוימער געוואַקסן און צווישן די בוימער האָט זיך אַ צוויי־שטאָקיג געל־ציגלנער מויער באַוויזן. ער איז געשטאַנען, דער מויער, מיט צעעפּנטע פענצטער פונם אויבערשטן שטאָק. די פענצטער זיינען געווען ווי שוואַרצע

לעכער. די שווארצקייט פון די פענצטער האָט געקוקט איבער די בוימער, איבער די שטאַכעטן פון לײדיקער גאַס...

סענדערל איז אײנער אַליין געבליבן אויף דער גאַס. ער האָט געקוקט אויף דעם הויז איבער די שטאַכעטן, ער האָט געקוקט אַרום זיך אויף אַלע זייטן פון דעם הויז... ס'איז געווען שטיל... ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווי שעפּע איז דעם פּאַרקן אַריבער. ער האָט נאָר געזען, ווי דעם זאַק האָט שעפּע מיט אַ רימען אַרום זיך אַרומגעבונדן, כּדי ער זאָל אים פרײַ מאַכן די הענט... ס'האָט זיך דערהערט אַ שטילער בילן פון אַ הונט. דערנאָך אַ רוף... דער הונט האָט, ווייזט אויס, דערקענט דעם מענטשנס רוף, אַ באַקאַנט קול. האָט ער זיך באַרואיקט... אַזוי האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט... ס'איז געווען שטיל... און פּלוצלונג האָט ער דערזען, סענדערל, אַז עמי־צער קריכט, דראַפּעט זיך אויף די ווענט... אָט, אָט איז ער שוין לעבן אַן אָפענעם פענצטער... ס'איז שעפּע! ער האָט אים דער־קענט. ערשט איצט קריכט ער, שעפּע. וואָס־זשע האָט ער ביז איצט געטאָן?... אהא, ער האָט באַוואָרנט דעם הונט. דער הונט איז שוין טויט... ער זעט, סענדערל, אַז שעפּע הענגט ווי אַ שאָטן אויף דער וואַנט. ער קלעטערט, דער שטן, איבער אַ קאַרניז. און אָט איז ער אַרײַן אין דעם צעעפנטן פענצטער...

סענדערל האָט זיך צוגעהערט. שאַ... ס'איז שטיל. מ'הערט גאָרניט. מ'זעט קיינעם ניט. און פּלוצלונג האָט זיך פון הויז דערהערט אַ האַרצרייסנדיקער געשריי, ווי מ'וואָלט עמיצן געקוילעט, אַזאַ כאָר־כלדיקער קוויטש האָט זיך פון הויז געטראָגן. אַ גרויל איז סענדערלן איבערגעגאַנגען איבערן לײַב. ער האָט זיך נאָך אַפילו ניט באַוויזן צו באַדענקען, ווי דאָס גאַנצע הויז איז ליכטיק געוואָרן. ס'האָט אָנ־געהויבן קלינגען אין גלעקער. פון אַלע פענצטער האָט אַ קנאַק געטאָן עלעקטרישע שײַן און דער גאַנצער אַרום איז העל געוואָרן... עפּעס האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן פונם פענצטער אַראָפּ צו דער ערד... באַלד האָט זיך דערהערט אַ שאָס, אַ צווייטער... לעבן סענדערלן איז אויסגעוואַקסן שעפּע, ער האָט אים פאַר דער האַנט גענומען און אַ געשריי געטאָן:

— לויף!...

מ'איז געלאָפן איבער אַ געסל, ערגעץ פאַרקערעוועט און מ'איז ווידער געלאָפן... מ'איז געשפּרונגען איבער גריבער, איבער שטיי־נער, מ'האָט געקלעטערט איבער בערג און דערנאָך באַרג אַראָפּ צום

ים צו... ביים ברעג פון ים, אויפן גרויען, פייכטן זאמד האָט מען זיך אָפּגעשטעלט.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. ווייט, ווייט אויפן האָריזאָנט פון ים האָט די זון אירע גאָלדענע שטראַלן אויפן הימל א וואָרף געטאָן... זי האָט זיך גערוקט, די זון, פון ים צום הימל אַרויף... אָט איז זי שוין א האַלבע איבערן ים־פלאַך געווען, א האַלב־צעשטראַלטע זון ווי א קרוין, וואָס באַפּוצט דאָס וואַסער... דאָרט ביי דער זון־קרוין איז דער ים רויט געווען. נעענטער איז דאָס וואַסער פון ים בלוילעך און ביי די ברעגן גרינלעך... און אַז די זון איז אינגאַנצן פון ים צום הימל אַרויף און האָט זיך געטונקט מיט די שטראַלן אין די אויפגעלעבטע וועלן, איז דאָס וואַסער אינגאַנצן דורכזיכטיק געוואָרן...

שעפּע און סענדערל האָבן זיך שוין אויסגעבאָדן. זיי זיינען געזעסן אויפן גרוי טרוקן־געוואָרענעם זאַמד, געקוקט אויפן זון־אויפגאַנג און אויפן ים... יעדער איינער האָט עפּעס ביי זיך און פאַר זיך געטראַכט...

דער ערשטער האָט שעפּע אָנגעהויבן צו ריידן:

— ניטאָ קיין מזל. האָסט ניט קיין גליק, סענדערל!...

סענדערל האָט געשוויגן. ער האָט זיך אין עפּעס געפילט שולדיק. אים האָט זיך געדוכט, אַז נאָר ער אַליין איז דער שולדיקער פון שעפּעס דורכפאַל... צו גאָרניט האָט ער קיין מזל... שעפּע האָט באַמערקט זיין געפאַלענעם געמיט, האָט זיך הויך צעלאַכט:

— ניט געזאָרגט, סענדערל... מילא, קיין גנב וועסטו שוין ניט זיין, כ'מיין וועסט שוין קיינמאָל קיין הורקע ניט זיין, אָבער מזל, מזל האָסטו, יאָ!...

סענדערל איז אַזש אויפגעשפּרינגען פון אומגעריכטקייט, ער האָט אויסגעשריגן:

— פּעטער שעפּע, ס'איז געלונגען?...

— ניין, סענדערל, — האָט שעפּע ערנסט געזאָגט — ס'איז ניט געלונגען. מיר וואָלטן אָבער געקענט זייער שלעכט אָפּשניידן... זעסט, אין יעדער אומגליק איז אויך א גליק פאַראַן... זאָלסט דאָס שטענדיק פאַרגעדענקען, סענדערל: א גליקלעכער איז דער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אומגליקן און פון יעדער אומגליק דרייט ער זיך אַרויס... יאָ, מיר מעגן בענטשן גומל!...

— איז וואָס איז געשען? פּעטער שעפּע, דערציילט!...

און שעפּע, וועלכער האָט זיך שוין ניט דאָס ערשטע מאָל אָפּ־

געגאַרט אין זיינע טרוימען, האָט איצט דעם פינאַל פון נאָך אַ מין „זייפן־בלאָז" דערציילט:

— ביים פּאַרקן איז אַ טריל געווען. איך האָב שוין געוואוסט ווי אַזוי עס צו עפענען... צום הונט בין איך אַליין געגאַנגען. איך האָב אים מיט אַ ליב וואָרט גערופן און פאַרסמטע צוקערלעך גע־געבן... דער הונט איז פּאַרטיק געוואָרן... האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צום מויער... איך האָב דאָך פון אָנהויב אָן געוואוסט, אַז איך וועל פאַרשפּילן, ווייל אַזאַ ארבעט אויף טרוקן קען ניט דורך... יאָ, איך האָב פון אָנהויב אָן געוואוסט, אַז איך וועל פאַרשפּילן... און דאָך בין איך אויף דער ארבעט געגאַנגען!... איך האָב געמוזט פאַרשפּילן... ווען איך ליג אָבער אוועק דעם טויבן, דערנאָך דעם פאָן.. — אָט דאָס קען איך ניט!... איך האָב נאָך אויף מיין לעבן קיין מענשן ניט געהרגעט... איך בין קיינן דעם. ניט איך האָב דעם מענשן דאָס לעבן געגעבן און ניט איך האָב דאָס רעכט עס ביי אים צו נעמען... דער מענש איז פון גאָט, און מיט גאָט וויל איך זיך ניט צעקריגן!... גנבענען, דאָס איז עפּעס אַנדערש... אַלע מענשן גנבענען... יעדער איינער אויף זיין שטייגער, אַזוי ווי ער קען, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן!... — יאָ. בין איך הייסט עס, אריין אין פענצטער. איך האָב זיך געלאָזט צו דער וואַנט. אויף דער וואַנט איז אַ גרויסער בילד פון אַ פרוי געהאָנגען, דעם פאָן יאַנקאָווסקיס פאַרשטאָרבענע טאָכטער... אונטער דעם בילד איז אַ טירל... ווי אַזוי צו עפענען אַ טירל, מעג עס זיין פון בעסטן שטאָל און אייזן, ווייס איך גאַנץ גוט... אייזן איז פאַר מיר גאָר־ניט... מיינע הענט, אָט זעסט זיי?... זיי טוינן זיך אויס צו ברעכן אייזן!... אָבער גיי ווייס, אַז צו עפּעס אַ בילד וועל איך זיך ניט קענען צורירן... דאָס בילד איז עלעקטריזירט געוואָרן. ס'האָט מיט מיר געגעבן אַזאַ שלידער, אַזאַ דריי, אַז איך האָב ווי אַ משוגע־נער אַ קוויטש געטאָן... און דאָ איז באַלד געוואָרן ליכטיק. גלעקער האָבן אָנגעהויבן קלינגען. און דער טויבער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט איז אריין... מיט איין קלאַפּ וואָלט איך אים דאָך אויפן אָרט אַוועקגעלייגט, נאָר איך האָב דאָס ניט געטאָן. איך האָב אים נאָר אומגעוואָרפן און אַליין בין איך דורכן פענצטער ארויסגע־שפּרונגען... איך האָב נאָך באַוויזן צו זען דעם פּאָן. ער איז אויך מיט אַ רעוואָלווער ארויס... דערנאָך האָט מען אויף מיר געשאָסן... ווען מ'פּאַקט אונז... אַ, קיין רחמנות צו אונז וואָלט ביי די לייט ניט געווען...

מ'האָט זיך ווידער אויסגעבאָדן. ביים ים האָבן זיך שוין באַוויזן מענטשן, ליבהאָבער פון באָדן זיך פאַרטאָג...

— קום!... — האָט שעפּע געזאָגט. — אונזער אַרבעט איז שוין פאַרענדיקט. — מ'האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן און שעפּע האָט צוגע־געבן: — דאָך וויל איך דיר מיט עפּעס באַלוינען... האָסט דאָך ליב מוזיק, סענדערל, יאָ?...

— יאָ!...

— און אין אָפּערע ביסטו שוין אַמאָל געווען?...

— קיינמאָל ניט!...

— זעסטו, און איך גיי זער אָפט אין אָפּערע. איך האָב אויך ליב מוזיק. היינט שפּילט „קאַרמען"...

אין דער היים האָט סענדערל אָפּגעגעבן די פינף און צוואַנציק רובל, וואָס שעפּע האָט אים נאָך נעכטן געגעבן אינם קאַפע־רעסטאָ־ראַן. גרשון מלאך האָט זיך שטאַרק דערפרייט איבער זיי. ער האָט זיי צוגענומען ביי סענדערלען און אפילו ניט געפרעגט ביי אים, פאַר־וואָס ער האָט אין דער היים ניט גענעכטיקט. דער מאַמען האָט סענ־דער לעדרציילט דעם אמת, אַז ער האָט גענעכטיקט ביי שעפּען אין זיין צווייטער דירה, וואו ער באַהאַלט זיך אויס, מחמת ער איז אַ „וואַלעט"... נאָר וועגן דעם, אַז ער איז געגאַנגען די נאַכט מיט שעפּען אויף אַן אַרבעט, האָט ער דער מאַמען ניט דערציילט, ווייל ער האָט איר ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צרות...

פון די פינף און צוואַנציק רובל, וואָס סענדערל האָט געבראַכט, האָט שייווע ביי גרשונען אַרויסגעריסן אַ פינפערל. זי איז אַוועק מיט סענדערלען אין מאַרק, אים געקויפט אַ פּאָר נייע שיך, אַ שוואַרץ סאַמעטענעם רעקל מיט שוואַרצע טוכענע הויזן... זי האָט נאָך דערלייגט, שייווע, אירע אַ פּאָר רובל, וואָס זי האָט לעצטנס אָנגע־הויבן שטילערהייד אָפּשפּאָרן אונטערן מאַן און באַהאַלטן אויפן שוואַרצן טאָג, טאָמער וועט חלילה ווידער קומען אַ צייט, ווען עס וועט ניט זיין אין שטוב קיין גראָשן...

פאַרנאַכט האָט זיך סענדערל אויסגעפּוצט אין זיינע נייע קליי־דער. אַזוי שיין, ווי איצט, איז ער נאָך קיינמאָל ניט געווען אָנגע־טאָן... ער איז אַוועק צום שטאָט־טעאַטער און דאָרט ביים הויפּט־אַריינגאַנג שוין געטראָפן שעפּען מיט גרייטע בילעטן...

אַלץ איז פאַר אים דאָ געווען ניי און יום־טובדיק... די גרויסע שיינע געביידע פון דער אָפּערע מיט די קינסטלערישע אָרנאַמענטן פון געגילטן און געזילבערטן בראָנז, די געמעלען אויף די ווענט און

סטעליעס, דער גרויסער הענגלאָמפּ מיט די קריסטאַל־גלעזלעך, די פינף־יארוסדיקע מיט גאָלד געפּוצטע לאָזשעס, די אויסגעפּוצטע מענשן, אַלץ, אַלץ איז ווי אין חלום, צי ווי אין אַ שיינער מעשה געווען... אָבער דאָס איז דאָך געווען די וואָר!.. — סענדערל איז געזעסן די זיבעטע ריי פּאַרטער, אין סאַמע מיטן פון דעם צווייטן אין דער וועלט לויט דער שיינהייט, אָפּערן־טעאַטער...

ס'האָט זיך דערהערט אַ גלעקל און עס איז געוואָרן שטיל. עס איז געוואָרן טונקל. ביזעם מוזיק האָט, ווי אַ כישוף־מעלאָדיע, אָנגע־הויבן צו קלינגען פאַר סענדערלן און דאָ האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג און ער האָט דערזען, סענדערל, אַ יונגע פרוי, אַ ציגיינערין מיט שוואַרץ־געלאָקטע האָר, וואָס צעפאַלן זיך אויף אַ ווייסער מיידל־שער פּלייצע. שוואַרצע אויגן. אַ ווייס פּנים. און זינגען זינגט זי ווי אַ מלאכטע... ניין, דאָס איז גאַרניט קאַרמען, דאָס איז דאָך זיין רייזעלע, אָט אינגאַנצן ענלעך אויף זיין קוזינע, אויף זיין שוועס־טערקינד, אויף רייזעלן דעם פעטער שמואלס און דער מומע פערלס איינציקע טאָכטער...

ביי די אַנטראַקטן איז סענדערל געווען צעמישט. שעפּע האָט אים געשלעפּט צום בופעט איבערכאַפּן און ער איז אים נאָכגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, ניט געהערט, וואָס מ'רעדט צו אים... אין די אויערן האָט זיך אים ווידערהאָלט די מעלאָדיע פון דאָן כאָזעס אריע, וועלכער דער באַרימטער אַרטיסט סעליאַווין האָט געזונגען: „קאַר־מען, איך האָב דיך ליב!...”

און אינדערהיים אויפן געלעגער האָט סענדערל לאַנג, לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן... פאַר זיינע אויגן האָבן געשוועבט די גע־שטאַלטן פון קאַרמען, דאָן־כאָזע און טאָרעאַדאָר... אין די אויערן האָבן זייערע ווערטער מיט געזאַנג געקלונגען: „זאָל דער שיקזאַל באַשטימען, ווער פון אונז ס'האָט רעכט!...” און פּלוצלונג איז אין דער שטוב אַריינגעקומען רייזעלע, זיין רייזעלע... זי איז אַ ציגיינערין, רייזעלע, אַזאַ ווי קאַרמען... עמיצער וויל זי ביי אים צונעמען און ער גייט זיך מיט אים שלאָגן, אויף מעסערס גייט ער זיך שלאָגן פאַר זיין רייזעלען און ער זינגט, אַזוי ווי עס האָט געזונ־גען דאָן־כאָזע מיט טאָרעאַדאָר: „זאָל דער שיקזאַל באַשטימען, ווער פון אונז ס'האָט רעכט!..” אוי, האָט ער זי ליב, רייזעלען, שטאַרק, שטאַרק האָט ער זי ליב און ער פאַלט פאַר איר אויף די קני און זינגט: „רייזעלע־קאַרמען, איך האָב דיך ליב!...”

אַזוי איז סענדערל מיט אַ זיסן חלום אַנטשלאָפן געוואָרן...

די מלחמה האָט געדויערט. איבער די גאַסן זיינען בילדער געווען צעהאַנגען פון דעם העלדישען קאָזאַק קוזמא קרוטשקאָוו, וועלכער האָט מיט זיין פּיקע איין און צוואַנציק דייטשישע סאָלדאַטן געטויט... דאָס לעבן איז געוואָרן טייערער. אָרימע מענטשן זיינען רייך געוואָרן אויף די מיליטער־פּאַדריאַדן און ספּעקולאַציעס. גוטע בעלי־מלאכות: שוסטער, שניידער, האָבן אין די פּאַדריאַדן געאַרבעט און געשאַרט געלט מיט לאָפּעטעס ממש... מ'האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ צייטווייליקע זאַך און דערפאַר האָבן די מאַלדאַוואַנקער שוסטער און שניידער דאַן אויסגעטראַכט און געזונגען אַזאַ לידל: „אַ חלום, אַ חלום, עס האָט זיך אונז געכלומט!..." אָבער גרשון מלאך איז געבליבן דער זעלבער קבצן, וואָס פריער. ער האָט פון דער מלחמה־קאָניונקטור גאָרניט גענאָסן... פאַרקערט, אים האָט פון צייט צו צייט אָנגעהויבן גיין אַלץ ערגער און ערגער...

סענדערל האָט אַלץ צוגעזען און פאַרשטאַנען, אַז שעמען איז זיך ניטאָ וואָס. העלפן וועט אים קיינער ניט. קיין מזל האָט ער ניט. מ'דאַרף טאָן אַלץ, אַבי דערהאַלטן דאָס לעבן. און ער האָט אַראָפּגענומען דעם פידל פון שראַנק, אָפּגעווישט דעם שטויב פון אים און איז אַוועק צוריק אין טיי־הויז, אין טראַקטיר „מעדוועד". דאָ האָט דאָס געקאָכט. עס זיינען איצט אינם טראַקטיר געווען נייע מענטשן. אַרום טישלעך, ביי אַ פּאָר טיי, זיינען געזעסן פון דער מלחמה אָנגעקומענע סאָלדאַטן, ווער אָן אַ האַנט און ווער אָן אַ פוס... עפּעס איינער אַ מאַטראָס מיט אַ בלינד אויג האָט זיך צעשריגן:

— בראַטצי, איך האָב גאַנץ געשלונגען, אָן אויג פאַרלוירן, און ווער וועט מיר פאַר דעם אַלץ באַצאָלן?... פאַר וואָס האָב איך בלוט פאַרגאָסן?...

אַרבעטער פון די מיליטער־פאַבריקן, אַלטע לייט מיט גרויע בערד און זיבעצן־יאָריקע יינגלעך, זיינען שווייגענדיקע געזעסן ביי די טישעלעך געטרונקן די טיי און זיך אומגעקוקט מיט טריוועריקע געמיטן אויף די אינוואַלידן. צוויי סאָלדאַטן אין דער גאַנצער אוניפאָרם זיינען געזעסן ביי אַ טישל. אויפן פאַל לעבן טישל זיינען געלעגן זייערע רוקזעק און עס זיינען געשטאַנען נייאינקע ביקסן. זיי פאָרן מאָרגן אויפן פראָנט, די סאָלדאַטן, האָט מען זיי דערלויבט אויף אַ טאָג גיין זיך געזעגענען מיט זייערע פריינט, כאָטש קיינעם האָבן זיי ניט געהאַט אין דער פרעמדער שטאָט. זיי האָבן געוואָרפן

געלט דער זינגערין, דער רויט־האָריקער, שיינער בראָניע. זיי האָבן סענדערלן צו זיך אַלעמאָל צוגערופן, אים מיט בראָנפן און קאָנסערוון פון א פאַרזשאַווועטער בלעכענער פושקע מכבד געווען... איינער פון די סאָלדאַטן איז אַן עלטערער געווען, מיט גרויע וואָנצן, מיט מוטנע אויגן. ער האָט אַלע מאָל אויסגעשריגן:

— זינג, מיידל, זינג!... איך האָב אַזאַ טאָכטער ווי דו אין דאָרף געלאָזן!

דער צווייטער סאָלדאַט, א יינגערער, מיט בלוי־שעמעוודיקע אויגן און מיט א גוטן שמייכל, האָט געשריגן:

— א רוסישן מענשן נעמט ניט קיין קול. צוויי מאָל אויפן פראָנט געווען, צוויי מאָל פאַרוואונדעט און איך בין גאַנץ!.. שפּיל, מאַלטשיק, א פּריילעכעס, וואַנקע פאָרט שוין א דריט מאָל אויפן פראָנט!...

געזונגען האָט איצט בראָניע ניט קיין יידישע ליבע־לידער וועגן גנבים. זי האָט זיך אויסגעלערנט א פּאָר נייע לידער אין רוסיש. דאָס זיינען געווען מלחמה־לידער. און אַז זי האָט זיי געזונגען, פלעגן אַלטע אַרבעטער וויינען און שרייען:

— יעשטשאָ ראַז, קראַסאַוויצאַ, ספּוי!...

סענדערל מיט זיין פידל־שפּיל האָט אויך אויסגענומען ביי די טראַקטיר־באַזוכער.

אין גאַנג איז דאַן געווען אַזאַ ליד:

„...איך בין אַן אַנטלאָפענער פון דעם אָרימען פּוילן,
אַלץ אָפּגעגעבן האָב איך אין דער בייזער קריג,
איז וואָס קען איך, מענשן, ביי אייך פּועלן?...
כאָטש א נדבה מיר גיט!..."

און אויך דאָס צווייטע ליד:

„...די צייט וועט זיך בייטן,
ווילהעלם וועט זיך שיסן,
פראַנץ־יאָזעף וועט משוגע ווערן,
צו רוסלאַנד וועט דער זיג געהערן!..."

בראָניע איז איצט געווען גאָר אַן אַנדערע. א מער ערנסטערע. א קאַרגערע. זי האָט געקליבן ביי זיך געלט. עס באַהאַלטן. זי האָט זיך ניט געפּוצט אַזוי ווי פריער. און צו סענדערלן האָט זי זיך איצט באַצויגן וואַרימער... אין א פריער צייט האָט זי פאַרבראַכט מיט אים און האָט פאַר אים דערציילט אירע סודות, ווי פאַר א גרויסן:

— זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן און איך וועל פון דאַנעען

אוועקפאָרן... קיין אַמעריקע וועל איך פאָרן. דאָרט, זאָגט מען, איז אַנדערש.

און סענדערל האָט איר געקוקט אין פּנים אַריין און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מ׳דאַרף אָבער געלט, אַ סך געלט!...

— עס וועט זיין געלט... — בראָניע האָט אַ זיפץ געטאָן.

און אַז עס פלעגן קומען די אויפדערנאַכטן, פלעגט בראָניע ווערן אומרואיק. אין די אויפדערנאַכטן איז דער באַזוכער פון טיי־הויז אַן אַנדערער... אויפדערנאַכט קען מען צוריק זינגען אַ יידישע „סטראַזשראַניע״... אָבער עס זיינען איצט שוין ניט געווען די געזונטע יידישע ייִנגען, די איזוואָזטשיקעס, די פורמאַנעס, די בינד־יוזשניקעס און גנבים... עס זיינען געווען אַלטע, צעבראָכענע מענטשן. יידן, וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט. זיי האָבן שטיל גע־טרונקען זייער פּאָר טיי און זיינען צוריק אַרויס צו זייערע פורן און וועגעלעך, כדי צו זיצן אויף די קאָזלעס און דרימלען... און אויב עס זיינען נאָך געקומען אַ פּאָר ייִנגעלייט, זיינען דאָס געווען קראַנקע אָדער קאַליקעס... — און קיין גרויסע פרייד איז שוין מערער אין טראַקטיר ניט געווען...

איינמאָל בייטאָג, ווען אינם טיי־הויז איז פול געווען מיט אַר־בעטער, וואָס האָבן זיך צו מיטיק־צייט אַריינגעכאַפּט אויסטרינקען אַ פּאָר טיי, איז אַריינגעקומען אַ שיינער ייִנג, אָנגעטאָן אין נייע לאַקירטע שטיוול, אין בלויע הויזן מיט רויטע קאַנטן. פון איין שטיוול האָט זיך אַ זילבערנע הענטל פון אַ פינקע־מעסער געוויזט... ער האָט געטראָגן אַ ברוינע מאַרינאַרקע און אויפן קאָפּ אַ גרויע קעפּע, פון אונטער דער קעפּע האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שוואַרץ קאַנקאַנטשיקל. די אויגן פון אונטער דער גרויע קעפּע האָבן געקוקט אויף אַלעמען מיט שוואַרצן גלאַנץ, מ׳האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די אויגן און מ׳איז געפּלעפּט געוואָרן... זיין פּנים אַ שוואַרץ, אַ שיינס, מיט גריבלעך אין די באַקן און דאָך אַ בייז פּנים, ס׳האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפן... די לינקע האַנט איז אַ ביסל געווען אויסגעדרייט. מ׳האָט דאָס באַלד באַמערקט, כאָטש זי האָט אים געדינט גלייך ווי די רעכטע... ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי אַ טישל און אַ קלאַפּ געטאָן:

— מענטש, אַ פּאָר טיי!...

אַ ייִנגל, אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמדל, מיט אַ ווייס האַנטעכל אין האַנט, האָט אים שנעל אונטערגעטראָגן אַ טשייניק מיט אַ גלאָז און אַ שאָל אויף וועלכע עס איז אַ שטיקל ווייס־בלוילעכער צוקער געלעגן.

בראַניע האָט דערזען דעם יינג און איז ווייס געוואָרן ווי די וואַנט. סענדערל האָט דאָס באַמערקט. ער האָט דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר? ...

— אוי, סענדערל — האָט זי שטיל געזאָגט — סאַשקע שפּאַן האָט זיך פון „קיטש" אומגעקערט און ער וועט מיר לעבן ניט לאָזן!...

סענדערל האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יינג, דערזען זיינע שלעכטע, שוואַרץ־גלאַנציקע אויגן, דאָס שיין־בייזע פּנים, די ווייסע פינקע, וואָס טאַרטשעט אַרויס פון אַ שוואַרץ־לאַקירטן שטיוול און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער יינג איז אַ געפערלעכער...

נאָך צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט זיך סאַשקע שפּאַן צו דעם גאָלד־האָריקן מיידל געשדכנט. ער איז ניט געווען דער ערשטער פון די גנבים, וואָס האָט בראַניען פאַרגעלייגט זיין האַנט און האַרץ, האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, ווי מיט אַ כשרער יידישער טאָכטער, מיט איר לעבן לויטן יידישן דין, אַזוי ווי עס לעבן מיט זייערע ווייבער די גרויסע גנבים, די טוזן: מישקע יאַפּאָנטשיק, שעפּע בלאַך און דער שוואַרצער מנשהקע... יעדער איינער האָט געשיקט אַ שדכן צום פעטער, צו אירן, צום ביק, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו געבן פאַר איר אפילו אַ גוטן נדן, אויב איר, בראַניען, וועט נאָר דער חתן געפעלן... אָבער דאָס מיידל האָט געזאָגט ניין. און די גנבים האָבן, ווי פיינע מענטשן, מערער צו איר זיך ניט געטשעפּעט... ס'זיינען אפילו געווען אַ פּאָר פאַלן, ווען צוויי גנבים האָבן זיך איבער דער רויטער בראַנדעלע געשלאָגן, אָבער דאָס איז גיך אַריבער. מ'האָט אויסגעטרונקען לחיים און אַז מ'האָט דאָס גאָלד־האָריקע מיידל דער־זען, האָט מען פון איר גוטמוטיק געשפּעט:

— בראַנדעלע וויל פּאַר אַ יאָלד, אַ פרייער, חתונה האָבן!...

זי האָט געלאַכט און זיך געוווערטלט:

— פון אַ גנבישער משפחה וועט קיין יאָלד ניט נעמען!...

עמיצער האָט געזאָגט:

— אַ שאָד, וואָס קיין מאַנאַסטירן זיינען ביי יידן ניטאָ, זי וואָלט אַ גוטע מאַנאַשקע געווען...

און נאָר סאַשקע שפּאַן האָט זיך באַרואיקן ניט געוואָלט. ער איז געוואוינט געווען אַלץ צו דערגרייכן. זיין פּערזענלעכן ווילן האָט ער געשטעלט העכער ניט נאָר פון דער מענטשלעכער עטיק און געזעץ, נאָר אפילו פון אַלע, גנבימס אָנגענומענע, טראַדיציעס...

די גנבים האָבן זיך געהאַט זייערע אייגענע, ניט־געשריבענע געזעצן, וועלכע זיינען הייליק און טריי אָפּגעהיט געוואָרן פון אַלע

„פראַפעסיאָנעלע" גנבים. סאשקע שפּאַן האָט אַריבערגעטראָטן די הייליקייט... ער האָט שוין אויף זיין געוויסן געהאַט עטלעכע הרי־גות, כאָטש זיי זיינען ניט נויטיק געווען ביי זיין „אַרבעט"... זייער אָפּט האָט ער ניט געגנבעט שטילערהייד, אָנווענדנדיק די גנבישע קונסט, נאָר ער איז פּשוט צוגעגאַנגען צו אַ מענשן, אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל און אים באַראַבעוועט... גנבים האָבן וועגן אים אָנגע־הויבן צו טעהנען:

— ס'ניט קיין גנב!.. ס'אַ גזלן, אַ היצל!..

אין די מאַלינעס האָט מען ניט גערן זיינע גנבות צוגענומען. מ'האָט געזאָגט:

— אַ נאַסע אַרבעט!...

סאשקע שפּאַן האָט איינמאָל בראָניען געזאָגט, אַז ער שיקט אַ שדכן צו איר פעטער. בראָניע האָט אים גוטמוטיק אָפּגעענטפערט, אַז זי האַלט נאָך ניט ביי חתונה האָבן. אויפן צווייטן טאָג איז גע־קומען טשאַרנע צום ביק... זי איז דאָס די שדכנטע געווען. דער פעטער האָט געהייסן טשאַרנען זיך פריער אָנפרעגן ביים מיידל, אויב זי וויל נאָר דעם שידוך...

— זי וויל ניט! — האָט טשאַרנע געזאָגט — איך האָב שוין מיט איר גערעדט.

— איז וואָס־זשע ביסטו געקומען צו מיר?

— סאשקע שפּאַן האָט מיר געבעטן. ער וויינט, דער יינג, ווי אַ קליין קינד. ער האָט זי ליב...

—וויינען זאָל ער נאָכן קאָפּ נאָך זיינעם!—האָט זיך דער אַלטער ביק צעשריגן. — ס'האָבן בראַנדעלען אַ סך יינגעלייט ליב, דאַרף זי דען מיט אַלעמען חתונה האָבן?... אָט דו, טשאַרנע, האָסט דאָך נאָר איין מאַן... דו דאַרפסט עס גוט פאַרשטיין... איך וויל זי ניט נויטן... אויב זי וויל ניט, איז ניט...

איז ער געקומען סאשקע שפּאַן אין מאַלינע, ווען אַלע גנבים זיינען געווען און האָט זיך אָנגערופן צום בעל־הבית:

— דו אַלטער ביק, פאַרוואָס גיסטו מיר ניט דיין פּלימעניצע פאַר אַ ווייב?... אָט הערן יידן, ניט פאַר קיין „נקבה" וויל איך זי, נאָר פאַר אַ ווייב, איך וויל מיט איר חתונה האָבן כדת משה וישראל...

— אַהאַ!...— האָט אויסגעשריגן דער ביק און האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיין בלינד אויג — אַ צדיק אין פּעלץ... נאָר

הער מיך אויס. איך מיש זיך ניט. נאָר אויב בראַנדעלע וויל דיך ניט, וועסטו זי זען אַזוי אַ ווי אַט דאָס אויג זעט!...

— דו אַלעטע פּאַדלע!... — האָט אויסגעשריגן סאַשקע שפּאַן, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז.

מ'האָט אים קוים אָפּגעריסן פונעם אַלטן. און פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן בראַניען. ער האָט זי שוין עטלעכע מאָל אין גאַס געשלאָגן. ער האָט צוגעזאָגט זי הרגענען, אויב זי וועט זיין ווייב ניט ווערן. גנבים האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט. מ'האָט אים פאַרנאַרט צום אַלטן ביק אין דער מאַליע. דאָרט איז פול געווען. אַליין מישקע יאַפּאָנטשיק, דער גרעסטער יידישער גנב אין דער וועלט, האָט אַ געריכט איבער סאַשקע שפּאַן געפּראַוועט. ער איז געזעסן אויבן אָן ביי אַ שוואַרץ-געדעקטן טיש, אויף וועלכן עס איז אַ זיבן־רעריקער, זילבערנער לייכטער געשטאַנען — אַ מנורה. אין דער מנורה האָבן זיבן ליכט געברענט... ער איז געווען אויפגערעגט, מישקע. זיינע גוטע, ווייכע אויגן האָבן מיט ליבע געקוקט אויף די חברים. די שיינע ליפּן מיט די בלאָנד־פּאַרדרייטע וואָנצעלעך האָבן געציטערט פון אויפרעגונג. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש און אין אַ שוואַרצן אַנצוג. ער האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ מענש, וועלכער איז אין טרויער. לעבן אים איז געזעסן אסנה, זיין ווייב, אַ יינגע פרוי מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען. אין אירע שיינע שוואַרצע אויגן איז איצט געווען אויסגעדריקט האַס צו עמיצן, כאָטש שטענדיק האָבן זיי אויסגעדריקט ליבשאַפט... זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ־סאַמעטענעם קלייד. אויפן האַלז האָט זי געטראָגן אַ גאָלדענע קייט מיט די לוחות, די צען געבאָט... לעבן מישקען זיינען געזעסן שעפּע בלאָך, טשאַרנע, מנשהקע דער שוואַר־צער, דער אַלטער ביק און בראַניע...

אַלע גנבים זיינען געשטאַנען. סאַשקע שפּאַן האָט שוין געזען, אַז מ'האָט אים פאַרנאַרט, איז ער אַליין צום געריכט־טיש צוגע־גאַנגען:

— אין וואָס באַשולדיקסטו מיך, מישקע?...

— ניט איך! — האָט מישקע יאַפּאָנטשיק אַ געשריי געטאָן און פון זיינע גוטע, ווייכע אויגן האָבן בייזע פונקען אָנגעהויבן פליען. — זיי אַלע באַשולדיקן דיך. ביסט ניט קיין גנב, נאָר אַ באַנ־דיט, דו הרגעסט מענשן אומזיסט און אומנישט... — ער האָט אָנגעוויזן אויפן אַלטן ביק — ער באַשולדיקט דיך. ער איז אַלט און דו האָסט אים געוואָרגן, דו, אַ גבור, האָסט געוואָלט אַ שטרוי איבער־

ברעכן... — זיין קינד האָסטו באַליידיקט, געשלאָגן... זי איז ביי אים ווי אַן אייגן קינד, ניט קיין פּלימעניצע... זי איז אַ יתומה. זי האָט זיך איר וועג און מיר האָבן זי דערפאַר אַלע ליב... און דו פאַרפאַלגסט זי, דו צווינגסט זי חתונה האָבן פאַר דיר!... זי איז ניט קיין „נקבה” און ביסט ניט איר „חתן”, האָסט ניט קיין רעכט געהאַט זי צו שלאָגן!... און איצט ענטפער מיר אויף מיינע פראַגן: האָסט מענשן געהרגעט?...

— געהרגעט! — האָט סאַשקע שפּאַן אַ ברום געטאָן.

— אים האָסטו געוואָרגן?...

— געוואָרגן!

— איר האָסטו געשלאָגן?...

— געשלאָגן!

— ער אַנערקענט אַלץ אַליין, אַזוי אַז קיין עדות דאַרף מען ניט. נו, איז וואָס זאָגט איר, ברידער? — האָט מישקע יאַפּאָנטשיק זיך צו די גנבים געווענדעט.

אַלע זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. דאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט שעפּע בלאַך און האָט געזאָגט:

— זאָל ער זיך גיין. מיר קענען אים ניט מער!...

סאַשקע שפּאַן האָט אויסגעזעצט אַ געלעכטער און זיך געלאָזט צו דער טיר. נאָר מישקע יאַפּאָנטשיק האָט אים פאַרהאַלטן:

— שטיין!...

ער איז געבליבן שטיין. ער האָט דערזען אַלעמענס בליקן געווענדעט קעגן זיך... ער האָט ניט באַדאַרפט אויסזעצן דעם געלעכטער און חוזקן פון דער צערעמאָניע... ער האָט איצט אַלעמען טיף באַליידיקט. דערצו איז ער נאָך געווען איינגעשפּאַרט:

— וואָס ווילט איר נאָך פון מיר?...

די לאָדן פון די פענצטער זיינען מיט אייזערנע פרענטן פאַר־מאַכט געווען. האָט מישקע יאַפּאָנטשיק פון איין לאָדן אַזאַ פרענט אַרויסגעריסן און אים געגעבן דעם אַלטן ביק:

— אַ מיידל שלאָגט זיך ניט. דו קענסט זיך פאַר איר אָפּרעכע־נען מיט אים!...

דער אַלטער ביק האָט גענומען דעם אייזערנעם פרענט אין די הענט. ער אָהט אויף אים אַ קוק געטאָן, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף סאַשקעס פּנים. אַ פאַרגליווערטע רציחה האָט ער אין דעם דערזען. ביין, ער וועט אים קיינמאָל ניט מוחל זיין. ער וועט שוין אייביק

בראַנדעלן פּאַרפּאַלגן... ער האָט געקענט, דער ביק, נאָר צערע־מאַניעל אים לייכט אַ קלאַפּ טאָן מיטן שטיק אייזן און מיט דעם פּאַרענדיקן דעם שפּיל, אָבער ער האָט איצט באַשטימט אינגאַנצן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט אים, איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון אים פּטור ווערן... ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט מיטן פּרענט־אייזן און זיך געצילט אין קאָפּ... אַלע האָבן אָנגעשטרענגט געוואַרט אויפן סוף. ס'איז געווען אַן אומגעדולדיקע, אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג. און אָט האָט דער ביק מיטן גאַנצן כוח אַראָפּגעלאָזט דעם פּרענט. סאַשקע שפּאַן איז געשטאַנען ווי אַ געשמידטער צום אָרט. קיין איין מוסקל האָט זיך אין אים ניט גערירט. און דער ביק, מחמת זיין בלינדקייט, האָט ער אים אָנשטאָט אין קאָפּ איבער דער האַנט דער־לאַנגט, עס האָט זיך דערהערט אַ בראָך... ער האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן, סאַשקע שפּאַן, און איז געפאַלן... ווען ער איז אַרויס פון שפּיטל, האָט אים פּאָליציי באַלד אַרעסטירט פאַר אַלטע חטאים... צוויי יאָר איז ער אָפּגעזעסן און אַז ער איז אַרויס פון תפיסה, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די גרעסטע גנבים, די אָנפירער, זיינען איצט אין אָדעס ניטאָ, די שיינע, גאָלד־האָריקע בראָניע איז נאָך ניט קיין חתונה געהאַטע און איר פעטער, דער אַלטער ביק, אָן דער הילף פון די גרויסע „טוזן" קען אים גאָרניט ניט טאָן... געלט האָט ער איצט געהאַט אַ סך... פון תפיסה, אויפן וועג קיין אָדעס, האָט ער גוט „פאַרדינט"... ער האָט זיך שיין אויסגעקליידעט און איז געקומען ווידער זיך שדכענען צו בראָניען...

וועגן די אַלע לעגענדעס פון סאַשקע שפּאַן האָט סענדערל גע־וואוסט סיי פון דעם, וואָס בראָניע האָט אים פריער דערציילט, סיי פון דעם, וואָס גנבים האָבן צווישן זיך גערעדט...

איצט איז ער געזעסן, סאַשקע שפּאַן, אין טראַקטיר, געטרונקען טיי און אַלעמאָל מיט שוואַרצן גלאַנץ פון זיינע בייזע אויגן געקוקט אויף בראָניען. ער האָט דערזען לעבן איר סענדערלען, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— העיי! יאַטל, שפּיל אַ פריילעכעס!... איך האָב ליב מו־זיק. הונדערט רובל פאַר אַ פריילעכעס, שפּיל!...

סענדערל האָט אַ קוק געטאָן אויף בראָניען. זי האָט מיט גע־וואָלד זיך געצוואונגען אַ שמייכל טאָן. זי האָט שטיל אַ שעפּטשע געטאָן.

— שפּיל, ברודערל. איך וועל זיך אַרויסדרייען....

סענדערל האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ פּאָפּורי פון יידישע פריי־

לעבע לידער־מעלאָדיעס און דער לייט־מאָטיוו פון אַלץ איז געווען „לאָמיר זיך איבערבעטן"... דער סמיטשיק איז פלינק געפלויגן אין זיין האַנט. די פינגער האָבן געטאַנצט איבערן פידל־גריף און ער אַליין האָט מיטן פוס צוגעקלאַפּט צום טאַקט פונם פידל־שפּיל און פריילעך געוואונקען צו סאַשקען, געוואָלט צעשטרייען זיין בייז־קייט... דער אָפּטער אריינגייער פון טראַקטיר, דער מאַטראָס מיטן בלינדן אויג, איז צוגעגאַנגען צו סאַשקען, זיך אוועקגעזעצט ביי זיין טישל און אַ געשריי געטאָן:

— אַט „ברודערל", ער שפּילט זאַמעטשאַטעלנאַ!...

סאַשקע האָט אַפילו אויף אים קיין קוק ניט געטאָן. ער האָט ניט אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן פון בראָניען... אַ פּאָר סאָלדאַטן־אינוואַ־לידן האָבן אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע פונם פידל־שפּיל און האָבן זיך צעזונגען. דאָס זיינען געווען יידן־סאָלדאַטן, אָדעסער יינגלעך פאַרוואונדעטע אויפן דייטשישן פראָנט. איינעם האָט געפעלט אַ האַנט, דעם אַנדערן אַ פוס. זיי האָבן איצט ניט געטראַכט וועגן דעם. זיי זיינען צוריק געווען לעבעדיקע אָדעסער, מאָלדאַוואַנקער יינגען און זיי האָבן געזונגען אין הסכם מיטן פידל־שפּיל:

...לאָמיר זיך איבערבעטן,
שטעל דעם סאַמאָוואַר,
לאָמיר זיך איבערבעטן,
זיי זשע ניט קיין נאַר!...

בראָניע האָט זיך געוואָלט אַרויסרוקן אומבאַמערקט, נאָר זי האָט ניט געקענט... סאַשקע האָט נאָך איר געשפּירט. און פּלוצ־לונג האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז צו איר צוגע־גאַנגען. סענדערל האָט באַלד אויפגעהערט שפּילן. שפּאַטיש און שטאָלץ האָט סאַשקע צו בראָניען געזאָגט:

— איך הייס סאַשקע שפּאַן. איך בין דער, וועמען דיין פּעטער, דער אַלטער ביק, האָט די לינקע האַנט צעבראָכן!...

— איך ווייס — האָט בראָניע שטיל אָפּגעענטפערט און דרייסט אויף אים אַ קוקט געטאָן.

— אַ פּאַטש פאַרגעסט זיך. צום אַלטן ביק האָב איך איצט מער גאָרניט. נאָר דיר, בראָנדעלע, קען איך ניט פאַרגעסן. איך זאָג: זיי מיין ווייב!... איך בעט דיך!...

— ניין.

— ניין? — האָט סאַשקע אַ רעווע געטאָן און זיינע אויגן — האָבן אַ שוואַרץ־בלוטיקע רציחה פון זיך אַ גאָס געטאָן. ער האָט זי

א כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט פאַר די גאָלדענע האָר, זי אַ צי געטאָן צו זיך און אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. — פעל. איכל דיך הרגענען! . . .

אַלע מענשן זיינען געשטאַנען, געקוקט און געשוויגן. מ׳איז געווען איבעראַשט און געפּלעפט פון דעם פּלוצלונגדיקן צופאַל . . . דער ערשטער האָט זיך סענדערל באַדענקט. ער האָט גאָרניט ניט געהאַט אונטער דער האַנט אויסער זיין פידל. ער איז אונטערגע־שפּרונגען הינטן־אַרום און מיטן פידל דערלאַנגט סאַשקען אין קאָפּ. דער פידל איז באַלד אויף שטיקלעך צעשפּרונגען געוואָרן. . . סאַשקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ מיטביידע הענט. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. בלוט איז אים פון קאָפּ גערונען. נאָר באַלד האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אַ קוק געטאָן מיט די שוואַרצע רויבער־אויגן אויף סענדערלען. ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער פון שטיוול און זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ ווילדן געשריי אויף אים:

— דו גרינער אַגרעס! . . .

בראָניע איז אויפגעשפּרונגען פון פאַל, געכאַפּט פון אַ טישל אַ הייסן טשייניק און מיט אַ געשריי „סענדערל אַנטלויף” האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן אויף סאַשקען. זי האָט איר טשייניק אויף זיין קאָפּ צעשפּאָלטן פּונקט דאַן, ווען ער האָט אויף סענדערלען דאָס מעסער אַראָפּגעלאָזט . . .

דער מאַטראָס און די צוויי סאָלדאַטן־אינוואַלידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף סאַשקען . . . מיט די פיס האָט מען אים געשלאָגן איבערן פּנים, איבערן בויך, איבער די הענט . . . און נאָר ווען ער איז שוין אינגאַנצן אַן אומבאַוועגלעכער געבליבן ליגן, האָבן זיי אים אויפגעהערט צו שלאָגן . . . מ׳האָט אים דורך אַ פענצטער אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן . . .

בראָניע האָט געהאָלפן אָפּטראָגן דעם צעבלוטיקטן סענדערל אַ היים . . . אויף דער פּלייצע זיינען ביי אים געווען צוויי לייכטע מעסער־שניטן . . . אויפן קאָפּ אַ וואונד פון פאַלן . . . אַ היימישער דאָקטאָר האָט אים דאָס בלוט אַרומגעוואַשן און די וואונד פאַר־בונדן . . . ער איז געזעסן, סענדערל, אויפן בעט און געקוקט שטיל, מיט גרויס מיטלייד אויף דער וויינענדיקער מאַמע. גרשון מלאך האָט זיך אומגעדרייט איבער דער שטוב מיט זיינע לאַנגע פיס, געקוקט מיט די איבערגעשראָקענע אויגן אויף סענדערלען און אויפן ווייב און געשריגן:

— וואָדען, מיט גנבים זיך פאַרפירט!... איך האָב דאָך גע־זאָגט, אַז עס וועט שלעכט אויסגיין!... אַז מ׳פליט אויפן הימל פאַלט מען אויף דער ערד!...

סענדערל האָט מיט אַ ביטול אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן, אַ קרים געטאָן די ליפּן אויף אַ שמייכל צו טאָן און האָט באַשטימט בעסער שווייגן....

32. מע פאָרט קיין אומאַן...

סענדערל האָט געשוויגן. ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען. אים האָט שוין מער גאָרניט אינטערעסירט אינם לעבן... ער האָט געקענט אָפּזיצן אַ גאַנצן טאָג, ניט אויסריידן קיין וואָרט. אַז מ׳האָט אים צוגעטראָגן עסן, האָט ער געגעסן. מ׳האָט אים ניט געגעבן עסן, איז ער אַ גאַנצן טאָג געזעסן אַ הונגעריקער און האָט געשוויגן... ניט געמאָנט...

אין שטוב איז געווען שלעכט. קיין פּרנסה איז ניט געווען. מ׳האָט פאַרטראַכט אוועקפאָרן פון אָדעס. אַלע האָבן גערעדט. אַלע האָבן גענומען אַנטייל אין געשפּרעך וועגן פאָרן. אַפילו די קלע־נערע קינדער. נאָר סענדערלן האָט דאָס ניט אינטערעסירט. ער האָט ניט גערעדט. ער איז געזעסן, געשוויגן, געווען גלייכגילטיק צום אַרום... צייטנווייז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער טראַכט. אָבער ער האָט וועגן גאָרניט געטראַכט.

גרשון מלאך האָט צונויפגענומען אַלע קינדער און זיי דער־ציילט:

— מיר פאָרן קיין אומאַן!... — און באַלד האָט ער אַ קוק געטאָן אויף שיינעלען און זיך געווענדעט צו די קינדער — פאַרוואָס קיין אומאַן?... ווייל אומאַן איז אַ גרויסע שטאָט, אַ שיינע שטאָט און דאָך ניט אָדעס, דאָך אַ קליין אָרט... די נייע שטאָט איז טאַקע אַ שטאָט, נאָר די אַלטע שטאָט איז ווי אַ שטעטל און אַפילו ווי אַ דאָרף... איי, די שטיבעלעך דאָרטן, אין אומאַן, אויף דער אַלטער שטאָט... אַ ווייס באַטקעלע און אַרום דעם אַ שטיקל ערד... מ׳פאַר־זייט אַ ביסל ציבעלעס, קאַרטאָפּלעס, אַ רעטעכל, אַ מערל, האָט מען אייגנס און מ׳דאַרף ניט גיין קויפן אַלץ אויפן מאַרק פאַרן גרייטן גראָשן... יאָ, קינדערלעך, אַז מ׳פאַרזייט וואַקסט!... נו און היינט די סאָפּיעווקע אין אומאַן?... ס׳איז אַזאַ גאָרטן, וואָס נאָך

אליין דער גראף פאָטאָצקי האָט אים געמאכט... איי, איז דאָרט אַן אַזערע פאַראַן, אַזאַ גרינע אַזערע. און דער ווייסער וואַסער־פאַל פון די שטיינער, און דאָס בריקל איבערן וואַסער־פאַל, דער גרעצקער וואַלד, די היילן פון אדם און חוה, און מוזיק שפּילט און יידן גייען אומזיסט שפּאַצירן אין דער סאָפּיעווקע... נו, און אַכרימאָווע פון אומאַן איז דאָך ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. אינגאַנצן דרייסיק וויאָרסט... כאַפּט מען זיך אַראָפּ אַ שבת, צו אונטער אַ יום־טוב קיין אַכרימאָווע, מ׳קען אפילו צוגיין צו פוס... וואָס איז, פאַרוואָס זאָלן וואַקסן קינדער און ניט וויסן, אַז זיי האָבן פריינט, אַ זיידע מיט אַ באָבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... און פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדלעך... היינט וואַוינט גאָר אין אומאַן מיין איינציקע שוועסטער, באַבצי די גבירטע!... איר ווייסט, דען, קינדער, ווער די מומע באַבצי איז?... זי איז דאָך אַ קראַסאַוויצע שעבעקראַסאַוויצע, איינע אין דער וועלט. און אַ האַרץ האָט זי, איז דאָס אַ שטיק פוטער... נו, און טאַקע פרנסה איז אין אומאַן אויך פאַראַן מערער ווי דאָ. פאָרט אַ קלענערע שטאָט... ניטאָ אַזויפיל בעלי־מלאכות ווי דאָ... מ׳גייט אַרויס אויפן מאַרק, בייט מען אויס ביי אַ פויער אַ קאַרטוזל פאַר אַ לעבל ברויט, פאַר אַ מייסטל קאַרטאָפל און עס איז שוין דאָ וואָס צו עסן...

מ׳האָט אָנגעהויבן אויסצופאַרקויפן. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן פּאַקעווען דאָס ביסל בעטגעוואַנט, אַ ביסל שפּייז אויפן וועג... ס׳איז עפּעס געוואָרן אַ לעבעדיקערע שטימונג ביי אַלעמען. די קינדער האָבן געהאָלפן זיך פּאַקעווען. שייווע איז אויך לעבעדיקער געוואָרן און דער פריילעכער קירזשנער האָט זיך געוועטלט:

— אַז דער צוג וועט זיך נאָר פון אָרט רירן, וועל איך אויסשטרעקן די האַנט מיט אַ פייג און זאָגן: „אָדעס פעס, נאַ דיר אַ פייג!...” אוים, גענוג אָדעס!..

די קינדער האָבן געלאַכט און נאָר סענדערל איז געזעסן אַ גלייכגילטיקער, געשוויגן און האָט קיין אַנטייל ניט געוואָלט נעמען...

גרשון מלאך האָט אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען און האָט אים אָנגעהויבן צו באַדויערן:

— שווייגסט, סענדערל?... נו, מילא, שוויג, שוויג!... קלוגע מענטשן שווייגן!... ניט באַדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט גנבים. נו, מילא. אַזוי גייט דאָס לעבן. פאַר וועמען זיס, פאַר וועמען ביטער. ווער עס גיט פעטש און ווער עס כאַפּט פעטש... ניט גע־

זאָרגט, סענדערל, מיר פאָרן קיין אומאַן און דאָרט איז גאָר אַן אַנדער לעבן... שווייגסט, סענדערל?... נו, שווייג, שווייג!... שוין אַ וואָך צייט, אַז דו ביסט פון שטוב ניט אַרויס און ווייסט גאָרניט די נייס... דער אַלטער גנב, דער בלינדער ביק, האָט דאָך שוין זיין געוועלבל אַן אַנדערן איבערגעגעבן און ער אַליין מיט זיין פלימעניצע, ווי הייסט זי דאָרט, די רויטע?... יאָ, בראַנדעלע. איז ער מיט איר אַוועקגעפאָרן... מ'זאָגט, אַז ער האָט אַ פּויטיקע. דאָרט וואו מען קען אים ניט, וועט ער שוין זיין עלטער פאַרברענגען אין נחת און אין פרייד, אין עושר און אין כבוד... און דאָס מיידל וועט ער חתונה מאַכן פאַר אַ פיינעם יינגעגמאַן... זעסטו, סענדערל, ביי גנבים איז אויך דאָ אַ נשמה, „סאָוועסט", הייסט עס!...

און סענדערל האָט אַלץ געשוויגן. זיך קיין ריר פון אָרט ניט געטאָן. אים האָט אַפילו די מעשה ניט פאַרכאַפּט... האָט גרשון אַ קוק געטאָן אויף די איבעריקע קינדערלעך. דאָס שוואַרץ-חנעוודיקע לייבעלע האָט געציילט קליין-געלט און עפּעס מיט די ליפּן געמאַכט, געחשבונט... ער האָט פון קינדווייז אָן געהאַט אַ נטיה צו חשבון און ער האָט אויפן קאָפּ זייער שנעל געכופלט, צוגעלייגט און אַראָפּ־גענומען זייער גרויסע צאָלן און בראָכצאָלן און יעדער איינציקער האָט זיך געוואונדערט, פון וואַנען עס נעמט זיך צו דעם קינד די פייאיקייט פון זיין אַזאַ בעל־חשבון... דאָס רויט־פּנימדיק נחמנלע האָט זיך פאַרטיפט אין אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר. מיט פאַרשידן־קאָלי־ריקע פאַרבן האָט ער אויף דעם געמאָלט מענשן, ביימער, הייזער און אַלץ, וואָס ער האָט נאָר מיט זיינע פאַרטראַכטע אויגן געזען... אַז ער האָט אָפּגעמאָלט אַ מענש, איז דאָס געווען אַקוראַט... מ'האָט זיך געחידושט און מען האָט אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „דער מזיק"... דאָס מיידעלע מלכהלע האָט זיך געשפּילט מיט שמאַטקעלעך, געמאַכט אַ ליאַלקע און זי אומגעטראָגן אויף די הענט... דאָס איז געווען אַ פּשוט קינד, אַ שיין קינד, ווי אַלע קינדער...

און גרשון האָט זיין ווייב שייוועז צוגערופן און איר אַ וויין געטאָן:

— אָט, דאָס איז אונזער פאַרמעגן!... נשקשה, שייווע, ניט געזאָרגט. קוקסט אָן לייבעלען?... אוי, איז דאָס אַ לייבעלע!... ער האָט דאָך אַ מיניסטאָרישן קאָפּ!... **ער וועט ביי אונז שוין** זיין אַ מיניסטער פינאַנסן!... און נחמנלע, וואָס מיינסטו, איז

א שלעכט ייִנגל ? ... ער וועט נאָך מאָלן פּאָרטרעטן פונם קייסער אַליין און ווער ווייס, ער קען נאָך חתונה האָבן מיט א פּרינצעסין!... מלכהלע וואַקסט א קראַסאַוויצע, זי וועט זיין א בעל־הביתטע, אזא בריה, א ווירטין ווי דו, שייווע, און חתונה האָבן וועט זי שוין ביי מיר נאָר פאַר א גבירס א קינד! ... נו, זיינען מיר שוין באַזאָרגט, שייווע, אויף דער עלטער אויך!...

שייווע האָט געלאַכט. זי איז צופרידן געווען, וואָס דער מאַן איז אין א גוטער, א געהויבענער שטימונג.

מ'האָט זיך געלאָזט צום וואָקזאַל מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס. וויגדער דער פאַרבער און יענטע די פישערין האָבן זיי באַגלייט. נאָר סענדערלן האָט גאָרניט נים געטראָגן. ער איז מעכאַניש זיי נאָכגעגאַנגען. שווייגנדיק האָט ער זיך אַריינגעזעצט און וואַגאָן און אַז דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט, איז ער צו צום פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט. דער צוג איז געגאַנגען פאַראַויס און די גרויסע הייזער פון דער שטאָט אָדעם זיינען צוריקגעגאַנגען. דעם צוג אַנטקייגן האָבן זיך געטראָגן די קלענערע הייזער און גערטנער פון דער פאָרשטאָט. דערנאָך איז אַנטקייגן געלאָפן א ברייט־רחבות־דיק גרין פעלד מיט א ים גילדענע, וועלנדיקע זאַנגען... און פּלוצלונג זיינען פאַרביי א דורך קליינע, ווייסע כאַטעס, א שטילער דאָרף מיט ווייסע שטיבעלעך....

און סענדערל האָט אָנגעהויבן צו דענקן... און ער האָט א טראַכט געטאָן: „אָט דאָ איז רואיק. אָט דאָ וואָלט איך מיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט!...״

33. די רייכע מומע

מ'האָט געוואוינט אין אומאַן אויף דער אַלטער שטאָט, אויף א געסל באַרג אַראָפּ, אין א פייכטער דירה, וועלכע איז באַשטאַנען פון א גרויסער אומגעלומפּעטער שטוב מיט טונקעלע־פאַרשימלטע ווענט, מיט צוויי פענצטער צו א הויכער, קויטיקער טויבער וואַנט. אין שטוב זיינען געשטאַנען דריי אייזערנע בעטלעך ביי די ווענט. א גרויסער אַלטער טיש מיט טאַבורעטן אַרום אים. לעבן איין פענצטער א קאַסטן, לעבן צווייטן פענצטער דאָס קירזשנערישע ניי־מאַשינדל. ס'איז נאָך אויך געווען אין דער דירה א גרויסע אומגעלומפּערטע קיך, מיט א נידעריקן גרויסן רוסישן אויוון, וועלכער האָט געשלונגען האָלץ,

זוי האַלעשקעס, און איז שטענדיק געווען קאַלט... יאָ, אָרום דער דירה איז נאָך אויך געווען אַ גאָרטן, אָבער אַזאַ, וואָס איז שטענדיק געווען אָנגעוואָרפן מיט שטיינער, גלאָזוואַרג און מיסט... אויסער אַ ביסל בוריאַן האָט אין דעם גאָרטן גאָרניט ניט געוואַקסן...

דאָס לעבן איז דאָ געווען וועלוועלער ווי אין אַדעס. שייווע האָט יעדער טאָג געקאָכט מיטיק. נאָר גרשון האָט זייער ווייניק פאַרדינט. מ'האָט דאָ אויך זיינע היטלען ניט געדאַרפט...

אין שטאָט אויף דער קיעווער גאַס האָט געוואוינט גרשונס רייכע שוועסטער, באַבצי. דאָס איז געווען אַ הויכע, שוואַרצע פרוי, מיט אַ שיינעם קאָפּ שוואַרצע האָר, מיט שיינע שוואַרצע אויגן, מיט אַ שיינעם געשטאַלט און מיט אַ גלאַט, ווייס, שיין פּנים. אָנגעטאָן האָט זי זיך זייער רייך און לויט די לעצטע מאָדעס. און ווער עס האָט זי ניט געקענט, האָט אוודאי געמיינט, אַז דאָס איז אַליין גראַף פּאָטאָצקיס טאָכטער... אָבער זי איז געווען ניט מער ווי אַ שניי־דערין. אַ רייכע שניידערין, וואָס האָט געהאַלטן אַ וואַרשטאַט מיט צען־פופצען מיידלעך און צו איר זיינען געגאַנגען זיך נייען קליידער נאָר גרויסע פּריצטעס... זי האָט שיין פאַרדינט און זי וואָלט גע־קענט זיין רייך, ווען זי וואָלט געווען אין זינען האָבן כאָטש אויף אַ קליין ביסל די שטוב, די באַלעבאַטישקייט, דעם מאַן מיט אירע צוויי קינדער... — ניין, זי האָט דאָס גאָרניט אין זינען געהאַט...

ביי איר איז געווען אַ שטוב מיט אָפענע טירן. מ'האָט קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס, וואו און ווען מ'האָט אוועקגעלייגט... אויסער דעם וואַרשטאַט מיטן אויפנאַם-צימער, זיינען נאָך געווען פינף צימערן, גאַנצע אַפּאַרטאַמענטן: אַ זאַל, אַן עס־צימער, אַ קינדער־צימער, אַ שלאָף־צימער, אַ קאַבינעט... עס איז אויך געווען אַ קיך מיט אַ שפּייז, מיט אַ קעלער, מיט אַ גאָרטן... אין די אַלע צימערן האָט מען אַלע טאָג אַריינגעבראַכט זאַכן און אַלע טאָג האָבן זיי געפעלט... די גאַנצע בעל־הביתטע איז דאָ געווען מינדל, אַ יידענע פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ שיין, ווייס, אויסגערוט פּנים, מיט גרויע לאַבעדיקע אויגן און מיט קורצע, ווייסע פּוכיקע הענט... זי האָט שוין געדינט אַ יאָר צוואַנציק ביי באַבציען. זי האָט געהאַט אַ טבע, מינדל, אַריינבערענגען אַ מאה אייער אין קיך, זיי אוועקשטעלן אין אַ ווינקל און אָן זיי פאַרגעסן... האָט זי געקויפט אַנדערע אייער. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זי געפונען די פריערדיקע, אָבער שוין ניט קיין פרישע און זי האָט זיי געמוזט אַרויסוואַרפן... אַזוי איז אויך געווען מיט פלייש, קעז און פּוטער און מיט אַלע איבעריקע זאַכן...

דער מאַן אירער, באַבציעס, רב איצי וואָלאַכמאַן, עפּעס אַן אָנקערעכץ פון סענדערלס ערשטן טאַטן מאָטל וואָלאַכאָוו, איז געווען אַ פּריזירער. ער האָט געהאַט זיין אייגענע, ערשטקלאַסיגע פּריזי־רעריי אויפן קרעשטשטיק. ער איז געווען, רב איצי וואָלאַכמאַן, אַ מיטלוואוקסיקער שיינער מענש, מיט אַ שיין ראַזירט פּנים, נאָר ביים עק קין, אונטער דער אונטערשטער ליפּ, איז אים אַראָפּגעהאָנגען אַ בלאָנד־האָריק שפּיציקל, און איבער דער אויבערשטער ליפּ בלאָנדע וואָנצעקעלעך. די אויגן זיינען ביי אים געווען קליינע, קאָרע און ער האָט תמיד גוטמוטיק געשמייכלט.

מיט דער שטוב האָט ער זיך ווייניק וואָס אינטערעסירט. מיט זיין שיין ווייב אויך ניט. נאָר דערפאַר האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון יידישקייט. ערשטנס, האָט ער זיין פאַמיליע געביטן פון וואָלאַ כאָוו אויף וואָלאַכמאַן. כדי מ׳זאָל ניט מיינען, אַז ער איז אַ גוי... צווייטנס, איז זיין פּריזירעריי געווען פאַרמאַכט אויסער זונטיק אויך שבת, כדי צו ווייזן דער וועלט, אַז ער איז טאַקע אַ ייד... דריטנס, האָט ער שטאַרק ליב געהאַט הערן אַ חזן און ביי זיך אין פּריזירעריי, בעת ער פלעגט ראַזירן אַ קינד, פלעגט ער זיך גאָרגלען: אבינו מלכנו, א, א, אב... בי... נו!...

און די שיינע באַבצי, זי האָט געוואוסט איר ווערט. זי האָט געוואוסט, אַז זי איז שיין און זי האָט ליב געהאַט, אַז אַרום איר זאָלן זיך דרייען אַ גאַנצער טוץ ייִנגעלייט... ביי איר איז געווען אַן אָפן הויז. ווי נאָר קיין אומאַן איז אַראָפּגעקומען אַ שרייבער, אַ קינסטלער, אַ מוזיקער, אַן אַרטיסט און גלאַט עפּעס אַ גרויסער אָדער חשובער מענש, אַזוי האָט זי שוין וועגן אים געוואויר געוואָרן און האָט אים אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין שטוב... אין דעם גרויסן זאַל ביי איר האָט זיך שוין אַ גאַנצע נאַכט געגאָסן וויין. מען האָט גע־הוליעט, גערעדט וועגן פּאָליטיק און ליטעראַטור, געשפּילט אין קאָרטן, און זי אַליין, די בעל־הביתטע, האָט זיך פאַרקליבן מיטן גאַסט אין איר באַזונדערן אויפנאַם־צימער און געקוקט אויף אים מיט אירע סאַמעטענע אויגן אַזוי פאַרוואונדערט און געטראַכט האָט זי. אַז אָט אַזאַ מאַן וואָלט זי באַדאַרפט און ניט איצין דעם פּריזירער...

אייגענטלעך איז זי געווען גליקלעך, די שיינע באַבצי, ווייל דער מאַן אירער, איצי וואָלאַכמאַן איז דוקא געווען אַזאַ, ווי זי האָט באַדאַרפט. ער פלעגט איר ניט אייפערן צו די געסט. זי האָט געקענט פלירטן וויפל איר נשמה האָט געגלוסט. און אויסגעלאָזט האָבן זיך

שטענדיק אירע ראָמאַנען מיט אַ בוידעם... דער גאַסט, וואָס ער זאָל שוין ניט געווען זיין, אַ שרייבער צו אַן אַרטיסט, איז געווען אַ גרויסער קבצן. זי האָט אויף אים מיטלייד געהאַט און ביים געזע־גענען זיך, פלעגט זי אים „לייען" אַ פּאָר רובל...

גרשון מלאך, דער פריילעכער קירזשנער, האָט שטאַרק ליב גע־האַט זיין שוועסטער. ער האָט פון איר שטאַרק געהאַלטן. ער האָט זיך מיט איר זייער געגרויסט... נאָר גיין צו איר האָט ער זיך גע־שעמט, מחמת ער האָט ניט געהאַט קיין שיינעם אַנצוג און אַזוי אַ אַן אָפּגעריסענער קומען צו דער גבירטע האָט ער ניט געוואָלט... און אַז ער איז שוין אַמאָל צו איר געגאַנגען, פלעגט ער זיך אין אַ פאַר־נאַכט אַריינכאַפּן דורך דער הינטערטיר, אין קיך זיך אַוועקזעצן אויף אַ בענקל און קוקן מיט איבערגעשראָקענע אויגן אויף דער קעכן:

— מינדל, זי איז דאָ?...

מינדל האָט אַ פלעסקע געטאָן מיט אירע קורצע ווייסע הענטלעך און האָט אויסגעשריגן:

— רב גרשון, וואָס זיצט איר דאָ? גייט אַריין אין זאַל!...

— ניין — האָט ער געזאָגט — איך קען זי נאָך פאַרשעמען מיט מיין הילוך...

— זי איז אַליין, די שוועסטער, גייט אַריין!...

— אַליין?... באַבצי איז אַליין?...

אַ היים קומען פלעגט גרשון פון זיין רייכער שוועסטער מיט אַ פול קושל שטיקער ברויט, אייער, קעז, פוטער און קאַרטאָפל... אין שטוב איז געווען אַ פרייד. עס איז געווען וואָס צו עסן און גרשון האָט זיך געווערטלט:

— לעבן אַ שווערן וואָגן איז גוט צופוס צו גיין. אַ, שייווע, וואָס גאַנסטו?...

שייווע האָט שוין אויף אַלץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. זי איז שוין ביי זיך מער ניט געווען די שטאָלצע בת־שבע. זי האָט זיך איצט מער ניט געשעמט מיט איר אָרימקייט און זי האָט אָנגע־הויבן אָפּענטפערן דעם מאַן אויף זיינע ווערטלעך מיט אַ ווערטל:

— אַז מ'גיט, נעמט מען. גוט איז אויך פון אַ חזיר אַ האָר!...

שלעכט איז איצט נאָר געווען דאָס, וואָס ס'האָט דעם זומער זייער פיל גערעגנט. די שטוב איז אַ נאַסע געווען און סענדערל איז נאָך אַלץ צו זיך ניט געקומען.

ער איז געווען שטיל סענדערל, ווי אַ טויב. אַלץ וואָס מ'האָט

אים געהייסן, האָט ער געטאָן. ער אז מיט אמאָל אוסגעוואַקסן. געװאָרן לענגער. אויפן פּנים פּולער. און די פּלייצעס ברייטער. נאָר עס האָט אין אים עפּעס געגאַיעט און קוים וואָס ער איז געגאַנגען אויף די פיס... אינדערפרי פלעגט ער אויפשטיין, סענדערל, ארויסנעמען זיין קליין תפילין-זעקעלע, עס אַ קוש טאָן און לאַנג, לאַנג אויף דעם קוקן... ס'איז ארויט סאַמעטן זעקעלע, ווי פּורפּור רויט, צי אפשר ווי בלוט... פון אַ גאָלדן טאַשמעלע איז אַ מגן־דודל אויסגענייט און אונטן אין דער רעכטער זייט מיט גאָלדענע פאָדעם אויסגעהעפט: „סענדערלן אַ מתנה פון רייזעלען..." —
און ער האָט זיך דערמאָנט, סענדערל, אָן זיין שוועסטערקינדל, אָן דאָס קליינע מיידעלע מיט די זיבן שוואַרצע לאָקעלעך, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ איבער אירע שיינע אַקסלען... אפשר זאָל ער גאָר פאָרן איצט קיין אָכרימאָװע ? ... ס'דאָך ניט ווייט ! ... דרייסיק וויאָרסט. ער קען דאָך אפילו צו פוס צו גיין. פאַר איין טאָג וועט ער פאַרגיין... זי געדענקט אים, רייעזעלע, זי האָט אים אפילו אַ מתנה געשענקט... אָבער באַלד באַשטימט ער. ניין, ניט איצט. שפּעטער. אמאָל, ער וועט עלטער ווערן... ער וועט נאָך קומען קיין אָכרימאָװע. ער וועט זיך נאָך זען מיט רייזעלען...
סענדערל טרייבט דעם געדאַנק פון זיך. ער נעמט שנעל ארויס די תפילין פונם זעקעלע, לייגט זיי אויפן קאָפּ, אויף דער האַנט און הויבט אָן דאַוונען. ער שטייט ביים אָפענעם פענצטער אַנטקייגן דער הויכער טויבער וואַנט און דאַוונט שטיל, ניט געאײלט, אויסנווייניק, אָן אַ סידור:
— מה טובו אהליך יעקב...
גרשון קומט אָן פון שול. ער לייגט אוועק דעם טלית. לייבעלע מיט נחמנלען זיינען שוין אוועק אין חדר. מלכהלע קוקט אויפן ברודער, ווי ער דאַוונט, לאַכט און לויפט אונטער צו אים, כאַפּט אים אָן פאַר די רצועות און רייסט:
— נאַ, פערדעלע ! ...
סענדערל קוקט זיך אום. אויף איין רגע ווערט פאַרשוואונדן די ערנסטקייט פון זיין געזיכט. ער שמייכלט:
— מלכהלע, נו אַ ! ...
גרשון כאַפּט דאָס קינד אויף די הענט. קושט עס.
— מ'טאָר ניט, מלכהלע. דער ברודער דאַוונט... „נו, אַ..." הייסט, אַז מ'טאָר אים ניט טשעפּען. ער טוט איצט אַ הייליקע זאַך, ער שטייט פאַר גאָט ! ...

שייווע דערלאַנגט צום טיש. גיט אַ וואונק צו גרשונען. ווייזט מיט די אויגן אויף סענדערלען. גרשון לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. ער איז מסכים. מ׳דאַרף צוּוואַרטן, ביז סענדערל וועט אָפּדאַווענען. און ער גיט צו:

— ער וואָלט זיך געמעגט, כ׳לעבן, אין שול זיך אַריינכאַפּן. זאָל ער צווישן מענטשן גיין. מיט אַ מנין דאַווגען...

סענדערל ענטפערט ניט. ער לייגט צוריק אַריין די תפילין אינם תפילין־זעקעלע און גייט צום טיש... מ׳עסט שטיל און זאַט. מ׳איז צופרידן. נאָר גרשון קען זיך ניט איינהאַלטן, אַז ער זאָל עפּעס ניט זאָגן:

— אפשר וואָלט סענדערל זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין אָכרימאָווע?... דאָרטן איז דער זיידע און רייזעלע איז דאָרטן... זע נאָר, שייווע, ער איז דאָך שוין אַ פּיין בחורל, סענדערל, קיין עין הרע אויסגע־וואַקסן... זאָל ער טאַקע אַראָפּפאָרן קיין אָכרימאָווע. ווי זאָגט מען דאָס: אַז עס קומט דער באַשערטער ווערט עס אין צוויי ווערטער!...

סענדערל הויבט זיך אויף פון אָרט. ער איז רויט, אויפגערעגט:

— טאַטע, איך זאָל עס מער ניט הערן!...

גרשון קוקט אים אָן. ער דערקענט אים ניט. ער הויבט זיך אָן צו שרעקן פאַר אים. זינט יענעם געשלעג איז סענדערל גאָר אַן אַנדע־רער. ער גיט אַ טיפן זיפץ, גרשון:

— נו, מילא, סענדערל. ווי זאָגט מען דאָס: אַזוי וויל איך, אַזוי היים איך!... נו, מילא... איך וועל שוין וויסן אויף אַ צווייט מאָל!...

מ׳זעצט זיך אַרבעטן. סענדערל קען שוין אַליין מאַכן אַ קני־שיקל, אַן אומגעלומפּערט היטעלע... ער אַרבעט אָבער אָן חשק. ער פילט ניט קיין טעם אין דער אַרבעט. נאָר ער ווייס, מ׳דאַרף אַר־בעטן... גרשון ברענגט פון שטאָט צעריסענע און שמוציקע הויזנס, רעקלעך, קליידלעך... ער גייט פון שטוב צו שטוב און קויפט אָפּ די שמאַטעס. סענדערל צעטרענט זיי. צייכנט אויס קוואַרטירלעך, אַקאַלעשקעלעך און דענקעלעך... פון די שמאַטעס ווערן שיינע היטלען. גרשון פאַרקויפט זיי דערנאָך אין רוטעס און אויפן מאַרק צווישן די פורלעך פון די דאָרפישע פויערים, וואָס קומען אין שטאָט.

נאָך פון גאַנץ פרי אָן האָט זיך סענדערל געפילט שלעכט. ער איז געזעסן ביי דער מאַשין און האָט לאַנגזאַם געשטעפּט. גרשון האָט צוגעשניטן. ער האָט אַלעמאָל אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען,

דערזען, ווי דאָס פּנים איז אים געוואָרן גרין און געל... ער איז אַריין אין קיך און געזאָגט צו שייוועןֹ:

— אַז אַ מענש זיצט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב!...

— שיק אים ערגעץ אַ גאַנג. אפשר וועט ער אויף דער לופט זיך אַ ביסל בעסער פילן. שיק אים אַ גאַנג!..

גרשון איז צוריק אַריין אין שטוב. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן זוכן און איז פּלוצלונג צו סענדערלן צו:

— אָט האָסטו דיר צווייטע טעג פּסח... עס פעלט גאָר אוים קאַרדאָן... וועסט אפשר גיין קויפן, סענדערל, אַ?...

ער האָט זיך אויפגעהויבן סענדערל. זיך אויסגעגלייכט די ביינער.

— גוט. איך וועל זיך טאַקע אַ ביסל דורכגיין!...

דער רוטעס, דאָס איז אַזאַ ריי קליטן אין אַ לאַנגען ווייסן מויער, צווישן דער אַלטער און נייער שטאָט. דאָ פאַרקויפט מען צענדליק, גאַלאַנטעריי, שיך, קליידער, מעבל און אייזנוואַרג... אונ־טערן רוטעס הויבט זיך אָן דער אַלטער מאַרק, וואו עס שטייען וויי־בער ביי שטעלעכלעך מיט אויבסט, מיט גרינוואַרג, מיט קעז און פּוטער. עס קומען אָן פויערישע פורן מיט זייער האָב און גוטס, מיט ווייסע ווייצענע מעל, טונקעלע רעטשקענע מעל און געלע קוקו־רוזע מעל... אויף יענער זייט מאַרק איז געשטאַנען די בראָס־לאַווער קלויז, אַ ווייס איינשטאָקיגע געביידע, מיט האַלב־קיילעכ־דיקע גרויסע פענצטער, אין וועלכע עס זיינען איינגעפּאַסט פיל־פאַרביקע קליינע שייבעלעך. איבער דער געביידע, אויפן סאַמע מיטן, זיינען ווייסע צוויי שטיינערנע לוחות געשטאַנען און האָבן מיט זייערע צען געבאָט אויפן אַלטן מאַרק אַראָפּגעקוקט: „זאָלסט ניט גנבענען, זאָלסט ניט הרגענען, זאָלסט קיין ליגן ניט זאָגן, זאָלסט אָפּגעבע כבוד...” און אויף דעם אַלטן מאַרק האָט מען אַלץ פאַר־קערט געטאָן, קאַפּויער, פּאַפּערעק... מ'האָט דאָ געגנבעט, געהרגעט, געזאָגט ליגן און קיינעם קיין כבוד ניט אָפּגעגעבן... און פון קלויז האָט זיך איבערן גאַנצן טומל, האַנדל־וואַנדל און מיראַזש געטראָגן אַ הייליקער געזאַנג פון די בראַסלאַווער חסידים!...

סענדערל האָט געקויפט אַ בלאַט קאַרדאָן. אים צונויפגעוויקלט ווי אַ טרייבל און מיט אַ שטריקל פאַרבונדן. ער האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אַ היים, טראָגנדיק אונטערן אָרעם דעם קאַרדאָן...

34. געליימט...

א גאַנצן טאָג איז די זון ניט געווען. עס איז געווען פּאַסמורנע, נאַס און עס האָט געזאָלט גיין אַ רעגן... איצט האָט זיך דער וועטער אויסגעלייטערט. ס'האָט אַ שיין געטאָן די זון און די בוימער אויף די גאַסן האָבן פריש געבליט. ער איז געגאַנגען, סענדערל, לאַנגזאַם. ער האָט זיך ניט געאיילט. אויף דער גאַס לעבן אַ בוים איז אַ באַנק געשטאַנען. ער האָט זיך צוגעזעצט. דעם קאַרדאָן האָט ער אַוועקגעלייגט אויף די קני. ער האָט געקוקט אויף די פאַרביי־גייענדיקע מענטשן, זיך איינגעקוקט יעדער איינעם אין פּנים אַריין, באַטראַכט זייערע קליידער, זייער גאַנג... מערסטן טייל זיינען דאָס געווען פּרויען, אָנגעטאָן אין פּשוטע קליידלעך פון שוואַרצן צייג און ליכטיקע ציצענע קאַפּטעלעך. די פּנימער ערנסטע, פאַר־זאָרגטע. ניין. דאָס זיינען ניט געווען קיין גרויס־שטאָטישע מענטשן און ניט קיין דאָרפישע. די מענער אויך אַזוי פּראָסט, איינפאַך גע־קליידעט, גלאַט אַזוי, אַבי אָנגעטאָן זיך... און נאָר זעלטן האָבן זיך דורכגעוואָרפן מענטשן, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן אמת גרויס־שטאָטיש... און פּראָסטע פּויערים פון דאָרף...

זייער לאַנג איז ער אַזוי געזעסן, סענדערל, אויף דער באַנק לעבן בוים. ער האָט זיך אויסגערוט, ער איז פרישער געוואָרן... ער האָט באַשטימט אַ היים גיין... ער האָט גענומען דאָס פּעקל קאַר־דאָן אונטערן אָרעם, זיך אויפגעהויבן און איז באַלד אויף דער ערד אַנידערגעפאַלן... ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן און ניט געקענט. די פיס האָבן אים מער ניט געדינט. ער האָט זיי ניט געפילט...

ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום אים מענטשן. מ'איז געשטאַ־נען און מ'האָט אים באַטראַכט. ער איז געזעסן אויף דער ערד און האָט געשוויגן. איינער, אַ יינגערמאַן, איז צוגעגאַנגען צו אים:

— וואָס איז מיט דיר, יינגעלע?

איך וויים ניט?!... — האָט סענדערל געענטפערט און אין זיינע אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט.

— וואָס־זשע זיצסטו אויף דער ערד?

— איך קען זיך ניט אויפהויבן!...

— פאַרוואָס?...

— די פיס... איך וויים ניט, וואָס...

מ'האָט גערונגען אַ דראָזשקע, אים אַריינגעזעצט און אַ היים

געפירט. איינע אַ מיידל האָט אים נאָכגעקוקט און זיך געוווּנדערט צו די מענטשן:

— געליימט געוואָרן... אַזאַ שיין יינגל... נאָך גאָר אַ קינד...

אַ גאַנצע וואָך איז סענדערל געלעגן אין בעט און ניט געשפּירט די פיס. אַ דאָקטאָר פון „עזרת חולים" איז אַריינגעקומען. ער האָט באַטראַכט סענדערלען, אָנגעקוקט די שטוב און אַ ביסל שעמעוודיק אָנגעבלאָזן די באַקן און זיינע גרויסע שוואַרצע וואָנצן האָבן זיך אויפגעשטעלט. ער האָט דורך זיינע פּענסנע־גלעזלעך צום דיל אַראָפּגעקוקט און געזאָגט:

— דריי מאָל אין טאָג איינרייבן די פיס מיט דער מיקסטור, וואָס איך שרייב איצט אויס. עס וועט איבערגיין. אָבער די דירה מוז מען בייטן... ער טאָר דאָ, אין אַזאַ דירה, ניט בלייבן...

די מיקסטור איז געווען אַ ווייסע, אַ געדיכטע און האָט אויסגעזען ווי צוגעבערענטע מילך. זי איז געווען שטאַרק ווי ספּירט און האָט געשמעקט ווי סקיפּידאַר... אַז די מאַמע האָט אָנגעהויבן אים איינרייבן די פיס, האָט ער דערפילט, סענדערל, ווי די בלוטן הויבן אין זיי אָן צו שטראָמען, זיי לעבן אויף, זיי זיינען וואַרים. נאָר באַלד זיינען זיי צוריק טויט געוואָרן. ער האָט זיי ניט געשפּירט און ניט געפילט...

שייווע איז אָוועקגעלאָפן אין שטאָט, אויף דער קיעווער גאַס צו באַבציען. זי האָט זיך אַריינגעריסן צו איר אינם באַזונדערן צימער פונקט דאַן, ווען עפּעס אַ יינגערמאַן מיט לאַנגע האָר און אַ בלוי־טוכענעם אַנצוג, מיט אַ גרויסן ווייסן באַנד אויפן האלז אַנשטאָט אַ קראַוואַט, איז פאַר איר געשטאַנען און האָט עפּעס אַזוינע משונהדיקע קונצן געמאַכט מיט זיינע הענט... זי האָט זיך צעוויינט, שייווע:

— באַבצי, ראַטעווע מיך!...

— וואָסי?... שייווע, וואָס איז פּלוצלונג, וואָס איז געשען?...

זי האָט זיך פאַרלוירן, די שיינע באַבציע. דער לייכטזיניקער פרוי איז אַריין אַ געדאַנק, אַז איר ברודער גרשון איז אומגעריכט געשטאָרבן... זי האָט זיך ניט געשעמט מיט אירע אָרימע פריינט, נאָר איר איז אַ שאָד געווען דער פלירט מיט דעם נייעם באַקאַנטן... און אויך דאָ האָט זי איר געלעגנהייט אויסגענוצט כדי צו פאַזירן פאַרן פרעמדן „טאַלאַנט"... זי האָט גראַציעז אַ הויב געטאָן די

הענט, זי האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, אָט־אָט פאַלט זי אין חלשות...

— גרשון, געשטאָרבן, מיין ברודער!...

דער יינגערמאַן האָט זי אונטערגעכאַפּט פאַר דער טאַליע. און שייוועֹ האָט זי באַרואיקט.

— ניין, ניט גרשון. קיינער איז ניט געשטאָרבן... נאָר מיט סענדערלען, מיטן עלטערן יינגל, איז עפּעס געשען. די פיס דינען אים ניט. ער קען ניט גיין אויף די פיס!...

באַבצי האָט זיך באַרואיקט. יאָ, זי האָט עפּעס געהערט. די גאַנצע שטאָט רעדט שוין פון דעם. אַ יינגל איז געליימט געוואָרן, אַ פרעמדער יינגל, אַ שיין יינגל... און איר איז גאַרניט איינגעפאַלן אין קאָפּ, אַז דאָס האָט געקענט געשען מיט אירם אַ פּלימעניק... זי איז צו צום שראַנק, אַרויסגענומען געלט...

— נאַ, שייוועֹ, ראַטעווע, רוף אַ דאָקטאָר!...

שייוועֹ האָט גענומען דאָס געלט און פאַרגעזעצט דאָס ווייגען:

— שוין געווען אַ דאָקטאָר, באַבצי. ביי מיר איז נאַס. אַ נאַסע דירה. פון די ווענט רינט. ער דאַרף זון. ער דאַרף טרוקן. נעם אים, באַבצי, צו זיך אויף אַ וואָך צייט, ביז ער וועט געזונט ווערן, ביז מיר וועלן אַן אַנדערע דירה קריגן...

— גוט, שייוועֹ. איך וועל אים נעמען. שבת קום איך צו דיר. איך וועל נאָר אַ קוק טאָן... פאַרשטייסט, שייוועֹ, דערווייל נעם געלט, רוף אַ דאָקטאָר, קויף עסן. וויי, וויי, וויי...

שייוועֹ איז אַוועק פון דער שוועגערין מיט אַ גרינגער האַרץ... ס'איז אַוועק אַ פּאָר טעג און סענדערל האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ סך בעסער. ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון בעט... גרשון מלאך האָט איצט ניט געאַרבעט. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט זוכן אַ טרוקענע דירה, אַ דירה מיט זון און דאָך אַ וואָלוועלע דירה... ער האָט אַזאַ ניט געטראָפן...

און דאָ האָט זיך אָנגערוקט דער שבת. מ'האָט געוואַרט אויף אַ גרויסן גאַסט. די רייכע מומע דאַרף היינט קומען...

35. פאַר אַ שטורעם

אין שטוב איז געווען אויפגעראַמט. דער טיש מיט אַ ווייסן טישטוך פאַרשפּרייט. נאָך פון נעכטן איז אַ לאָקשן־קוגל מיט ראָזשינקעס געווען אָנגעגרייט. אין אויוון איז אַ הייסער טשייניק טיי גע־

שטאַנען. אין קיך אויפֿן טאַפּטשאַנדל זײַנען אַנטליענע ווײַס־געשלי־פֿענע גלעזער מיט פּאָרצעלײַענע, געקווייטלטע שאַלן און זילבערנע לעפֿעלעך אָנגעגרייט געווען. די קינדער זײַנען געווען אויסגע־פּוצטע, יום־טובדיקע, אַרומגעוואַשן, שיין־פֿאַרקעמט... מ'האָט זיי אָנגעזאָגט די קינדער:

— זעט, פֿירט זיך גוט אויף. די רײַכע מומע קומט הײַנט צו אונז!...

סענדערל איז אַראָפּ פֿון בעט. ער האָט זיך אָנגעטאָן, שיין פֿאַר־קעמט די בלאָנדלעכע האָר און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן האָט ער זיך צום טיש צוגעשלעפּט.

גרשון איז אומגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק. ער איז אַלעמאָל געבליבן שטיין, אַ קוק געטאָן דורכן פֿענצטער אויף דער שמוציקער טויבער וואַנט און זיך אײַנגעהערט...

— זי גייט נאָך ניט, באַבציע, אָ, ניין?...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שורשן פֿון זײַדענע קליידער. אויף דער טויבער וואַנט האָט זיך אַ פּרוי־שאָטן באַוויזן און דורך די פֿענצטער איז פֿאַרבײַ אַ רייך־געקליידעטע פֿרוי... גרשון מלאך איז אַרויס פֿון צימער און איז אַרויף אויפֿן אויוון, וואָס אין קיך, זאָגנדיק צו זיך אַליין:

— אָרים איז ניט רײַך און קרים איז ניט גלײַך!...

זי איז געזעסן בײַם טיש, די מומע באַבציע, אַזאַ שיינע, אַ גרויסע... זי האָט מיט אירע שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן באַ־טראַכט די שטוב... זי האָט אויף זיך געטראָגן, באַבאַצי, אַ לאַנג שוואַרץ־שפּיצן קלייד פֿון זײַדענע פֿעדים. עס איז דורכזיכטיק געווען דאָס קלייד און עס האָט זיך געזען דורך דעם דער ווײַסער קאָמבי־נעזאָן מיט דעם שיין־געבוגטן קערפּער... דער שוואַרץ־שטרוי־ענער הוט אויפֿן קאָפּ איז מיט אַ ווײַסן פֿעדער געווען און עס האָט פֿיל חן צוגעגעבן איר געזיכט... זי האָט געגלעט די קינדערלעך. יעדער איינעם האָט זי אַ זילבערנעם רובל געגעבן און דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען. זי האָט אים אַ ברי געטאָן מיט אירע שוואַרצע אויגן. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אַרומגענומען:

— אַ גרויס ייִנגל געוואָרן. ווי פֿילסטו זיך, אַלעקסאַנדער?...

ער האָט אויפֿגעציטערט, סענדערל. ער האָט דערפֿילט ווי עס ווייט פֿון איר מיט אַזאַ וואַרימער צאַרטקייט, ווי אַמאָל פֿון טשאַר־נען... זי איז אים מיט אַמאָל אַזוי טייער און נאָענט געוואָרן,

ווי די גאָלד־האָריקע בראָניע... ניין, עפּעס אַ שטיק פון רייזעלען איז אין איר... אַז רייזעלע וועט אויסוואַקסן, וועט זי געוויס אויך אַזאַ זיין... ער האָט געהאַלטן איר שיינע ווייסע האַנט אין זיינער און איר געקוקט אין די סאַמעטענע אויגן...

— אַ דאַנק, מומע. מיר איז לייכטער. איר זעט, איך גיי שוין אַרום!...

זי האָט באַטראַכט די שטוב און זיך געוואונדערט:

— קיין בעסערע שוין אין אומאַן ניט געקענט געפינען?...—

און צו סענדערלען האָט זי געזאָגט — נאָך היינט פאַר איבער צו מיר... איך וועל דיר צוגרייטן אַ צימער!...

זי האָט זיך צוריק געזעצט צום טיש. זי האָט אָנגעהויבן עסן דעם קוגל, געטרונקען זיסע טיי און פּלוצלונג האָט זי זיך געכאַפּט:

— וואו איז גרשון?...

שייוועלע איז געזעסן אַנטקעגן איר אַ קליינינקע, אָן אויסגעפּוצטע אין אירע פאַרבליבענע חתונה־קליידער און נאָך פאַרט אַ שיינע... זי האָט אירע ליפּן צעעפנט און באַוויזן אירע ווייסע פּערלדיקע ציינער.

— קענסט דאָך דיין ברודער. ער איז אין קיך!...

זי איז אַריין, באַבצי, אין קיך, זיך אַרומגעקוקט און קיינעם ניט געזען. האָט זי אָנגעהויבן רופן:

— גרשון, גרשון וואו ביסטו?!...

פונם אויוון האָט זיך אַ פריילעך קול געטראָגן. און באַלד האָט זיך אַ שוואַרצער קאָפּ מיט אַ בלוי־פּליסינער יאַרמעלקע באַוויזן:

— איך וויל זיין נענטער צו גאָט, בין איך אַרויף אויפן אויוון. אַ גוט שבת דיר, באַבציע!... ביסט געקומען מבקר חולה זיין סענדערלען?... גוט, גוט!...

באַבציע האָט זיך צעלאַכט.

— משוגענער, אַראָפּ פון אויוון. אַ שוועסטער קומט צו דיר צו גאַסט און דו קריכסט גאָר אויפן אויוון...

— איך שעם זיך פאַר דיר, באַבציע, צו באַווייזן מיינע צעריסענע תחתונים... ווי זאָגט מען דאָס: אַן אָרימער פריינט איז פאַר די קרובים אַ שאַנד!...

— נו, נו... קריך אַראָפּ!...

גרשון מלאך איז אַראָפּ פון אויוון, און איז אַדריין אין שטוב. די רייכע שוועסטער האָט אים די האַנט געגעבן. ער האָט זי, ווי אַן עלטערער ברודער, אין שטערן אַ קוש געטאָן... מ׳איז נאָך געזעסן

א צייט אַרום טיש, מ'האָט געגעסן קוגל, פאַרטרונקן מיט זיסער טיי און פאַרן אַוועקגיין האָט באַבצי ווידער געזאָגט:

— פירט אים נאָך היינט אָפּ צו מיר. אַלעקסאַנדערן!...

ביי דער מומע באַבציע איז סענדערל אָפּגעווען אַ גאַנצן חודש. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער הערבסט. ס'האָט גאַנצע טעג פונם שוואַרץ־פאַרוואָלקנטן הימל געגאָסן. ס'האָט אַ ווינט, אַ נאַסער און אַ קאַלטער געבלאָזן. מ'איז געזעסן אין די אויפדערנאַכטן ביי דער מומע באַבצי אין דעם גרויסן זאַל, מ'האָט געשפּילט אין קאָרטן און מ'האָט גערעדט...

געווען זיינען אין זאַל פאַרשידענע מענשן. איינער מיט זיין אויפפירונג און האַלטן זיך איז געווען אינגאַנצן ענלעך אויפן פעטער מישע פון דער בעקעריי, וועלכן די פּאָליציי האָט אַרעסטירט. אַ צווייטער איז געווען ענלעך אויף סאַלאָמאָנען דעם „כודאָזשניק", וועלכער האָט געוואוינט אויבן אויפן דאַך אין אַ גלעזערנער שטוב, אַ מאַנסאַרדע, אויף דער דלוכוי־גאַס און נעלם איז געוואָרן פונקט דאַן, ווען פּאָליציי איז אים געקומען נעמען. אַ דריטער איז געווען גלאַט עפּעס אַ שיין־געקליידעטער מענש... סענדערל האָט זיך צו אַלעמען דאָ צוגעקוקט. צו אַלץ צוגעהערט.

— רעוואָלוציע! — האָט איינער געזאָגט.

און דאָס וואָרט איז סענדערלן געפעלן, כאָטש ער האָט עס ניט גוט פאַרשטאַנען.

די מומע באַבצי האָט, ווייזט אויס, אויך ניט אַלץ פאַרשטאַנען. נאָר זי איז די בעל־הביתטע און זי האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך:

— מ'וועט גיין מיט די רויטע פאָנען, מ'וועט זינגען מאַר־סעליעזע אַזוי ווי אין פינפטן יאָר...

— און מ'וועט מאַכן פּאָגראָמען, מ'וועט שלאָגן יידן אַזוי ווי אין פינפטן יאָר — האָט דער מאַן אירער, דער פעטער איצי, זיין וואָרט אויך אַריינגעשטעלט...

איינער האָט געזאָגט: — נאַרישקייטן!...

אַ צווייטער: — קריג ביז צום זיג!...

און אַ דריטער: — אונז פרעגט מען ניט!...

דער שיין־געקליידעטער מענש האָט אַ פּשרה געמאַכט:

— דער דייטש איז נאָך שטאַרק. פּאַניע אויך... איז לאָמיר בעסער מאַכן אַ קערטל!...

און מ׳האָט זיך ווידער גענומען שפּילן אין קאָרטן .. און מ׳האָט געפּילט, אַז עס איז פאַר אַ שטורם . . .

36. פּ ע ו ו ר אַ ל . . .

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער. אַ ווינטער מיט שנייען און זאַווערוכעס. סענדערל איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן. די עלטערן זיינע האָבן שוין געוואוינט אין אַן אַנדערער דירה, אַ ביסל אַ קלע־נערע, נאָר אַ טרוקענע, אַ זוניקע . . . ער האָט צוריק געלעבט מיט די עלטערן צוזאַמען . . .

מ׳האָט געגייט ווינטערדיקע היטלען און מ׳האָט זיי פאַרקויפט די פּויערים, אָבער קיין פּרנסה איז ניט געווען. אַלעמאָל איז אויסגע־קומען בעטן הלוואה ביי דער רייכער באָבצי . . . גרשונען איז דאָס נמאס געוואָרן און ער האָט שוין אָנגעהויבן צו קלערן וועגן פאָרן צוריק קיין אָדעס.

— זאָל נאָר ווערן זומער ! — האָט גרשון געזאָגט — אָדעס איז טאַקע פאָרט אַ שטאָט . . . אומאַן האָט מיר געפעלט צו מיינע צרות . . . אומאַן מיט די בלאָטעס, מיט די קעלטן און מיט די נדבות פון מיין רייכער שוועסטער . . . מיר האָבן דאָך געלעבט אין אָדעס אָן באָבצים הילף אויך ! . . .

און איינמאָל איז גרשון געקומען צולויפן פון גאַס אַ צעטראָ־גענער, זיך אוועקגעזעצט אין בעט און זיך אָנגעכאַפּט מיט זיינע לאַנגע הענט פאַרן קאָפּ :

— וויי, וויי מ׳האָט דעם קייסער אַראָפּגעוואָרפן ! . . .

סענדערל האָט דאָס דערהערט און אין געדאַנק האָט פאַר אים אַ בליץ געטאָן דאָס וואָרט „רעוואָלוציע” . . . ער איז אויפגעשפּרונ־גען, געכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און איז באַלד אַרויס אין גאַס... אַ היים געקומען איז ער אופּדערנאַכט אַ לעבעדיקער, אַ פרייל'עכער. ער האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און האָט געהאַלטן אין איין ריידן :

— וואָס טוט זיך אין די גאַסן ! . . . מ׳גייט מיט רויטע פאָנען און מ׳זינגט. . . — און ער האָט דאָ אויפן אָרט אָנגעהויבן זינגען די לידער, וואָס מ׳הערט איצט אין די גאַסן : ״ . . . מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער אַלטער וועלט ! מיר טרייסלען אָפּ זיין שטויב פון אונ־זערע פיס ! . . ״ — אויסער דער מאַרסעליעזע זינגט מען נאָך פיל

אנדערע לידער אין יידיש און אין רוסיש און דערביי שרייט מען אַלע מאָל אויס: „אַ טויט דעם קייסער!... נידער!... פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט!...״

גאָר אַן אַנדער מענש איז סענדערל געוואָרן. ער איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן ערנסט, ענערגיש און שטאַרק פאַרנומען... ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ רויט בענדל אויפן לאַץ פון מאַנטל. אין דער פרי אויף גיך אָפּגעגעסן און איז אַרויס אין גאַס. געקומען איז ער שוין שפּעט ביי נאַכט, אַ צעהיצטער, אַ הונגעריקער און אַ צע־פרידענער. ער האָט פריילעך געמאָנט:

— מאַמע, ס׳איז דאָ?... גיב עסן!...

און די פּרעסט האָבן אָנגעהויבן נאָכלאָזן. ס׳איז אַוועק דער פעוראַל, עס איז געקומען מאַרט און דערנאָך אַפּריל... עס האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ מאַיאָווע ווינטל... ס׳האָט געשמעקט מיט פרילינג. אַלע גאַסן זיינען איבערפולט מיט מענשן געווען. אויף דער לעבעדיקער שיין זיינען אַרויס פּאַרטייען מיט זייערע פאָנען און דעוויזן, מיט זייערע פאָרשטייער, וואָס האָבן געהאַלטן רעדעס!... מ׳האָט געבויט טריבונעס און מ׳האָט געשריגן פון זיי און גערופן צו די מאַסן!... אַ צופעליק פעסל, אַ טישל, אַ בענקל, אַ שטיין אַלץ איז אין אַ טריבונע פאַרוואַנדלט געוואָרן... יעדער רעדל מענשן איז דאָס באַפרייטע פאָלק געווען... רעדנערס האָבן גערעדט, גע־מאַכט מיט די הענט, געשאָקלט מיט די קעפּ און דער עולם האָט זיי געקלאַפּט בראַוואָ... איין רעדנער האָט אַ צווייטן פאַרביטן, איינער האָט פון אַ צווייטן געלאַכט, אים געזידלט און געשאָלטן... דאָ זיי־נען געווען קאַדעטן און מענשעוויקעס, בונדאָווצעס און ציוניסטן, פאַראייניקטע און אומאָפּהענגיקע... און מערער פון אַלע האָבן זיך געהיצט און האָבן אויסגענומען ביים עולם די עסערן...

לעצטנס האָט זיך אויף דער גאַס באַוויזן נאָך אַ פּאַרטיי. דאָס זיינען געווען באַשיידענע מענשן מיט ערנסטע פּנימער, מיט זאַכלעכע זיטן. זיי האָבן גערעדט געלאַסן, קלאָר און דייטלעך. זיי האָבן זיך דערוויילע צופיל ניט געמישט. זיי זיינען געשטאַנען אָן אַ זייט, גוט־מוטיק און ערנסט אונטערגעשמייכלט און זיך געטאָן זייערס: גע־זאַמלט כוחות... דאָס זיינען געווען די באָלשעוויקעס...

די מענשעוויקעס און עסערן האָבן געשריגן: — מלחמה ביזן זיג!...

און די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט: — פרידן, ברויט, אַרבעט!...

און דאָס פאָלק האָט אויפגעכאַפּט די פשוטע, האַרציקע און נאָענטע ווערטער. דאָס פאָלק איז איינגאַנצן געווען מיט די באָל־שעוויקעס! ...

און די רעדעס איבער די גאַסן און אין לאָקאַלן האָבן געדויערט. ס'איז געווען פרייהייט און יעדער איינער האָט זיין וואָרט געזאָגט, זיין דעה געהאַט און זיין שכל יענעם געוואָלט אָנבינדן ... די גלחים מיט זייערע „הייליקע" איקאָנעס און צלמים, די רבנים מיט די ספרי־תורות האָבן זיך שוין אויך אין דער פּאָליטיק אַריינגעמישט. פון דעם אַלגעמיינעם רעכטגלוביקן קלויסטער האָט זיך אַ לינקער פליגל אָפּגעזונדערט. די אוקראַינער האָבן זיך זייערן אַ באַזונדערן קלויסטער געשאַפן און זייַנען אַרויס אויף דער גאַס מיט בלוי־געלע פאָנען, מיט איקאָנעס און צלמים, מיט גלחים און מיט טאַראַס שעווטשענ־קאָס בילד פאַראויס... ביים סאָבאָר האָט זיך די פּראָצעסיע אָפּגע־שטעלט, געקניט פאַר שעווטשענקאָס בילד... און איינער אַ יונגער שייגעץ מיט אַ געגאָלטן ווייסן קאָפּ, פון וועלכן עס האָט זיך פון מיטן אַ שוואַרצן פּאַס האָר אַראָפּגעבאָמבלט, אָנגעטאָן איז ער געווען, דער שייגעץ, אין אַ ווייס געהעפטע העמדל מיט בלויע שאַראַוואַרעס איבער גלאַנציקע שטיוול, דער אָ שייגעץ האָט געשריגן:

— ברידער, אוקראַינער, מיר דאַרפן באַזונדער! ...

סענדערל איז אויך געשטאַנען אויף די קני. לעבן אים זייַנען צוויי קריסטן, אויך אוקראַינער, געשטאַנען, און איינער האָט צום צווייטן געזאָגט:

— קאָנטראַ! ... וואָס טוען זיי מיט שעווטשענקאָן! ...

— זיי פאַרקויפן די רעוואָלוציע, די סאַמאָסטיינניקעס! ... האָט אַ צווייטער מיט די ציינער געקריצט...

יידן מיט אַן אַלטן רב פאַראויס זיינען איבער דער גאַס געגאַנ־גען און האָבן אַ ספר תורה געטראָגן. מ'איז אַראָפּגעגאַנגען צו דער גרויסער קאַרשול, דאָרט ביי די זיבן מאַרמאָרנע טרעפּ האָט זיך דער עולם אָפּגעשטעלט און דער רב מיט אַ שוואַרצן יינגערמאַנטשיק זיי־נען אַרויף אויף די טרעפּ, געבליבן שטיין ביי דער פאַרהאַקטער שיין־געשניצטער הילצערנער טיר און דער יינגערמאַן האָט זיך צום עולם געווענדעט מיט אַ זיפץ און געוויין:

— יידן, אחדות! ...

סענדערל איז געשטאַנען צווישן עולם און געהערט ווי אַ פּאָר יידן ריידן צווישן זיך:

— אין שול אַריין רופט ער! ...

— ניין, די ייִנגע וועלן שוין ניט גיין אין שול!...

— מ'איז פאַרשיכורט מיט דער רעוואָלציע, מיט דער פרייַ־הייט... וואַרט, וואַרט מ'וועט זיך אויסניכטערן... נאָר איין פּאָגראָמטשיקל און מ'וועט צוריק לויפן אין שול!...

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן!...

— הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, בלייבן דער נאַר!...

איבער די גאַסן האָט זיך באַוויזן אַ מחנה ייִדישע ייִנגעלייט, פרייליינס און אויך אייניקע עלטערע מענשן פון רייכן און אָרימען שטאַנד... פאָראויס דער מחנה זיינען געגאַנגען ייִדן־סאָלדאַטן מיט מעדאַלן און אָרדענס אויף די ברוסטן, ייִדן־סאָלדאַטן, וואָס זיינען פון פראָנט געקומען. זיי האָבן געטראָגן אַ בלוי־ווייסע פאָן, אויף וועלכער עס איז אַ גאָלדענער מגן־דוד געווען אויסגעהעפט און מיט רויט־בלוטיקע אותיות, באַזוימטע מיט גאָלד, האָט זיך אויף דער פאָן געשריבן: „זאָל לעבן אַ ייִדישע היים אין ארץ־ישראל!...״

סענדערלן האָט דאָס שאָקירט און טיף אין דער נשמה האָט עפּעס מיט ווי און פרייד אַ שפּיל געטאָן אַ סטרונע... אַ ווינטל האָט זיך אַ טראָג געטאָן אינם צעהיצטן קאָפּ און עס האָט זיך דער־מאָנט אָן דעם ביסל געלערנטן חומש און תנ״ך, אָן דעם תהילים און אָן דעם טאָג-טעגלעכן גאָט־בעטן... אַלץ איז דאָס פאַרבונדן מיטן הייליקן לאַנד... מיטן לאַנד פון די אבות... און ער האָט מיט פרייד געשעפּטשעט:

— ייִדן וועלן האָבן אַ לאַנד, טאַקע אַן אייגן לאַנד, ווי גוט און שיין וועט דאָס זיין!...

און אויף די גאַסן האָט זיך אַלץ געטומלט. פּאַרטייען האָבן גע־רעדט. זיך געזידלט און אַפילו געפּרוּווט געבן פּעטש!... מ'האָט געהערט, אַז קערענסקי איז אַליין אויפן פראָנט אַרויסגעפאָרן. דערנאָך האָט מען געזאָגט, אַז לענין האָט זיך אין פּעטערבורג באַוויזן... ווער קערענסקי איז, האָט שוין סענדערל געוואוסט, נאָר וועגן לענינען האָט ער ערשט איצט געהערט... ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט לענין און האָט געזוכט אַ מענשן וועמען צו פרעגן.... איז ער אַוועק אויפן קרעשטשאַטיק צווישן די מענשן־רעדלעך, וואו עס קומען פאָר די מיטינגען פון די „זיבן און זיבעציק״ פּאַרטייען און ער האָט דערזען איינעם אַזאַ ענלעכן צו דעם, וואָס האָט געוואוינט אין אָדעם אויף דער דלוכוי־גאַס, אויבן אויפן דאַך, אין דער גלעזערנער שטוב און ער האָט אים געפרעגט:

— פּעטער, ווער איז לענין?...

— אַ שפּיאָן!... — האָט ער אַ זיפץ געטאָן.

איז סענדערל אַוועק פון אים אַ צעטראָגענער און האָט זיך באַרואיקן ניט געקענט. און אַז ער האָט דערזען אַ צווייטן מענשן, אַזאַ וואָס איז געווען ענלעך אויף יענעם, וואָס האָט אין בעקעריי געאַרבעט און פּאָליציי האָט אים אַרעסטירט, האָט ער זיך איינגע־שטעלט און אויך ביי אים געפרעגט:

— פעטער, ווער איז לענין?...

— לענין?... האָט יענער מיט גרויס וואונדער איבערגע־פרעגט און זיינע אויגן האָבן ליכטיק אַ שיין געטאָן — לענין, ייִנ־געלע, דאָס איז דער, וואָס וויל, אַז קיין מלחמה זאָל מער ניט זיין, אַז מענשן זאָלן גליקלעך לעבן און אַז אַזאַ ייִנגעלע ווי דו זאָל קענען לערנען... לענין איז אַ באָלשעוויק

איז ער אַ באַרואיקטער, אַ צופרידענער אַוועק, סענדערל, פון דעם מענשן און האָט פאַר זיך דערזען אַ רייך־געקליידעטן פּריץ און ער וויים אַליין ניט פאַרוואָס אים האָט זיך פאַרוועלט אויך דעם פּריץ פרעגן ווער לענין איז... עס האָט אים אַ אינערלעכע קראַפט גע־שטויסן דערצו:

— פעטער, ווער איז לענין?...

— פּ׳שאָל וואָן!... — האָט דער פּריץ זיך צעשריגן.

און ער איז שטאַרק פריילעך געווען סענדערל... ער האָט זיך נאָך אַ ביסל געדרייט איבער די גאַסן און געהערט ווי מ׳רעדט:

— וואָס איז אומאַן?... אַ קליין שטעטל!... אָט דאָרט, אין די גרויסע שטעט איז איצט אַ לעבן!... פון דאָרט קומט די רעוואָלוציע!...

און ער האָט זיך איצט געאיילט, סענדערל, וואָס גיכער אַ היים צו גיין און זאָגן אין דער היים, אַז ער בלייבט דאָ ניט מער. ער פאָרט צוריק קיין אָדעס... אים האָט זיך זייער געוואָלט אַראָפּ־כאַפּן קיין אָכרימאָווע אויף אַ פּאָר טעג, זיך זעען מיטן זיידן און מיט רייזעלען. איר דערציילן, רייזעלען, וועגן דער רעוואָלוציע, וועגן לענינען און וועגן ארץ־ישראל, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן די ייִדן פאַר אַן אייגן לאַנד...

אין דער היים האָט גרשון מלאך אויך גערעדט וועגן צוריק־פאָרן קיין אָדעס. ער האָט נאָר געוואַרט, אַז עס זאָל ווערן וואַרימער, אינגאַנצן זומער... ער האָט געפּאַכעט מיט די הענט, געשפּאַנט איבערן צימער מיט זיינע לאַנגע פיס, געקוקט אויף שייוען מיט

דערשראָקן־פריילעכע אויגן און האָט שוין דאָס וויפילטע מאָל איבערגעחזרט:

— איי, אָדעם!... לעבן זאָל מען טאַקע נאָר אין אָדעם!... וואָס איז אומאַן?... אומאַן איז גאָר־ניט!... און אָדעס איז פאָרט אַ שטאָט!... וואָס האַלט מיך דאָ?... די שוועסטער, די גבירטע?... איך וועל אַליין אַ גביר ווערן!...

און ער האָט זיך געווענדעט צו סענדערלן:

— וואָס זאָגסטו, סענדערל, אַ?... סלאַבאָדאַ!... ביי גאָט איז אָרים און רייך, אַלע גלייך!... יאָ. דעם גאָט פון רוסלאַנד, ניקאָליי דעם צווייטן, דעם קייסער, הייסט עס, האָט מען טאַקע אַראָפּ־געוואָרפן, אָבער דעם „אל מלא רחמים..." דעם גאָט אין הימל, דעם גאָט פון דער וועלט, וועט מען דאָך ניט אַראָפּוואַרפן!... אַנו, זאָל עמיצער זיין אַ חכם און פּרואוון?... יאָ. עס וועט נאָך זיין גוט, סענדערל!... איי, גוט!...

סענדערל האָט געלאַכט. ער האָט זיך שוין מער ניט געפילט עלנט, פאַרשטויסן, ווי אַ שטיף־קינד... ער האָט אין זיך דערפילט דעם כוח פון אַ דערוואַקסענעם, פון אַ זעלבסטשטענדיקן מענטשן. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ זון, אַ זון, וואָס האָט אַ טאַטן און אַ מאַמען, אַ זון, וואָס האָט אַ גאַנץ פאָלק פאַר עלטערן זיך דער־וואָרבן...

אויף אַ פּאָר טעג האָט זיך סענדערל אַראָפּגעכאַפּט קיין אָכרי־מאָווע... טאַקע נאָר אַ פּאָר טעג איז ער דאָרט געווען. ער האָט זיך געאיילט, ער האָט זיך דאָרטן לאַנג ניט געקענט פאַרזאַמען, כאָטש מיט זיין נשמה, מיט זיינע געפילן איז ער צו דעם שטעטל צוגעבונדן געווען... ניט איצט, שפּעטער, אַן אַנדער מאָל, וועט ער זיך דאָרט זאַמען... און דאָך האָבן די פּאָר טעג פון זיין באַ־זוכן אָכרימאָווע אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנץ ווייטער־דיק לעבן...

דער זיידע האָט פון יריד געבראַכט אַן „אלף־בית". וואָס יע־דער אות באַזונדער איז אויף אַ קאַרטל אָפּגעדרוקט געווען... און דאָס וואָס דער זיידע האָט מיט אים דאַן אָפּגעפירט, בעת ער האָט אים דעם „אלף־בית" באַוויזן. דאָס וואָס דער זיידע האָט אים דער־ציילט און דערקלערט, איז עס אים אויף זיין גאַנץ לעבן, ווי אַ צוואה און הייליקער געבאָט פאַרבליבן... און מיט רייזעלען האָט ער די פּאָר טעג פאַרבראַכט, און זיין ליבשאַפט איז צו איר געוואַקסן, און ער האָט רייזעלען נאָר איין קוש געטאָן... ער האָט איר דערקלערט

און אַנטפּלעקט זיין נשמה און צוגעזאָגט שפּעטער, אַן אַנדערש מאָל, צו איר קומען ... און דאַן זאָל מען זיך שוין מער ניט צעשיידן ...

פון אָכרימאָווע האָט זיך סענדערל אומגעקערט אינגאַנצן אַ באַנייטער... און גאָר אינגיכן האָט גרשון מלאך פאַרנומען זיין ביסל אָרימקייט און איז מיט זיין ווייב און קינדער צוריק געפאָרן קיין אָדעס. סענדערל איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקלעך ווי איצט... די רעוואָלוציע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין פעוראַל חודש, האָט אין סענדערלס שווער לעבן אַ ביסל שיין אריינגעגאָסן... ערשט איצט האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן דאָס לעבן... ערשט איצט האָבן זיך אָנגעצונדן די זיבן פייערן אויף זיינע וועגן, וועלכע אים איז באַשערט געווען דורכצומאַכן...

פערטער טייל

„דער מענש איז שטאַרקער פון אײַזן . . ."

„. . . אַנדערע צײַטן,

אַנדערע לײַטן . . ."

(יידישע שפּריכווערטלעך)

37. נאָך אַמאָל אָדעס...

מ'האָט איצט געוואוינט אין אָדעס אויף דער סערעדניע־גאַס נומער צוויי, אויפן סאַמע ראָג, אונטן אין א האַלב־קעלער. די פענצטער זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און דער אַריינגאַנג איז געווען דורכן הויף. אויף עטלעכע טרעפּ האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט אין א פינצטערן קעלער, אין דער פינצטער האָט מען אָנגעטאַפּט די טיר, וועלכע האָט געפירט אין א האַלב־פינצטערער קיך מיט איין פענצטער צום הויף אַרויס. נאָך דער קיך איז געווען א גרויסער צימער מיט צוויי פענצטער צו דער גאַס אַרויס. כאָטש ס'איז געווען א האַלב־קעלער, איז דאָך געווען גענוג ליכטיק און טרוקן, נאָר פון איין וואַנט האָט געזעצט א הייסע לופט און עס האָט זיך געפילט א גערוך פון פריש געבאַקן ברויט...

אין דעם צימער, ביי דער וואַנט, פון וואַנען עס האָט געזעצט א הייסע לופט, איז געשטאַנען א גרויסער שוואַרצער אַלטמאָדיש־דעמבענער שראַנק, און הינטער דעם שראַנק איז געווען א פאַר־האַקטע טיר, וואָס האָט געפירט אין א בעקעריי.

אויסער דעם שראַנק זיינען אין דעם צימער אויך געשטאַנען צוויי ווייס־געפאַרבטע אייזערנע בעטן, א קאַסטן, אין וועלכן מ'האָט געהאַלטן קויטיק וועש און וועלכער האָט ביינאַכט אויך אַלס געלע־גער געדינט, א גרויסער טיש מיט א האַלב טוץ בענקלעך און ביי א פענצטער איז געשטאַנען די קירזשנערישע ניי־מאַשין, וועלכע גרשון מלאך האָט אָנגערופן: „די פרנסה געבערין..."

סענדערל האָט איצט געהאַט זיין באַזונדערן „אַפּאַרטאַמענט"... ווי א גרויס יינגל, שוין א דערוואַקסענער, איז ער געשלאָפן באַזונ־דער, אין קיך. ער האָט זיך דאָרט געפילט זייער גוט. קיינער האָט אים ניט געשטערט זיצן און באַקלערן די טאָג־געשעעניש, אָדער ביז שפּעט אין דער נאַכט לייענען א ביכל... אין קיך איז געשטאַנען א בעטל, א טישל מיט א בענקל און א שאַפּקעלע מיט ביכער. דאָ האָט זיך סענדערל געפונען אין א פרייער צייט. דאָ איז ער געשלאָפן.

פון גאַס איבער דער דירה איז געווען אַ יאַטקע, וואו מ׳האָט פאַרקויפט פלייש. אויפן ראָג אין אַ האַלב־קעלער איז געווען אַ בעקעריי, וועלכע האָט געהאַט אַ שכנותדיקע וואַנט און אַ פאַרהאַקטע טיר צו דער דירה פונם פריילעכן קירזשנער. אין הויף אויפן צווייטן שטאָק אין אַ דירה מיט אַכט פענצטער צו דער גאַס האָט געוואוינט אַ גביר, יאַנקל וועצפּער. אויפן דריטן שטאָק האָט געוואוינט אַ שניי־דער טאַנדעטניק, שלמה גענדזל. אין הויף האָבן געוואוינט נאָך עטלעכע בעלי מלאכות און קליינע הענדלער...

אויף דער צווייטער זייט ראָג, אַנטקעגן דעם הויף נומער צוויי, איז געווען די קאַסאַרקע. דאָ זיינען געשטאַנען גרויסע קלייטן פון באַקאַליי און קאָלאָניאַלע סחורות, רונדוקעס און שטעלעכלעך מיט פעפער, צימערינג און קאַנדל־צוקער. קלייטן מיט געזאַלצנס, מיט פעסלעך האָלענדישן הערינג, רוסישע סקאַמבריעס און טערקישע פאַלאַמידעס... פורן מיט קאַווענעס, דיניעס און פעסלעך וויין. און צווישן דעם אַלעמען האָט זיך אַרויסגערוקט פאַרויס, זיך צע־שפּרייט און זיך צעוואַקסן אין דער הויך יאַנקל וועצפּערס קלייט, אין וועלכער עס איז געווען אַלץ, וואָס אַ מויל קען נאָר אַרויסריידן און וואָס האָט צו טאָן מיטן וואָרט עסן...

אָדעס האָט געקאָכט. ס׳איז שוין ניט געווען די שטילע, רואיקע האַנדלס־האַפן שטאָט, וואָס פריער. און דער מאָלדאַוואַנקע־רויש איז אויך געווען אַ נייער. אַרבעטער און בעלי מלאכות האָבן פאַראיינען געשאַפן, לויט באַזונדערע פאַכן, און טאָג ווי נאַכט איז מען געווען אין די פאַראיינען און מ׳האָט גערעדט... בעלי מלאכות האָבן צונויפגעזאַמלט זייערע מאַשינען, זייערע שער און אייזן און מ׳האָט אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַטיוו־וואַרשטאַטן מיט אַן אויסדערוויילטן בעל־הבית און קאַסירער. בעלי בתים, וועלכע האָבן געהאַלטן צען־פופצן אַרבעטער, האָט דער פאַראיין געצוואונגען צונעמען נאָכאַמאָל אַזוי־פיל אַרבעער.

סענדערל איז אַוועק צו נח מאַרגאָליסן אַרבעטן. ביי דעם בעל־הבית, אַ ייד מיט אַ ליסע קאָפּ און מיט אַ גוליע אויפן שטערן, האָבן שוין פון פריער געאַרבעט ביי אַ פינף און צוואַנציק אַרבעטער. דאָ איז געווען דער גרעסטער קירזשנער־וואַרשטאַט אין אָדעס.

סענדערל האָט גערופן דעם טאַטן, ער זאָל אויך גיין מיט אים אין וואַרשטאַט, נאָר גרשון האָט אויף אים געקוקט מיט זיינע דער־שראָקענע אויגן און האָט געמאַכט מיט די הענט:

— כ׳וויל ניט. אַליין איז די נשמה ריין!...

פארטאָג איז סענדערל געלאָפן צו דער ארבעט. ער איז געווען פריילעך, לעבעדיק און נייגעריק. מיט א גאנצער שעה פריער איז ער געקומען אין ווארשטאט. דאָ איז שוין געווען דודל פיינגאָלד מיט זיין ברודער אנשל... דודל, א יינגערמאן פון א יאָר פינף און צוואנציק, א קליין וואוקסיקער, א דארער, מיט שווארצע פריילעכע אויגן און מיט א חנעוודיק־טונקל געזיכט, האָט שטענדיק גערעדט קלוג און געבילדעט. מ'האָט אים געהאלטן פאר אן אומפארטייאיש, כאָטש אין זיינע רייד האָט זיך געפילט, אז ער סימפּאטיזירט די באָלשעוויקעס. ער איז געווען א גוטער בעל־מלאכה, דודל, און אן אינטעליגענטער מענש. יעדערער האָט פון אים שטאַרק געהאלטן און סענדערל האָט זיך באלד צו אים צוגעבונדן. דער ברודער זיינער, אנשל,א יינגערער פון אים מיט א פּאָר יאָר, איז אויך געווען א נידער־ריקער, נאָר א געזונטער און א ביסל א דיקליכער. ער איז פון ערגעץ געקומען ניט לאנג צופאָרן... איניקע האָבן אפילו געזאָגט, אז ער איז פון תפיסה ארויס. ער האָט זיך אָפן דערקלערט פאר א באָל־שעוויק. ער איז דאָ געווען א פּרעסער און איז געשטאנען א גאנצן טאָג מיטן הייסן אייזן און האָט געביגלט די היטלען... ער האָט גערעדט קלאָר, דייטלעך, צו דער זאך און מיט היץ...

און די ארבעטער האָבן זיך מיט אים געגרויסט:

— וואָס א קירזשנער־יינגל קען!...

— ער איז נאָר דערווייל א קירזשנער. ווארט, ווארט, איר'ט שוין זעען!...

סענדערל האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו יעדער וואָרט, וואָס אנשל האָט געזאָגט.

דאָ האָט אויך געארבעט איינער ליאָווקע גאָלאָוואטע, א בחור, וואָס איז ערשט געקומען פון פראָנט, איז נאָך געגאנגען אָנגעטאָן אין די סאָלדאטישע קליידער און האָט שטענדיק דערציילט אז דער מענטש דארף איצט מיט א ביקס ארומגיין. אמת, פון פראָנט איז ער אוועק, זאָלן זיך דאָרטן שלאָגן די בורזשויען ביזן אָנטגילטיקן זיג, נאָר די ביקס וויל ער ניט ארויסלאָזן פון האנט, ווייל ווער וויים, עס קען נאָך דאָ זיין א פראָנט, דאָ אינעווייניק אין לאנד א מלחמה. די קאָנטרע רוט ניט, זי וויל צוריק דעם קייסער אוועקשטעלן.

ער איז געווען שיין און הויך, דער אָ ליאָווקע גאָלאָוואטע. זיינע שווארצע אויגן האָבן געברענט. און לעצטנס פלעגט ער קומען צו דער ארבעט אָנגעטאָן אין א שווארצער, לעדערנער טוזשורקע, אונטער וועלכער אויף א רימען עס איז געהאָנגען א שווארצער לע־

דערנער קאבור מיט אַ רעוואָלווער. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אנאַרכיסט, נאָר לויט זיינע רייד האָט זיך באַקומען, אַז ער איז אַ באָלשעוויק . . . סענדערל האָט זיך אויך צו זיינע ווערטער צוגע־הערט.

אברהם זאַסלאַווסקי און משה מאַכלין דאָס זיינען געווען בונ־דאָווצעס. דער ערשטער איז געווען הויך, דיק און מיט רויטע אונ־טערגעשווירענע וואַנצן. ער איז געווען זייער געבילדעט ווערליק אַ פשוטער קירזשנער. דער צווייטער איז אַ הויכער געווען, נאָר אַ דאַ־רער און מיט אַ גלאַט־ראַזירט פנים, מיט גרויסע גוטע אויגן. זיין גאַנצער אויסזען איז געווען אַן אינטעליגענטער. זיין אָנטאָן זיך אַ פיינער, שטענדיק אין נייע ליכטיקע קליידער און מ׳האָט זיך גע־וואונדערט, ווי עס קומט צו דעם מענטש זיין אַ קירזשנער. גערעדט האָבן זיי שטענדיק, זאַסלאַווסקי און מאַכלין, וועגן דעם יידישן אַר־בעטער און סענדערלן איז נאָך ניט געווען קלאָר פאַר וואָס מ׳זידלט זיי . . .

מאָטל טאַראַסיוק, אַ יינגערמאַן, אָנגעטאָן מיט אַ בלויער טו־זשורקע, מיט גלאַט־צוגעקעמטע האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ גיכן שאַרפן קוק פלעגט שטענדיק זאָגן:

— אַ קייסער צי אַ פּרעזידענט, אַ מאָנאַרכיע צי אַ רעפּובליק, אויב עס בלייבט נאָר מאַכט, בלייבט אונטערדריקונג. מיר זיינען קעגן מאַכט! . . . מיר זיינען פאַר אַנאַרכיע! . . .

פון אַלע זייטן האָבן די אַרבעטער צו אים געשריגן:

— וואָס־זשע, מאָטעלע, אַן אַ בעל־הבית? אָן אַן אָרדענונג?...

מ׳וועט זיך דאָך איינס דאָס אַדנערע די גאָרגלען איבערשניידן! . . .

און מאָטל טאַראַסיוק האָט זיך געהאַט זיין ענטפער:

— דער באַוואוסטזיין פון דער מענשהייט! . . .

סענדערל האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס ניט אַלץ גלאַט. און אַז ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאַרהלומטן שמחה מאַר־גענשטערן, איז אים עפּעס געוואָרן אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן. יענער, אַ בלאָנדער מיט קוטשעראַווע האָר און מיט בלויע אויגן, מיט אַ ווייס אויסגעצויגן פנים און מיט איינגעפאַלענע באַקן, איז געזעסן איינער אַליין אַן אָפּגעשטויסענער פון אַלעמען. דאָך האָט ער זיך איינגעשטעלט און פון מאָל צו מאָל אויסגעשריגן:

— חברים, אונזער קאַמף וועט זיין דאָרט ביי אונז אין אייגע־נעם לאַנד, אין ארץ־ישראל . . . יידן זיינען אַ פאָלק, מיר דאַרפן אַ לאַנד גלייך מיט אַלע פעלקער! . . .

מ׳האָט אין אים געוואָרפן שטיקער ברויט, לײדיקע קלעצלעך פון באָוול, ניט פאַרענדיקטע היטלען און מ׳האָט געשריגן:

— יאָלד, אין פּאַלעסטינע ווילסטו?...

— מיר לעבן דאָ און דאָ דאַרפן מיר קעמפן!...

נאָענט איז סענדערלען געווען שמחה מאָרגענשטערנס רייד. זיי האָבן זיך אין זיין הערצעלע ווי פונקען אַריינגעגנבעט, אָנגעהויבן ברענען העל און הייליק: „אמת, אַ לאַנד. יידן זיינען דאָך טאַקע אין גלות..." און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיינען אַלע קעגן...

אין דעם ווארשטאַט איז נאָך געווען איינער דזשאָן קראַנקמעל, אַ שוואַרצער, אַ דאַרער מיט אַ לאַנגער נאָז, זייער אַ פרײלעכער יינג... ער איז ערשט ניט לאַנג געקומען פון לאָנדאָן, ער האָט דערהערט, אַז אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע, איז ער געקומען צו לויפן. אָבער צו קיין שום פּאַרטיי האָט ער ניט געהערט. יעדער איינציקן האָט ער צוגעגעבן רעכט און אַלעמען האָט ער געזאָגט:

— איר שלאָגט זיך און איך וועל דערווייל צוקוקן!...

מ׳האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ פריילעכער יינג, אַ ווערטלזאָגער און אַ גוטער בעל מלאכה... סענדערל האָט זיך מיט דזשאָן קראַנקמעלן אויך געחברט.

און פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, איז סענדערל אין פאַראיין געלאָפן, אויף פאַרזאַמלונגען... ער האָט זיך צוגעהערט צו אַלע רייד, אַליין קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר שטיל אין זיך געקליבן יענעמס געדאַנקען און ווערטער, ווי מ׳קלייבט אויס פון צעשאָטענע, פאַרשידן־פאַרביקע קאָרעלן איינציקע אמתדיקע פּערל...

אין דער היים האָט סענדערל אַלץ דערציילט, וואָס ער האָט געהערט און געזען, וועגן וואָס מ׳האָט גערעדט. די ברידערלעך מיטן שוועסטערל האָבן אים אַרומגערינגלט און געהערט פאַרגאַפטע, וואָס ער דערציילט. שייוע האָט פון אים אָנגעקוואָלן. זי האָט פאַר זיך איצט דערזען אַ גרויסן בחור, אַ קלוג יינגל, און זי האָט אים שוין מער ניט פאַרצויגן מיט אַ פאַרקלענער-נאָמען „סענדערל", נאָר ווי אַ גרויסן אים איצט „סענדער" גערופן.

— סענדער, גיי שוין עסן, עס וועט קאַלט ווערן דאָס עסן, סענדער!...

גרשון מלאך האָט אויסגעטאַרטשעט אַ פּאָר איבערגעשראָקענע אויגן אויף סענדערלען, אויפגעהויבן אַ האַנט צו דער פּאַטעליצע און האָט זיך אָנגעהויבן צו קראַצן:

— הער נאָר וויפל פּאַרטייען עס זיינען פאַראַן!... און יעדער איינציקער וויל, אַז מ׳זאָל דווקא זיין קאָפּ נאָכגיין... עס באַקומט זיך, ווי יענער קירזשנער, וואָס האָט געמאַכט היטלען נאָר פון גרע־סערע מאָסן, קיינער האָט די היטלען ניט געוואָלט קויפן, ווייל זיי זיינען גרויסע געווען, האָט דער קירזשנער געכאַפּט אַ שטעקן און געקלאַפּט די קונים איבער די קעפּ. זיינען די קעפּ ביי די קונים גע־שוואָלענע געוואָרן און די היטלען זיינען אויף זיי געוואָרן גוט, אַקוראַט אויף זייערע קעפּ!...

— איי, וואָס פאַרשטייסטו, טאַטע, — האָט סענדערל געזאָגט — ביסט אַן אָפּגעשטאַנענער מענש!...

נאָכן עסן איז סענדערל אַריין אין קיך, געכאַפּט אַ ביכל און ביז האַלבער נאַכט געזעסן איבער דעם און געלייענט. שייווע האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט, דערזען, אַז אין קיך ברענט נאָך דאָס לעמפּל, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו בעטן:

— סענדער, גיי שוין שלאָפן. דאַרפסט דאָך מאָרגן אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט. גיי, סענדער, שלאָפן!...

און אויף מאָרגן איז די שטאָט געווען אַנדערש ווי נעכטן... מ׳האָט דערזען אויף די גאַסן מענשן מיט רויטע בענדער אויף די אַרבל און מיט ביקסן אויף די אַקסל... סענדערל האָט זיך נאָך געשלאָגן מיט דער דעה: „זיך פאַרשרייבן אין דער "רויטער גוואַרדיע", צי נאָך צוואַרטן?..." און אין זיין הערצעלע, אין דעם אומשולדיק נשמהלע האָט אַ פייערל געברענט און רוען ניט געלאָזט: „און פאַר אַ יידיש לאַנד?... מ׳דאַרף זיך גאָר אפשר פאַר אַן אַ יידיש לאַנד שלאָגן!..." און דערווייל איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אומרואיקער. מענשן האָבן מורא געהאַט פון שטוב אויף דער גאַס זיך צו באַווייזן. גרשון מלאך איז גאָר געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט. ער האָט גאָרניט פאַרדינט און אין שטוב האָט זיך ווידער אַמאָל אָנגעהויבן אַ הונגער.

38. שטורעם־טעג

אַ מוטער איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס מיט אַ געוויין, דער־יאָגט איר זון, אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אים ניט געלאָזט ווייטער גיין. דער בחור, מיט אַ ביקס אויף די אַקסל, האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן.

— מיינע ברידער שלאָגן זיך. איך מוז גיין!...

די מוטער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד. זי האָט געוויינט אויף א קול:

— אַן איינציקער זון, וואוהין גייט ער?!...

ס'האָט זיך געטראָגן אַ שיסעריי פון איינציקע ביקסן־שאָסן און דערנאָך האָט אַ קוילן־וואָרפער אָנגעהויבן שטעפּן... די טויערן פון די הויפן זיינען געווען פארמאכט. הינטער די טויערן זיינען מבולבלע מענשן געשטאַנען, נאָך יעדער שאָס האָבן זיי פּחדניש איינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל און האָבן אויפגעציטערט. די גאַסן זיינען געווען פּוסטע. פון צייט צו צייט האָט מען איינצעלנע מענשן מיט ביקסן אין די הענט געזען דורכלויפן...

דער שלאַכט איז געווען אין שטאָט. אויף פּושקין־גאַס, לעבן וואקזאַל, אויפן בולוואר, ביי די טרעפּ, וואָס פירן צום האפן און נאָך אויף עטלעכע גאַסן איז דער קאַמף געגאַנגען... ווייסע אָפיצערן, שווארצע מאַהניקעס און בורזשואַזע זינדלעך האָבן די מאַכט זייערע דעם אַרבעטער־קלאַס ניט געוואָלט אָפּגעבן... פון מאָלדאָוואַנקע און פון דעם פּערעסיפּ האָבן זיך אַרבעטער און אָרימע לייט געלאָזט מיט ביקסן אין די הענט אין שטאָט אריין אויף די באַרי־קאַדעס, לעבן וואַקזאַל און האפן...

ביים רייד, ניט ווייט פונם טורעם־לויכטער אויפן שווארצן ים ביים אריינגאַנג אין האפן, זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע קריגס־שיפן „אַלמאַז" און סינאָפּ". די שיפן האָבן אַ גאַנצע נאַכט געשפּיגן אויף דער שטאָט מיט פּייער פון די גרויסע מיילער פון זייערע האַרמאַטן. אינדערפרי זיינען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן גע־וואַרט אויף אַן ענטפער: „אָדער די בורזשואַזיע גיט זיך אונטער, אָדער פון די שיינע, רייכע גאַסן וועט אַ באַרג מיט שטיינער..." דערווייל איז נאָך קיין תשובה ניט געווען. דער שלאַכט האָט גע־דויערט... און די שיפן זיינען געצוואונגען געווען צו שטיין אויפן רייד און וואַרטן...

די קאַסאַרקע איז איצט געשטאַנען מיט צעהאַקטע קלייטן, מיט אַראָפּגעריסענע טירן, מיט צעהאַקטע פענצטער און האָט געקוקט מיט איר פּוסטקייט אויף די אַרומיקע גאַסן... די שפּייז פון די קלייטן, דאָס ברויט און דעם וואורשט, דעם הערינג און די פּוטער און נאָך פאַרשידענע זאַכן, וואָס מ'קען באַלד נעמען און עסן, איז אַרויסגע־פירט געוואָרן פון די קלייטן אויף גרויסע פורגאַנעס אהין, צו די

באריקאַדן, וואו דער אַרבעטנדיקער מענש האָט פאַר זיין לעבן, פרייהייט און רעכט געקעמפט...

אויף סערעדניע גאַס נומער צוויי זיינען כמעט אַלע שכנים הינטערן צוגעמאַכטן טויער פון הויף געשטאַנען. מ'האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. נאָך יעדעס מאָל, וואָס עס האָט פון ים מיט פייער אַ דונער־געטאָן, איז מען געלאָפן אין קעלער צום קירזשנער זיך באַהאַלטן. מ'האָט געמיינט, אַז אָט־אָט פאַלט איין דאָס הויז... יעדנפאַלס זיינען שוין די שויבן פון כמעט אַלע פענצטער צעבראָכן און אויסגעזעצט געוועז...

איצט איז מען געשטאַנען הינטערן טויער בלאַסע, ניט־דער־שלאָפענע און מ'האָט אַרויסגעקוקט מיט שרעק אויף דער פוסטער גאַס. דער בעל־הבית פון דער גרעסטער באַקאַליי־גאַסטראָנאָם־קאָנ־דיטאָריי און קאָלאָניאַל־קליים אויף דער קאַסאַרקע, דער גרויסער נגיר וועצפער איז געשטאַנען אַ בייזער מיט אָנגעגאָסענע רויטע אויגן און זיינע גרוי־בלאָנדע וואָנצעס אויף דער אויבערשטער ליפּ, אונטער דער לאַנגער רויטער נאָז, האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווי שאַרפע שפּיזן. ער האָט דאָס מויל אויף לינקס און אויף רעכטס געקרימט און מיט די גאָלדענע ציין געקריצט:

— באַראַבעוועט, מיין גאַנץ פאַרמעגן באַראַבעוועט. פאַר וועמען האָב איך געהאָרעוועט מיין גאַנץ לעבן?... פאַר זיי, פאַר די אָפּגעריסענע פּלידערן!... איך האָב דאָך געקענט מיין מאַגאַזין האַלטן אין שטאָט, אויף דער שענסטער גאַס און ניט אויף דער מאָלדאַוואַנקע... בין איך געווען אַ גוטער. געוואָלט פאַרזאָרגן די וועלט. געוואָלט, אַז דער אָרימאַן זאָל האָבן וואָס צו עסן, זאָל האָבן פאַר אַ וואָלוועלן גראָשן אַ גוטן ביסן!...

ער האָט געקוקט, וועצפער, אויף די שכנים מיט זיינע אָנגעגאָסענע רויטע אויגן און זיך געווענדעט צו גרשונען:

— וואָס זאָגט איר, רב גרשון, אַ?... איר זייט דאָך אַ קלוגער ייד, אַ ייד אַ ווערטל־זאָגער!... וואו איז יושר?... וואו איז?... איי, איי!...

גרשון מלאך האָט אויפגעציטערט. זיינע איבערגעשראָקענע אויגן זיינען איצט אויך געווען אָנגעגאָסן מיט רויטקייט, נאָר דאָס איז ניט געווען קיין רציחה, ווי ביים גביר, ביי וועצפערן, נאָר שרעק, גרויסער שרעק פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן... דאָס פּנים גרשונס איז געווען בלייך, די באָרד צעשויבערט, גרויע האָר האָבן זיך איבער נאַכט אין איר באַוויזן. דאָס האַרץ האָט געקלעמט און די צונג איז

אזש פארטרוקנט געווען. שוין דעם צווייטן טאָג דויערט דער שלאַכט און קאַמף און ער האָט פאר דער צייט קיין ביסן אין זיין מויל ניט געהאַט....

דער שניידער, שלמה גענדזל, א ייד, קען מען זאָגן, אָן א בויך און אָן לענדן, ווייל די געלאַטעטע שווארצע הויזן האָבן זיך אויף אים ניט געהאַלטן און ער האָט אַלעמאָל מיט זיינע לאַנגע דאַרע הענט זיי אַרויפגעצויגן. אָט דער שניידער האָט געהאַט א פּאָר גרויסע, גריגע אויגן, א קורץ נעזל און א קליין געלבלעך בערדל. ער האָט געראויכערט אָן א שיעור שטאַרקן טוטין. ער האָט אונטערגעטראָגן דעם קירזשנער א פארגלעט סאַמעטענעם זעקעלע מיט טוטין און געזאָגט:

— פאַרויכערט, רב גרשון. דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך ניט מער, ווי א שמעק טאַבאַקע!...

גרשון האָט פארויכערט א גראָבן ציגאַר, זיך שווער פארצויגן און אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט א גאַנצן קנויל רויך פון זיין מויל האָט ער א קוק געטאָן אויף וועצפערן, דעם גביר, און געזאָגט:

— וואָס איז דאָ צו ריידן. מיר בעלי מלאכות האָבן געהאַט פונם טאַבאַק א שמעק און איר, גבירים, האָט געהאַט פון האָניק א לעק!...

וועצפער האָט אויף אים א קוק געטאָן מיט ביטול. גרשון האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט אויפגעציטערט. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד...

ס'איז געוואָרן שטיל. פון א צייט, אַז מ'הערט שוין ניט שיסן. מ'האָט אויפגעעפנט דעם טויער און מ'איז אַרויס אויף דער גאַס. איבער א הויף, אין הויז נומער זעקס, איז א רוסישע פאָלקס־שול געווען. לעצטנס איז דאָרטן א קאַזאַרמע פון ווייס־גוואַרדייאישע אָפיצערן געווען. און איצט, שוין עטלעכע טעג, איז קיין איינער פון די אָפיצערן ניטאָ. די געביידע פארנעמט איצט א שטאַב פון רויט־גוואַרדייער, בעלי מלאכות און אָרימע־לייט... אָן אַרבעטער מיט א רימען אויפן ציווילן רעקל און מיט א ביקס אין האַנט דרייט זיך אום פארן טויער. אַלעמאָל קומען אָן און גייען אָפּ פון דאַנען מענשן מיט ביקסן... פון ערגעץ האָט מען געבראַכט צופירן א וואָגן געשפּאַנט אין צוויי פערד און צום וואָגן איז געווען צוגעטשעפּעט א מיליטערישע פעלד־קיך. מ'האָט אין הויף אַוועקגעשטעלט די קיך און גיך האָט זיך צעטראָגן א רויך מיט א גערוך פון א הייסן גע־

שמאָקן באָרשטש... עס זיינען אַלץ אָנגעקומען אין דעם הויף און אוועק פון דעם הויף מענשן מיט ביקסן אין די הענט...

דערווייל האָט זיך מער ניט געהערט קיין שיסעריי. יאַנקל וועצפער, דער גביר פון דעם הויף נומער צוויי, האָט זיך אָנגעהויבן באַרואיקן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די שכנים און געווענדעט האָט ער זיך צו גרשונען:

— ס'וועט אם ירצה השם ווערן שטיל. קומט, רב גרשון. מיר וועלן עפּעס איבערכאַפּן... נשקשה, קיין אָרימאַן בין איך נאָך ניט... נאָך פאַרגרייט, דאַנקן גאָט, אויף אַ גאַנץ יאָר וואָס צו עסן.. — און צו אַלמען האָט ער געזאָגט: — קומט, יידן, היינט גיב איך אומזיסט. איך פאַרשטיי דאָך, איר האָט ניט פאַרגרייט, קויפן איז ניטאָ וואו און ביי מיר איז פאַראַן...

ס'האָט פּלוצלונג אַ דונער געטאָן. שויבן האָבן אָנגעהויבן פליען פון די אויבערשטע מויערן. ס'האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַ שיסעריי. מ'איז אַלע באַלד צוריק אַריין אין הויף און מ'האָט פאַרהאַקט דעם טויער. נאָך יעדער שאָס אָהט גרשון מלאך אויפגעציטערט, פּחדניש איינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל אַריין און די איבערגעשראָקענע אויגן זיינען אים איבערגעקערט געוואָרן... יאַנקל וועצפער האָט געכאַפּט די הענט אין מויל און האָט זיך אָנגעהויבן בייסן די נעגל... דער שניידער האָט געריוכערט אָן אויפהער...

סענדערל איז אויך געשטאַנען הינטערן טויער. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער האָט באַטראַכט דעם עולם און זיך ניט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן. וועצפערן האָט ער באַלד פיינט באַקומען. אויפן טאַטן האָט ער רחמנות געהאַט...

איצט האָט אַ קוילן-וואַרפער געקלאַפּט אָן אויפהער. מ'האָט בולט געהערט יעדער קלאַפּ: „טאַ, טאַ, טאַ, טאַ, טאַ, טאַ, טאַ!..."
יאַנקל וועצפער האָט אַרויסגענומען פון וועסטל אַ גאָלדענעם זייגער, אַ קוק געטאָן.

— צען אַ זייגער. דער טאָג הויבט זיך ערשט אָן!...

אומגעריכט האָט זיך סענדערל אָפּגערוקט פון דעם עולם איבערגעשראָקענע מענשן. ער איז צו צום טויער. ער האָט אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, געוואָלט עפענען. גרשון מלאך איז צו אים צוגעשפרונגען:

— גיי ניט, סענדערל!...

סענדערל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט זיינע קאַרע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך איצט העל צעברענט אַ פייערל, אַ פייערל

מיט פיל ליכטעלעך, ווי ביי דער הייליקער מנורה ... ער האָט מיטן גאַנצן קראַפט אַ ריס געטאָן דעם טויער און אים צעפּראַלט. ער האָט איצט שוין געוואוסט וואָס ער וויל. פאַר אים האָט זיך אַ וועלט אַ נייע צעעפנט. גרשון האָט אים פעסט אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט. סענדערל האָט אויסגעשריגן:

— לאָז אָפּ, טאַטע! ...

ער האָט ניט קיין כוח געהאַט אים איינהאַלטן, גרשון מלאך. ער איז באַלד אַוועק פונם טויער און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, צו זיך אַ היים.

און סענדערל איז אַוועק ...

אינם הויף נומער זעקס האָט מען מחנות פאַרמירט. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ צען אַרבעטער, אַזוי האָט מען זיי געגעבן אָפּעסן, מ׳האָט זיי געגעבן ביקסן און מ׳האָט זיי געשיקט אין שטאָט צו די באַריקאַדן העלפן און פאַרבייטן די אַנדערע חברים ... אייניקע האָבן ניט געוואַרט ביז עס וועט זיך פאָרמירן אַ צענדליק. מ׳האָט געכאַפּט ד ביקסן און מ׳איז אַליין אייציקווייז אַוועק צום שלאַכט. עס זיינען דאָ געווען אַרבעטער פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס און פאַרשידענע פּראָפ.־פאַראיינען, אַזוינע, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך פאַרזאַמלען אין זייערע פאַראיינען, אין זייערע שטאַבן, מחמת דער וועג איז געווען געשפּאַרט, די גאַסן זיינען געווען מיט וויסגוואַרדייער און מיט שוואַרץ־מאַהניקעס פאַרנומען. אהער אין דעם שטאַב זיינען געקומען אַרבעטער, וואָס זיינען נאָך מיט אַ טאָג פריער געזעסן אין דער היים און ניט געוואָלט זיך מישן אין דעם קאַמף פאַר דער מאַכט ... אָבער זיצנדיק אין דער היים און הערנדיק ווי עס גייט דער שלאַכט, האָבן זיי אָנגעהויבן קלערן „ווער וועמען" עס וועט באַזיגן ... און זיינען דערגאַנגען מיט זייער שכל און מיט זייערע געפילן, אַז מער אָן אַ זייט שטיין קענען זיי ניט ... דאָ זיינען געווען אָרימע־לייט און בעלי מלאכות און אויך אַ ביסל גימנאַזיסטן, סטודענטן, באַלעבאַטישע קינדער, וואָס זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט די געשעענישן און זיינען געקומען צום אויספיר, אַז די גערעכטיקייט איז מיט די אַרבעטנדיקע, מיט די אונטערדריקטע און דערפאַר ווען זיי זיגן ...

מ׳האָט דאָ סענדערלן אונטערגעטראָגן אַ שיסל הייסן באָרשט מיט הירזשענע קאַשע און אַ פּיידע וויים ברויט.

— עס, ייִנגעלע! ...

פאַר אים איז געשטאַנען אַ פרוי, אָנגעטאָן אין אַ לעדערנעם

רעקל מיט א רימען איבערן רעקל און איופן רימען איז געהאַנגען א הילצערנער קאַבור, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען א רעוואָל־ווער. די פרוי איז געווען א בלאָנדע, א שטאַלטנע און יעדער איינער האָט זי גערופן:

— חברטע מאַרוסיאַ!...

— ווער ביסטו?... — האָט אים מאַרוסיאַ געפרעגט.

— אַן אַרבעטער — האָט סענדערל געענטפערט — א קירזש־נער. איך אַרבעט ביי נח מאַרגוליסן אין וואַרשטאַט...

— עהיי!... יאַטל, קוק נאָר צו מיר!... האָט זיך דער־הערט א קול פון א פרוי.

ביי דער מיליטרישער פעלד־קיך איז געשטאַנען א נידעריקע, שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן. זי האָט גע־קוקט אויף סענעדרלן און האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— יאַטל, אַרבעטס ביי נח מאַרגוליסן, קענסטו דאָך מיין מאַן. דודל הייסט ער. דוד פיינגאָלד.

— איך קען אים — האָט סענדערל א צעפרידענער געענטפערט

— וואו איז ער איצט?...

— אויפן וואָקזאַל. ער שלאָגט זיך מיט די בורזשויעס!...

— און אַנשל וואו איז?...

— האַ, דו קענסט אַנשלען אויך — האָט די שוואַרץ־חנעוודיקע זיך צעלאַכט — נו, גוט, עס גיכער אַפּ און שטעל זיך אַוועק אויף מיין אָרט לעבן דער קעך, לייג אונטער האָלץ, זע, אַז דער באָרשט זאָל הייס זיין און די קאַשע זאָל ניט צוגעברענט ווערן... מ׳דאַרף מישן אַט אַזוי... — און זי האָט מיט א שמעקן אָנגעהויבן צו מישן אין איינעם פון די צוויי קעסלען פון דער מיליטערישער פעלד־קיך — און איך וועל גיין צום וואָקזאַל!...

— ניין, חברטע! — האָט סענדערל אָפּגעענטפערט — איך וועל אַליין גיין צום וואָקזאַל. קאָכן איז ניט מיין זאַך, ס׳איז ניט פאַר מיר!...

ביידע פרויען האָבן אויסגעזעצט א הילכיקן געלעכטער. די בלאָנדע האָט צו דער שוואַרצער געזאָגט:

— רייע, די קיך וועסטו שוין, ווי עס ווייזט אויס, ניט פטרן...

סענדערל האָט גיך אָפּגעגעסן און צוגעטראָגן דאָס ליידיקע שיסעלע מיטן לעפל צו רייען און געפרעגט:

— ווער איז דאָ דער עלטסטער?

— דערוייל זי! — האָט רייע געוויזן אויף מאַרוסיען — ליאָווקע גאַלאָוואַטן קענסטו דאָך. ער איז דער עלטסטער. זי, מאַרוסיע, פאַרבייט אים...

ער איז צוגעגאַנגען, סענדערל, צו מאַרוסיען. אַ קוק געטאָן אויף איר מיט גרויס אָפּשייד. געזאָגט ערנסט:

— גיט מיר אַ ביקס!...

מאַרוסיע האָט אים באַטראַכט: אַ שיין יינגל, אַ בלאָנדלעכער, מיט קאַרע אויגן... און אַ באָרוויסער, מיט צעריסענע שיך, אָן אַ וואַרעמען מלבוש... ס'איז האַרבסט... כאָטש ס'איז נאָך וואַרים, נאָר די נעכט און די פאַרטאָגן זיינען קאַלטע. ער קען זיך נאָך פאַר־קילן... יעדער טאָג איז איצט ניט גלייך, עס קען נאָך אַ רעגן גיין, אַ שניי פאַלן... יאָ, דער דרום איז קאַפּריז... און זי האָט געזאָגט:

— ווי רופט מען דיך?

— סענדער!

— און וויפל ביסטו אַלט?

— פופצן יאָר!

— אַ, אַ, גרויסער!.. — האָט זי זיך צעלאַכט — נו, הער אַלעקסאַנדער, אַ ביקס וועל איך דיר געבן. נאָר פריער דאַרף מען דיך אָנטאָן. באָרוויס איז ניט גוט צו גיין. קום!...

זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער. דאָ איז געווען אַ גאַנ־צער באַרג מיט שיך און שטיוול, הויזנס, רעקלעך און שינעלן. ער האָט זיך געפונען, סענדערל, אין דעם לאַגער פון אַמניציע און באַ־קליידונג, וואָס די וויים-גוואַרדייאַישע אָפיצערן האָבן פאַרלאָזט. מאַרוסיע האָט אויסגעקליבן אַ פּאָר נייע, כראָמעווע שטיוול און זיי דערלאַנגט סענדערלן:

— מעסט אָן, אַלעקסאַנדער. ס'איז אָפיצערישע שטיוול. ווא!...

די שטיוול זיינען געווען גוט אויף אים, נאָר מאַרוסיע האָט זיך ניט באַרואיקט.

— ס'קוועטש ניט? זע!... איך קען געבן אַנדערע!...

— ניין, חברטע מאַרוסיע, זיי קוועטשן ניט!...

זי האָט אים נאָך געגעבן אַ וואַרים רעקל און איז מיט אים אַרויס אין הויף. דאָס שיסעריי האָט געדויערט. ס'האָט אַלעמאָל פון ים אַ זעץ געטאָן מיט פייער און די ערד האָט אַזש אויפגעציטערט. עמיצער איז געקומען צולויפן און האָט געזאָגט, אַז דער פוילישער לעגיאָן, וועלכער איז ביז איצט נייטראַל געווען, האָט איצט אָנגענו־

מען דעם צד פון די ווייס־גוואַרדייער. זיי האָבן זיך אריינוועריסן אינם קאַראַנטין און פון די שיפן, פון „אַלמאַז“ און „סינאָפּ“ באַ־שיסט מען זיי...

עס זײַנען שוין געווען אַ סך געפאַלענע און פאַרוואונדעטע. מ'האָט מאַרוסיען אַלעמאָל צום טעלעפאָן געדופן. ליאָוקע גאַלאַוואַטע האָט עפּעס ביי איר געפאָדערט, זי האָט דערנאָך צונויפגע־זאַמלט די פאַרבליבענע אַרבעטער פון הויף, זיי אַלעמען צעטיילט ביקסן און געזאָגט:

— צום אַרסענאַל גייט. דעם שטאַב זייערן צעגראַמירט!...

סענדערל האָט אויך באַקומען אַ ביקס. איינער, אַן אַלטער אַרבע־טער, מיט גרויסע שוואַרצע וואָנצן און אַ גרוי קליין בערדל, האָט אויף גיך געוויזן, ווי אַזוי מ'דאַרף אָנלאָדן די ביקס, שיסן און זי איבערלאָדן... דאָס איז געווען דער פעטער מאַטוויי, דער עלט־סטער פון דער „שלאַכט־גרופּע“ אויף צו פאַרניכטן דעם פּוילישן לעגיאָן... מ'האָט זיך אויסגעשטעלט צו פיר מענשן אין אַ ריי. בסך הכל איז מען געווען פינף רייען. סענדערל איז געגאַנגען הינטן, איינער אַליין. מיטן עלטסטן האָט די גרופּע באַטראָפן צוויי און צוואַנ־ציק מענשן. דער פעטער מאַטוויי האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „שאַ־גאָם מאַרש!..“ און מ'איז אַרויס פון הויף טראָגנדיק די ביקסן ווער אויפן אַקסל, ווערן אויפן רימען און ווער אין דער האַנט...

די שוואַרץ־חנעוודיקע רייע איז נאָכגעלאָפן, זי האָט זיך געווענ־דעט צו סענדערלען און מיט פאַרליבטע, אומרואיקע אויגן אויף אים געקוקט.

— איי, דו, יאַטל!... קענסט דען שיסן?... וואַרט אַ ביסל, איך וועל דיר ווייזן!...

דער פעטער מאַטוויי האָט זי אָפּגעטריבן.

— ער קען שיסן. איך האָב אים געוויזן!...

מ'איז דורך פאַרביי דעם הויף נומער צוויי. דער טויער איז גע־ווען פאַרמאַכט. קיין לעבעדיקן מענשן האָט מען פאַרן טויער ניט געזען. סענדערל האָט אַ קוק געטאָן צו די פענצטער פונם האַלב־קעלער, וואָס גייען צו דער גאַס אַרויס, נאָר ער האָט קיינעם ניט געזען...

דער שלאַכט האָט נאָך געדויערט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט. מ'האָט פאַרניכטעט דעם פּוילישן לעגיאָן, נאָר די דייטשישע קאָלאָ־ניסטן פונם דאָרף קליין־ליוועטאַל, וואָס הינטער אָדעס, האָבן זיך געלאָזט אויף דער שטאָט. מ'האָט זיי באַגעגנט, די דייטשישע בעלי-

גופים און גוט־באַזיצער מיט אַ האָגל פייער און זיי זיינען צוריק אוועק צו זיך אין דאָרף אריין. נאָר דער הויפּט־שטאַב פון די רויט־גוואַרדייער האָט באַפוילן זיי אָנלערנען, די דייטשן, אַז זיי זאָלן שוין פאַרשפּאָרן אַ צווייט מאָל זיך אריינמישן אין אַ פרעמדן ענין ...

צוויי אַרבעטער מחנות פון העכער צוויי הונדערט מאַן זיינען אוועק אינם דייטשישן דאָרף, אַכט קילאָמעטער הינטער אָדעס, און מ'האָט זיי דאָרט אַזוי צעגראַמירט, אַז דער פייער־פלאַם פון די ברענעדיקע גאָטיש־פאַרשפּיצטע הייזער האָט זיך אפילו אין שטאָט געזען ...

סענדערל מיט דער ביקס אין האַנט האָט מיטגעמאַכט דעם שלאַכט. ער האָט געזען, ווי אויף דער גאַס, וואָס פירט צום האַפן־קאַראַנטין זיינען געפאַלן די צוויי ברידערלעך קאַנגון. אַרבעטער פון ווייַנשטיינס מיל. און ער האָט שטאַרקער געדריקט די ביקס אין האַנט און געשאָסן אין די „ווייסע" פּאָליאַקן, באַשאָסן די זינדלעך פון די פוילישע גבירים און מאַגנאַטן, וואָס האָבן אין אָדעס גע־לעבט ... ער איז געלאָפן, געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווידער געלאָפן צוזאַמען מיט זיינע חברים קעמפער. ער האָט געשאָסן אין שונא! ...

דערנאָך איז ער מיט אַרבעטער אוועק קיין קליין־ליוועטאַל. דאָ האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געשאָסן, געצונדן הייזער און איינגע־שטילט די צעבונטעוועטע דייטשן ...

אינדערפרי איז סענדערל צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַרבעטער צוריקפאָרן פון דאָרף אין שטאָט אריין. ער איז געפאָרן אין אַ ברישקע, געשפּאַנט מיט צוויי ווייסע פערד. אויבן אויף אַלס אָנ־טרייבער: אַליין ליאָוקע גאַלאַוואַנטע. באַנאַנד מיט אים איז געזעסן דודל פיינגאָלד, דער פעטער מאַטוויי און נאָך אַ פּאָר מענטשן. מ'איז געווען פאַרשוויצט און פאַרשטויבט. ס'האָט זיך געוואָלט עסן ... און מ'איז געווען צופרידן־גליקלעך ...

ס'האָבן זיך נאָך געטראָגן איינצעלנע שיסערייען. די טויערן פון די הויפן זיינען נאָך געווען געשפּאַרט און פון יענער זייט טויערן זיינען געשטאַנען מענטשן דערשראָקענע, פּאַסיווע און האָבן געוואַרט מיט אומרואיקן אומגעדולד אויפן סוף פון קאַמף.

ס'האָבן זיך נאָך געהערט שיסערייען, נאָר מ'האָט שוין גע־וואוסט, אַז געזיגט האָבן די רויטע, די באָלשעוויקעס ...

אין הויף פון שטאַב, אויף סערעדניע גאַס נומער זעקס, האָבן זיך די צוריקגעקערטע שלאַכט־קעמפער אויסגעזעצט אויף בענק, און די שוואַרץ־חנעוודיקע רייע מיט דער בלאָנד־האָריקער מאַרוסיען

האָבן יעדער איינעם צוגעטראָגן אַ שיסל מיט הייס געקעכטס...
אייניקע אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונם עסן. זיי האָבן געכאַפּט
וועך ברויט, ווער אַ שטיק וואורשט, צי עפּעס אַ פּעקל מיט עסנווארג
און זײַנען אַוועק אַ היים זיך אויסרוען אַ פּאָר שעה און זיך זען
מיט ווייב און קינדער. סענדערל האָט זיך איצט אויך פון עסן אָפּגע־
זאָגט. ער האָט זיך געווענדעט צו מאַרוסיען:

— כ'האָב אַ קראַנקן טאַטן, אַ מאַמען, קליינע ברידערלעך מיט
אַ שוועסטערל... איך וואוין דאָ—אָ... דער דריטער הויף פון
דאַנען. גיב מיר אַ היים... זיי זײַנען הונגעריק!...

ליאָווקע גאַלאָוואַטע איז אונטערגעשפּרונגען:

— גיי, מאַרוסיע, גיב אים... איך קען אים דעם טאַטן זײַ־
נעם, דעם פרייליכן קבצן!...

און דוד פיינגאָלד האָט אַרומגענומען זײַן פרוי, וועלכע האָט
פון פרייד, וואָס איר מאַן לעבט, געוויינט. ער האָט איר אויף סענ־
דערלען אָנגעוויזן:

— אַ וואויל יינגל, אַ קלוג יינגל!...

— איך קען אים שוין, דוד — האָט רייזע געזאָגט — אַ טייער
יינגל!...

מאַרוסיע האָט אַרויסגעבראַכט אַ הילצערן קעסטל, אָנגעפילט
מיט געטריקנטע עפּל און בארן, הירזשענע גרויפּן און קאַרטאָפל,
אויבן אויף איז אַ שטיק סאַלע געלעגן און אַ גאַנץ לעבל ווייס ברויט.
זי האָט עס סענדערלען דערלאַנגט.

— נאַ, אַלעקסאַנדער, טראָג אַ היים!

דער טויער פונם הויז איז איצט געווען נאָר האַלב פאַרמאַכט.
מענטשן האָבן מיט פּחדנישן נייגיר געקוקט אויף די אַרבעטער, וואָס
גייען אַרויס פון שטאַב־הויף, טראָגן אויף די אַקסל אָנגעבונדן אויף
אַ רימען די ביקס און אין די הענט טראָגט מען לעבלעך ברויט,
פּעקלעך שפּייז...

— די זיגער גייען!... — האָט יאַנקל וועצפער שפּאָטיש
געזאָגט. נאָר קיינער האָט זיך אויף אים איצט ניט אומגעקוקט.

גרשון מלאך האָט זיך אַפילו געפּרואווט איצט אַ ווערטל־טאָן:

— די מאה, רב יאַנקל, האָט איר נאָך, אָבער די דעה שוין
ניט!...

אַלע האָבן געלאַכט פון דעם ווערטל, אַפילו יאַנקל וועצפער
אַליין אויך. נאָר גרשון איז געבליבן טרויעריק. די פיס האָבן זיך
אים אונטערגעהאַקט. דאָס האַרץ האָט אים געחלשט. דער קאָפּ איז

אים געגאַנגען כּאַדראַאַם... אינם האַלב־קעלער איז שייוועֶ געזעסן און געוויינט. די קינדער האָבן שוין די לעצטע סקאַרינקעס אויפגע־געסן און דאָ איז סענדער, ווי אין וואַסער אַריין... ווער ווייס, אפשר האָט מען אים דערהרגעט ?...

פלוצלונג האָט זיך צעעפנט דער טויער און סענדערל איז אַריין אין הויף. אויף די אַקסל איז אים געהאָנגען די ביקס און אין די הענט האָט ער געטראָגן אַ קעסטל מיט שפּייז...

— סענדערל!... — האָט גרשון אויסגעשריגן ניט טויט און ניט לעבעדיק — קום סענדערל־טאַטע גיכער. די מאַמע האָט שוין אויסגעוויינט די אויגן!...

ער איז פאַריוס אַראָפּגעלאָפן אין קעלער אָנזאָגן שייוועֶן די גוטע בשורה, אַז סענדערל גייט...

יאַנקל וועצפער האָט אַ קוק געטאָן אויף סענדערלן, אויף זיין ביקס און אויפן פּעקל. ער האָט מיט די גאָלדענע ציין אַ קריץ געטאָן:

— מיין פאַרמעגן, מיין קליים צעראַבעוועט, קבצנים!...

סענדערל האָט זיך אומגעקוקט אויף אים, נאָר ער האָט ניט געענטפערט. ער האָט בלויז מיט אַ ביטול אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אינם האַלב־קעלער.

שייוועֶ האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך אַנטישן אינם זון. זי האָט געוויינט, געלאַכט און אים געקושט. דערנאָך האָט זי צעלייגט אַ פייער אויף דער פּליטע אין קיך און זיך געשטעלט קאָכן מיטיק...

סענדערל האָט אַוועקגעשטעלט די ביקס אין קיך ביי זיין בעטל און געזאָגט צו דער מאַמען:

— ביז דאָס עסן וועט ווערן פאַרטיק זאָל מען נעמען דערווייל צו שטיקלעך ברויט מיט סאַלע. זשאַלעווע ניט, מאַמע, איצט וועלן מיר שוין מער ניט הונגערן!...

— רוף, סענדערל, אַריין די קינדער אַהער! — האָט שייוועֶ געזאָגט.

די קינדער זיינען אַריין אין קיך, זיך אַרומגעזעצט אַרום סענ־דערן און ער האָט זיי געטיילט שטיקער ברויט מיט פּיצלעך סאַלע און צו עטלעכע טרוקענע עפּלעך און באַרעלעך.

— עסט, קינדער, און געדענקט דעם טאָג!...

די ברידערלעך האָבן געקלעפּט אַרום סענדערלען און געשמאַק גע־געסן. און אין שטוב איז גרשון מלאך געזעסן איינער אַליין מיט אַ פאַרחלשט האַרץ און האָט געוואַרט ביז מ'וועט אים אַ רוף טאָן...

סענדערל איז אַריין אין צווייטן צימער מיט אַ שטיק ברויט און סאַלע.

ער האָט דערזען דעם פאַרשמאַכטן טאַטן און אים אונטערגעטראָגן.

— נאַ, עס, טאַטע!...

גרשון האָט געקוקט אויף סענדערן מיט זיינע דערשראָקן איבער־געקערטע ווילד־געוואָרענע אויגן. ער האָט אַרויסגעשטעקט אַ ווייסע, פאַרטריקנטע צונג, אַ פּיר געטאָן מיט איר איבער די ליפּן, זיך באַ־לעקט און האָט אויסגעשטרעקט זיינע לאַנגע הענט צום גאָב... מיטביידע הענט האָט ער געהאַלטן דאָס שטיק ברויט, אויף וועלכן עס איז אַ שטיק חזיר־סאַלע געלעגן, ער האָט ווילד צעעפנט דאָס מויל און אַ ביס געטאָן... טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פון זיינע אויגן. זיי האָבן באַנעצט, די טרערן, דאָס שטיק ברויט, אויף וועלכן ס'איז אַ ווייס שטיק חזיר־פעטס געלעגן... און די ציינער האָבן געביסן, געריסן, געקנאַקט און געקייט... די טרערן האָבן גערונען און דאָס פּנים גרשונס האָט אויסגעזען ווי פון אַ הונגעריקער חיה...

סענדערל איז צוריק אַריין אין קיך.

— מאַמע, איך וויל זיך אַ ביסל צולייגן...

ער האָט זיך נאָר אויסגעטאָן די שטיוול. די קינדער האָבן זיי פאַרחידושט באַטראַכט... ער האָט זיך מיטן אָנטאָן אַריינגעלייגט אין בעט. און ער האָט געזאָגט צו דער מאַמען זייער שטיל:

— מאַמע, זעסט. דער טאַטע, דער פרומער ייד, דער בראַסלאַ־ווער חסיד, עסט איצט סאַלע... אָט אַזוי איז דאָס לעבן, מאַמע... פריער נאַרט מען זיך אָפּ אין מענשן, דערנאָך אין גאָט... ער וועט איצט ווערן אַן אַנדער מענש, דער טאַטע!...

ביי שייוועס זיינען די אויגן מיט טרערן פאַרלאָפן געוואָרן, זי האָט שטיל געוויינט:

— רייד ניט, סענדערל, אַזוי וועגן טאַטן... ווען דו ווייסט זיינע געדאַנקען, זיינע מחשבות... ער זאָגט, אַז קיין ארץ־ישראל וואָלט ער געפאָרן, די ערד וואָלט ער געגראָבן און אַ שטיקל ברויט זיינע קינדער געגעבן...

— ארץ־ישראל?... מיר לעבן דאָ, מאַמע... דאָ וועלן מיר ארץ-ישראל האָבן!...

פון צווייטן צימער האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ כליפּן. מיט אַ צעבראָכענעם געמיט האָט רב גרשון תהילים געזאָגט:

„...אשרי האיש אשר לא האלך בעצת רשעים...”

און דער ניגון פון דעם פריילעך־טרויעריקן שטיף־טאַטן, דעם תהילים־ייד, האָט זיין נשמהלע געוועקט, ער האָט געקוקט אויף זיין

בלאָסער, שיינער און שטוינענדיקער מאַמען און ער האָט זיך צע־וויינט אויפן קול:

— מאַמע, מאַמע!... איך ווייס ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. אפשר דאַרף מען זיך ניט שלאָגן?!...

— קינד מיינס!..

ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, סענדערל, און שייוועס האָט אים אין קאָפּ אַ קוש געטאָן און האָט ביי זיך מיט מוטער־שטאָלץ געטראַכט: „פון וואַנען קומט צו אים אַזוינע רייד, אַזוינע געדאַנקען?... ער איז פּונקט ווי דער טאַטע זיינער, ווי מאָטל!...

39. דייטשן...

„די גאַנצע מאַכט די אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן און מאַ־טראָסן־דעפּוטאַטן!..." — אַזאַ איז געווען דער דעוויז פון טאָג. אַזוי האָבן געגערדט ווייסע פּאַפּירן מיט רויטע אויפשריפטן אויף ווענט און פּלויטן צעקלעפּטע. אַזוי האָבן געגרופן די רויטע סטענגעס מיט גאָלדענע אותיות, רויטע סטענגעס, אויפגעצויגענע איבער די גאַסן אין דער הויך פון איין מויער צום צווייטן...

עס זיינען געווען טעג פון קאַמף און שטורעם. עס האָבן זיך פאָרמירט, געשאַפן און אָרגאַניזירט מחנות, אַרמייען און באַנדעס... די בורזשואַזיע האָט אָן קאַמף איר מאַכט ניט געוואָלט אָפּגעבן... אויפן דרום־רוסלאַנד זיינען געווען: דעניקין און וראַנגעל, זעליאָ־נע און מאַכנאָ, גריגאָריעוו און פּעטליורא... — און זיי אַלע האָבן די באָלשעוויקעס באַקעמפט און פאַרניכטעט..

לאַנג האָט זיך קיין מאַכט אין אָדעס ניט געהאַלטן. מ'האָט שוין געוואוסט: איין חודש זיינען די רויטע ביי דער מאַכט, אַ צווייטן חודש די ווייסע...

און דאָ איז נאָך צוגעקומען אַ טיפוס מיט לייז, קעלט און הונ־גער... — דאָס זיינען אויך שרעקלעכע שונאים געווען... אויך דאָס האָט מען באַקעמפט.

פערצן פרעמדע מדינות האָבן אָדעס פאַרכאַפּן געוואָלט, זיך אַ רוק טאָן פון דאַנען ווייטער, איבער גאַנץ אוקראַינע, דערנאָך אי־בער רוסלאַנד און דערשטיקן די רעוואָלוציע. אינם שוואַרצן ים זיי־נען געשטאַנען שיפן מיט מיליטער פון פראַנצויזן, ענגלענדער, גריכן, טערקן און אַנדערע מלוכות... צו די פראַנצויזישע שיפן איז דער־

גאנגען דער רוף פונם רוסישן פראָלעטאַריאַט. דער מאַטראָס אַנדרעַ מאַרטי האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד. אין די אויסלענדישע בלעטער האָט מען געשריבן, אַז די באָלשעוויסטישע אַנשטעקעניש דרינגט אַריין אינם אויסלענדישן מיליטער. די אויסלענדישע אינ־טערווענטן זיינען געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן...

* * *

און דאַן האָבן אַריינגעמאַרשירט אין אָדעס די דייטשן.

זיי זיינען אַריין אין אָדעס, די דייטשן, ווי זיגער, נאָר אויפ־געפירט האָבן זיי זיך ווי רוצחים און היצעלס... מיט אייזערנעם טראָט פון שווערע, פרייסישע שטיוול, מיט גדלות פאַר זיך און דער־נידערונג פאַר יענעם — אָט אַזוי זיינען אַריין די דייטשן קיין אָדעס.

ווי ס'איז נאָר פינצטער געוואָרן, האָט מען זיך שוין אויף דער גאַס ניט געקענט באַווייזן... די באַפעלן פון דער דייטשישער מאַכט זיינען געווען קורצע און שטרענגע... פאַר יעדן „פאַרברעכן" — נאָר איין שטראָף: שיסן!...

ס'איז אָנגעפאַלן אַן אימה אויף די מענשן.

און דאָך:

דער קאַמף איז פאַרגעזעצט געוואָרן. מ'האָט זיך געשלאָגן מיט די דייטשן און מיט די העטמאַנצעס, די אוקראַינישע מאַריאָנעט־רעגי־רונג, וועלכע די דייטשן האָבן געשאַפן.

עס האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען אַן אונטערערדישע צייטונג.

סענדערל האָט איצט ניט גענעכטיקט אין דער היים. דער גביר יאַנקל וועצפער האָט צוריק אויפגעשטעלט זיין גרויסע קלייט אויף דער קאַסאַרקע. ער איז ביי זיך צוריק געוואָרן שטאָלץ און אַז ער האָט איינמאָל דערזען סענדערלען, האָט ער צווישן די גאָלדענע ציין אַ שפּיי געטאָן און שפּאָטיש געזאָגט:

— ביסט אויך אַ באָלשעוויק, אַ?... מיט דער ביקס געלאָפן, קלייטן צעראַבעווען!...

און צו גרשונען האָט ער געזאָגט:

— ווי קומט צו אַזאַ פרומען יידן, ווי איר, זיינט, אַזאַ ממזר? סיידן ער איז ניט אייער קינד!...

דער אָרימער קירזשנער האָט דערשראָקן זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן:

— וועמען מיינט איר דאָס, רב יאַנקל?...

— כ׳מיין טאקע דעם עלטערן אייערן, דעם, וועלכער איז מיט דער ביקס אומגעלאָפן!...

נאָך דעם פאַל האָט שוין סענדערל אין דער היים ניט געגעכ־טיקט. גרשון מלאך האָט מורא געהאַט, אז דער גביר, יאַנקל וועצפער, זאָל ניט אוועק צו די דייטשן און מוסרן סענדערן.

ער האָט געוואוינט איצט, סענדערל, ביי דוד פיינגאָלדן. זייער דירה, פיינגאָלדס, איז געווען אין שטאָט, אויף דער טיראַספאָלסקע גאַס, אויפן ערשטן שטאָק אין א הויף מיט א גאָרטן. זי איז באַשטאַ־נען, די דירה, פון א גרויסן שיינעם צימער, א גרויסער קיך און עפּעס א קליין צימערל, וואָס, אז מ׳וויל איז דאָס א קאַמער אויף צו האַלטן בעבעכעס, און אז מ׳וויל קען עס אויך דינען פאַר א צימער צום וואוינען. אָט דעם קאַמער האָט די שוואַרץ־חנעוודיקע רייע אויסגע־רייניקט, אויסגעפּוצט, אוועקגעשטעלט א בעטל, א טישל מיט א בענקל און עס איז געוואָרן סענדערלס אפּאַרטאַמענט...

דוד פיינגאָלד האָט איצט געאַרבעט אליין פאַר זיך. אַלע טאָג זיינען צו אים געקומען פאַרשידענע מענשן, עפּעס מיט זיך געבראַכט און עפּעס אוועקגעטראָגן... סענדערלן האָט דוד געהייסן נעמען א קויש מיט בייגל און אומגיין איבער די גאַסן זיי פאַרקויפן...

— צוליב וואָס? — האָט סענדערל געפרעגט — איך האָב פיינט האַנדל. איך וועל זיך אָפּזוכן אַן אַרבעט...

— מ׳דאַרף!... — האָט אים דוד געזאָגט. ער האָט אַרויפ־געלייגט זיין האַנט אויף זיין אַקסל, אים א קוק געטאָן אין פּנים אַריין. — מיר דאַרפן אונזערס א מענשן אויף דער גאַס. וועסט מיר דערציילן אַלץ, וואָס דו וועסט זען!...

ער איז אומגעגאַנגען, סענדערל, מיטן קויש בייגל איבער די קאַזאַרמעס, וואו די דייטשישע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען. ער האָט פאַרקויפט די בייגל און זיך איינגעהערט, וואָס מ׳רעדט...

— בייגל, בייגל! — האָט ער געשריגן — פרישע בייגל, זעל־נער, קויפט, האַלב אומזיסט, פרישע בייגל!...

ער איז שוין א היימישער געוואָרן ביי די זעלנער. ווי אַזוי מ׳האָט אים נאָר געזען פון וויטנס, האָט מען אים שוין אַליין גערופן:

— עיי, דו, יונגע מיט די פּרעצל, קאָם הער!...

אייניקע פון זיי האָבן שטיל גערעדט און אַלעמאָל דריי ווער־טער דערמאָנט: „רעוואָלוציע”, ווילהעלם” און „קאַמף”... די איבעריקע סאָלדאַטן זיינען פאַרביסענע געווען, מיט בייזע פּנימער, מיט ווילדע אויגן און מיט פוילע, שווערע טריט. זיי האָבן קיין סך

ניט גערעדט, זיי האָבן זיך נאָר פון מאָל צו צאָל געזידלט: „דאָ־
נערוועטער" און „רויטע פעסט"...

סענדערל האָט איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט דודן דערציילט:

— זיי האָבן אויפגעהאָנגען אויף דער דאָלניצקי גאַס דריי
אַרבעטער!...

— פאַרשאָלטענע דייטשן — האָט דוד געזאָגט.

אין אַ פאָר טעג אַרום האָט שוין סענדערל צייטונגען פאַרקויפט.
ער איז אַוועק אויפן פּערעסיפּ מיט אַ גאַנצן פּאַק „אָדעסער נייעס"
און „אָדעסער פּאָסט" און צווישן זיי איז די אומלעגאַלע, אונטער־
ערדישע צייטונג געווען... ער האָט אויף מענטשן שוין דערקענט אַן
אייגענעם, אַן אַרבעטער... אַנשטאָט אַן אָפיציעלע דערלויבטע צײַ־
טונג האָט ער אַן אומלעגאַלע געגעבן... און אַזוי האָט דאָס עטלע־
כע טעג געדויערט...

איינמאָל האָט אים צוגערופן אַ שוואַרצער יינגערמאַן, אָנגעטאָן
ווי אַן אַרבעטער, פּראָסט, און מיט אַ בלוי היטל מיט אַ געדעקטן
דאַשעק, אַזוי ווי מאָסקווער איינוואוינער טראָגן. ער איז געשטאַנען,
דער שוואַרצער יינגערמאַן, אַנטקעגן שיפבוי־זאַוואָד און האָט עמיצן
אונטערגעוואַרט. סענדערל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. די אויגן
זיינע זיינען אומרואיקע געווען, האָבן עפּעס געזוכט.. האָט ער אַ
קוק געטאָן, סענדערל, אויף זיינע הענט און באַמערקט: ווייסע הענט,
ניט ווי ביי אַן אַרבעטער... „ווער איז דאָס"... — האָט סענ־
דעל געטראַכט — אפשר עמיצער פון די אָנפירנדע חברים?... און
אפשר גאָר אַ שפּיק!..." ער האָט אים דערלאַנגט אַ צייטונג. דער
מענטש האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צייטונג און זיך שטיל צעלאַכט:

— „אָדעסער נייעס" איז ניט פאַר מיר!...

דער געלעכטער איז ניט קיין גוטער געווען. ס'איז געווען אַ גע־
מאַכטער געלעכטער. און סענדערל האָט געזאָגט:

— כ'האָב נאָך „אָדעסער פּאָסט"!

— ניין, יינגל, מיר דערלאַנג די „אונטערערדישע!...

סענדערל האָט אַ קוק געטאָן אויפן מענטשן אָן שרעק. ער האָט
אים געקוקט גלייך אין די אומרואיקע אויגן אַריין און געענטפערט
פעסט:

— אַזאַ צייטונג האָב איך ניט!

— האָסט!... — האָט דער פרעמדער געזאָגט — דערקענסט
גאָר קיין אייגענעם מענטשן ניט. ווייז אַהער אַ צייטונג...

סענדערל האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, תמעוואַטע אויף אים אַ קוק געטאָן.

— כ'האָב ניט !...

ער האָט זיך געלאָזט גיין, סענדערל. דער שוואַרצער יינגערמאַן האָט אַ געשריי געטאָן:

— שטיי !.. אָט וועל איך אַ קוק טאָן !...

אין דער רגע האָט אַ פייף פון דער זאַוואָדישער סירענע דורכ געשניטן די לופט. אַריבעטער זיינען פון די צעכן אַרויס. אָט זיינען זיי שוין ביים טויער. באַלד וועלן זיי אויף דער גאַס אַרויס. סענ־דערל האָט געגעבן אַ וואָרף דעם פּאַק צייטונגען דעם פרעמדן אין פּנים אַריין און אַליין האָט ער אָנגעהויבן לויפן... דער שוואַרצער יינגערמאַן איז אומגעפאַלן. ער האָט זיך אויפגעהויבן צעטומלט און ניט געוואוסט, וואָס פריער צו טאָן.. די אַרבעטער זיינען אַרויס פון טויער און האָבן אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די צייטונגען. דער פרעמדער האָט אָנגעהויבן פייפן. עס האָבן זיך באַלד דייטשישע סאָלדאַטן באַוויזן. מ'האָט אַרומגערינגלט דעם זאַוואָד... מ'האָט אָבער ביי די אַרבעטער אויסער די אָפיציעלע „אָדעסער נייע" און „אָדעסער פּאָסט" גאָרניט ניט געפונען... די אונטערערדישע צייטונגען זיינען פון האַנט צו האַנט אַוועק, פאַרבאַהאַלטן געוואָרן אין אַ זיכער אָרט און נאָך דעם אונטערזוך האָבן אַלע אַרבעטער זיי געלייענט...

אויפדערנאַכט איז ביי דודן ליאָווקע גאַלאָוואַטע געווען. ער איז געווען זייער מיד. ער האָט עפּעס דערציילט זייער אַ וויכטיקע נייס... דערנאָך האָט ער צו סענדערלען געזאָגט:

— היינט שלאָף איך מיט דיר. ווילסט מיט מיר שלאָפן ?...

— איך וויל, ליאָווע !...

די שוואַרץ־חנעוודיקע רייע האָט דערלאַנגט צום טיש אַ גרויסע שיסל הייסע קאַרטאָפל און אויף טעלערלעך פאַר יעדן באַזונדער צו שטיקלעך פעטן האָלענדישן הערינג. מ'האָט געגעסן מיט גרויס אַפּע־טיט. מ'האָט געלאַכט און מ'האָט אַלעמאָל געהייסן סענדערלען איבער־דערציילן די פּאַסירונג זיינע מיט די צייטונגען... כאָטש ליאָווקע גאַלאָוואַטע איז שטאַרק אויסגעמאַטערט און שלעפעריק געווען, האָט ער געלאַכט מער פון אַלעמען און מיט גרויס הנאה... ער האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זיין געלעכטער, ליאָווקע, און עס האָט זיך געדוכט, אַז ער לאַכט זיך אויס פאַר זיין גאַנץ לעבן... דערנאָך

האָט ער ערנסט אויף סענדערן אַ קוק געטאָן און זיך געווענדעט צו דודן:

— מער מיט קיין צייטונגען זאָל ער ניט גיין!...

עס איז אָנגעקומען דער פעטער מאַטוויי. ער האָט זיך אויך גע־זעצט צום טיש עסן. אַ ווײַלע האָט מען געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— לעבן אונזער זאַוואָד האָט היינט עפּעס אַ יאַטל צייטונגען געבראַכט. און דער גוטער יאָר האָט אים אָנגעטראָגן, דעם בענקערט, פּונקט דאָן, ווען דער שפּיק לאַפּאַטין האָט מיט אַ ווזוואָד דייטשישע סאָלדאַטן ארומגערינגלט אונזער זאַוואָד. דער שפּיק האָט, ווייזט אויס, דערשמעקט, אַז ביים יינגל זיינען צווישן די צייטונגען אויך אונטערערדישע פאַראַן... איך ווייס ניט, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן יינגל און דעם אויסוואורף, נאָר איין זאַך האָבן מיר באַ־מערקט. דאָס יאַטל האָט אַ וואָרף געטאָן די צייטונגען לאַפּיטינען אין פּנים און אַליין איז ער אַנטלאָפן... לאַפּיטין איז אומגעפאַלן. מיר האָבן די צייטונגען צעכאַפּט און עס איז געוואָרן פריילעך!... די דייטשן האָבן ביי אונז געזוכט, נאָר זיי האָבן אַ פייג געפונען!...

ליאָווקע גאַלאָוואַטע האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען, דערנאָך אויפן אַלטן, אויפן פעטער מאַטוויי, און האָט מיט אַ געלעכ־טער אויסגעשריגן:

— אָט איז ער, דער שולדיקער!...

דער פעטער מאַטוויי האָט גוטמוטיק אָנגענומען סענדערלען פאַר אַן אויער און האָט זיך פון געלעכטער איינהאַלטן ניט געקענט.

— מאַלאַדיעץ אַלעקסאַנדער!... נאַ, ברידערל, מער דיין נאָז זאָלסטו שוין ניט באַווייזן אויף דער גאַס!...

ס'איז געוואָרן שטיל. דוד פיינגאָלד האָט געזאָגט:

— לאַנג וועט זייער ממשלה ניט געדויערן. די רויטע ארמיי גרייפט אָן, מיט גיגאַנטישע טריט גרייפט זי אָן!...

— יאָ, — האָט ליאָווקע גאַלאָוואַטע מיטגעשטימט — מיר קע־נען וואַרטן פון טאָג אויף טאָג!... — ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין קעמערל — אַ גוטע נאַכט, חברים!...

— אַ גוטע נאַכט, ליאָווע!...

דער פעטער מאַטוויי איז אַ היים געגאַנגען. רייע האָט אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען.

— נו, גיי אויך שלאָפן, שיין־בחורל!...

אויפן אַנדערן טאָג האָבן די דייטשן ליאָווקע גאַלאָוואַטען גע־

כאַפּט. ער איז איבער דער גאַס געגאַנגען. צו אים איז צו אַ דייטשי־שער אָפיצער און געפרעגט:

— דו ביסט ליאָוועקע! זאָג, אַז ניין?...

ער האָט פאַרשטאַנען, גאַלאָוואַטע, אַז מ'האָט אים דערקענט. לייקענען איז ניט געווען קיין זין. זיך ראַטעווען איז אומעגלעך גע־ווען. דייטשישע זעלנער זיינען אַרום אים געווען...

—יאָ, איך בין ליאָוועקע גאַלאָוואַטע!...

לעבן אַ גרויסן אַלטן אַקאַציע־בוים, אויף דער פּרעאָבראַזשענ־סקי גאַס, אין מיטן העלן טאָג, האָט אַ דייטשישער אָפיצער דעם אַרבעטער ליאָוועקע דערשאָסן... קאַלט און אַכזריותדיק האָט דער „אינטעליגענטער" דייטש זיין טייוולשע אַרבעט געטאָן. ער האָט אויף דער גאַס געשאָסן אַ מענטשן און זיך ניט געשעמט פאַר קינדער, פרויען און אַלטע לייט, וואָס זיינען אויף דער גאַס געווען...

אינגיכן האָבן אויך די דייטשן, ווי די איבעריקע ווייסע אַרמייען, אינטערווענטן און באַנדעס, די שטאָט פאַרלאָזן. די רויטע אַרמיי האָט די שטאָט פאַרנומען. און באַלד זיינען ווידער „ווייסע" אָנגעקומען... דערנאָך ווידער „רויטע"...

אָט אַזוי איז דאָס געווען אין די יאָרן 1918, 1919 און 1920... דערנאָך האָט זיך אַנטגילטיק די מאַכט פון די סאָוועטן איינגע־שטעלט...

40. ערשטער אָדעסער פּאָלק

דאָס מאָל זיינען די „רויטע" אין שטאָט פאַרבליבן לענגער, ווי פריער. די מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן. ס'האָט זיך גע־שאַפן אַ רעגולערע רויטע אַרמיי, די אַרבעטער און אָרימע־לייט האָט מען אָנגעהויבן איבערזעצן פון די פינצטערע, נאַסע און קעלער־שטיבער אין די גרויסע ליכטיקע אַפּאַרטאַמענטן פון די אַנטלאָפענע גבירים... נאָר דאָס לעבן איז נאָך אומרואיק געווען. אַלץ איז געווען טייער. פיל מענטשן האָבן געהונגערט... זאַלץ איז טייערער געווען פון צוקער. פאַר אַ ניקל־בעט האָט מען געגעבן אַ לעבל ברויט. מיט פּאַפּיר־געלט האָט מען זיך געוואָרפן. ניט יעדערער האָט דאָס געוואָלט נעמען. און ביי אַ פּראָסטן פויער אין שטוב, אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון אָדעס, זיינען אויף דער וואַנט מיט אַ מאָל צען זייגערס

געהאָנגען... אין שטאָט און אין דאָרף האָט מען נאָך אַלץ געשמועסט:

— די „ווייסע" האָבן זיך געהאַלטן אַ חודש, וועלן די „רויטע" דאָ צוויי זיין... זיי וועלן גיך אַוועקגיין...

— געלט איז פּאַפּיר. יעדער מאַכט לאָזט אַרויס איר געלט, דער־נאָך איז אויס מאַכט און אויס געלט... אָט זיינען די „קערענקעס", „גלעקער", „ניקאָלייעווקעס", „העטמאַנטשיקלעך", „פּעטליורטשי־קעס" און „לענינקעס"... כאָטש קלעפּ אויס די ווענט פאַר אַ ציר־רונג מיט דעם אָ געלט... ניין. קיין פּאַפּירן געלט נעמען מיר ניט. מיר בייטן נאָר זאַכן אויף זאַכן...

און די מאַכט פון די „רויטע", פון די סאָוועטן, האָט נאָך אַלץ געדויערט... אין אָדעס האָט זיך געשאַפן אַ פּאָלק און די בעסטע מענטשן, יינג און אַלט, זיינען אַהין אַוועק. דאָס איז געווען דער ער־שטער אָדעסער פּאָלק, וואָס איז אַוועק אויפן פראָנט קעמפן מיט די ווייס־גוואַרדייאישע אָיפּצערן, מיט דער רוסישער קאָנט־רעוואָלוציע און מיט דער אויסלענדישער אינטערווענץ.

אויף דער סטאַראָפּראַנקאָווסקי גאַס אין אַ קאַזאַרמע איז געווען דער פּאָלק. דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק איז געווען דער אַרבעטער פונם אָדעסער שיפבוי־זאַוואָד וואַסיוטין. דאָס איז געווען אַ הויכער יינג מיט אַ ברייטער, גבורישער ברוסט, מיט גרויסע פאַרהאַרטעוועטע אַרבעטער־הענט און מיט אַן אָפן, שיין, ליכטיק פּנים. זיין פאַר־טרעטער איז געווען אַנשל, דוד פיינגאָלדס ברודער.

סענדערל איז אַוועק אין פּאָלק. דער קאָמאַנדיר זיינער פון דער ראָטע איז געווען ווידער אַמאָל דער אַלטער מאַטוויי. ער האָט דאָ געטראָפן, סענדערל, פיל באַקאַנטע אָדעסער אַרבעטער. אָבער מע־רער פון אַלץ האָט אים געוואונדערט דאָס, וואָס אין דעם פּאָלק האָט ער אויך געטראָפן אייניקע גנבים, וועלכע ער האָט נאָך געקענט פון אַמאָל, ווען ער האָט אויף דער שפּיטאָל־גאַס נומער ניין געוואוינט. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן, די גנבים, אין לעדערנע רעקלעך, אין רויטע הויזן, אויף די שוואַרץ־גלאַנציקע שטיוול זיינען ווייס־זילבערנע קלינגענדיקע שפּאָרן געווען, אויף די לענדן שווערדן, אויף די אַקסל ביקסן און אויפן בויך אין אַ רימען אַריינגעלייגט אַ גרויסער רעוואָלווער... און אַלע האָבן זיי געהאַט אייגענע פערד און זיינען געווען פאַרעכנט אין דעם פּאָלק אַלס רייטער אינם אויסשפּיר־וזוואָד... דער קאָמאַנדיר פון דעם רייטער אויסשפּיר־וזוואָד איז געווען שעפּע בלאָך. ער האָט זיך באַגעגנט, שעפּע, אין הויף פון

קאזארמע מיט סענדערלן און אים, ווי א קלענערן ברודער, ארומ־גענומען.

— קלאָר, סענדערל. אזא יאט, ווי דו, דאַרף אין דעם פאָלק זיין!... — און ער האָט באַלד פריילעך צוגעגעבן: — גע־דענקסט, סענדערל, אונזער ארבעט?... אונזער דורכגעפאַלענע ארבעט?... איך האָב געטרוימט ווערן באַגליקט און מער קיין גנב ניט זיין... דו האָסט געטרוימט זיך לערנען שפּילן אויפן פידל ביי א פּראָפעסאָר... אָט איצט, סענדערל, גייען מיר אויף א זיכערע ארבעט!... — און ער האָט אים געגעבן צו פארשטיין דעם זין, פארוואָס ער און נאָך אזוינע ווי ער, גנבים, זיינען אוועק אין פאָלק.

— איצט בין איך שוין מער ניט קיין גנב. די נייע מאכט גיט מיר די מעגלעכקייט צו זיין א מענטש צוגלייך מיט אַלע. נאָר די מאכט קען געבן גליק יעדער מענטשן. נאָר ביי די באָלשעוויקעס קען דער טרוים פון יעדער לײדנדן מענטשן פארווירקלעכט ווערן!... אָבער פאַר־שטייסט, מ׳לאָזט אונז ניט... די קאָנטרא לעבט נאָך... און איך האָב צונויפגענומען מיינע יאַטן און זיי געזאָגט: איצט איז א נייע מאכט, א נייע אָרדענונג. די באָלשעוויקעס שלאָגן זיך פאַרן גליק פון מענטשן... מ׳גיט איצט אונז א מעגלעכקייט צו ווערן מענטשן, ניי־געבוירענע מענטשן... צי ווילט איר אויך ביי דער מאכט זיין גנבים, ווי פריער?... איז ווער?ן ווער איר באַגנבענען דעם ארבעטער, דעם פויער?... יאָ, זיי זיינען מיט מיר צוזאַמען אוועק אהער אין פאָלק. — ער האָט שווער א זיפץ געטאָן, שפּעט — נאָר ווער וויים, צי זיי וועלן אויסהאַלטן ביזן סוף?... פאַר זיך בין איך זיכער. איך בין אינגאנצן אַן אַנדערער געוואָרן, אָבער פאַר זיי בין איך ניט זיכער...

ער איז אוועק, שפּעט, און סענדערל האָט נאָכגעקוקט נאָך די טריט פון זיינע גלאַנציקע שוואַרצע שטיוול מיט די ווייסע קלינגענ־דיקע שפּאָרן. און ער האָט אויך א זיפץ געטאָן, סענדערל:

— ווער וויים, צי זיי וועלן אויסהאַלטן ביזן סוף!...

נאָר צוויי וואָכן האָט מען געלערנט מאַרשירן און שיסן. אויף דער דריטער וואָך ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, האָט זיך אַן אַליאַרם אין קאַזארמע אויפגעהויבן. עמיצער האָט געקלאַפּט אין א פויק. דער אַלטער מאַטוויי איז אריין מיט א געשריי:

— סטאַנאָוויס!...

מ׳איז אראָפּ פון די נאַרעס, אויף וועלכע מ׳איז געשלאָפן. מ׳האָט געכאַפּט די ביקסן און מ׳איז ארויס אויפן הויף. ס׳איז געווען

פינסטער און קאַלט. אַ דריבנער רעגנדל האָט געטריפט. מ'האָט גאָר־
ניט ניט געזען, כאָטש אַן אויג נעם אַרויס... מ'האָט געטאַפּט
איינער דעם צווייטן. אינם גאַנג. אויפן וועג, האָט מען זיך אָנגעטאָן,
די ביקסן אָנגעלאָדן. אין הויף איז געווען שטיל און חושך...
איינער דעם צווייטן האָט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?...

— די „ווייסע"!...

— עס קען ניט זיין!...

און באַלד זיינען צוויי רויט־אַרמייער אַרויס מיט ברענענדיקע
שטורקאַצן אין די הענט און דער גרויסער שוואַרצער הויף איז באַ־
לויכטן געוואָרן. דער גאַנצער פּאָלק איז געווען אויסגעשטעלט אין פיר
רייען. אויפן רעכטן פלאַנג האָבן זיך די רייטער פון דער אויסשפּי־
רונג אויף זייערע אָדלער־פערד געפינען. עס זיינען אַרויס אַנדריי
וואָסיוטין. און אַנשל פיינגאָלד, ביידע אָנגעטאָן אין גרויע שפּיציקע
היטלען פון וועלכע עס האָבן גרויסע רויטע שטערן צו אַלעמען גע־
קוקט. אַ קאָמאַנדע האָט דורכגעשניטן די לופט:

— סמירנאָ!...

אַנדרעי וואָסיוטין האָט אַ קורצע רעדע געהאַלטן. אַנשל פיינ־
גאָלד האָט פאַר עפּעס געדאַנקט. מ'איז צוריק אַריין אין קאַזאַרמע,
מ'איז אַרויף אויף די הילצערנע נאַרעס, זיך צוריק לייגן שלאָפן...

— ס'איז נאָר אַן אַליאַרם, אַ פּרואוו געווען!...

אָבער קיינער האָט מער שלאָפן ניט געקענט. מ'האָט שוין גע־
וואַסוט. מאָרגן פאָרט דער פּאָלק אויפן פראָנט אַרויס...

— — —

דער טאָג איז וואַרעמלעך געווען. די גאַסן באַלעבטע, אַ פּאָלק
רויט־אַרמייער מיט ביקסן אויף די אַקסל און מיט קלימפּקלעך אויף
די פּלייצעס איז איבער די גאַסן געגאַנגען מיט פריילעכן געזאַנג און
די מוזיק פאַרויס האָט צוגעשפּילט... טויזנטער מענשן זיינען נאָכ־
געגאַנגען דעם פּאָלק. יעדער איינער האָט באַגלייט אַ טאַטן, אַ זון,
אַ ברודער, אַ מאַן... און אין דעם פּאָלק, אין דער צווייטער ראָטע
פון ערשטן באַטאַליאָן האָט סענדערל געשפּאַנט. און צווישן די פיל
באַגלייטער איז נאָכגעגאַנגען אַ יידענע. דאָס איז געווען אַ קליינ־
וואוקסיקע פרוי, אָנגעטאָן אין אירע שבתדיקע, בעסטע קליידער. און
כאָטש זי איז געווען בלאַס און פאַרמאַטערט פונם שווערן לעבן איז
זי נאָך געווען יינג און שיין. זי האָט ניט געקענט נאָכגיין דעם ריט־

מיש־האַסטיקן טראָט פון פּאָרויס־שפּאַנענדיע רויט־אַרמייער, איז זי זיי נאָכגעלאָפן. זי האָט געכליפּעט:

— סענדערל, סענדערל!..

אויפן וואָקזאַל האָט די מוזיק געשפּילט. רויט־אַרמייער האָבן געטאַנצט. אייניקע האָבן מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייערע טאַטע־מאַמעס געשמועסט... דער צוג איז שוין געשטאַנען גרייט.

סענדערל האָט דער מאַמעס האַנט אין זיינער געהאַלטן. ער האָט זי געטרייסט:

— זאָרג ניט, מאַמע. עס וועט זיין גוט. אָט, זאָל זיך נאָר ענדיקן?...

און דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פייף געטאָן. אַלע זיינען אין די וואַגאָנען אריין. דער צוג האָט זיך פון אָרט גערירט. ווייסע טיכלעך מיט הענט האָבן זיך אין דער לופט אַ הויב געטאָן. סענדערל איז צום פענצטער צו. דער צוג איז אַוועק פאָרויס. מענשן פון וואָקזאַל זיינען זיך צעגאַנגען. און נאָר זיין קליינינקע, שיינע מאַמע איז איינע אַליין אויפן פּעראָן געשטאַנען, נאָכגעקוקט דעם אַפּגייענדיקן צוג און האָט געפאָכעט מיט אַ ווייס טיכעלע...

די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. די רומינער מיט דער הילף פון די ווייס־גוואַרדיער האָבן בעסאַראַביע פאַרכאַפּט. זיי האָבן געדראָט אויף אָדעס צו גיין און די רויט־אַרמייער פונעם אָדעסער פּאָלק האָבן זיך געוווּרטלט:

— מיר וועלן זיי ווייזן, די ציגיינער ווי אַזוי אַ מאַמאַליגע צו קאָכן!...

קיין טיראַספּאָל איז מען געקומען ערב דעם ערשטן מאַי. אין שטאָט איז אומרואיק געווען. רויט־אַרמייער אין שוואַרצע קוטשמעס מיט רויטע לאַמפּאַסן אויף זיי, האָבן זיך אין די גאַסן ארומגעדרייט און געקוקט מיט בייזע אויגן אויף די פריש־אָנגעקומענע רויט־אַרמייער, וועלכע האָבן געטראָגן זומערדיקע כאַקי־היטלען מיט רויטע שטערנדלעך...

סענדערל איז „וועסטאַוואַי" אין שטאַב־קוואַרטיר געווען. און ער האָט צופעליק אונטערגעהערט, ווי אַזוי וואַסיוטין האָט צו אַנשלען געזאָגט:

— ער געפעלט מיר ניט גריגאָריעוו. זיינע רויט־אַרמייער גייען אום ווי די באַנדיטן איבער די גאַסן... עפּעס נישטערן זיי מיט בלוטדורשטיקע אויגן...

און ער האָט זיך דערמאָנט, סענדערל, אָן די רויט־אַרמייער, וועלכע ער האָט היינט בייטאָג אויף אַ גאַס געזען, אַלע אין שוואַרצע קוטשמעס מיט רויטע לאַמפּאַסן אויף זיי און ביי קיין איינעם קיין רויטער שטערן ניטאָ... עפּעס האָבן זיי געקוקט ווילד און בייז, ניין, אים, סענדערלען, געפעלן זיי אויך ניט...

דעם ערשטן מאַי איז מען אַרויס אויף די גאַסן מיט רויטע פאָנען, מיט מוזיק און מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. דער ערשטער אָדע־סער פּאָלק האָט מאַרשירט פריילעך און ערנסט. פאָרויס אויף אַ ווייסן פערד איז וואַסיוטין געפאָרן... דעם פּאָלק אַנטקעגן זיינען די גריגאָריוועצעס געגאַנגען. זיי האָבן מיט פאַרביסענע שמייכעלעך געקוקט אויף די רויט־אַרמייער פונם אָדעסער פּאָלק... זיי פאָרויס אויף אַ שוואַרצן פערד איז אַליין גריגאָריעוו, דער אַטאַמאַן, געפאָרן. ער האָט פון אונטער שווערע, דיקע ברעמען מיט גרינע פייערלעך פון צערייצטע, ווילדע אויגן געקוקט. דאָס געזיכט איז געווען שוואַרץ און בייז. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און שווייגנדיק באַגריסט וואַסיוטינען...

אַלע האָבן געפילט, אַז קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויס...

און אַנטקעגן, אויף יענער זייט דניעסטער, זיינען די רומינער מיט רוסישע ווייסע אָפיצערן געשטאַנען, זיי האָבן געקוקט, ווי די „רויטע" פייערן זייער יום־טוב, און זיי האָבן אָפּגעוואַרט, ניט גע־שאָסן...

פוןביידע זייטן דניעסטער איז מען איינס אַנטקעגן אַנדערן גרייטע געשטאַנען אָנצוהויבן דאָס געשלעג...

אויפדערנאַכט איז נאָך איין טייל אין שטאָט אַריין. דאָס איז געווען אַ גרויסע רעגולערע טייל. אַלע אָנגעטאָן אין כאַקי־קליידער, מיט שפּיציקע היטלען און מיט רויטע שטערנס. די גריגאָריעוועצעס האָבן שטילערהייט די שטאָט פאַרלאָזט און זיינען לויט אַ באַפעל פון העכסטער קאָמאַנדשאַפט אַוועק אויף יעליסאַוועטגראַד זיך שלאָגן מיט די פּעטליוראָוועצעס. אין יעליסאַוועטגראַד האָבן די גריגאָריע־וועצעס פאַראַטן. זיי האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן און זיינען אַריבער אויף דער זייט פון פּעטליורען...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אויך דער ערשטער אָדעסער פּאָלק די שטאָט טיראַספּאָל פאַרלאָזט. מ'איז אַוועק אויף דובאָסאַר.

אין איינער פון די טשעפּלושקעס פון דעם צוג, צווישן די רויט־אַרמייער איז געזעסן דער וויזוואָדנע קאָמאַנדיר פּאַוולאָ אָסטאַפּענקאָ. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מונדיר מיט רויטע קאַנטן.

אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ היטל מיט געלע קאַנטן און מיט אַ געלן אָקאָלעשעק. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גרויע קליינע אויגעלעך און פון צווישן די בלאָנדע וואָנצן האָט אַ כיטרע שמייכעלע זיך פאַר־אויס געריסן... ער האָט באַטראַכט די יינגע חברה פון טעפּלושקע. צום מערסטן טייל יידישע אַרבעטער־ייִנגלעך פון אָדעסער מאָלדאָ־וואַנקע... און ער האָט אָנגעהויבן צו חוזקן:

— אוי, קינדערלעך, אַז די ווייסע אָפיצירן מיט די שוואַרצע רומינער וועלן אויף אייך אָנהויבן שיסן, וועט איר אָנהויבן צו שרייען טאַטעניו, מאַמעניו!.. איי, ניט אופן פראָנט, נאָר ביי די מאַמעס קליידלעך, דאַרפן אַזוינע קינדער ווי איר זיין!... וואָס־זשע דאָס לעבן איז אייך נמאס?...

חברה האָבן געלאַכט פונם ווזוואָדנעס וויצן. נאָר עטלעכע זיי־נען ערנסט געוואָרן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז קאָנטר־אַגיטאַציע...

— וואָס רעדט ער?...

— ער אַגיטירט!...

— ס'איז וואָרים...

איינער, אַ ייִנגל מיט אַ ווייס, שיין פּנים, מיט רויטע, שיינע ליפּעלעך, נאָר, אַז מ'האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין הויכער ברוסט און אויף זיינע גרויסע הענט, האָט מען דערזען, אַז דאָס איז אַ יונג אַ גבור, ס'אַ טרעגער־ייִנג. און דאָס איז טאַקע אַ טרעגער־ייִנגל געוועזן פונם אָדעסער האַפן. ער איז צוגעגאַנגען צו סענדערלען און אים געזאָגט:

— די קאָנטרא שרעקט די יאַטן!...

— העלף מיר נאָר אונטער, חיימקע — האָט סענדערל גע‏ענט־פערט — וועסט באַלד עפּעס זען!... — און ער איז צו צום ווזוואָדנע קאָמאַנדיר — פעטערל, וואָס שרעקסטו די געגנדז?...

אַסטאַפּענקאַ איז אויפגעשפּרונגען. ער איז בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז?

— וואָס איז?... — האָט סענדערל אַ געשריי געטאָן — דו דאַרפסט צוגעבן מוט די חברה, און דו שרעקסט זיי גאָר, דערציילסט זיי גאָר באָבע־מעשיות!...

דער ווזוואָדנע איז געקומען צו זיך. ער האָט אויסגעזעצט אַ געמאַכטן געלעכטער.

— וואַט טשודאַקי.. ווי רופט מען דיך?... אַך, דאַ!... סענדער, אַלעקסאַנדער, סאַשקע!... איז הער, שנעק. איך רייד

דאָך מיט זיי ווי אַ טאַטע מיט קינדער. אין שפּאַס, און דו מיינסט ערנסט...

חיימקע איז אונטערגעשפּרונגען און האָט אים אונטער דער נאָז אַ גרויסן פויסט אוועקגעשטעלט.

— וועסט ביי מיר זיין אַ טאַטע! איך שפּיר שוין נאָך דיר לאַנג, דו קאָנטרא!... געדענק!...

אסטאַפּענקאָ איז געוואָרן בלייך. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן און זיך בעטן:

— קינדער, וואָס איז דאָס מיט אייך, קינדער!...

— קינדער?...

אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער... נאָר פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי און עס איז שטיל געוואָרן. מ׳האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טירן און פענצטער. פון ביידע זייטן פון צוג אַנטקייגן האָט זיך געטראָגן אַ רחבותדיק פעלד. ניט פון פעלד האָבן זיך די שאָסן געטראָגן, נאָר פון איינעם אַ וואַגאָן פון דעם צוג. פריער האָבן קוילן פון איינצעלנע ביקסן זיך געטראָגן מיט פייף און דערנאָך האָט אַ קוילן־וואַרפער אָנגעהויבן צו קלאַפּן... דער צוג איז געבליבן שטיין אינמיטן פעלד. אַלע זיינען אַרויס פון די וואַגאָנען מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. דער פעטער מאַטוויי האָט זיך לעבן זיין ראָטע באַוויזן. ער האָט מיט דער רעכטער האַנט פאָראויס אַ מאַך געטאָן, באַוויזן די ריכטונג און מיטן גאַנצן כוח זיך צעשריגן:

— לאָזשים!...

מ׳האָט זיך אין אַ צעשאָטענער קייט צעלייגט אויף דער ערד. און באַלד זיינען פון וואַגאָן, פון וועלכן מ׳האָט געשאָסן, אַרויס אַ צוואַנציק מענשן מיט אַ קוילן־וואַרפער און זיך אוועקגעשטעלט קייגן דעם גאַנצן פּאָלק, וואָס האָט דעם צוג באַלאַגערט... קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. מ׳האָט נאָר געזען פאַר זיך אַ באַנדע גנבים, בראש מיט ראַובעלע יאַזווע, אַ הויך געשטופּלטן יינג... פון דעם איינציקן ערשט־קלאַסיקן וואַגאָן האָט זיך אַ כליפּען פון אַ פרוי דערהערט, דערנאָך וואַסיוטינס אַ געשריי:

— באַנדיט, שיסן!...

און באַלד האָט זיך באַוויזן אַנדרעי וואַסיוטין אין באַגלייטונג פון אַנשל פיינגאָלדן און מיט נאָך עטלעכע מענשן אין לעדערנע רעקלעך... דאָס זיינען געווען אויסשפּירער פונם רייטער־ווזוואָד. צווישן זיי איז איצט געשטאַנען שעפּע בלאָך מיט אַ צעבלוטיקט פּנים און איינער מיט אויף הינטן פאַרבונדענע הענט... סענדערל

האַט אים דערקענט, דעם גנב שמוליקל בער, אַ געזונטער פּאַרוואַק־סענער ייִנג, הויך און ברייט, מיט אַ שווערן טראַט, ווי אַן אמתער בער... וואַסיוטין איז צוגעגאַנגען צו די ייִנגען מיטן קוילן־וואַרפער און זיך געווענדעט צו ראָובעלע יאַזווען:

— צוליב דעם האָב איך אייך צו זיך אין פּאָלק גענומען, אַז איר זאָלט ביי מיר באַנדיטן זיין?... קיינער האָט אייך ניט גע־צוואונגען. די רעוואָלוציע דאַרף אַזוינע ניט. גייט אייך! . איר זייט פריי!... — און ער האָט אויף שפּעטן באַוויזן — דעם קאָ־מאַנדיר געשלאָגן. פאַרוואָס?... ווייל ער וויל אַ מענטש זיין?...

— דערנאָך האָט ער אויף שמוליקל בער געוויזן — איבער אַזאַ אויסוואָורף מאַכט איר אַן אויפשטאַנד?... אומשולדיק בלוט ווילט איר פאַרגיסן?... אַ ברודער אויף אַ ברודער?... אַנשטאָט מיטן שונא זיך שלאָגן, פאַרפירט איר גאָר געשלעג צווישן זיך?... גייט!.. איר זייט פריי!..

ס׳איז געוואָרן שטיל. אַלע זיינען געשטאַנען און געשוויגן און מיט אַמאָל האָט זיך ראָובעלע יאַזווע פון אָרט אָפּגעריסן און איז צו צום געבונדענעם שמוליקל בער. ער האָט אים מיטן פויסט אין פּנים דערלאַנגט. און צו וואַסיוטינען זיך געווענדעט:

— חבר קאָמאַנדיר, הייסט, איך וועל אים שיסן!...

— מ׳דאַרף ניט, — האָט וואַסיוטין געזאָגט — מ׳דאַרף ניט. מיט אייך איז אַזוי. אָדער איר מאַכט אַן אויפשטאַנד דערפאַר, וואָס איך האָב אַזאַ אויסוואָורף אַרעסטירט. און אַז איר זעט, אַז איך האָב געהאַט רעכט, ווילט איר אים שוין שיסן... ניין, אַזוי טויג ניט. דאָס ערשטע מאָל באַגנעדיק איך אים. און אויף ווייטער זעט.. פאַרקויפט ניט די רעוואָלוציע פאַר אַ טאָפּ לינזן אָדער פאַר אַ ווייבעריש קליידל...

מ׳האָט שמוליקל בער צובונדן די הענט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פייף געטאָן.עמיצער האָט געשריגן: „פאָ וואַגאָנאַם!..."

מ׳איז צוריק אַריין אין די „טעפּלושקעס" און מ׳איז געפאָרן ווייטער... צוליב דער געשעעניש האָט מען פאַרזען, אַז דער ווזוואָדנע פּאָוולאָ אסטאַפּענקאָ איז נעלם געוואָרן...

און געשעען איז אָט וואָס:

די מעדיצין־שוועסטער אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, אַ שיין, בלאָנד מיידל, איז אַריין אין וואַגאָן פון די אויסשפּירער אַ קוק טאָן, לויט איר אויפגאַבע, צי אַלע זיינען געזונט, צי מ׳דאַרף עפּעס ניט, אַזוי ווי זי האָט עס ביז איצט געטאָן אין אַנדערע וואַגאָנען און טעפּלוש־

קעס. דער אויסשפירער שמוליקל בער האָט מיט איר פּאַרפּירט אַ שמועס און האָט אָנגעהויבן צו איר זיך טשעפּן... דער קאָמאַנ־דיר פון די אויסשפירער שעפּע בלאָך, האָט זיך אַריינגעמישט און געשטערט באַלײדיקן דאָס מיידל, זיינען אַלע אויף דער זייט פון שמו־ליקל בער אוועק... מ׳האָט שעפּען נאָך גוט צעפּאַטשט... אין דעם וואַגאָן איז אַריין אַליין דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק. ער האָט אַריינגע־רופן צו זיך שעפּען, דאָס מיידל און שמוליקל בער... אַז ער האָט פעסטגעשטעלט די שולד שמוליקלס, האָט ער אים געהייסן בינדן די הענט און אַרעסטירן... ער האָט געוואָלט אַ באַװײזלעכן געריכט איבער אים מאַכן, נאָר ראָובעלע יאַזווע האָט אופגעהויבן אַ בונט... ער איז אַריין צו וואָסטינען און אין נאָמען פון די אויסשפירער געפאָדערט, אַז מ׳זאָל זייער חבר באַפרייען. מאָטיווירט האָט ער, אַז איבער עפּעס אַ „נקבה" לוינט ניט אַ שלאַכטמאַן צו אַרעסטירן... — די זאַך איז שיעור ניט צו אַ בלוט־פאַרגיסונג דערגאַנגען...

און אָט איז דער צוג ווידער אין מיטן פעלד געבליבן שטיין. מ׳איז אַרויס פון די וואַגאָנעס און מ׳האָט זיך אויסגעשטעלט. מ׳האָט באַדאַרפט אַ קילאָמעטער אַכט־צען ביז צו דובאָסאַר, צו פוס גיין... מ׳האָט געוואוסט, אַז פון יענער זייט דובאָסאַר, איבערן דנעסטער, שטייט דער שונא, די ווייסע אָפיצערן און די רומינער... און דאָ האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז עס פעלט אַ קאָמאַנדיר פון אַ ווזוואָד... פּאַוולאָ אַסטאַפּענקאָ איז נעלם געוואָרן...

פאַרפאַלן... זוכן איז איצט ניטאָ ווען... האָט דער אַל־טער מאַטוויי אויסגעשטעלט זיין גאַנצע ראָטע, יעדער איינעם באַ־קוקט און ניט געוואוסט וועמען פאַרן קאָמאַנדיר פון ווזוואָד צו מאַכן... אַלע זיינען כמעט יינגלעך, ניט קיין דערפאַרענע... און זיין בליק איז אויף סענדערלען געפאַלן און ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז סענדערל האָט אין די „שטורעם־טעג" זיך געשלאָגן...

— דאָס יינגל — האָט ער געטראַכט — האָט שוין פּולווער געשמעקט!...

— און ער האָט אים אַלס ווזוואָד־קאָמאַנדיר באַשטימט...

— — —

געגאַנגען איז מען העכער אַ שעה צווישן די ברייטע פעלדער מיט די הויכע געלע קוקורוזעס... די באַיאָנעטן פון די ביקסן זיינען צו דער ערד געווען, זיי זאָלן אַנטקייגן דער זון ניט שיינען... דערנאָך האָט מען זיך געזעצט אָפּרוען... יעדער איינער האָט פון זיין קלימיקל אַרויסגענומען ברויט מיט וואורשט און האָט איבער־

נעכאַפּט... שעפּע בלאָך מיט נאָך צוויי רייטער האָבן זיך אויף זייערע גניאַדע פערדלעך ערגעץ געלאָזט פליען... זיי זיינען גיך צוריקגעקומען און עס איז עפּעס אומרואיק דער אַרום געוואָרן... וואַסיוטין מיט אַנשלען זיינען אומגעגאַנגען מיט פּאַפּירן אין די הענט, מ'האָט עפּעס געקוקט אין זיי און מ'האָט געוויזן אין פאַרשי־דענע ריכטונגען... גיך האָט מען צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַלע קאָמאַנדירן... ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'האָט שוין פאַרשפּעטיקט... דאָס שטעטל דובאַסאַר איז שוין פאַרכאַפּט גע־וואָרן פון די רומינער און וויים־גוואַרדייער... נאָך נעכטן זיינען זיי אַריבער דעם דניעסטער און האָבן פאַרכאַפּט דאָס שטעטל... די אויפגאַבע איז איצט געווען אַרויסשלאָגן דעם שונא פון דובאַסאַר, אים צוריק אַריבערטרייבן אויף יענער זייט דניעסטער...

מ'איז געווען צוויי קילאָמעטער פון דובאַסאַר. דאָס שטעטל איז אונטן, אויפן סאַמע ברעג פון דניעסטער געלעגן. מ'איז שטיל געגאַנגען אין צעוואָרפענע קייטן. דער ערשטער באַטאַלאָן — פאָר־אויס אין פראָנט. דער צווייטער און דריטער — פון די זייטן, פון די פלאַנגען.. די רייטער האָבן באַדאַרפט מיט הוילע שווערדן זיך אַריינרייסן אין שטעטל און אָנהויבן שניידן... מ'איז געגאַנגען באַרג אַרויף. און פּלוצלונג האָט מען אַ פאַל געטאָן צו דער ערד... דאָרט וואו עס הויבט זיך אָן דער באַרג אַראָפּ, האָט מען דערזען דובאַסאַר ווי אַ שיינע פּאַנאָראַמע...

אין אַ גרינעם טאָל שטייט אַ וויים שטעטל. פון יענער זייט שטעטל פליסט דער דניעסטער. און אינעווייניק, אויף די גאַסן פונם שטעטל, דרייען זיך אום רומינער מיט וויים־גוואַרדייאישע אָפי־צערן... זיי שפּאַצירן מיט מיידלעך, ערגעץ שפּילט אַ האַרמאָשקע און זיי ריכטן זיך ניט, אַז די געפאַר איז נאָענט...

מ'איז איבער דער ערד געקראָכן פון שטיין צו שטיין, פון גראָז צו גראָז און פון בוים צו בוים... און אַז מ'איז שוין געווען האַרט ביי די ווענט פון די הייזער און מ'האָט בולט אויף די גאַסן די פּנימער פון שונא געזען, האָט די ערד אַ ציטער געטאָן... דער גאַנצער אָדעסער פּאָלק האָט זיך אַרום שטעטל אויף די פיס געשטעלט און מ'האָט זיך מיט אַ הוראַ אויסגעשריי אַ לאָז געטאָן אין די גאַסן... מ'האָט געשאָסן, געשניטן די מבולבל געוואָרענע אָפיצערן, די צע־חושטע רומינער... אין אַ פּאַניק זיינען זיי געלאָפן, וועער וואו עס האָט געקענט... די רויט־אַרמייער האָבן זיי דעריאָגט און פאַרניכטעט...

צום מערסטן טייל איז מען צו דער בריק און שיפלעך, וואָס אויפן דנעסטער, געלאָפן... דאָ האָט זיך אַ שלאַכט פאַרפירט... די בריק האָט געברענט און די קלאָרע וואַסערן פון דנעסטער האָבן אויף זיך געטראָגן טויטע קערפּערס פון געפאַלענע... צו פאַרנאַכט צו האָט זיך דער שלאַכט געענדיקט. און די קלאָרע וואַסערן פונם טייך זיינען נאָך לאַנג פון בלוט רויטע געווען..

מ'האָט זיך אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן אין דובאַסאַר... סענדערל מיט זיין ווזוואָד איז אין „דאַזאַר" אויפן ברעג־טייך פאַרבליבן...

ס'איז געוואָרן פינצטער. דער הימל איז פול מיט וואָלקנס געווען. ער האָט זיך פאַרכמורעט און מיט פייער־בליצן די פינצטער געצונדן... ס'האָט אָנגעהויבן דונערן... דער הימל האָט זיך צעעפנט און עס האָט אַ גאָס געטאָן... אַ גאַנצע נאַכט אָן אויפהער איז דער רעגן געגאַנגען און דער דנעסטער איז אומרואיק געוואָרן... פון די שטילע קלאָרע וואַסערן האָבן זיך הויכע וועלן צום ברעג געוואָרפן, ווי זיי וואָלטן די ערד איינשלינגען געוואָלט...

סענדערל איז געוואָרן אויסגעווייקט. עס האָט אים אַ צאָן און אַ צאָן געאָרפן און ער האָט די ביקס פעסט אין זיין האַנט געהאַלטן, געקוקט אויף יענער זייט טייך און געטראַכט:

— אזא נאַכט, אזא נאַכט... קען דער שונא אין אזא נאַכט אַריבער דעם דנעסטער?... אזא נאַכט, אזא נאַכט...

פאַרטאָג איז שטיל געוואָרן. אַ צווייטער ווזוואָד האָט סענדערלן געביטן. גייענדיק אין שטעטל איז ער מיטן וועג אַריין אין אַ ווייסער כאַטע מיט אַ שטרויענעם דאַך... ער איז געווען נאַס. דאָס אָנטאָן האָט זיך אויף זיין לייב אָנגעהויבן טרוקענען... עס האָט געזעצט פון דעם אַ הייסער דאַמף... אין מויל איז געווען טרוקן און ער איז צו צום עמער מיט וואַסער, אָנגעשעפּט אַ פולע קוואָרט און האָט זי מיט אַמאָל אויסגעטרונקן... דער בעל־הבית פון שטוב, אַן עלטערער פּויער, האָט אים באַלד דערלאַנגט אַ גרויסע סוויטקע. סענדערל האָט אויסגעטאָן זיינע קליידער, זיך אָנגעטאָן די סוויטקע און האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק־בעטל... ער איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן... בייטאָג האָט אים דער פּויער געוועקט צו מיטאָג, סענדערל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט גלעזערנע אויגן און האָט פאַר זיך גאָרניט געזען... עס האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ און ער האָט אָנגעהויבן ריידן פון היץ...

— אזא נאַכט... אזא נאַכט... וואַסער, וואַסער, וואַסער און בלוט!...

דער דאָקטאָר האָט אים באַטראַכט און האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. ס'איז אין דער כאַטע, ביי זיין קראַנקן־בעט, דער קאָמאַנדיר פון ראָטע געווען, דער פעטער מאַטוויי. דאָ איז איצט אויך וואָסיו־טין, אַנשל פיינגאָלד און שעפּע בלאָך געווען ... אַלע האָבן אים געקענט, פאַרזוכנלעך, און יעדערער האָט זיך פאַר אים געזאָרגט...

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— טיפוס ... אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל. בויך און פלעק־טיפוס צוזאַמען! ...

מ'האָט סענדערלען אויף אַ פורל אַרויפגעלייגט און מ'האָט אים מיט אַ ספּעציעלן מענטשן אָפּגעפירט צוריק קיין אָדעס. דאָרט אינם ערשטן שטאָטישן שפּיטאָל, אין דער טיפוס־פּאַלאַטע, איז זיין בעטל לעבן אַ פענצטער געשטאַנען...

41. אין שפּיטאָל

ער איז געקומען צו זיך און האָט דערזען אַ ווייסן צימער מיט אַ צענדליק אייזערנע ווייסע בעטן און אין יעדער בעט ליגט אַ מענטש און קרעכצט ... ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואו ער געפינט זיך. געגנוי וויפל צייט ער איז דאָ, ווייס ער ניט. צופוסנס אויף זיין בעט איז אַ ווייסער בויגן פּאַפּיר געהאָנגען און אויף דעם פּאַפּיר ווירעם און שריטיכן אַרויף און אַראָפּ. עס האָט זיך באַקומען ווי אַ באַרג־קייט. ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן. גענומען דאָס פּאַפּיר און אָנגעהויבן לייענען.

„...אַלעקסאַנדער וואָלכאָוו. זעכצן יאָר אַלט. אָנגעקומען אין שפּיטאָל דעם צענטן מאַי 1919 יאָר. פלעק־טיפוס. טעמפּעראַטור: 40, 41, 39, 37, 38, 36 ...”

ער האָט מער ניט געלייענט. ער האָט צוריק אויפגעהאָנגען דאָס פּאַפּיר אויפן בעט צופוסנס. ער האָט פאַרשטאַנען: ער געפינט זיך שוין דאָ דעם דריטן חודש. די ווירעם און די שטריכן באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף דאָס זיינען די סמנים פון זיין טעמפּעראַטור. איצט הייסט עס, איז די טעמפּעראַטור געפאַלן. אים איז גרינגער ... און ער האָט זיך דער מאָנט אָן דעם פאָלק, דעם שלאַכט פאַר דובאָסאַר און די לעצטע נאַכט. אַזאַ נאַכט ... בלוט און רעגן ... איז וואָס טוט מען איצט? ... וואָס איז מיטן פאָלק, מיט די „ווייסע” און

מיט די „רויטע", ווער האָט געזיגט?... פאַרשטייט זיך, אַז די „רויטע" האָבן געזיגט!...

לעבן אים אויף אַ בעטל איז געלעגן אַ מענש. אַן אויסגעדאַרטער מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט גרויסע, גלאַנציקע גרויע אויגן. אים איז שוין גרינגער געווען. ער איז שוין אַלעמאָל אַראָפּגעגאַנגען פון בעט. סענדערל האָט זיך צו אים געווענדעט.

— חבר...

דער מענש האָט שטרענג אויף אים אַ קוק געטאָן:

— שוין לאַנג ניטאָ קיין חברים... אויס!...

סענדערל האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם מענשן. ער האָט שוין מער גאָרניט געפרעגט ביי אים. און אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע טעג. ביסלעכווייז איז ער געקומען צו די כוחות. אַלע טאָג קומען מענשן צו די פענצטער. מ'קוקט אַריין פון יענער זייט פענצטער אין פּאַלאַ-טע. מ'זוכט עמיצן מיט די אויגן און דערנאָך טראָגט אַריין די סאַני-טאַרקע פאַר אַ חולה ווייסע סוכאַרעס, קעפיר, לימאָנאַד און אַנדערע שפּייזן. ער, סענדערל, האָט דאָך ניט אויף וועמען צו וואַרטן. צו אים וועט קיינער ניט קומען. ניט די מאַמע, ניט דער טאַטע ווייסן דאָך ניט, אַז ער איז איצט דאָ... זאָל ער אפשר זאָגן?... אַ היים שיקן מיט דער שוועסטער אַ צעטעלע?... ניין, עס לוינט ניט... מיט וואָס קענען אים העלפן זיינע אָרימע טאַטע-מאַמע?... ער וועט זיי נאָר צרות אָנטאָן... אָט וועט ער שוין גיך אינגאַנצן געזונט ווערן און קומען אַ היים...

ער איז אַראָפּ פון בעט. זיך אומגעדרייט אַ ביסל איבער דער פּאַלאַטע. דערנאָך זיך צוריקגעלייגט... דער מענש, וואָס לעבן אים, אויפן צווייטן בעט, האָט אַליין מיט אים אָנגעהויבן ריידן:

— נו, מ'האָט שוין געמיינט, אַז וועסט ניט לעבן... דאַנקן גאָט. איצט ווערסטו אַ מענש... נאָר עהר, יאַטל. דו מיינסט, איך בין אַ שלעכטער. האָסט זיך פאַר מיר דערשראָקן, ווען איך האָב געזאָגט „אויס חברים..." הער. פון היץ האָסטו צופיל מיט דער צונג גע-פּלאַפּלט... גוט, וואָס דאָ זיינען גוטע מענשן. דער דאָקטאָר איז אַ אונזעריקער... אַנדערע וואָלטן דיר אין „קאָנטראַזוועדקע" געמאָלדן...

סענדערל איז פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען:

— וואָס איז?...

— שוין די דריטע וואָך, אַז די „ווייסע" זיינען אין שטאָט!...

סענדערל האָט זיך שווער צוריק אַוועקגעלייגט. אין זיינע אויגן

זיינען גרויסע טרערן געשטאַנען. דער מענש אַנטקייגן האָט אים באַ־רואיקט.

— זאָרג ניט, ייִנגל. עס וועט זיין גוט. דו ווער נאָר געזונט. קיינער דאַרף נאָר ניט וויסן, אַז מ'האָט דיך פון פראָנט אַהער גע־בראַכט, אַז דו ביסט אַ רויט־אַרמייער. דו אַליין פאַרגעס עס אויך... דער דאָקטאָר איז דאָ אַ גוטער. ער וועט אַלץ מאַכן ...

אינגיכן האָט זיך דער מענש אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. און סענדערל איז געבליבן איינער אַליין מיט זיינע מחשבות. ער האָט דאָ ניט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן... דער דאָקטאָר, אַן עלטערער מענש מיט גרויסע ברילן־גלעזער אויף דער נאָז, פלעגט אים אַלעמאָל באַטראַכטן און צו אים אונטערשמייכלען גוטהאַרציק:

— מאָלאָדיעץ וואָלכאָוו. גיך וועל איך דיר שוין אויסשרייבן...

ס'האָט אים געלאַנגווייליקט, האָט ער אָנגעהויבן אַרומגיין פון בעט צו בעט און האָט געלייענט די ווייסע בויגנס, וואָס זיינען צו־פוסנס פון יעדער חולה געהאָנגען. די „געשיכטע" פון יעדער קראַנקן איז כמעט ענלעך געווען... איין מאָל איז ער צו אַ בעטל צו. אויף אים האָט געקוקט אַ שוואַרץ אויסגעדאַרט פּנים, מיט שוואַרצע, צעטראָגענע, אַ ביסל איבערגעשראָקענע אויגן. די האָר פון קאָפּ זיינען געווען אָפּגעשוירן... און דאָס פּנים פון ייִנגל, וואָס האָט אויף אים געקוקט, איז אים עפּעס אַזוי קענטלעך געווען...

ווער איז דאָס?... ער האָט אויף גיך גענומען די „געשיכטע פון דער קראַנקהייט", וואָס איז אויפן בעטל געהאָנגען, און האָט מיט איין אָטעם איבערגעלייענט: „לייבל דובמאַן"... ער האָט אַרויס־געלאָזט דאָס פּאַפּיר און איז צו צום ייִנגל.

— לייבל, ברודערל מיינס!...

דאָס ייִנגל איז געלעגן פּאַרטייעט. ער האָט געקוקט אויף סענ־דערלען און אים ניט דערקענט... שפּעטער אַ ביסל איז ער צו זיך געקומען און האָט מיט בלייכע ליפּן געשעפּטשעט:

— סענדער, דו?... נחמנלע איז דאָ אויך. אויך מלכהלע... אין דער צווייטער פּאַלאַטע, ביי די קינדער!... די מאַמע — אויך דאָ!...

— און דער טאַטע?... — האָט סענדערל מיט טרערן אין די אויגן ביי אים זיך נאָכגעפרעגט.

— געזונט... ער קומט. צום פענצטער... אַ!...

איצט האָט שוין סענדערל געקוקט אויפן פענצטער. ער האָט דערזען דורכן פענצטער אַ הויף מיט ביימער. גרין גראָז. ווייסע

בענק לעבן די בוימער. מענשן קומען אָן. מ'גייט צו די פענצטער. מ'קוקט אריין. מ'ווייזט עפּעס מיט די הענט... און באַלד האָט זיך ביים פענצטער באַוויזן אַ הויכער מענש, מיט אַ שוואַרצע, צעפּאַטלטע שפּיציקע באָרד. אין באָרד זיינען ווייסע פעדערן געווען אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ פּאָר גרויע, געלאַטעטע הויזן און אַ ברוין־אָפּגעריבן פינזשאַקל, אויף די פיס צעריסענע שיך, די הוילע פינגער האָבן זיך פון זיי אַרויסגעזען. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ניי היטל פון בלויען געוואַנט... ער האָט געקוקט, דער מענש, מיט באַלעבעוואַטע, דערשראָקענע און צעדרייטע, שוואַרצע, גרויסע אויגן. ער האָט געקוקט דורכן פענצטער, אַהין אין דער ריכטונג, וואו לייבעלעס בעטל איז געשטאַנען. סענדערל האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין שויב. מיט די הענט אויף זיך געוויזן און האָט אָנגעהויבן שרייען:

— טאַטע, טאַטע!...

דער מענש איז אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער. ס'האָט אין אים איצט יעדער עבר געציטערט. ער האָט געמאַכט מיט די הענט, גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, און באַוויזן אויף זיין קליין קווישעלע מיט עסן. ס'איז אַריין די שוועסטער. סענדערל איז אַוועק פון פענצטער, איז צו צו דער שוועסטער און האָט איר געזאָגט:

— אָט זעט, יענער מענש, אַ הויכער, אַ שוואַרצער... ס'איז מיין פּעטער. ער ווייס ניט, אַז איך בין דאָ. ער איז געקומען צו זיין יינגל. אָט צו דעם אָ, צו לייבל דובמאַן... גיט מיר אַ פּאַפּיר מיט אַ בלייער, איך וועל אים אָנשרייבן אַ צעטעלע...

די שוועסטער האָט אים געגעבן אַ פּאַפּיר מיט אַ בלייער. סענ־דערל האָט אָנגעשריבן:

„ליבער טאַטע. דאָס שרייב איך דיר. איך, סענדער. איך בין שוין דאָ לאַנג. איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט דיר צו מעלדן וועגן זיך... ווי אַזוי איך קום אַהער, ווייס איך אַליין ניט... ערשט היינט האָב איך לייבלען דערקענט. ערשט היינט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך בין דאָ ניט אַליין... לייבלען איז שוין בעסער, ער האָט נאָך אָבער היץ. טאַטע, איך בעט דיך זייער, ברענג מיר אַ וועלכע ניט איז קליידער. אין מיינע קליידער טאָר איך פון דאַנען ניט אַרויס. ווייסט דאָך פאַרוואָס?... ראַטעווע מיך, טאַטע... גיך שרייבט מען מיך אויס. דיין זון: סענדער. יאָ. זאָלסט זאָגן, אַז דו ביסט מיר אַ פּעטער..."

דאָס צעטעלע האָט די שוועסטער איבערגעגעבן גרשונען. ער

האָט געזען, סענדער, ווי אַזוי ס'האָבן זיך געקייקלט טרערן איבער'ן פּנים פון דעם מענטשן און אין מיטן וויינען האָט ער זיך צעשמייכלט, איז צום פענצטער צו, האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט און באַוויזן, אַז ער שרייבט באַלד אַן ענטפער אָן. ער איז אַוועק פון פענצטער... גאָר גיך האָט די שוועסטער אַריינגעבראַכט צוויי פלעשעלעך קעפיר מיט עטלעכע ווייסע סוכאַרעס. זי האָט עס אַוועקגעשטעלט אויפן טישל לעבן לייבלען און סענדערן האָט זי דערלאַנגט אַ צעטעלע. ער האָט איבערגעלייענט:

„סענדערל, מיין קינד! ווער האָט זיך דען געקענט ריכטן, אַז דו ביסט דאָ?... די מאַמע און איך גייען אַראָפּ פון זינען פון טראַכטן וועגן דיר... און דאָ זיינען גאָר ווידער די „ווייסע” אין שטאָט... ווער ווייס, וויפל זיי וועלן דאָ נאָך זיין?... אפשר בלייבן זיי שוין?... פאַר יידן איז דאָס שלעכט... אין די שטעטלעך זיינען פּאָגראָמען... קיין פּרנסה איז ניטאָ און דאָ די קרענק, דער טיפוס!... אוי, סענדערל, האָט עס מיך געטראָפן... די ערשטע איז די מאַמע קראַנק געוואָרן. האָב איך זי אַוועקגעפירט אַהער אין שפּיטאָל... דערנאָך איז איין קינד נאָכן אַנדערן קראַנק געוואָרן... און נאָר איך אַליין גיי אום אויף מיינע פיס... שטאַרקער פון אייזן דאַרף מען זיין איבערטראָגן די צרות... מלכהלע איז נעכטן געשטאָרבן. זע, דערציילן דאָס ניט לייבעלען... טו אים ניט אָן קיין צרות. דער מאַמען איז בעסער. נחמנלע שרייבט מען שוין די טעג אויס... נו, דאָס איז אַלץ, מיין קינד. זאָרג ניט. איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן, נאָך מאָרגן שיק איך צו פאַר דיר דיינע אַלטע קליידער... זיי נאָר געזונט און קום גיכער אַ היים. ווי עס ווינטשעוועט דיר דיין טאַטע, גרשון.”

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען סענדערלען אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. ס'איז פאַר אים געווען צוגעשיקט אַ פּאָר שוואַרצע געוואַנטענע הויזן, וועלכע זיינען אין עטלעכע ערטער געלאַטעט געווען. אַ שוואַרץ אָפּגעריבן און פון זון פאַרגעלט רעקל. אַ ניי היטל פון גרויען שטאָף מיט שוואַרצע פּאַסיקלעך. נאָר קיין שיך איז ניט געווען.

ער איז אַרויס פון שפּיטאָל. אין קעשענע איז ביי אים געלעגן אַ קליין צעטעלע: „אַלעקסאַנדער וואַלכאָוו. געלעגן אין ערשטן שטאָטישן שפּיטאָל פון צענטן מאַי ביזן זיבעטן יולי. דיאַגנאָז: פלעקטיפוס...”

ער איז נאָך געווען שוואַך. די פיס האָבן שלעכט געדינט. די זון האָט געבראָטן. עס איז געווען הייס און העל אין דרויסן. די שטיינער

אויף די גאַסן זיינען געווען צעגליט פון דער היץ. זיי האָבן געבריט און געשטאָכן די באָרוועסע פיס. סענדערל האָט זיך אַלע מאָל צוגע־זעצט אָפּרוען... ער איז קוים אָפּגעגאַנגען האַלב וועג. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף טרעפּלעך פון אַ פּאָדערשטער טיר. עס איז אַרויס־געקומען אַ פרוי, האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט אים באַלד אַרויסגעטראָגן אַ גלאָז מילך מיט אַ שטיק ברויט.

— עס, יינגל. איך דערקען שוין אָן דיר. פון שפּיטאָל גייסטו...

סענדערל האָט אויסגעטרינקן די מילך. דאָס ברויט האָט ער אַריינגעלייגט אין קעשענע.

— אַ דאַנק אייך, מומע!...

ער האָט זיך אופגעהויבן און איז געגאַנגען ווייטער.

אין שטוב האָט ער געטראָפן דאָס קלענערע ברודערל, נחמנען. ער איז געזעסן נחמן אויפן בעט טרויעריק און פאַרקלערט... דער טאַטע, גרשון מלאך, איז געלעגן אַ קראַנקער אויף דער ערד, אויף וועלכער עס איז אַ שטרויזאַק מיט אַ שמוציקן קישן געלעגן. ער האָט אויסגעשטרעקט די לאַנגע באָרוויסע פיס אויף דער הוילער ערד... סענדערל האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז אינם האַלב־קעלער פעלט עפּעס... ס'איז ניט געווען מער לעבן פענצטער די קירזש־נערישע מאַשין. ס'האָט געפעלט אַ בעט... גרשון מלאך האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן זיינע צעריסענע שיך.

— גענוג. איך קען ניט ליגן!...

42. דער טויט פון דעם פריילעכן קירזשנער...

—נו, וואָס שטייסטו? — האָט גרשון געזאָגט צו סענדערן— זעץ זיך צו. אָט דאָ, אין בעט. לעבן נחמנלען!...

סענדערל האָט זיך אומגעקוקט און דערזען. עס פעלט נאָך עפּעס... קיין איין בענקל איז שוין אין שטוב ניטאָ. ער האָט זיך געזעצט אין בעט, לעבן נחמנלען.

— וואָס מאַכסטו נבמנלע, אַ?...

די רויטע בעקלעך זיינען געווען איינגעפאַלן. די אויגן אויס־געלאָשן. די האָר אָפּגעשוירן. ער האָט זיך ציוויינט, נחמן:

— מלכהלע איז געשטאָרבן... מיט מיר אין איין בעטלע איז זי געלעגן, מלכהלע... און דער טאַטע איז קראַנק...

— נו, שאַ, קינדער! . . . — האָט גרשון געזאָגט — עס העלפט ניט קיין וויינען! . . .

ער האָט דערזען, גרשון, ווי סענדערל באַטראַכט די קעלער־שטוב און זיין מויל האָט זיך צעקרומט, די אויגן האָבן מיט אַ משו־גענעם פייערל אַ לויכט געטאָן און באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן . . . ער איז צוגעגאַנגען צום בעט, זיך אַוועקגעזעצט לעבן די קינדער און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— פוסט איז געוואָרן די שטוב, אַ? . . . פאַרקויפט די בעג־קלעך, פאַרקויפט די מאַשין! . . . וואָס דאַרף איך זי, די מאַשין, אַז קיין פרנסה גיט זי ניט . . . און עסן טראָגן אין שפּיטאָל האָב איך באַדאַרפט... וואו נעמט מען געלט אויף ווייסע סעכערלעך. אויף קעפיר און אויף לימאָנאַד? . . . אַז אַלע, אַלע זיינען קראַנק געוואָרן! . . .

ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אָנגעהויבן שפּאַנען מיט די לאַנגע פיס איבער דער שטוב אַהין און צוריק. ער האָט אַלע מאָל געקוקט מיט משוגענע פייערלעך פון אַ פּאָר גרויסע, איבערגעקערטע אויגן אויף די קינדער. זיי האָבן זיך אַרומגענומען, סענדערל מיט נחמנלען, געקוקט אויפן טאַטן און זיך פאַר אים דערשראָקן. ער איז געבליבן שטיין, גרשון מלאך, ביים טיש. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ מיט דער צעפּאַטלטער שוואַרצער באָרד אויף דער ברוסט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. און באַלד האָט ער זיי צוריק געעפנט. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און בייז באַטראַכט די קינדער . . . זיי האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט אָפּגעווענדעט זיין בליק פון זיי. ער האָט אויפגעהויבן זיינע צוויי הענט, מיט זיי אַ פּאַכע געטאָן, ווי מיט פליגל. זיי באַטראַכט. דערנאָך האָט ער אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, זיי אויסגעליידיקט . . . ס'האָט זיך אויף דער ערד אַ שיט געטאָן ברוין-גרינע מאַכאָרקע. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, געקוקט דערשראָקן אויף דער צעשאָטענער מאַכאָרקע. גיך, גיך צונויפגעקליבן מיט די הענט. ער האָט זיך אויפגעהויבן. אויפן טיש איז אַן אַלטע צייטונג געלעגן, האָט ער פון איר אָפּגעריסן אַ שטיק פּאַפּיר, פאַרדרייט אַ גראָבן ציגאַר, פאַרוויכערט און זיך שטאַרק פאַרהוסט . . . ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ציגאַר. פּאַמעלעך אים צוגעטראָגן צום מויל און ווידער זיך פאַרצויגן. ס'איז אַרויס פון זיין מויל אַ געל־בלוילעכער רויך. ער האָט געקוקט אויף אים און זיך צעלאַכט ווילד און הויך:

— כאַ, כי, כאַ, האַ! . . . .

נחמנלע האָט זיך צעוויינט. סענדערלן זיינען גרויסע טרערן גע־שטאַנען אין די אויגן. ער האָט זיי געשטיקט, די טרערן, אין זיך, אַרומגענומען שטייפער דאָס ברודערל און זיך ביי אים געבעטן:

— שאַ, נחמנלע, וויין ניט!...

גרשון איז געקומען צו זיך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער מיט רואיקע, קלאָרע אויגן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר און איז צוגעגאַנגען צו זיי.

—וואָס איז, קינדער?... וואָס זיינט איר אַזוי געפאַלן ביי זיך?... נו, פריילעכער, קינדער מיינע!... ווייסט איר וואָס, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, אַ פריילעכע מעשה!... האָסט דאָך ליב, סענדערל, הערן מעשות!... כאַ,כי, כאַ האַ!... איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, אַ מעשה...

די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און זיי האָבן זיך גע־געבן אַ דריי איבער. נאָר די ווייסלעך פון די אויגן האָבן אויף די קינדער געקוקט... פון האַרצן האָט זיך אַ שווערער קרעכץ אַרויס־געריסן: — אוי!... — ער איז אָפּגעשפּרונגען פון די קינדער און זיך צעשריגן:

— אַלע, אַלע זיינען קראַנק געוואָרן און נאָר איך אַליין האָב זיך ניט געטאָרט צוליגן!... מיך האָבן די פיס אומגעטראָגן, כאָטש איך בין אַליין אויך קראַנק, איך בין שווער קראַנק!... נאָר ווי האָב איך דען געקענט זיך אַוועקליגן, אַז עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל אייך אין שפּיטאָל אַריין ווייסע סעבעכרלעך און פלעשלעך קעפיר טראָגן... אוי, אוי, אוי... שטאַרקער פון אייזן בין איך!... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף סענדערלן — גוט, סענ־דערל, וואָס דו ביסט געקומען. ביסט שוין אַ גרויסער. אויף דיר קען מען זיך שוין פאַרלאָזן!... שאַ, שאַ!... וויינט ניט, קינדער. איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה. קינדערלעך, אַ פריילעכע מעשה!...

ער איז צו צום טיש, זיך אויף אים אַוועקגעזעצט, זיך אַ בויג געטאָן פאָרויס, באַטראַכט מיט אומזיניקע אויגן די קינדער און מיט אַ טרויעריקן ניגון אָנגעהויבן:

— רבותי איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה!...

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש, זיך פעסט אַוועקגעשטעלט מיט די לאַנגע פיס אויפן דיל. אויסגעגלייכט דעם קערפּער. פאַריסן דעם קאָפּ.

— געווען אַ ייד, אַ קירזשנער, אַ פריילעכער קירזשנער... ער איז געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס... און וואָס האָט ער געוואָלט

פונם לעבן, דער ייד ?... ער האָט געוואָלט בייקומען דעם דלות!... קינדערלעך האָט ער ליב געהאַט, דער קירזשנער! איי, קינדערלעך!... און קינדערלעך מאָנען ברויט, קינדערלעך מאָנען עסן, און קיין פּרנסה איז ניטאָ!... ווענדעט זיך דער קירזשנער צו גאָט. ער שטעלט זיך אַוועק צו דער וואַנט און בעט: ביז וואַנען, גאָטעניו, וועסטו מיך פאַרגעסן, ביז וואַנען וועסטו באַהאַלטן דיין פּנים פון מיר ?... און די וואַנט איז קאַלט און טויב!... טאַפּ די וואַנט, קלאַפּ אין איר, שריי געוואַלד... און זי הערט ניט!... אַ וואַנט איז אַ וואַנט!... און קינדער רייסן ביי די פּאָלעס, קינדער ווילן עסן, און אַליין איז מען אויך עפּעס אַ שטיקל מענש, און די ווייב, וואָס מיינט איר, אַז זי שווייגט, איז דאָס דען פון תענוג ?... אוי, איז ביטער, ווען אַ ווייב שווייגט, אוי, איז פינצטער... אַ ווייב טאָר ניט שווייגן!... איך האָב אַ שטערן פון הימל אַראָפּגעריסן און אין בלאָטע פאַרשטעקט... און גאָט האָט געזען, און גאָט האָט געהערט און גאָט האָט געשוויגן!.. מיינע תפילות זיינען צו אים ניט דערגאַנגען, מיין תהילים זאָגן האָט ער ניט באַנומען. און איך האָב געזאָגט מיט הארץ, און בלוט פון מיינע אויגן האָט גערונען און ניט מיין קול האָט געזונגען, מיינע קינדער האָבן געיאָמערט, איי, איי!... לדוד מזמור, ליי הארץ ומלואה, תבל ויושבי בה... איז וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין נאָר אַ תהילים־ייד, אַ גראָבער יינג!... אָבער פרום בין איך, ערלעך אויך... אָט די קאַלטע ווענט זיינען מיינע עדות, יאָ, זיי די ווענט, כאַ, כי, כאַ, האַ!...

ער האָט געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס, אַ קוק געטאָן מיט די איי־בערגעקערטע אויגן אויף די איבערגעשראָקענע קינדער און האָט זיך צעשריגן:

— איר זיינט מיינע עדות!... דער קירזשנער איז אַ פריילעכער קבצן געווען. ער האָט קיינעם ניט באַגנבעט, קיינעם ניט באַגזלט און טאָמער האָט ער אַמאָל אַ שלעכט וואָרט געזאָגט, איז דאָס פאַר... כאַ, כי, כאַ האַ!... איר הערט ?... אַ קירזשנער איז געגליכן צו אַ מענש!... ער לעבט אַ יאָר, צוויי, דריי, פינף, צען און צוואַנציק, און דרייסיק, און פערציק, און ניין!... ניין און פערציק יאָר!...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרצן. די לאַנגע פּיס האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן. דאָס פּנים איז געל געוואָרן. דאָס מויל צע־קרימט. די שוואַרצאַפּלען פון די אויגן האָבן ניט געסטייעט. נאָר ווייסקייט האָבן פון די אויגן־לעכער אַרויסגעקוקט...

די קינדער האָבן זיך פעסטער ארומגענומען. געציטערט און גע־קוקט מיט שרעק אויפן טאַטן... זיי האָבן איצט אפילו מורא גע־האַט צו וויינען...

גרשון מלאך האָט געמאַכט צוויי שפּאַן פאָרויס. פון מויל האָט די סלינע א רין געטאָן... ער האָט א כריפּע געטאָן:

— קינדער, זאָגט דער מאַמען און לייבלען, איר האָט געהערט מיין ווידוי... געוועזן און ניטאָ!... אשמנו, בגדנו, גזלנו... געשטאָרבן, באַגראָבן, וויניקער א קבצן, אראָפּ פון מארק!... סענדערל, זיי דו א טאַטע!...

ער האָט איצט מיט קלאָרע אויגן א קוק געטאָן אויף די קינדער. אויפן שטערן איז אים א קאַלטער שוויים ארויס. ער האָט אויפגע־הויבן די רעכטע האנט, אָפּגעווישט דעם שוויים און האָט א שמייכל געטאָן:

— אוי, קינדערלעך, מ'זאָל גאָרניט דערלעבן צו שטאַרבן!...

ער האָט זיך אויסגעדרייט. געמאַכט דריי טריט צו דער טיר, א זיפץ געטאָן און ווי א אונטערגעהאַקטער בוים געפאַלן...

די קינדער זיינען פון בעט אויפגעשפּרונגען. זיי זיינען איבערן טאַטנס טויטן קערפּער אריבער און מיט א יאָמער־קלאַנג ארויס פונם האַלב־קעלער אויף דער גאַס...

מענשן זיינען זיך אָנגעלאָפן.

דער פריילעכער קירזשנער איז געלעגן אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג אויף דער ערד. קיין ליכט צו קאָפּנס האָבן ניט גע־ברענט. קיין משניות האָט קיינער ניט געזאָגט. דאָס ווייב האָט אים ניט באַוויינט. און גיך איז אָנגעקומען די שווארצע קאַטאַפאַלקע מיט א פּאָר מאָגערע פערדלעך. אָן תכריכים און ניט געמאַכט אים זיין רעכט. צוויי באַגרעבער האָבן אים אין א פּראָסטן קאַסטן פון ניט געהובלטע ברעטער אריינגעלייגט. די שווארצע קאַטאַפאַלקע האָט אים אוועקגעפירט און נאָר צוויי קינדער זיינען נאָך זיין לויה נאָכגע-גאַנגען... די פערדלעך האָבן אָנגעהויבן לויפן. די קינדער זיינען אָפּגעשטאַנען. און אויפן פעלד האָט מען אים איינעם אַליין אָן עלנטן אויף גיך באַגראָבן... קיינער האָט אויף זיין קבר קיין מלא ניט געמאַכט. קיינער האָט נאָך אים קיין קדיש ניט געזאָגט און קיין קריעה ניט געריסן...

אָט אזאַ איז געוועזן דער טויט פונם פריילעכן קירזשנער, דעם גרויסן קבצן און ווילדן ווערטל־זאָגער, וועמען יעדערער האָט גערופן גרשון מלאך...

43. זיך ראַטעווען

ווען סענדערל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער דער־זען, אַז זיין ברודערל, נחמן, זיצט אין בעט און קוקט מיט פאַרגלע־זערטע אויגן אויף דער וואַנט... פון פענצטער, וואָס גייט אַרויס אויף דער גאַס, האָבן איינציקע זון־שטראַלן זיך אַריינגעכאַפּט אינם האַלב־קעלער. אויף דער וואַנט, וואו דאָס בעט איז געשטאַנען, האָט זיך דער שאָטן פונם יינגל געהויבן. ער האָט מיט זיינע הענטלעך דעם שאָטנס הענט כאַפּן געוואָלט.

— נחמנלע, — האָט סענדער געזאָגט — קום זיך אָנטאָן!...

דאָס קינד האָט ניט געהערט די ווערטער פונם עלטערן ברודער.

— וואָס טוסטו?... — האָט סענדער זיך צו אים ווידער גע־ווענדעט — מ׳טאָר זיך ניט שפּילן מיטן שאָטן!...

נחמן האָט זיך אומגעקוקט. אויף דער וואַנט געוויזן.

— אָ, מלכהלע!...

— וואָס?... — סענדער האָט זיך דערשראָקן — וואָס רעדסטו?... — ער האָט באַמערקט די אומזיניקע, פאַרגלעזערטע אויגן... ער האָט אים אַרומגענומען, אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— נו, קום, נחמנלע שטיי אויף... מיר וועלן געפינען, וואָס צו עסן... דערנאָך וועלן מיר צו דער מאַמען אין שפּיטאָל אַריין גיין. און אפשר וועט נאָך די מאַמע אַליין היינט קומען. און לייבעלע וועט אויך קומען... ס׳וועט זיין גוט. ס׳עט זען!...

— טאַטע!...

אַ היסטערישער געשריי האָט אָפּגעהילכט אין צימער. דאָס קינד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן פּנים אין קישן און מיטן הענטל באַוויזן אויף דעם מיטן שטוב.

—אָט שטייט ער, דער טאַטע!...

סענדער האָט זיך אויך דערשראָקן. ער איז אָבער באַלד צו זיך געקומען. ער איז אַראָפּ פון בעט, האָט זיך שנעל אָנגעטאָן... נחמן איז אויך צו זיך געקומען. ער איז געזעסן אויפן בעט און האָט געוויינט:

— מלכהלע איז געשטאָרבן, דער טאַטע אויך!...

סענדער האָט אים דערלאַנגט דאָס אָנטאָן.

— נו, גענוג, נחמנלע, צו וויינען. וואָס זאָלן מיר טאָן?... אונזער מזל איז אַזאַ!... נעם, טו זיך אָן...

ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. און ווי ער האָט נאָר אַ פּוס פון

בעט אראָפּגעשטעלט, אַזוי האָט ער אַ ציטער געטאָן, צוריק אין בעט אריין מיט אַ גוואלד:

— אָ, אָ, דער טאַטע, דער טאַטע, ער שטייט!...

סענדער איז אומרואיק געוואָרן. אויפן הארצן איז אים געווען ביטער. האָט ער ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַ ריס געטאָן דאָס ברו־דערל פאר דער האַנט, אים פון בעט אַרויסגעשלעפּט און זיך צעשריגן:

— משוגע?!... ניטאָ קיין טאַטע. דער טאַטע איז גע־שטאָרבן!...

דאָס יינגל האָט זיך ניט בארואיקט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אָן בעט און ווילד קוויטשיק געשריגן:

— טאַטע, טאַטע, אוי, אוי!...

אויפן פּאָל, לעבן פענצטער, וואו פריער איז די קירזשנערישע מאַשין געשטאַנען, איז איצט אַ פּאַריתומטער געלעגן דער אַרשין. סענדערל האָט געכאַפּט דעם אַרשין און מיט אים אָנגעהויבן צו קאַטעווען דאָס קינד:

— נאַ, נאַ, משוגע וועסטו ביי מיר ניט זיין!... ניטאָ קיין טאַטע, ניטאָ... דער טאַטע איז געשטאָרבן. פּאַרגעדענק, פּאַרגע־דענק, געשטאָרבן דער טאַטע!...

ס'זיינען זיך אָנגעלאָפן די שכנים פון הויף. מ'האָט די צוויי קינדער פון קעלער־שטוב אויף דער גאַס ארויסגעפירט. מ'האָט צו־נויפגעזאַמלט עטלעכע רובל, אַ ביסל ברויט, וואורשט, פּוטער. מ'האָט דאָס אַלץ סענדערלען אָפּגעגעבן.

— שלאָג אים ניט מער, סענדערל!...

— אַ רחמנות אויפן קינד, אַ יתומל נעבעך!...

ס'איז אַוועק אַ פּאָר טעג. סענדערל האָט זיך מיט נחמנלען אומ־געפירט איבער די גאַסן, געווען מיט אים אין פּאַרק, אויפן בולוואַר. ער האָט זיך פאַרגעסן, נחמן. ס'איז אים גרינגער געוואָרן. דערנאָך איז ער מיט אים אַוועק אין שפּיטאָל צו דער מאַמען. ער האָט ביי זיך געטראַכט:

„מ'דאַרף איר מעלדן, דער מאַמען. זאָל זי אַלץ וויסן... זאָל זי זיך דאָרט אויסוויינען. איך וויל מער ניט הערן קיין געוויין, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן!!"

ער האָט צוויי צעטעלעך אָנגעשריבן.

צו דער מאַמען:

„זאָלסט אַ היים קומען און ניט וויינען. וויין זיך דאָ גוט אויס

דיין צעבראָכן האַרץ. דעם טאַטנס אָרט האָב איך איצט פאַרטראָטן... שטאַרק זיך. ביסט דאָך אַקלוגע!...״

צו לייבלען:

„מ׳דאַרף זיין געזונט. קיינער וועט אונז ניט העלפן. וויינען העלפט אודאי ניט... שטאַרק זיך און קום גיכער אַ היים. דער טאַטע איז ניטאָ... מיר זיינען שוין גרויסע!...״

די מאַמע איז אַ היים געקומען און האָט געשוויגן. קיין איין טרער האָט מען אויף איר געזיכט ניט געזען. זי האָט זיך אומגעקוקט אין דער פּוסט־געוואָרענער שטוב, זיך צוגעזעצט אין בעט און שטיל געפרעגט:

— וואָס־זשע וועלן מיר טאָן?...

— מ׳דאַרף אַ ביסל צוואַרטן — האָט סענדער געזאָגט — אָט, וועט לייבל אַ היים קומען. אַלע צוזאַמען וועלן מיר זיך צו עפּעס נעמען... דערווייל דאַרף מען צו די כוחות קומען. אַ פּאָר רובל האָב איך!...

מ׳האָט געפּלאָנטעוועט וואָס צו טאָן. שייווע האָט געוואָלט נעמען אַ קויש, אַוועק אין נאָענטן דאָרף איינקויפן דאָרטן פרישע קעז און פּוטער און מיט דעם גיין איבער די הויפן און פאַרקויפן. סענדער מיט נחמנלען זיינען געווען קעגן.

— מ׳דאַרף ניט, מאַמע. מיר וועלן אַליין פאַרדינען. דו זיי אין שטוב!...

ס׳איז געקומען לייבל פון שפּיטאָל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שטוב. עס פעלט אַ בעט. דאָרט וואו דאָס בעט איז געשטאַנען, אויפן פּאָל, ליגט איצט אַ שטרויזאַק מיט אַ קישן. קיין איין בענקל איז אין שטוב ניטאָ. לעבן פענצטער איז פּוסט. ניטאָ שוין מער די קירזשנערישע מאַשין... האָט ער אויסגעזעצט אַ געוויין:

— טאַטע, טאַטע!...

ער האָט זיך אָבער באַלד בארויקט און האָט אָנגעהויבן קלערן ווי אַזוי צו פאַרדינען געלט. ער האָט באַלד אַ חשבון געמאַכט וויפל מ׳דאַרף האָבן אַ טאָג צום לעבן. וויפל מ׳קען פאַרדינען אַ טאָג, אויב אַלע דריי קינדער זאָלן האַנדלען מיט פּאַפּיראָסן, מיט צייטונגען אָדער מיט שאָקאָלאַדלעך... ער האָט באַלד אויסגערעכנט אויפן קאָפּ, וויפל מ׳וועט פאַרדינען אַ וואָך, אַ חודש און אַ יאָר... לויט זיין חשבון האָט זיך באַקומען, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט מען שוין לעבן גאָר גוט. מ׳וועט אַפילו אָנזאַמלען עטלעכע רובל... ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אָנגעהויבן שפּאַנען מיט זיינע לאַנגע

פיסלעך איבערן צימער. ער האָט מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען און מיט אַ טרויעריקן שמייכל געזאָגט:

— גאָט וועט העלפן. אַז גאָט לאָזט לעבן, מוז ער צום לעבן געבן!... נשקשה, ס'דאַרף גוט פינצטער ווערן ביז עס ווערט ליכטיק!...

ער איז איצט אינגאַנצן געווען ענלעך אויפן טאַטן זיינעם, לייבל. דער זעלבער שטעל און די זעלבע ווערטלעך. נאָר מער זיכער־קייט איז אין זיין קול געווען. און די אויגן זיינען ניט אַזוינע דער־שראָקענע ווי ביי גרשונען, געווען.

סענדער איז אַוועק אין מאַרק קויפן ברויט. אין קעשענע האָט ער עטלעכע רובל געהאַט. ער האָט זיך געדונגען מיט דער ברויט־פאַרקויפערין און ווען ער האָט זיך גענומען צום באַצאָלן, איז די קעשענע געווען ליידיק. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. ער האָט ניט געוויינט און ניט געשריגן. ער האָט נאָר שטילערהייט מיט זיך אַליין גערעדט:

— וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?...

ס'האָבן זיך אַרום אים מענשן אַרומגעשטעלט. מ'האָט אים באַ־טראַכט. עמיצער האָט אים דערקענט.

— זע נאָר, ס'איז דאָך גרשון דעם קירזשנערס יינגל!...

— וואָס טוסטו דאָ?... וואָס איז געשען?...

סענדער האָט באַטראַכט דעם עולם. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי מ'וועט באַלד פאַר אים אַ נדבה צונויפנעמען. אים איז דאָס שוין נמאס... זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך... ער האָט עס שוין גע־נוג... ער האָט זיך אויפגעהויבן און קיין וואָרט ניט געזאָגט.

צוריקוועגס, ווען ער איז צום הויף צוריקגעקומען, האָט אים יאַנקל ווערצפער באַגעגנט. דער גביר איז שטאַרק אויפגעלייגט געווען. ער האָט צעעפנט אַ מויל מיט גאָלדענע ציין און חוזק געמאַכט:

— אַ, אַ... רויט־אַרמייעץ... נו, פרעמדע קלייטן איז גוט צו ראַבעווען?... זעסט, איך בין צוריק ווערצפער!... און איר גייט אָן פלודערן אַזוי ווי געווען...

זיין ביטער הארץ האָט סענדער צו אים אויסגעלאָזט. ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און אַ שפּיי געטאָן:

— בורזשוי!...

— דו, סמאַרקאַטש איינער!... — האָט זיך ווערצפער צע־

שריגן — אָט גיי איך אַוועק און דערצייל ווער דו ביסט!... איצט איז אונזער וואָלאַסט, געדענק!...

אין שטוב האָט מען איצט שוין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. קיין געלט איז ניט געווען. און פאָרן גביר, פאַר וועצפערן, האָט מען מורא געהאַט, ער זאָל סענדערלען ניט אַרויסגעבן אין דער קאָנטראַ־זוועדקע. וואו צו גיין זיך אויסבאַהאַלטן איז ניט געווען. סענדערלס באַקאַנטע זיינען זיך צעפאָרן און צעלאָפן. אייניקע האָט מען אַרעס־טירט. איז געבליבן נאָר איינס. סענדערל מוז אַוועקפאָרן, זיך ראַטע־ווען... זאָל ער צום זיידן פאָרן. דערנאָך וועט זי, שייוועֵ, מיט די איבעריקע צוויי קינדער אויך אַהין פאָרן... אָבער וואו נעמט מען געלט?... אַז די לעצטע פאַר רובל האָט מען ביי סענדערן פון קעשענע אַרויסגעגנבעט...

לייבל האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַרויס אין גאַס. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים אין שטוב ניט געזען...

ביי טאָג איז אַ געוויינלעכע מעשה געשען.

ביי דער „ווייסער” מאַכט האָט מען אין מיטן העלן טאָג גע־ראַבעוועט. די גנבים פון דער מאַלדראַוואַנקע האָבן איצט פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. די אָפיצערן מיט די גאָלדענע פאַגאָנען אויף די אַקסל האָבן זיך נאָר אין שטאָט געפונען, אַהער, אויף דער מאָלדראָוואַנקע, האָבן זיי זייער נאָך ניט באַוויזן. אייניקע טעג איז די מאָלדראָוואַנקע אויף ווילקיר פאַרלאָזט געווען: טו וואָס דו ווילסט, לעב, ווי דו קענסט!...

ס'איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַ וואָגן. אינם האַלב־קעלער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פינף מענשן. זיי האָט דער הויף־אויפזעער געפירט, דער אַלטער וואַסילי. ער האָט זיך געצלמט און זיך געבעטן:

— באַפרייט מיך!... יעי באָהו, כ'וויים גאָרניט!...

איינער פון די פינף מענשן האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אַרויפ־געלייגט זיין האַנט דעם אַלטן אויפן אַקסל.

— דו שטיי נאָר און שוויג. דו ווייסט טאַקע גאָרניט!...

דערנאָך האָט ער זיך צו שייוועֵן געווענדעט:

— מומעניו, וואו איז די טיר, וואָס פירט אין בעקעריי?...

סענדער האָט אים דערקענט. ס'איז מישקע יאַפּאָנטשיק, דער גרעסטער אָדעסער גנב... שייוועֵ האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. זי האָט געקוקט אויף איר סענדערלען און מיט די אויגן ביי אים גע־

פרעגט... מישקע האָט זיך געאײַלט. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— מומעניו, גיכער. ניטאָ קיין צײַט!...

— רוקט אָפּ דעם שראַנק — האָט שײַוועּ גלײַכגילטיק געזאָגט.

פיר חברה האָבן אַ נעם געטאָן דעם שראַנק, אים אוועקגע־שלעפּט פון דער טיר. סענדער איז צו דער מוטער צו.

— מאַמע, ס'איז מישקע!...

זי האָט זיך ניט געכאַפּט.

— וואָס פאַר אַ מישקע?...

מישקע איז אונטערגעקומען. זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגן שײַ־וועּן, אַ דרײַ געטאָן זײַנע קלײנע וואַנצעלעך, ליב אַ קוק געטאָן מיט זײַנע גוטע אויגן אויף שײַוועּן און זיך צעלאַכט:

— איר קענט מיך ניט, מומעניו?... איך בין מישקע יאַ־פּאַנטשיק!...

— יאָ, — האָט שײַוועּ געענטפערט — געהערט פון אײַך!...

— איז ווי לעבט זיך אײַך?... — האָט מישקע זיך נאָכ־געפרעגט — איך זע, אַז איר זײַט גרויסע גבירים, די אמתע בורזשו־יען, אַ שײנער אַפּאַרטאַמענט איז בײַ אײַך!... נשקשה, אָט וועלן גיך צוריק קומען די „רויטע". וועצפערן, דעם גביר, וועט מען אַהער אַראָפּזעצן און אײַך צו אים אין דירה!...

שײַוועּ האָט זיך דערשראָקן. די פיר חברה האָבן די טיר אויפ־געריסן און מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן זעקלעך מעל... סענ־דערל האָט געציילט די זעקלעך. מ'האָט פערציק זעקלעך מעל אַרויסגעטראָגן. אײנס האָט מען דעם אַלטן הויף־אויפזעער געגעבן. וואַסיל האָט אָפּגעדאַנקט און איז באַלד מיט דעם אַרויס. אַ צווייט זעקל מעל האָט מישקע שײַוועּן געגעבן.

— נאָט, מומעניו. באַקט ברויט און אַפילו קנישעס... זאָלן זײ וויסן, די גריכן, אַז מ'האָט אַ פולע בעקערײַ מיט מעל, דאַרף מען באַקן ברויט. מענטשן הונגערן און זײ האַלטן אויס דאָס מעל אויף ספּעקולאַציע... אַ גוטן טאָג, מומעניו!...

שײַוועּ איז באַלד אַרויסגעלאָפן און האָט אַרײַנגעפירט דעם אויפזעער:

— נעמט אײַך די מעל, וואַסילי!...

— וואָס טוסטו, מאַמע?... — האָט סענדער אויסגעשריגן — מיר האָבן דאָך ניט וואָס צו עסן!...

וואַסיל האָט דעם זעקל מעל אַרויסגעטראָגן און שײַוועּ האָט צו סענדערן געזאָגט:

— פארגעסט, ווער דו ביסט. זיך ראטעווען דארפסטו און ניט זיך פארפירן... די רייכע זיינען איצט אויפגעבראכט אויף אונז... פאר אוועק. גיכער פאר אוועק פון דאנען... איך וועל פארקויפן דעם שראנק, די קישן, אבי פאר אוועק, ראטעווע זיך!...,,

פארנאכט איז אנגעקומען לייבל א צופרידענער, א זאטער, מיט א קעסטעלע שאקאלאדעס און מיט א לעבל ברויט. שייווע האט אויפגעזאטן א טשייניק טיי. מ'האט אפגעגעסן און לייבל האט דערציילט זיינע פאסירונגען פארן טאג.

ער איז אוועק אויף דער באלשארנעאוטסקע גאס און איז אריין אין איינע פון די פילע צוקערניעס, וואס געפינען זיך אויף דער גאס. ער איז צו צום בעל־הבית און האט פאר אים זיין לעבן און צרות אויסדערציילט. דערביי האט ער אראפגענומען דאס היטל און זיך אויסגעטאן די שיך.

— נאט אייך, בעל־הבית, א משכון און גיט מיר א קעסטל שאקאלאדלעך. איך וועל זיי פארקויפן, די שאקאלאדלעך, און אייך באלד אפברענגען דאס געלט און נעמען אנדערע סחורה... גלויבט מיר, איך וועל ניט אנזעצן. איך מוז העלפן דער מאמען, מיינע ברידערלעך... און איך אליין וויל אויך עסן!...

די ארבעטער האבן געהערט, וואס דאס יינגל דערציילט. עמיצער פון זיי האט אפילו געזאגט, אז ער האט געקענט דעם יינגלס פאטער, דעם פריילעכן קירזשנער. אן ערלעכער און פרומער ייד איז דאס געווען... דער בעל־הבית האט זיך געקווענקלט. האבן די ארבעטער צונויפגענומען צווישן זיך אזויפיל געלט וויפל א קעסטל שאקאלאדלעך קאסט.

— נא, יינגעלע. קויף זיך א קעסטעלע שאקאלאדלעך און פארדין זיך אויף א שטיקל ברויט!...

דער בעל־הבית האט זיך פארשעמט. ער האט שוין ביי לייבלען קיין געלט ניט געוואלט נעמען. ער האט אים אומזיסט א קעסטל שאקאלאד דערלאנגט און געזאגט:

— גיי פארקויף. אז דו וועסט קומען נאך א צווייטן קעסטעלע וועל איך טאקע זען, אז דו ביסט א פיין קינד, האסט מיך ניט אפגענארט!...

ער איז אוועק לייבל אויפן בולוואר. דארט צווישן די פוסטע־פאסניקעס, די רייכע יינגלעך מיט די שיינע מיידלעך, די ווייסע אפיצערן מיט זייערע פריילינס, האט ער זיין סחורה פארקויפט... ער איז אומגעלאפן צווישן די שפאצירנדע, זיך געפלאנטערט פאר

זייערע פיס, אונטערגעטראָגן זיין קעסטעלע און איינגעריסן וועלטן שרייענדיק :

— סליוואטשנע, זיסע שאָקאָלאַדעס, א רובל א שטיק!...
היינט פאַר געלט און מאָרגן אומזיסט, סליוואטשנע שאָקאָלאַדעס,
א רובל א שטיק!...

פאַר א פּאָר שעה האָט ער זיין קעסטעלע פון א מאה שאָקאָלאַדקעס פאַרקויפט. ער איז אוועק צוריק אין דער צוקערניע און האָט איצט שוין צוויי קעסטלעך געקויפט. ווען ער האָט פאַרקויפט אויך די סחורה איז ער ווייטער געקומען נאָך קעסטלעך... אָט אזוי א גאַנצן טאָג...

איצט האָט ער געלט. אויף מאָרגן צום האנדל האָט ער זיך נאָך א קעסטעלע שאָקאָלאַדקעס פאַרגרייט. און מאָרגן וועט ער מיט ביידע זיינע ברידערלעך אַרוים אין גאַס... ער וועט זיי ווייזן ווי אזוי מ'קויפט סחורה, מ'פאַרקויפט זי און מ'פאַרדינט געלט... אין א חודש אַרום, איז ער זיכער, וועט מען גאָר אַנדערע מענשן זיין... מ'וועט לעבן גוט, און ניט נאָר גוט, נאָר אפילו רייך... אָ, הלואי וואָלט ער פריער זיך גענומען צו האנדל, ווען ער וואָלט פריער אויף דעם שכל געפאַלן!...

דאָס איז געווען דער ערשטער אויפדערנאַכט נאָך גרשונס טויט, ווען אויף די פאַרזאָרגטע אויסגעמאַטערטע פּנימער האָט זיך א שמייכל באַוויזן... דערנאָך האָט שייווע זיך אויפגעהויבן פון אָרט, א קוק געטאָן אויף יעדער קינד באַזונדער און איר בליק אויף סענדערן פאַרהאַלטן.

— וואָס זאָגסטו, סענדער, א?...

— ווייסט דאָך, מאמע — האָט ער געזאָגט — איך האָב היינט האנדל!...

זי האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט, שייווע. זי האָט א זיפץ געטאָן :

— יאָ, דו ביסט ביי מיר אַן אַנדערער, גאָר אַן אַנדערער!...
ראַטעווע זיך. דאָ, אין אָדעס, איז איצט ניט פאַר דיר. פאָר אוועק.
צום זיידן, פאָר!...

סענדערל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אין די אויגן זיינען אים טרערן געשטאַנען. ער האָט באַלד צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיט א ווייס טיכעלע אויסגעווישט די טרערן און א קוק געטאָן אויף לייבלען מיט העלע פייערלעך פון זיינע קאַרע אויגן.

— לייבל, איך דאַרף אויף הוצאות. האָסט געלט?...

ליבל האָט אַרויסגענומען פון די קעשענעס צוויי זשעניעמס מיט זילבערגעלט, עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— איך וועל דיר לייען, סענדערל! . . .

אויפן אַנדערן טאָג איז סענדער מיט דער מאַמען צום וואָקזאַל געגאַנגען. ער האָט אַ בילעט גענומען ביז כריסטינאָווקע. שייווע האָט אַ ברוין טאָרבעלע מיט שפּייז אים אויפן וועג מיטגעגעבן. נאָר איידער דער צוג איז אָפּגעגאַנגען איז אַנגעלאָפן ליבל מיט נחמנען. זיי האָבן ביידע אין די הענט געטראָגן קעסטעלעך מיט שאָקאָלאַד. ליבל איז פאַרשוויצט און פאַרעסקט געווען. נחמן איז אויך אויפגעלעבט געוואָרן, נאָר אין זיינע ליכטיקע אויגן האָט אַ טרויער געלויער . . . ביידע האָבן זיי אונטערגעטראָגן סענדערן אַ קליין קעסטעלע, אין וועלכן עס איז אַ גאַנץ צענדליק שאָקאָלאַדלעך געווען.

דער צוג האָט זיך גערירט און סענדער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— דאָס וועל איך רייזעלען אַ מתנה ברענגען . . .

44. פון כריסטינאָווקע ביז אָבריםאָווע . . .

ער איז אַרויס פון צוג און האָט ניט דערקענט דעם וואָקזאַל. אין כריסטינאָווקע איז קיין איין פור און קיין איין בעל־עגלה ניט געווען . . . ער איז אַוועק צופוס. דער טראַקט איז אים נאָך פון פריער באַקאַנט געווען. ער איז געגאַנגען און האָט געטראַכט, פאַרוואָס אויפן וואָקזאַל אין כריסטינאָווקע איז איצט אַזוי שטיל געווען, פאַרוואָס האָט מען קיין איין יידן ניט געזען . . . עפּעס אַ פּאָר סאָלדאַטן און אַן אָפיצער האָבן זיך אומגעדרייט איבערן פעראָן שיכורלעך, פאַרשלאָפן, און אַלץ האָט איצט אויסגעזען, אויף דעם רוישנדיקן וואָקזאַל, ווי נאָך אַ מגפה . . . שאַ, שטיל. קיין לעבעדיקער מענש . . . דער צוג, וואָס איז אָנגעקומען, איז אויך גיך אַוועק, אָן דעם געוויינלעכן רעש און טומל. עס האָט זיך באַקומען, ווי ער וויל זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן, דער צוג . . .

הינטער אים מיטן וועג איז אַן עלטערער פויער געגאַנגען. ער האָט אים אָנגעיאָגט, געפרעגט:

— פאַרובעק, וואַרט צו . . . אָט, גיי איך נאָך דיר און קוק אויף דיר. איך טראַכט, צי איז דאָס ניט אַלעקסיי, אונזער סטאַראָסטעס זון? . . . קוק איך אַזוי . . . — ער האָט אַ וויז געטאָן די אויסגעהאַרעוועטע דלאָניע פון זיינע גרויסע אָפּגעברענטע הענט און

געשמייכלט אין דער גרויער באָרד אריין — קוק איך אזוי, איז דאָס אַלעקסיי! ... — ער האָט באַלד איבערגעקערט די האַנט מיט די דלאָניעס אראָפּ, כיטרע אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויגל און פאַר־געזעצט — נאָר קוק איך אזוי, איז דאָס ניט אַלעקסיי... איז ווער ביסטו, וואוהין גייסטו, כלאָפּעץ? !...

סענדערל האָט פארשטאַנען, אַז איצט איז ניט די צייט יעדער איינעם זאָגן דעם אמת. ס'איז איצט אומרואיק. אין די שטעטלעך, הערט מען, קומען פאָר פּאָגראָמען. און ער, סענדער, מיט זיין אויס־זען, מיט זיין ריידן און מיט זיינע גענג זעט גאָרניט אוים אויף קיין יידן. ער האָט געזאָגט:

— איך בין ניט קיין היגער, דיאַדקאַ! ... אַ פרעמדער בין איך. דעם טאַטן האָבן די דייטשן אויף דער מלחמה געהרגעט. די מאַמע איז געשטאָרבן. נו, דריי איך זיך אַרום איינער אַליין. איך אַרבעט אָפּ אַ ביסל און גיי ווייטער. סיי ווי סיי אין דער פרעמד... איינער אַליין.. זוך איך וואו בעסער. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַכרימאָווע איז אַ גרויסע מיל פאַראַן, דאָרט דאַרף מען אַרבעטער...

דער פויער האָט אַ קוק געטאָן אויף סענדערלן, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל אַ שטילן זעפץ.

— טאַק, טאַ טאַק! ... נאָר די מיל שטייט דאַכט זיך איצט... סוקיני דיעטי... אַ רייך שטעטל אַכרימאָווע געווען. נו, נו... האָסט, דאַכט זיך, פּאַרובעק, אהין ניט וואָס צו גיין! ... אָט, פאַר־שטייסט, די גלאַוונע אַרבעט איז ביי יידן געווען. נו, די מיל, די קרופּטשאַטקע, די מאַסלאַביאַקע... און איצט?... דאַכט זיך, אַז דאָרט איז אויך אַ פּאָגראָם געווען! ...

סענדערלן האָט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. דאָס ערשטע איז אים אויפן געדאַנק געקומען: רייזעלע! .. דערנאָך: דער זיידע! .. ער האָט אָבער פאַרן פויער זיין אומרואיקייט ניט אַרויסגעוויזן. ער האָט זיך געצוואונגען אַ שמייכל טאָן:

— אָט, וועל איך קומען אהין, וועל איך זען! ...

מ'איז ווייטער געגאַנגען. דער פויער האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן:

— אַז וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס? ... נעכטן „רויטע", היינט „ווייסע" און מאָרגן פּעטליורע! ... און יעדערער נעמט, יעדערער ראַבעוועט, יעדערער באַליידיקט... טפו, טשאָרט! ... אָט, זאָג נאָר מיר, כלאָפּעץ, ווי אזוי רופט מען דיר?

— אַלעקסאַנדער!

— איז זאָג מיר נאָר, אַלעקסאַנדער, ווער פון זיי איז בעסער?...
— איך ווייס ניט, דיאַדקאַ! ...
— טאַק, טאַ טאַק! ... קיינער ווייסט ניט! ... — ער איז נאָך לאַנג געגאַנגען אַ פאַרקלערטער דער פויער און פלוצלונג אויסגעזועצט:
— און איך מיין, אַז פאַרן קייסער איז בעסער געווען! ...

פון טראַקט האָט זיך אָן אַ זייט אַ שמאָלער וועג באַוויזן. גלייך מיט דעם וועג אַראָפּ צו, אויפן האָריזאָנט, האָט זיך אַ דאָרף געזען. דער פויער האָט פון טראַקט פאַרקערעוועט אויף דעם וועג.

— נו, כלאָפּעץ, פּראָשטשאַי. טאָמער האָסטו ניט קיין אַרבעט, אויף צוריקוועגס גיי אַריין אין דעם דאָרף, וועסט פרעגן איוואַן קוצובענקאָ. נאָך דאָ ביי מיר מיט וואָס אַ מענשן אויפצונעמען! ...
סענדער איז געגאַנגען ווייטער. אויפן טראַקט האָבן זיך אַלע־מאָל באַוויזן אַלץ מערער און מערער פויערים, איבערהויפּט פויער־טעס. מ'איז געגאַנגען באָרוויס, אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקע קליי־דער און אייניקע האָבן אין די הענט גרינע קלויסטער־ליכטלעך גע־טראָגן. סענדער האָט געמיינט, אַז עס איז איצט חגא... אָט, איז שוין דער איינזאַמער בוים אין מיטן פון פעלד. ער געדענקט גוט דעם בוים. ניט ווייט איז אַ ברונעם. אַרום ברונעם שטייען פיל מענשן. מ'קוקט עפּעס אַריין אין ברונעם און מ'צלמט זיך. ער איז צוגעגאַנגען נענטער. ער האָט אויך אַריינגעקוקט. פון אינעווייניק, פון וואַסער, האָט אויף אים אַ שיין געטאָן אַ פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט... ער האָט זיך דערשראָקן, סענדער, אָפּגעשפּרונגען פון ברונעם. אַלע אַרום אים האָבן זיך געצלמט...
און ער האָט זיך איצט דערמאָנט, וואָס מענשן ריידן פון אַ שטיק צייט אָן:
מאָנאַכן און גלחים וואַרפן אומיסטנע אונטער „הייליקע" בילדער, קלאַפּן אַריין אין די שטיינערנע צלמים פאַרזשאַווערטע טשעוועקעס און מאַכן אַזוינע קונצן, אַז עס זאָל זיך באַקומען אויפן צלם אַ פלעק פון בלוט... זיי לאָזן אַראָפּ אין די ברונעם „איקאָנעס" און עס באַקומט זיך, אַז אַליין די „הייליקע" האָבן זיך פונם וואַסער צו די מענשן באַוויזן... דאָס אַלץ נוצן זיי אוים אויף צו פאַרפעסטיקן דעם גלויבן, וועלכער הענגט איצט אויף אַ האָר, ווייל אין די קיעווער פּעטשערעווער לאַווּרעס און אין אַנדערע מאָנאַסטירן האָבן די באָל־שעוויקעס די „הייליקע מאָשטשעס" אויפן פּלאַץ אַרויסגעטראָגן און באַוויזן פאַרן פאָלק דעם שווינדל, אַז ניט קיין קערפּערס פון היי־ליקע מענשן, וואָס פוילן ניט, זיינען די „מאָשטשעס", נאָר מומיעס

פון וואקס, האָלץ און זיידענע קליידער, אָנגעפּילטע מיט שטרוי... די מאַנאַכן און גלחים, ווי נאָר די „רויטע" מאַכט איז פאַרטריבן געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן צוריק אויפשטעלן זייער פאַרלוירן־געגאַנ־גענעם פּרעסטיזש און כבוד. זיי פירן איצט אַן אַקציע קעגן באָלשע־וויזם און קעגן די יידן, וועלכע זיינען לויט זייער אַגיטאַציע אַלע באָלשעוויקעס... די „ווייסע" מאַכט העלפט זיי אין דעם גערן אונטער...

אַט גייט אום איינע אַ פּויערטע, נאָך אפילו גאָר אַ יונגע, זי איז אַ באָרוויסע, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלייד, מיט אַ ווייסע קאָפּטע, אויסגעהעפּט אַרום האַלז און אַרבל מיט רויטע און ברוינע צלמלעך. זי פאַרגלאָצט פרום די אויגן און דערציילט:

— גיי איך מיר אַזוי צו צום ברונעם אָנגעמען וואַסער. שטענ־דיק. ווען איך פאָר דורך דעם ברונעם, פויע איך אָן די פערד... איך וויל נאָר אַראָפּלאָזן דעם עמער, הער איך, ווי פון וואַסער גיט עמיצער אַ זיפץ. אוי... איך האָב באַלד צוריק אַרויסגעשלעפּט דעם עמער און גיב אַ קוק, האָספּאָדי, האָספּאָדי!... — זי האָט זיך איבערגעצלמט — גאָטס מוטער אַליין, די הייליקע פּריילין מאַר־יאַ מיטן קינד אויף די הענט קוקט פון וואַסער אויף מיר!... איך בין באַלד אַוועק צום וואָגן, אַ טרייב געטאָן די פערד און אַוועק קיין אָברימאָווע צום פּאָטערל, צו אונזערן, צו פּאַנטעליי גאָנטע, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן!...

סענדערל איז ווידער אַמאָל צו צום ברונעם. ער האָט אַ קוק געטאָן. איצט האָט ער בולט געזען, אַז אויפן גרונט פון ברונעם ליגט אַ איקאָנקע... ער איז אַוועק פון ברונעם. ניט ווייט איז דער וויים־שטיינערנער צלם געווען, אויף וועלכן עס איז אַ וויים־שטיי־נערנער, רחמנות אַרויסרופנדיקער יעזוס געהאָנגען. דאָ, אַרום צלם, זיינען נאָך מערער מענטשן געשטאַנען. אויפן מאַמע האַרץ פון דעם שטיינערנעם יעזוס איז אַ רויטער פלעק געווען. ס'האָט איינציקווייז, פּאַמעלעך, פונם „האַרצן" רויטע טראָפּנס „בלוט" גערונען...

סענדערל האָט זיך ביים צלם ניט פאַרהאַלטן. ער איז גיך גע־גאַנגען ווייטער. דער געמיט זיינער איז אומרואיק געוואָרן. וואוהין גייט ער?... ווען ווען ווער טרעפן?... ער איז פאַרביי דעם שטילן וואַלד דורך, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט באַרג אַראָפּ צום טייכל, דורך דעם שטילן דאָרף מיט די ווייסע באַטעס און שטרויע־נע דעכער. און אַט איז דאָס בריקל... מיט האַרץ־קלאַפּעניש איז ער אַריבער דאָס בריקל. די ערשטע יידישע שטוב, וואָס איז געשטאַ־

נען ניט ווייט פון בריקל, איז געווען אַ גאַנצע, אַ שיינע, אַזאַ ווי ער האָט זי פאַרגעדענקט פון אַמאָל... דאָס האָט אים באַרואיקט. נאָר אָט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער דריי־גאָרנדיקער, רויט־ציגלדיקער מיל. אַלע שויבן פון די פענצטער זיינען צעקלאַפּט. די מיל שטייט, ווי אַ שטומע מיט אויסגעהאַקטע ציין, און שווייגט... זי אַרבעט ניט, די מיל. עס האָט זיך ווידער אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. ער איז אַוועק ווייטער. ער האָט געקוקט אויף ביידע זייטן מיט אומרואיקע פייערלעך פון זיינע קאַרע אויגן. אָט שטייט אַ שטוב, און די טיר און פענצטער זיינען אַראָפּגעריסן... ער זעט דורכן פענצטער צעבראָכן מעבל. אַ טיש איז אומגעוואַלגערט. עס ליגט אַ צעריסענער קישן און די פעדערן פון אים פליען איבער דער שטוב... אַ צווייט הויז. דאָ האָבן אויך יידן געוואוינט. דער דאַך איז האַלב אַראָפּגעריסן. די טיר און פענצטער פאַרהאַקט מיט ברעטער, איינע איבער דער אַנדערער...

ער האָט אָנגעהויבן גיין גיכער. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם מאַרק־פּלאַץ. אַלע קלייטן זיינען דאָ צעפּראַלט, צעשעדיקט און צעראַבעוועט... אָט איז שוין די מיטל־גאַס, וואו עס וואוינען אָכרימאָוועער בעלי־בתים, יידן „ניט אָרים און ניט רייך"... יעדער צווייט הויז איז צעשעדיקט, פאַרברענט, צעראַבעוועט... אָט, דאָ אין מיטן, האָט באַדאַרפט זיין אַ גרויס הויז, דעם זיידנס הויז, רב ישראל פּאָפּערעקס הויז... וואו דאָס איז אַהינגעקומען?... צי אפשר פּלאָנטערט ער, סענדער, אפשר געדענקט ער ניט די גאַס, דעם פּלאַץ?... ניין, אָט דאָס איז דאָס!... אַ באַרג מיט שטיינער, מיסט, שטרוי... ניטאָ שוין מער דעם זיידנס הויז...

45. פּ אָ ג ר אָ ם

ער איז אַוועק, סענדער, פון דער חורבה. נאָך פון דער ווייטנס האָט ער דערזען דעם פּעטער שמואלס הויז. עס איז געשטאַנען גאַנץ אַזוי ווי אַמאָל. פון קוימען איז אַ רויך געגאַנגען, אַ סימן, מ׳לעבט, מ׳איז דאָ... ער האָט אָנגעהויבן לויפן. ער איז צו צום גאַניק און איז געבליבן שטיין. די טיר און די פענצטער זיינען געווען מיט ברעטער פאַרקלאַפּט, אַ ברעט איבער אַ ברעט... איז ער אַוועק אַרום און אַרום. ער איז צו צום טויער, אַ שטויס געטאָן. דער טויער האָט זיך צעעפנט. אין הויף איז געווען שטיל און פּוסט. אינם גרויסן

שטאָל זיינען צוויי פערד געשפּאַנטע אין אַ וואָגן געשטאַנען. סענדער איז צו צו דער הינטערטיר פון הויז. ער האָט זי געעפנט. קיינער איז אים ניט געקומען אַנטקעגן. אין קיך איז געשטאַנען אַ מענש אין אַ שוואַרץ־שמוציקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט אַ זיידענעם גאַרטל אַרומגעבונדן. דער מענש איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער אַ טעפּל און האָט געמישט אין דעם מיט אַ לעפל... סענדער האָט באַטראַכט די קיך, דעם מענשנס פּלייצע. ס'האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר מיטן קאָפּ... ער האָט געוואָלט איינשטילן דאָס קלאַפּן פון האַרצן און ניט געקענט. איז דאָס דער פעטער שמואל?...

— פעטער!...

דער מענש האָט זיך אומגעקוקט. געשטאַנען, באַטראַכט דעם אַריינגעקומענעם און אים באַלד דערקענט. ער האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן, אים אַרומגעכאַפּט קושן און האַלדזן און פון זיינע אויגן איבערן פּנים און באָרד האָבן בלוטיקע טרערן גערונען.

— סענדערל, איי, סענדערל!... אוי, האָבן מיר דאָ איבערגעלעבט צרות!... וואָס פאַר אַ ווינטן האָבן דיר איצט אַהער געבראַכט?... איי, סענדערל, סענדערל!...

סענדערלס קאָפּ איז אויפן פעטער שמואלס ברוסט געלעגן. ער האָט געכליפּעט:

— וואָס איז געשען, פעטער?... דערציילט!...

מ'איז אַריין אין צווייטן צימער. דער גרויסער שפּיגל איז געשטאַנען אַ צעבראָכענער, דער ספרים־שראַנק אָן איבערגעקערטער. אויפן פּאָל האָבן זיך געוואַלגערט שמות, אַלטע שיך, שטיקער גלאָז און אַ פּאָר מעשענע לייכטער. מ'האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. מ'האָט געקוקט איינס אויפן אַנדערן. דער פעטער איז באַלד אַרויס און צוריק אַריין מיט אַ טאָפּ און צוויי הילצערנע לעפל.

— עס, סענדערל — האָט ער געזאָגט.

מ'האָטביידע געגעסן און ניט געפילט קיין טעם... סענדערל האָט זיך געוואָלט נאָכפרעגן אויף רייזעלען, אויף דער מומען, אויפן זיידן און האָט ניט געוואַגט... ער האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפל, געקוקט אויפן פעטער. דער פעטער שמואל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף זיינע הענט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויפן טיש, און זיינע אַקסל האָבן זיך אָנגעהויבן צוקן. ער האָט שטיל געכליפּעט... סענדער האָט אים אַרומגענומען.

— פעטער, דערציילט, וואָס איז געשען, וואו איז די מומע, רייזעלע ? . . .

דער פעטער שמואל האָט אַ קוק געטאָן אויף סענדערן און אַ זיפץ געטאָן. פון די אויגן האָבן איינציקווייז גרויסע טרערן גערונען...

— ניטאָ רייזעלע ! . . .

סענדער האָט געקוקט אויפן פעטער, צעעפנט דאָס מויל.

— ווײ ! . . . — האָט ער אויסגעשריגן.

— זי האָט אויף דיר אַזוי געוואַרט . . . — האָט דער פעטער געזאָגט — נו, קום, סענדערל, שלאָפן . . . מאָרגן פאַרטאָג פאָרן מיר פון דאַנען אַרויס. אין אומאַן וואוינען מיר איצט. אַלע, וועך עס איז נאָך לעבן געבליבן, איז פון אַכרימאָווע אַוועק. איך בין געקומען צונעמען פון דאַנען אַ פּאָר זאַכן, וואָס זיינען געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ סעקרעט . . . אָך, אונזערע סעקרעטן אין די קעלערס, יידישע „סעקרעטן" . . . דאָס פאַרמעגן האָב איך אויסגעבאַהאַלטן, נאָר רייזעלען אויסבאַהאַלטן האָב איך ניט געקענט . . . — ער האָט זיך צעוויינט אויפן קול : — מיין קינד, מיין גאָלדענע טאָכטער . . .

מ'איז ביידע געלעגן אין אַ צעבראָכן בעט אָרומגענומען און מ'איז ניט געשלאָפן.

דער פעטער שמואל האָט דערציילט וועגן פּאָגראָם . . .

— שוין עטלעכע מאָל האָבן שקצים, פרעמדע און היגע, גע־שלאָגן יידן, די קלייטן גערויבעוועט . . . ס'האָט געדויערט אַ פּאָר שעה און עס איז געוואָרן שטיל . . . מ'האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם . . . נאָר איצט איז אַ צרה געווען . . . ס'האָט זיך פריטיק אָנגעהויבן און געענדיקט האָט זיך עס זונטיק . . . צוויי סאָלדאַטן זיינען אַראָפּגעקומען. זיי זיינען אַרויף אויפן מאַרק און אָנגעהויבן שלאָגן. ווי פון אונטער דער ערד זיינען אויסגעוואַקסן שקצים, פויע־רים, פויערטעס, שיקסעס און נאָך פיל, פיל סאָלדאַטן און מ'האָט שוין ניט נאָר געשלאָגן נאָר אויך געהרגעט . . . מ'האָט ניט נאָר גערויבעוועט, נאָר די הייזער צענומען, די ווענט צעקלאַפּט . . . פון אונזער משפחה זיינען געבליבן לעבן נאָר איך, די מומע פּערל, דער זיידע מיט דער באָבען . . . שלמה מיט זיין ווייב און קינדער וואוינט שוין פון לאַנג אין אומאַן, זיינען מיר אַוועק צו אים . . .

און פון דעם אַלץ, וואָס דער פעטער שמואל האָט דערציילט, האָט די טרויעריקע בילד פון דער ווירקלעכקייט אַזוי אויסגעזען :

פריטיק אינדערפרי, ווען מ'האָט אין מאַרק אָנגעהויבן שלאָגן יידן, האָט מען באַלד די קראָמען פאַרמאַכט און מ'איז אַהיימגע־

לאָפן זיך באַהאַלטן. אַליין דאָס פאַרכעוואַטע גלחל מיטן ווייס־ציגע־נעם בערדל, פאַנטעליי גאַנטא, איז מיט זיינע שוואַרץ־מאַהיקע יינגען אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב ראַבעווען... די באָבע ביילע איז פונקט אין שטוב ניט געווען. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אומאַן צו שלמהן אים העלפן אין שטוב, ווייל זיין ווייב איז צו קינד געגאַנגען. דער זיידע רב ישראל פאַפּערעק איז איינער אַליין געזעסן אין דער גרויסער זאַל פון זיין שטוב און געקוקט דורכע פענצטער אויפן גאַס אַרויס, געזען ווי די פאַגראַמשטשיקעס הוליען... די מומע ברכה איז די גאַס דורכגעגאַנגען, האָט אַ יינג אין איר געשאָסן. זי האָט זיך אויפגעהויבן, די מומע ברכה, האָט דער יינג ווידער אַמאָל אין איר געשאָסן. איז זי געבליבן ליגן אין אַ טייך בלוט... ביים פעטער ברוך האָט מען דאָס הויז צעקלאַפּט, דאָס מעבל אויף דער גאַס אַרויסגעשלעפּט, דאָס בעטגעוואַנט צעריסן און די ווייסע פעדערן האָבן זיך, ווי שניי, איבער דער גאַס געטראָגן... דער פעטער בערעלע, דאָס קליינע יידעלע, דאָס קאַרליקל, איז אַריינגעלאָפן אין שטוב און איז צו צום זיידן מיט אַ געשריי:

— טאַטע, קום זיך באַהאַלטן, זיי גייען שוין אַהער די רוצ־חים!...

— וואָס וועלן זיי מיר טאָן? — האָט רב ישראל געזאָגט — איך בין שוין אַן אַלטער ייד!... פינף און זיבעציק יאָר אַלט!... וויפל לעבט אַ מענש?...

— טאַטע!... — האָט בערעלע געשריגן—זיי גייען, באַהאַלט מיך!...

דער זיידע איז אַריין מיט בערעלען אין קיך. ער האָט געוואָלט אויפהויבן אַ ברעט פון דיל און זיך אַראָפּלאָזן אין סעקרעט... נאָר ער האָט זיך באַטראַכט, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן בערעלען אויף די הענט, אים אונטערגעהויבן און אים איינם לאָך פון קוימען, וואָס הענגט איבער דעם גרויסן רוסישן אויוון, ווי אַ קניע אַריינגע־שטופּט... דער קוימען איז גרויס און ברייט. ער הענגט איבערן אויוון אויסגעבויגן אין אַ קניע און צעשפּרייט ווי אַ שירעם. בערעלע איז דאָרט געבליבן שטעקן...

— זיץ איבער די צייט!... — האָט צו אים רב ישראל אַרויפ־געשריגן — איך וועל דיר דערנאָך פון קוימען אַרויסשלעפּן, וועל איך דיך!...

ער איז אַרויס פון קיך מיט אַ פעסטן טראָט. ער האָט זיך

אוועקגעזעצט צוריק אין דער גרויסער זאַל אויף זיין אָרט און געוואָרט. די טיר איז געשטאַנען אָפן, ניט פאַרשפאַרט...

באַלד האָבן זיך אַריינגעריסן אַ כאַפּטע שקצים, היגע און פרעמדע. אייניקע פון זיי האָט רב ישראל געקענט. צווישן זיי זיינען אַ פּאָר זעלנער געווען און אויך דאָס אַלטע גלחל מיטן ווייסן ציגן־בערדל, פאַנטעליי גאַנטאַ. זיי זיינען אַלע געווען באַוואָפנט מיט העק, שווערדן און ביקסן. ביי אייניקע שקצים זיינען געווען אַזוינע קליינע, אָפּגעשניטענע ביקסן, ביים אָנהויב און ביים סוף, אַזוינע ביקסן, וועלכע נאָר באַנדיטן און פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיי גענוצט. „אָברעזקעס" האָבן די ביקסן געהייסן.

— זיצט, מיינע געסט! — האָט זיך צו זיי דער אַלטער ישראל געווענדעט.

די שקצים האָבן זיך ארומגעקוקט. איינער האָט זיך אפילו גע־וואונדערט:

— זע, די טיר איז דאָ ניט געווען פאַרשפאָרט!...

— וואָס זאָל איך פאַרשפּאַר די טיר — האָט דער אַלטער ייד געזאָגט — איר זייט דאָך אייגענע מענשן, מיינע שכנים. אָט איז דאָ איוואַן, מיקיטע כאַלאָדענקאָס פאַרובאָק... אָט איז כפעדאָר... און אָט איז מיקאָלע מיטן טאַטן מיט זיינעם, מיט אַנדרייען צוזאַמען. וואָס מאַכסטו עפּעס, קום?... לאַנג זיך מיט דיר ניט געזען... געדענקסט, דו האָסט מיר אַ פּאָר פערד פאַרקויפט. גוטע פערד, יאָ!...

דאָס פאַרכעוואַטע גלחל, פאַנטעליי גאַנטע, האָט דער זיידע אומיסטנע ניט באַמערקט, ער האָט פאַרזען דאָס גלחל, גלייך ווי ער וואָלט דאָ ניט געווען...

די כאַפּטע גויים האָט זיך עפּעס געקווענקלט. מ'האָט זיך געפילט ניט באַקוועם... אייניקע האָבן זיך אפילו אָנגעהויבן רוקן צוריק צו דער טיר. נאָר דאָ איז אַרויס פאָרויס דאָס גלחל. ער האָט אַ וואונק געטאָן מיט אַ גרין מערדעריש אויגל צו דער כאַפּטע:

— ס'אַ כיטרע ייד!...

און צו רב ישראלן האָט ער געזאָגט:

— דו, סראָל, זאָג נאָר וואו דיין גאָלד איז?...

— וואָס דאַרפסטו, פּאָטער, גאָלד? — האָט דער זיידע געפרעגט — דו שמעקסט דאָך שוין מיט פּגר!... אין קבר ווילסטו מיט זיך גאָלד נעמען?...

דאָס גלחל איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיינע דאַרע ווייסע

הענטלעך אויפגעהויבן אין דער הויך. מיט זיי געטרייסלט די לופט און היסטעריש געשריגן:

— פּראוואָסלאַוונע, איר הערט?!... אַ זשיד לעסטערט אייער פירער, אייער פּאַסטעך, דעם הייליקן גלח פון אייער קאַנט!... ער האָט מיך פּערציק יאָר בּאַראַבּעוועט, דער ייד... ער האָט פולע זעק מיט גאָלד. איך שווער ביי מייען צלם, ער האָט גאָלד!...

די רוצחים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אַלטן יידן מיט די העק און שווערדן. מ'האָט אים אַרומגערינגלט. מ'האָט אים געריסן פאַר דער באָרד.

— זאָג, וואו איז דאָס געלד?!...

די לעצטע יאָרן איז דאָס שוואַרצמאַהיקע גלחל אינגאַנצן שוין עובר־בטל געוואָרן... אַפילו די פּויערים, וואָס פלעגן באַזוכן דעם קלויסטער, האָבן געלאַכט פון אים. און גראָד דאָס עובר־בטלקייט האָט דעם גלחל, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געפּרעדיקט שנאה צו אַלץ און צו אַלעמען, וואָס איז ניט רעכט־גלויביק, „פּראוואָסלאַוונע", גראָד דאָס האָט אים אין קאַנט אַ שם געמאַכט פאַר אַ הייליקן... מיט רב ישראל פּאַפּערעק האָט ער אַלטע חשבונות געהאַט. ער האָט שוין פאַרגעסן, אַז אַ גאָרטן מיט האַלב־צעפוילטע און האַלב־צעבראָכענע בוימער, וואָס האָבן קיין פּירות ניט געגעבן, האָבן די פּאַפּערעקס אין אַ גן־עדן פאַרוואַנדלט, אין אַ בליענדיקן גאָרטן, וואָס האָט יעדער יאָר טויזנטער עפּל, באַרן, וויינשל און פלוימען געגעבן... דאָס אַלטע, פוילע, גייציקע און ניט פאַרגינעריש גלחל האָט די לעצטע יאָרן זיך געקריגט מיטן אַלטן ישראל... ער האָט אַלץ גע־טענהט, אַז ישראל האָט אים באַנומען, בדיל הדלות געשטעלט...

דאָס גלחל איז צוגעלאָפן אויף זיינע דינע פיסלעך און האָט אויסגעשטעקט די ווייסע ציטערדיקע הענט צום אַלטנס האַלדז:

— זשיד פּאַפּערעק, גיב דאָס גאָלד!...

דער זיידע האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. ער האָט מיט אויגן פולע מיט צאָרן אַ קוק געטאָן אויפן גלח און אויסגעשריגן:

— אַלטער מערדער, הרגע!...

דאָס גלחל האָט זיך פאַרן האַרצן אָנגעכאַפּט, זיך צעהוסט און צעלאַכט דאָס ווייסע, ציגן־בערדל האָט זיך אַזש געטרייסלט:

— כי, כי, כי!...

— היי!... כוואַטיט!... — האָט איינער פון די פּאַ־גראָמשטשיקעס אויסגערופן — אַ קויל אין בויך און באַסטאַ!...

— שטיט! ... האָט דער גלח געציטערט — פריער דאָס גאָלד אַרויסבאַקומען.

רב ישׂראל האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. ס'האָט זיך בלוט אויף זיינע ליפּן באַוויזן. ער האָט אַ זיפּץ געטאָן און מיט אַ פולע מויל בלוט און שפּייעכץ האָט ער דעם גלחל אין פּנים אַ שפּיי געטאָן:

— נאַ דיר גאָלד, אַלטע נבלה! ...

אויפן ווייס-ציגענעם בערדל, וואָס האָט זיך ווי פון קאַנוואָולסן געטרייסלט, איז אַ רויטע פלעק, אַ בלוטיקער פלעק געוואָרן, ס'איז טמא געוואָרן דאָס„ הייליקע" בערדל... דאָס גלחל האָט זיך מיט די הענטלעך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, פאַרן האַרצן, ער האָט זיך גע־צלמט...

די אַנדערע רוצחים איז צו צום יידן. עס איז געוואָרן אַ גוואַלד:

— שלאָג! ...

— הרגע! ...

— דאָס גאָלד וואו איז? ...

דער אַלטער ייד האָט זיך געריסן פון זייערע הענט און מיט די לעצטע כוחות געשריגן:

— איך וועל אייך געבן גאָלד, איך וועל אייך געבן! ...

מ'האָט אים אָפּגעלאָזט... ער האָט אָפּגעאָטעמט און אַ וויז געטאָן אויף די ווענט:

— אָט דאָ איז מיין גאָלד, אין די ווענט, אין אַלע ווענט! ...

די באַנדיטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די ווענט. מ'האָט גע־גלויבט, אַז אין די ווענט איז גאָלד באַהאַלטן. מ'האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די העק און מיט די שווערדן אין די ווענט. יעדער איינער האָט געוואָלט וואָס גיכער דאָס גאָלד באַקומען... און דאָס גלחל איז צו צום יידן מיט אויסגעשטרעקטע ציטערדיקע הענט, מיט צענומענע לאַנגע, ווי ציטעריקע שפּיזן, פינגער.

— סראָל, האָסט מיך באַשפּיגן? ...

— יאָ, גלחל! ... — האָט דער יידע געשריגן — וועסט מיט אַ פלעק אויף יענער וועלט קומען! ...

דאָס גלחל האָט אויפגעהויבן זיין גרויסן גראָבן שטעקן און דערלאַנגט דעם ייד איבערן קאָפּ... רב ישׂראל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט פאַרן קאָפּ, די קני האָבן זיך אונטערגעהאַקט און ער איז געפאַלן...

די רוצחים האָבן אויפגעהערט קלאַפּן אין די ווענט... זיי האָבן געקוקט אויפן ייד, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד

אן אומבאַוועגלעכער און אויפן גלח, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און עס האָט אים געוואָרפן הענט און פיס... זיי האָבן שוין געוואָלט ווידער אַמאָל זיך נעמען האַקן די ווענט. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז דער אַלטער האָט געזאָגט דעם אמת און דאָך זיי אָפּגע־נאַרט... יאָ, ער האָט טאַקע אין די ווענט אַריינגעלייגט זיין גאָלד... ווייל ער האָט די ווענט געבויט, ער האָט אַלע זיינע יאָרן ווענט געבויט, שטיבער, הייזער געבויט... זיין גאַנץ האָרעוואַניע, זיין האָרעוואַניע און גאָלד איז אין די ווענט אַריין און קיין גאָלד האָט ער דערפאַר ניט געהאַט... און פּלוצלונג האָבן די פּאָגראָמשטשי־קעס דערהערט, ווי עס האָט עפּעס אַ פּאַל געטאָן. ס׳האָט אין קיך עפּעס פון אויבן, ווי פון דער סטעליע, מיט אַ קלאַפּ אַ פאַל געטאָן...

קען זיין, אַז בערעלען איז שווער אָדער נמאס געוואָרן צו זיצן אין דער קניע פון קוימען, וואו עס האָט געשטיקט פון דער שוואַרצער סאַזשע און ס׳האָט געשמעקט מיט ביטערן רויך... צי אפשר האָט ער געהערט, ווי מ׳מאַטערט זיין אַלטן טאַטן, מ׳איז זיך נוקם אין אים און ער האָט געוואָלט אים קומען צו הילף?... און קען זיין, אַז זיצנדיק אין קוימען האָט ער אַ קלער געטאָן וועגן זיך?... ווע־מען פעלט ער און וואָס האָט ער צו טאָן אויף דער וועלט?... אַן אַלטער בחור, אַ פאַרזעעניש, אַ קאַרליקל. קיינער וויל פאַר אים ניט חתונה האָבן, אַלע לאַכן פון אים, אַלע רופן אים: דאָס קליינע בערעלע!... — נאָר ווי אַזוי עס זאָל שוין ניט זיין און וואָס עס איז שוין ניט געווען, ער, בערעלע, איז אַרויסגעפאַלן פון קוימען מיט אַ קנאַק. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פאַל. ער האָט אָנגעהויבן זוכן די האַק... ער איז אינגאַנצן געווען שוואַרץ פון סאַזשע. די אויגן האָבן ביי אים ווילד געברענט און ער האָט אויסגעזען ווי אַ שד...

איינער פון די באַנדיטן מיט אַ הוילער שווערד אין דער האַנט איז אַריין אין קיך אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָ. ער האָט באַלד אַרויסגעלאָזט די שווערד פון האַנט און איז צוריק אַרויסגעלאָפן פון קיך אַן איבערגעשראָקענער:

— בים, בראַטצי, בים!...

בערעלע האָט אויפגעהויבן די אַרויסגעלאָזטע שווערד און האָט זיך געלאָזט נאָכן אַרויסגעלאָפענעם רוצח... ער איז אַריין אין זאַל און דעם ערשטן, וועלכן ער האָט אויף זיין וועג געטראָפן, האָט ער אַ האַק געטאָן מיט אַזאַ כוח, אַז ער האָט אים באַלד אויף דער העלפט, פון האַלדז ביז אונטערן האַרצן דעם קערפּער אַראָפּגע־האַקט... די איבעריקע באַנדיטן האָבן דערזען פאַר זיך אַ שוואַרצע

באשעפעניש מיט אַ שווערד אין האַנט, זיינען זיי זיך צעלאָפן דורך טיר און פענצטער מיט ווילד־דערשראָקענע אויסגעשרייען:

— אַ רוח, אַ שד, טשאָרט, דיאוואל!...

דאָס גלחל, פאַנטעליי גאָנטע, האָט זיך אָנגעהויבן צלמען. די שווארצע באשעפעניש האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און אויפן יידן, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טאטן. די שווארצע סאַזשע האָט זיך פון אים געשאָטן... דאָס גלחל האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן און היסטעריש שרייען:

— זגין, זגין סאטאנא!...

ער איז צו צו אַ ווינקל צווישן צוויי ווענט. ער האָט ווייטער ניט געהאַט וואו צו גיין, האָט ער זיך אָנגעהויבען צלמען און קווישטען. ער האָט זיך אויף איין אָרט געדרייט און געשריגן מיט ציטער, ווי אַ קליין קינד:

— כ׳האָב מורא, כ׳האָב מורא!...

ער האָט זיך מיט די הענט אַ כאַפּ געטאָן פאַרן הארצן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אין פּחד און אין שרעק, מיט אַ שטונק האָט דאָס גלחל זיין לעצטן אָטעם ארויסגעלאָזט...

בערעלע איז צו צום טאטן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קערפּער און ניט געשפּירט, אַז דער אַלטער לעבט נאָך. ער האָט זיך צעוויינט:

— טאַטע, טאַטע!...

די פּאָגראָמשטשיקעס אין דרויסן זיינען צו זיך געקומען. מ׳האָט זיך איינס פאַרן אַנדערן פאַרשעמט. מ׳איז צו צום פענצטער און מ׳האָט אַריינגעקוקט. איינער פון די היגע שקצים האָט געזאָגט:

— טאַק צע זשע בערעלע, מאַלינקי בערעלע!...

— ני, בים!... — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— יאָ, דער בערעלע איז טאַקע אַ רוח!...

— איז לאָמיר אים כאַפּן און פאַרברענען!...

— ריכטיק, פאַרברענען דעם בים!...

מ׳האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין שטוב. מ׳האָט געכאַפּט דאָס קליי־נע בערעלע, מ׳האָט אים ארויסגעשלעפּט אויף דער גאַס און באַגאָסן מיט בענזין... עמיצער פון די רוצחים האָט אַ סירניקל אָנגעצונדן און עס אַ וואָרף געטאָן אויפן אומגליקלעכן... ס׳האָט באַלד אַ פלאַקער געטאָן אַ פלאַם־פייער און עס האָט זיך דערהערט אַן אומ־מענשלעכער, האַרצרייסנדיקער געשריי:

— אוי!...

און באַלד האָט דאָס פלאַם־פייער זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט

און האָט אָנגעהויבן לויפן און האָט געשריגן האַרצרייסנדיק, משוגע און ווילד:

— אוי!... מאַ!.. גאַ.. אַ.. אַט!.· גוואַלד!...

און ברואים אין געשטאַלטן פון מענשן מיט הענט און מיט פיס, מיט קעפּ אויף די פּלייצעס, זיינען געשטאַנען און האָבן געלאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ!...

דאָס לויפנדיקע שטיק פייער האָט פּלוצלונג אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און האָט אָנגעהויבן טליען...

אין דער צייט זיינען די רוצחים צום פעטער שמואלס הויז אוועק. דער זיידע איז דערווייל געקומען צו זיך. ער האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן טויטן קערפּער פונם פאַרשטונקענעם גלחל. ער האָט דערזען אויף האַלב אַ צעשניטענעם פינגער פון עפּעס אַ דאָרף־שייגעץ. ער איז אַריין מיט אַ וואַקלדיקן טראָט אין קיך. דער קוימען איז ליידיק געווען... דאָס קליינע בערעלע איז ניטאָ... האָט ער גענומען, רב ישראל, זיין שטעקן אין האַנט, אַ פּלעשל וואַסער, אַ שטיקל ברויט. פון דער וואַנט האָט ער אַראָפּגענומען אַ טאָרבע, זי אויף זיך אָנגעהאָנגען און איז אַרויס פון שטוב... קיינער האָט אים ניט געזען... ער איז אַרויס פון שטעטל און איז אַוועק מיטן וועג, וואָס פירט קיין אומאַן...

און ביים פעטער שמואל אין הויז האָבן די רוצחים גאָרניט ניט געפונען. זיי האָבן צעבראָכן דעם גרויסן שפּיגל, איבערגעקערט דעם שראַנק מיט ספרים. צעוואָרפן, פאַרניכטעט און געטראָטן מיט די פיס... דערנאָך איז מען אַרויס אין הויף... אין אַ גרויסער שטאַל זיינען געשטאַנען צוויי פערד מיט אַ וואָגן און אַ שיינע, מעלקנדיקע קו... נאָר קיינער האָט זיך אויף דעם ניט אומגעקוקט. פערד און בהמות האָט דאָך יעדער פויער... ס'זיינען אומשולדיקע באַשעפענישן און זיי טשעפּן איז אַן עבירה... יידן שלאָגן, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס מעג מען!... זייער אָנגעראַבעוועט גאָלד צונעמען, דאָס מעג מען!... וואו־זשע איז שמואל מיט זיין טעכטערל, דער קראַסאַוויצע, רייזעלע?... דער שבת־גוי וואָס האָט פאַר אַ שטיקל ווייסן קוילעטש, געפילטע פיש און לאָקשן־קוגל אַלע שבת אַראָפּגענומען די לייכטער פון טיש, האָט אַ גלוסטונג צום שיינעם יידישן מיידל... ער האָט איצט דעם גלחל גאַנצעס אָרט פאַרנומען, ער, דער שבת־גוי, איוואַן קוטשורענקאָ, האָט די באַנדע געפירט. ער האָט זיי אַ ווייז געטאָן אויפן קעלער, וואָס אונטער דער שטוב:

— יידן באהאלטן זיך אָדער אויפן בוידעם אָדער אין קעלער!...

מ׳האָט אויפגעריסן די קעלער־טיר. מ׳איז מיט ליכט געגאַנגען איבער די טיפע קאָרידאָרן, לאַבירינטן און סעקרעטן... דער קעלער האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער גאַס און האָט זיך פאַרענדיקט מיטן זיידנס קעלערס... ס׳האָט דאָ געשמעקט מיט עפּל און מיט ווייַן... נאָר די שקצים האָבן איצט געזוכט נאָר גאָלד און שיינע מיידלעך...

ערגעץ אין אַ ווינקל־קעלער, אין אַ לאָך, האָט מען געפונען דעם פעטער שמואל, די מומע פּערל און זייער איינציק קינד, רייזע־לען... מ׳האָט דאָס מיידל אַרויסגעשלעפּט פון קעלער מ׳האָט די טיר פאַרהאַקט פון דרויסן און די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע פון קעלער ניט אַרויסגעלאָזט... דער פעטער שמואל האָט געקלאַפּט אין דער טיר, נאָר קיינער האָט ניט געעפנט... די מענטשן־חיות האָבן איצט ניט געוואָלט זיין גאָלד און זיין לעבן. זיי האָבן געהאַט זיין שיינע טאָכטער און דאָס איז פאַר זיי גענוג געווען... איז ער אַוועק פון טיר, אַראָפּ צוריק אין קעלער. ער האָט זיין ווייב פאַר דער האַנט גענומען און מיט איר, נאָר דורך אים אַליין באַקאַנטע וועגן, אונטער דער ערד די גאַס אַריבער. אין איינעם פון דעם זיידנס קע־לערס אַריין און פון דאָרט איז ער מיט זיין ווייב צוריק צו זיך אַ היים געקומען. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט... קיין איינער פון די רוצחים איז שוין אין הויף ניט געווען. נאָר רייזעלע איז איינע אַליין, אַ נאַקעטע, אַ געשענדעטע, אַ טויטע, אין מיטן הויף געלעגן און האָט מיט אירע שיינע אויגן, ווי אַ לעבעדיקע צום הימל געקוקט...

ס׳איז געוואָרן נאַכט. קיין ליכט האָט איצט די מומע פּערל ניט געבענטשט. דער פעטער שמואל האָט דאָס ערשטע מאָל מחלל שבת געווען... ער האָט איינגעשפּאַנט זיינע פערד און וואָגן. פון הינטן ביים וואָגן האָט ער אויף אַ שטריק צוגעבונדן די קו. ער האָט אויפ־געהויבן אויף די הענט זיין טאָכטער, וואָס איז ווי אַ הייליקע על קידוש השם געפאַלן... ער האָט זי אַריינגעלייגט אין וואָגן... פון ביידע זייטן טויטן קערפּער האָבן זיך טאַטע־מאַמע געזעצט און מ׳איז אַרויסגעפאָרן פון הויף...

מ׳האָט פאַרלאָזט אין טרויער דאָס ליב געוועזענע שטעטל אַכרימאָווע...

גיך האָט מען געטריבן די פערד, ווי נאָר מ׳איז אַרויס פון שטעטל, אויפן וועג וואָס פירט קיין אומאַן... ביי האַלבער נאַכט איז מען אָנגעקומען צו שלמהן. אַ גאַנצן שבת איז מען געזעסן לעבן

טויטן מיידל אין א באזונדערן צימער. זוטיק אינדערפרי האָט מען רייזעלען צו קבר ישראל געבראַכט... אָט דאָס איז דיווירקלעכע מעשה פונם אָכרימאָווער פּאָגראָם אינם 1919 יאָר...

46. וואוהין פירט דער וועג?

ס'האָט שאַריעט אויף טאָג. ערגעץ האָט אַן ערשטער האָן א קריי געטאָן. דער פעטער שמואל האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט און געזאָגט צו סענדערן:

— קום, פאָרן!...

מ'איז שטיל אַרויסגעפאָרן פון הויף... ס'איז געווען קיל. סענדער האָט זיך צום פעטער געטוליעט... דאָס שטעטל איז געווען פּוסט און חרוב... מ'איז אַרוים פון שטעטל, אַרויף אויפן וועג, וואָס פירט קיין אומאַן, און דער פעטער שמואל האָט זיך אומגעקוקט אויף אָכרימאָווע... מיט א טרויעריקן בליק האָט ער זיך געזעגנט... ער האָט באַלד א פּאָכע געטאָן מיט דער בייטש און די פערד האָבן ווי אָדלער א פלי געטאָן... אזוי א איז מען אָפּגעפאָרן א שטיק צייט שווייגנדיק... די פערד האָבן אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך... ס'איז אַרוים די זון אין הימל. זי האָט א שיין געטאָן מיט אירע שטראַלן... פון ביידע זייטן וועג האָט זיך אַן אומענדלעך פעלד מיט גאָלדענע וועלן־זאַנגען געצויגן..

דער פעטער שמואל און סענדער זיינען אויפן וואָגן געזעסן און געשוויגן. יעדער איינער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע אייגענע געדאַנקען און רעיונות... און פון ביידע זייטן וועג האָט זיך געצויגן דאָס פעלד באַוואַקסן מיט גרין־געלע תבואה... דאָס זיינען געווען פּולע, גאָלדענע זאַנגען אויף ווייטע וויאָרסטן אין דער לענג און אין דער ברייט... שוין לאַנג איז מען געפאָרן צווישן די זאַנגען און די פעלדער האָבן זיך געצויגן און געצויגן און מ'האָט קיין לעבעדיקן מענש ניט אויף די פעלדער און ניט אויפן וועג געזען... די זון האָט אַלץ העלער און העלער זיך צעשיינט מיט איר ליכטיק פּנים, זי האָט זיך צעשפּילט, די זון, מיט אירע שטראַלן אין פיל־פאַרביקע דורכזיכטיקע קאָלירן און ס'האָט ווי מיט בריליאַנטן א שיין געטאָן דער אַרום... ערגעץ צווישן די זאַנגען איז א גאָלדענער סאָלאָוויי געזעסן און האָט זיך צעזונגען מיט זיין שיין טווישטשנדיקן קול:

— פיטי, פיטי, פיטי, פיטי, פיטי, פיטי!...

ס'האָבן זיך פויגעלעך אין דער לופט באַוויזן און פריי און פריי־לעך אויפן רוף פונם סאָלאָוויי געפלויגן... פון ווייט־ווייט האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ פּאַסטעך־פּייפעלע. דאָס קול איז געקומען צעשוואומען אויף די כוואַליעס פון די גאָלדענע זאַנגען און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווייט־ווייט — אַהין ביים סוף פונם פעלד, אויפן האָרי־זאָנט, וואו דער הימל לאָזט זיך צו דער ערד אַראָפּ... און באַלד איז צוריק אַ גרויסע שטילקייט אינם פעלד געוואָרן... און סענדערל האָט מער שווייגן ניט געקענט. ער האָט די שטילקייט פונם פרימאָרגן צעשטערט...

— פעטער, אוי, פאַרוואָס, פעטער, בין איך דענסט־מאָל אין אַכרימאָווע ניט געוועזן?... אוי, פעטער!...

דער פעטער שמואל האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס. די פערדלעך זיינען אַליין געגאַנגען. זיי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, גלייך ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, וועגן וואָס די מענטשן אויף דער פור ריידן... דער פעטער שמואל האָט אַרומגענומען סענדערלען:

— וואָס וואָלסטו געקענט טאָן קעגן אַ באַנדע פּאָגראָמשטשי־קעס?...

— איך וואָלט זיך געשלאָגן!... — האָט סענדערל אויס־געשריגן.

— קינד, מיינס!... — און באַלד האָט רב שמואל צוגע־געבן — רייזעלע האָט געוואָרט... זי האָט דיך זייער געוואָלט זען!... איינמאָל איז דורך אַכרימאָווע אַ פּאָלק סאָלדאַטן דורך. דאָס זיינען געוועזן „רויטע". דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויף זיי געקוקט, ווי אויף באַשיצערס. און רייזעלע האָט מיר אויף איינעם אַ יינגל אָנגעוויזן און געזאָגט: „טאַטע, סענדערל איז דאָ פאַראַן!..." איך האָב איר געזאָגט, אַז עס דוכט זיך איר, ביסט נאָך קליין אין דער אַרמיי צו גיין און זי האָט אירס געשריגן: „סענדערל איז מיט די רויטע!.."
יאָ, מיין קינד, זי האָט געוואַרט אויף דיר!...

— איך בין טאַקע געוועזן ביי די „רויטע" — האָט סענדערל געזאָגט און דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים איז פאַר דער צייט פאַר־לאָפן. ווי אַזוי מ'האָט אים פון פראָנט אין שפּיטאָל אַ טיפוס־קראַנקן געבראַכט, ווי אַזוי די גאַנצע משפחה איז אויף טיפוס קראַנק געווען, ווי אַזוי דער טאַטע, גרשון מלאך, איז געשטאָרבן און ווי אַזוי און פאַרוואָס ער איז פון אָדעס אוועק און אַהער, קיין אַכרימאָווע, געקומען!... און פאַרענדיקט האָט ער מיט די

ווערטער: — פעטער, האָב איך שוין געגומען די שווערד אין האַנט, וועל איך זי ניט אַרויסלאָזן!... איך וועל קעמפן פאַר אונזער לעבן, איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן רייזעלעס טויט...

— מיין קינד, — האָט דער פעטער געזאָגט — ס'האָט זיך אָנגעצונדן אַ גרויס פייער, און דאָס פייער איז פון גאָט. וואָס קענען מיר טאָן?... מן הסתם דאַרף אַזוי זיין!...

— ניין, פעטער!... — האָט סענדערל דערווידערט — דאָס פייער איז ניט פון גאָט, נאָר פון מענשן, פון שלעכטע מענשן, פון מענשן, וואָס זייער קלוגשאַפט איז דערגאַנגען צו משוגעת!... און זאָלן אַפילו טויזנטער פייערן זיך אָנצינדן, וועל איך זיי דורך און די שווערד פון האַנט ניט אַרויסלאָזן!...

— סענדערל!...

— איך הער, פעטער!...

— איי, סענדערל... — ער האָט זיך מיט אַן אַרבל די טרערן געווישט

און מ'איז געפאָרן ווייטער. דער פעטער שמואל האָט אַ טרייב געטאָן די פערד. די זון איז געוואָרן גרעסער און פריידיקער. זי האָט אָנגעהויבן בריען. די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך צעשפּילט איבער די תבואה־פעלדער מיט גאָלד און זילבער. דער העל־בלויער הימל, וואָס האָט זיך פאָרויס געשפּרייט איבערן פעלד איז רויטלעך געוואָרן אין ערטערווייז האָט ער אַ גאָלדענעם אָפּגלאַנץ געהאַט... עס איז געווען פייערלעך־שטיל. און מ'איז צוגעפאָרן צו אַ גרויסן טראַקט. דאָ האָט זיך דער וועג געקרייצט. ער האָט זיך צעצווייגט דער וועג אין פאַרשידענע ריכטונגען. פאָרויס איז דער אומענדעלכער סטעפּ געווען, הינטן ווידער סטעפּ, רעכטס האָט זיך אַ וואַלד ביים הימל־עק געגרינט. לינקס, ווי אַ טייך, אַ ווייסער טראַקט אויף הונדערטער וויאָרסטן געצויגן... סענדערל האָט אויסגעשריגן:

— בלייב שטיין, פעטער!

דער וואָגן איז שטיין געבליבן. סענדער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אויף לינקס.

— וואוהין פירט דער וועג?...

דער פעטער שמואל האָט געזאָגט:

— דאָס איז דער גרויסער טראַקט. ער פירט פון פּאָדאָל און וואָלין קיין פּוילן. און פון דאָרט ציט ער זיך ווייטער אַזש ביז קיין דאַנציג!...

— ווייסט ניט, פעטער, ווער געפינט זיך אין דער ריכטונג, די „רויטע" צי די „ווייסע"?...

— מ'זאָגט, די „רויטע", די באָלשעוויקעס!...

— נו, און רעכטס, פעטער?

— רעכטס, סענדערל, זעסט דאָך, איז אַ וואַלד. מ'רופט אים דער סטעפּקיוועקער וואַלד. פון יענער זייט איבערן גאַנצן פּאָדאָל האַלטן זיך די „ווייסע", די דעניקינצעס... און אין וואַלד גופא רוצחים!...

— און פאָרויס איז אומאַן, פעטער?

— יאָ, מיין קינד. פאָרויס איז אומאַן און הינטן אָכרימאָווע. אין אומאַן זיינען איצט די פּעטליוראָווצעס. אין אָכרימאָווע קיינער ניט... אָכרימאָווע גייט מען נאָר פאַרביי. זעסט דאָך: ארום אָכרי־מאָווע זיינען די „ווייסע", די „רויטע", פּעטליורא און זעליאָנע!...
נאָר אָכרימאָווע אַליין איז „פריי"... ווער עס וויל, דער קומט, הוליעט אָפּ און גייט אוועק... ס'אַ דורכגאַנג־שטעל!...

סענדערל האָט זיך פאַרטראַכט. און פּלוצלונג האָט ער גענומען זיין טאָרבעלע און איז אַראָפּ פון וואָגן.

— פעטער, זיי געזונט!...

— וואָס ווילסטו טאָן?... — האָט זיך רב שמואל מיט אַ וויינענדיק קול ביי סענדערן געבעטן — פאַרלאָז אונז ניט סעדערל!...

— פעטער, איך גיי אהין, צו די באָלשעוויקעס!...

— ניין, סענדערל, וועסט ניט גיין. פאָר מיט מיר... אין אומאַן איז איצט שטיל. מ'שמועסט, אז די פּעטליוראָווצעס זיינען אָן כוחות געבליבן... מ'וואַרט פון טאָג צו טאָג, אז די באָלשע־וויקעס זאָלן אין שטאָט אריין. גלויב מיר, נאָך אַ פּאָר טעג און די רויטע ארמיי קומט אָן!

— נאָך אַ פּאָר טעג, זאָגסטו, פעטער?...

— יאָ, מיין קינד, איך נאָר דיר ניט אָפּ!... און חוץ דעם, דער זיידע, ער וויל דיך אזוי זען. ווייסט דאָך, ווי ער האָט דיך ליב!...

— דער זיידע?...

— יאָ, סענדערל!...

— נו גוט, פעטער!...

רב שמואל האָט אַ טרייב געטאָן די פערד... מ'איז גיך געקומען קיין אומאַן.

סענדערל האָט באַלד דעם זיידן דערקענט. רב ישראלן האָבן די איבערגעלעבטע צרות ניט געענדערט. אזא ווי צוריק מיט יאָרן,

ווען סענדערל איז קיין אָכרימאָווע צום זיידן געקומען, אַזאַ האָט ער אים איצט אויך געטראָפן... ער איז עפּעס נאָך מונטערער גע־וואָרן און מער קאַפּויער־זיטן באַקומען... דאָס ערשטע וואָרט זיינס נאָך דעם, וואָס ער האָט זיך מיט סענדערן צוקושט איז געווען:

— לאָמיך דיינע פּויסטן אַ קוק טאָן, סענדערל. ס'אַ צייט אַזאַ, וואָס אָדער מ'כאַפּט פּעטש אָדער מ'גיט פּעטש!...

די באָבע ביילע איז איצט אינגאַנצן גרוי געוואָרן, כאָטש זי איז נאָך אויך איצט אַזאַ שטאַלטנע, ווי פריער געווען. זי האָט אויך איצט אויפן זיידן געשריגן, נאָר אין אירע געשרייען זיינען גרויס ליב־שאַפט צום זיידן פאַרבאָרגן געווען:

— דו אַלטער פּאַפּערעק, וואָס מאַטערסטו דאָס קינד? וואָס באַקוקסטו זיינע פּויסטן?... לאָז אים פריער אָפּעסן, זיך אויסרוען פון וועג!...

און דער אַלטער האָט זיך ווי אַמאָל צעלאַכט, גלייך ווי ער וואָלט ערשט קיין צרות איבערגעלעבט, קיין קינדער ניט פאַרלוירן. ער האָט זיך געווישט אַ טרער, וואָס איז אים געפלאָסן איבערן געזיכט און געלאַכט מונטער און פריילעך:

— בע, ביילע, סענדערל איז אויסגעוואַקסן. אַ גרויסער גע־וואָרן... אָ, ער וועט זיך ניט לאָזן שעכטן, ער וועט זיך ניט באַ־האַלטן אויף די בוידימער און אין די קעלערס!... ער וועט דעם קאָפּ האַלטן הויך, ער וועט פאַר קיינעם קיין כורעים ניט פאַלן!...

דער פעטער שמואל האָט געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אויפן זיידן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. די מומע פערל האָט געוויינט. און נאָר דער פעטער שלמה איז ביי זיך שטאָלץ געווען. ער האָט מיט עפּעס געכאַפּט דעם אומבליק פונם זיידן, גערעדט צוצווינגן און צו זיין ווייב, צו גאָלדען, אַ שיינע, פּולבלעכע און ערנסטע פרוי, געזאָגט:

— זעסט, גאָלדע, סענדערל איז פון אונזער משפחה... ער וועט אויך אין זעלבסטשוץ גיין. — און ער האָט צום פעטער שמואל זיך געווענדעט — זיי באַוואָרנט, דאָ אין אומאַן וועט קיין פּאָגראָם ניט זיין!...

דער פעטער שמואל האָט אומעטיק מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— וויי, וויי... צו וואָס זיך דערלעבט?!...

סענדערל האָט דערציילט דעם זיידן אַלץ וואָס ער האָט דורכ־געמאַכט, זינט ער איז פון אָכרימאָווע צוריק קיין אָדעס געפאָרן... אַלע האָבן אויסגעהערט די טרויעריקע געשיכטע, מ'האָט געזיפצט און געוויינט... די באָבע האָט דערלאַנגט צום טיש עסן. מ'האָט

זיך אַלע אויסגעזעצט. אויבן אויף, ווי אַמאָל אין אַכרימאָווע, איז דער זיידע געזעסן... די משפחה איז אָבער איצט געווען אַ קליינע. דער אַלטער ישראל האָט אַ קוק געטאָן אויף יעדער איינעם באַזונדער, אַ זיפץ געטאָן און דערנאָך צו סענדערלן זיך געווענדעט:

— זאָל זי קומען, די מאַמע, מיט די קינדער אַהער!... וואָס וועט זי דאָרט זיצן אין אַדעם אַליין?...

— זאָל שטילער ווערן, וועט מען קענען פאָרן. — האָט דער פעטער שמואל געזאָגט.

דער זיידע האָט אָנגעהויבן עסן, און אַלע נאָך אים... פּלוצ־לונג האָט דער זיידע אַוועקגעלייגט דעם לעפל און געזאָגט:

— אַכרימאָווע וועט נאָך צוריק אַ שטעטל ווערן און מיר וועלן נאָך צוריק אַכרימאָווער יידן זיין!...

די מומע פּערל האָט זיך צעוויינט. די באָבעביילע האָט אויך געוויינט און זיך געווישט די אויגן. די מומע גאָלדע האָט ערנסט געקוקט אויפן זיידן, דערנאָך איר בליק אויף שלמהן, אויפן מאַן אירן, אָפּגעשטעלט:

— דער שוואָער פאַרלירט ניט דעם בטחון!...

— יאָ — האָט שלמה געזאָגט — אויב נאָר עס וועט זיך איינ־שטעלן די רויטע מאַכט, פאָרן מיר צוריק קיין אַכרימאָווע... דעם סאַד, אונזערן, דעם גאָרטן, וועל איך קיינעם ניט צולאָזן...

דער זיידע האָט מיט ליבע געקוקט אויף זיין זון. דערנאָך האָט ער אויפן איידעם אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— אייך ביידע געהערט דער סאַד בירושה!... איר האָט אייער מי און חכמה אין יעדער בוים אַריינגעלייגט... עס וועלן נאָך זיין קינדער, שיינע בוימער, אויף זיי וועלן וואַקסן עפּל!...

— ניין, האָט דער פעטער שמואל טרויעריק געזאָגט — איך וועל שוין קיין אַכרימאָווע קיינמאָל צוריק ניט פאָרן!...

דער זיידע האָט אַ זיפץ געטאָן:

— מיר וועלן נאָך זען, וואוהין דער וועג וועט פירן!...

מ׳האָט צוריק אָנגעהויבן עסן. און סענדער האָט געטראַכט: „אַזאַ מענטש ווי דער זיידע, לאַנג־לאַנג קען ער נאָך לעבן..." ער האָט איצט קיין חרטה ניט געהאַט, וואָס ער האָט געפאָלגט דעם פעטער שמואל און איז מיט אים קיין אומאַן אָפּגעפאָרן...

נאָכן עסן האָט סענדער געהערט ווי דער זיידע זאָגט צום פעטער שלמה:

— און אפשר אַ שפּיי טאָן אויף דעם פאַרבלוטיקטן רוסלאַנד

און זיך לאָזן קיין ארץ־ישראל? ... מאָטל האָט דאָך געהאַט רעכט, ווען ער איז נאָך דאַמאָלט אַנטלאָפן... נאָר גיי טו עפּעס, אַז איך בין שוין אַלט! ...

— ניין, טאַטע! ... — האָט שלמה אָפּגעענטפערט — ווייל מיר האָבן דאָ אויף דער ערד געבלוטיקט, איז זי אונזערע, און מיר דאַרפן פאַר איר קעמפן און זי ניט פאַרלאָזן! ...

דער פעטער שמואל איז געשטאַנען ביי אַ פענצטער, אַרויסגע־קוקט אויף דער גאַס און שטיל געשעפּטשעט אַ תפילה. און סענדערל האָט געקלערט: „ארץ־ישראל, אפשר האָט דער זיידע רעכט...״ און אים האָט זיך דערמאָנט דער טראַקט מיט די פיל וועגן, וואָס האָבן זיך געקרייצט און ער האָט געפרעגט ביים פעטער שמואל: „וואוהין פירט דער וועג? ...״ און קיין ריכטונג האָט ער אויס־קלייבן ניט געקענט...

47. זעלבסטשוץ...

אויפן צווייטן טאָג איז סענדער אַרויס אין גאַס. אויפן קרעשטשאַטיק איז געווען פּוסטלעך. קיין יידן האָט מען ניט געזען. אויב עס האָט זיך עפּעס יאָ אויפן שיינעם קרעשטשאַטיק באַוויזן אַ ייד, איז ער גיך דורך די גאַס. ער האָט זיך גערוקט מיט אַ זייט ביי די ווענט, אַז מ׳זאָל אים ניט דערקענען... דערפאַר האָט מען דאָ געזען זייער פיל פּעטליוראָוועצס און היידעמאַקעס, דאָס זיינען געווען קאָזאַקן, אוקראַאינישע פּויערים, אָנגעטאָן ניט נאָר ווי מיליטער־לייט, נאָר ווי אין אַן אָפּערע... זיי האָבן צום מייסטן געטראָגן ברייטע, בלויע הויזן, שאַראַוואַרעס, — זיידענע בלויע, גרינע אָדער ראָזע העמדלעך, — סאַמעטענע, צום מערסטן טייל בלויע און גרינע אויבער־רעק, אַרמגענייט אַרום האַלדז, פּאַלים, און אַרבל מיט גאָל־דענע און זילבערנע גאַלונען, — שוואַרצע, לאַקירטע שטיוול, — גרויע קוטשמעס מיט רויטע, שפּיציקע עקן, וואָס האָבן אַראָפּ אויף אַ זייט פון קוטשמע, — די קעפּ הויל־ראַזירטע און נאָר אין סאַמע מיטן פון קאָפּ איז איבערגעלאָזט אַ שטיק האָר אַן „אָסעלעדעץ״, — אויף די לענדן ווייסע, לאַנגע שווערדן, — אַרום די לענדן רויטע און גרינע גאַרטלען, — אין די גאַרטלען שפּייערס... — אָט אַזוינע זיינען געווען די קאָזאַקן־היידאַמאַקעס פון פּעטליורעס חייל...

סענדער האָט באַשטימט אַריינגיין צו דער מומען באַבציען. ער

האָט דערזען אויפֿן קרעשטשאַטיק די ערשט־קלאַסיקע פּריזירעריי פֿון דעם פּעטער איציע, דער מומע באַבציעס מאַן. אין פּריזירעריי זיינען די שטאָרן געווען האַלב אַראָפּגערוקט... דער פּעטער איציע, אַ פּאַרעלטערטער, האָט זיך איינער אַליין אומגעדרייט אין זיין ווייס: כאַלאַט. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, ווען ער האָט פֿאַר זיך דערזען סענדערן. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים:

— סענדערל, ווי קומסטו אהער?...

נאָר סענדער האָט אים ענטפֿערן ניט באַוויזן. עס זיינען באַלד אַריין צוויי פּעטליוראָווצעס,ביידע אָנגעטאָן אין דער גאַנצער „שייר־נער" אוניפֿאָרם, נאָר איינער האָט נאָך געהאַט אויפֿן קאָפּ גרויסע שוואַרצע האָר, אין דער צייט ווען דער אַנדערער האָט אַן „אָסעלע־דעץ" אין מיטן קאָפּ... ביידע זיינען זיי געווען שיכּורלעך. דער, וואָס מיט די האָר אויפֿן קאָפּ, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שטול און האָט אויסגעשריגן:

— די נשמה וועל איך אַוועקגעבן, נאָר אַן „אָסעלעדעץ" זאָל מיר זיין!...

דער פּעטער האָט אים אָפּגעשוירן, דערנאָך אָפּגעראַזירט דעם קאָפּ און אַ שוואַרצן, לאַנגן שטיק האָר, אַן „אָסעלעדעץ" אים געלאָזט אין מיטן הענגען... דער צווייטער פּעטליוראָוויעץ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, נאָכגעקוקט, ווי אַזוי דער פּעטער ראַזירט, דערנאָך אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ גאַנצע זשמעניע געלט און דעם פּעטער געגעבן:

— נאַ, זשיד!... וויים דאָס גוטע האַרץ פֿון היידאַמאַקעס... זיי זיינען אַרויס.

דער פּעטשער איציע האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פּלימעניק, אויף סענדערן, ער האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר עס האָט זיך דער־טראָגן פֿון גאַס אַ קוויטשעריי.. מ'איז ביידע צו צום פֿענצטער, מ'האָט דערזען: עס לויפֿן פּעטליוראַצעס מיט די הוילע שווערדן, זיי שטעלן אָפּ מענשן, זיי שלאָגן, הרגענען... דער פּעטער האָט באַלד פֿון אינעווייניק פֿאַרמאַכט די פּריזירריי און איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר. ס'האָט מיטן פּעטער איציע געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— מ'דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס די מומע באַבציע טוט. ס'אַ פּאָגראָם!...

— פּעטער! — האָט סענדערל אויסגעשריגן — איך לויף צום זיידן!...

און ער איז באַלד אוועק.

די גאַסן זיינען אומרואיק געווען. ס'האָבן זיך געטראָגן קולות פון פרויען און קינדער. עס זיינען שוין געפלויגן פעדערן פון צעריסענע בעטגעוואַנט... .מענשן זיינען מיט קלימיקלעך אויף די פּלייצעס געלאָפן. פּעטליוראָווצעס זיינען זיי נאָכגעלאָפן, באַראַבעוועט, גע־הרגעט... סענדערל האָט זך אַראָפּגעלאָזט פון קרעשטשאַטיק, זיך פאַרקערעוועט אויף דער סאַדאָווע־גאַס און זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ צו אַ גרויס הויז מיט אַ גאָרטן, צום פעטער שלמהס הויז. אינם האַרצן האָט אים דאָס בלוט געזאָטן, ער האָט צונויפגעדריקט זיינע פויסטן און געוואַרט, אפשר וועט אַ פּאָגראָמשטשיק צו אים זיך צוטשעפּען. אָבער אויסערלעך איז דאָך סענדער אויף קיין יידן ניט ענלעך געווען און דערפאַר זיינען די דורכלויפנדיקע שיכורלעכע פּעטליוראָווצעס אים ניט באַפאַלן. פאַרקערט, אייניקע האָבן נאָך צו אים אנוטערגעשמייכלט און גערופן:

— פידעמאַ זשידקיוו ביטי!...

איז ער נאָך מערער פאַרומערט געוואָרן און מיט אַ קינדערשן פאַרשטאַנד האָט ער זיין ווייטיק פון האַרצן געוואָלט אויפקלערן און ניט געקענט:

— פאַרוואָס שלאָגט מען יידן?... מיר זיינען דען ניט גלייך אַזוינע מענשן ווי אַלע?... מיר זיינען דאָך ניט ערגער און ניט בעסער!..

ביים סוף פון דער סאַדאָווע־גאַס איז שוין רואיק געווען. דאָ האָבן זיך אומגעדרייט יידישע יינגען, קצבים, פורמאַנעס, שוסטער און שניידער. זיי זיינען אַלע מיט ביקסן, מיט העק און מיט שווערדן באַוואָפנט געווען. דאָס איז געווען די יידישע שטאָטישע זעלבסט־שוץ... לעבן פעטער שלמהס הויז האָט סענדער דעם זיידן דערזען מיט אַ האַק אין האַנט. פון שטוב איז אַרויס די מומע גאָלדע. זי האָט געהאַלטן אַ קליינע ביקס, אַ קאַראַבין. די באָבעביילע איז איר נאָכ־געגאַנגען, זיך געכאַפּט פאַר דער ביקס, געוויינט:

— גאָלדע, קינד מיינס, פאַרגעסט, ביסט אַ מאַמע פון צוויי קינדער!...

— לאָזט מיך, שוויגער! — האָט גאָלדע מילד־שטרענג געזאָגט. דער זיידע האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— בע, ביילע, וואָס־זשע ווילסטו, מ'זאָל ווי אין אַכרימאָווע יידן קוילן?...

ס'איז אַרויס דער פעטער שמואל. ער איז געווען בלאַס. ער האָט פאַרגלאָצט צום הימל די אויגן:

— גאָט, פאַרוואָס קומט עס אונז ?...

מ'האָט דערזען סענדערן, מ'האָט זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו אים.

— סענדערל!...

— וואו ביסטו געווען ?...

— מיר האָבן שוין געמיינט... מיר האָבן איבערגעטראַכט!...

— מומע, — האָט זיך סענדער געווענדעט צו גאָלדען — גיב מיר די ביקס. איך קען שיסן. איך האָב דאָך אייך דערציילט, איך בין שוין אַפילו אויפן פראָנט געווען....

— גיב אים, טאָכטער, די ביקס — האָט דער זיידע געזאָגט — מ'וועט דאַרפן, וועסטו קומען צו הילף. אין זיינע הענט איז די ביקס זיכער.

גאָלדע האָט איבערגעגעבן סענדערן די ביקס.

זי איז אַריין אין שטוב.

דער פעטער שמואל האָט טרויעריק געזאָגט:

— איר זייט שוין אַן אַלטער ייד, שווער. וואָס שפּילט איר זיך מיט פייער ?...

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן ?... — האָט דער זיידע געפרעגט — אין קעלער זיך באַהאַלטן ?...

— סענדערל ?!... — האָט דער פעטער שמואל זיך געבעטן.

— איך הער, פעטער!...

— איי, סענדערל!... — ער האָט זיך מיט אַן אַרבל די טרערן געווישט.

און דער פעטער שמואל איז אַריין אין שטוב. סענדער האָט אים נאָכגעקוקט. עס האָט אים דערמאָנט זיין שטיף־פאָטער, גרשון מלאך. ער האָט אויף יענעם רחמנות געהאַט. דער פעטער שמואל רופט אויך ביי אים נאָר רחמנות אַרויס... דערנאָך האָט ער ביים זיידן געפרעגט:

— וואו איז דער פעטער שלמה ?

— ער איז אַוועק מיט אַ דעלעגאַציע צום קאָמענדאַנט.

— וואָס איז ? — האָט סענדער אויסגעשריגן — מ'דאַרף זיך ביי זיי בעטן, אַז מ'זאָל קיין יידן ניט שלאָגן ?... צוליב וואָס־זשע איז די זעלבסט־שוץ ?... צוליב וואָס האַלט מען ביקסן אין די הענט ?...

דער זיידע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַר דער באָרד... ער האָט אין פויסט אָנגענומען איין שפּיץ, אים אַ גלעט געטאָן אויף לינקס, דערנאָך אַ צווייטן שפּיץ, אים אַ גלעט געטאָן אויף רעכטס און געזאָגט:

— פאַרשטייסט, מיין קינד, זיך שלאָגן איז ניט קיין חכמה. אויס־קומען אָן אַ געשלעג, אָט דאָס איז אַ חכמה... מ'דאַרף ערשט פּרואוון מיט גוטן, מיט רייד, זיבן מאָל זאָל מען ריידן און אַז עס וועט ניט העלפן... נו!...

— און דערווייל קוילעט מען דאָרט יידן!...

— אָט אַזוי איז דאָס סענדערל. ניטאָ קיין אחדות ביי יידן... שלמה האָט דערציילט, אַז ניט אַלע יידן האַלטן אונטער די זעלבסט־שוץ... די גבירים פון קרעשטשאַטיק און קיעווער גאַס האָבן קיין איין קאָפּיקע אפילו ניט געוואָלט געבן אויף צו קויפן געווער... און איצט וויל קיינער פון די בעלי־מלאכות ניט אַוועק פון זיין הויז, פון זיין גאַס, און גיין אין שטאָט...

— ס'איז קלאַסן־קאַמף, זיידע!...

— וואָס?!... — האָט זיך דער זיידע צעשריגן — געבראַכט פון אָדעס, פון דער גרויסער שטאָט, די נאַרישקייטן, זיך אָנגעכאַפּט מיט פּאָליטיק!...

— זיידע, אַ רייכער ייד איז דען אַ חבר מיט אַן אָרימען ייד?...

— אייניקל מיינס, דער גוי, אַז ער שלאָגט, שלאָגט ער יעדער יידן. דער גוי צעטיילט ניט די יידן אויף אָרים און רייך!..

— די באָלשעוויקעס, זיידע...

— גענוג, סענדערל, גענוג!.. — און ער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן — אָט אַזוי האָט מען אונז צעטיילט: פריער אויף אָרים און רייך, דערנאָך אויף פאַרשידענע יידן, אויף רוסישע יידן, פּוילישע, יידן, ליטווישע יידן, רומינישע יידן, אַמעריקאַנישע יידן, רויטע יידן, שוואַרצע יידן, ווייסע יידן!... אוי, גוואַלד, זעט מען דען ניט, אַז פון דעם טיילן דאָס יידישע פאָלק, פון דעם צעשניידן זיי, רינט בלוט, טייכן יידיש בלוט. באָלשעוויקעס, בונדאָווצעס, ציוניסטן, העט!

סענדער האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט זיין אַלטן זיידן און זיך געטראַכט: „אַ קלוגער זיידע... זייער אַ קלוגער!...“

ס'איז געוואָרן שטיל. אַהער, אויף דער גאַס, לעבן דעם הויז, האָט זיך קיין איין געשריי ניט דערטראָגן. מ'האָט נאָר פון צייט צו צייט געהערט אַ שיסעריי. דערנאָך האָט מען שוין דאָס שיסעריי אויך ניט געהערט. באַלד איז אָנגעלאָפן דער פעטער שלמה. ער איז

געוועז פאַרשוויצט, צעטראָגן און האָט עפּעס צופרידן געשמייכלט:

— זיי האָבן זיך זייערע צרות איצט, די פּעטליוראָווצעס... דערווייל איז אויס פּאָגראָם... די רויטע אַרמיי גרייפט אָן. אויב די פּעטליוראָווצעס באַקומען ניט קיין הילף היינט־מאָרגן, מוזן זיי אָפּטרעטן פון שטאָט. זיי ווילן זיך אויף אַ צייט פאַרייניקן מיט די דעניקינצעס, כדי צוזאַמען שלאָגן די „רויטע"... נאָר די „ווייסע" האָבן אַזוי ליב די פּעטליוראָווצעס, ווי די באָלשעוויקעס... און די פּעטליוראָווצעס האָבן אַזוי ליב די „ווייסע" ווי די „רויטע"... ס'האָט זיך אַזאַ קאַשע פאַרקאָכט, אַז דער רוח ווייס זיי אַלע... דערווייל האָט דער קאָמענדאַנט אונז באַוויזן אַ דירעקטיוו פון סימאָן פּעטליורא זעלבסט. עס באַקומט זיך, אַז פּעטליורא האָט גאָר ליב יידן און איז קעגן פּאָגראָמען... אַ סימן, אַ יידישער מיניסטער איז אַפילו ביי אים דאָ... די פּאָגראָמען מאַכן גאָר פרעמדע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אין דער פּעטליורישער אַרמיי אַריינגעכאַפּט... איצט איז שוין שטיל געוואָרן... דער קאָמענדאַנט האָט זיך פאַר אונז אַנטשולדיקט. מ'וועט די שולדיקע, די פּאָגראָמשטשיקעס — זאָגט ער — באַשטראָפן... און ער בעט איצט גאָר, דער קאָמענ־דאַנט, ביי אונז הילף, ברידערלעכע הילף... ער וויל, אַז די יידישע זעלבסטשוץ זאָל זיי העלפן פאַרטיידיקן די שטאָט פון דער רויטער אַרמיי, וואָס גרייפט אָן. ס'פּאַרט צו זיי — זאָגט דער קאָמענ־דאַנט — צו הילף אַ גאַנצער קאָרפּוס און ביז דער קאָרפּוס וועט אָנקומען, וויל ער אונזער הילף... מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געענטפערט, אַז מיט פּאָליטיק פאַרנעמען מיר זיך ניט. מיר פאַרהיטן נאָר זיך זעלבסט...

כאָטש די גאַנצע נאַכט איז געווען רואיק, נאָר קיינער איז ניט געשלאָפן. מ'איז געווען וואַך אַ גאַנצע נאַכט. לויט אַ ריי איז מען געשטאַנען פאַרן טויער און מ'האָט געהיט. דער זיידע מיטן אייניקל זיינען אויך וואַך געווען. אינם גאָרטן אויף אַ באַנק איז מען געזעסן און מ'האָט זיך איינגעהערט אין דער שטילער פינצטערער נאַכט. און סענדער האָט ביים זיידן פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— זיידע, פון מיין טאַטן ווייסטו גאָרניט?...

— פון מאָטלען?... ניין!... זינט די מלחמה, ווייס איך גאָרניט פון אים!...

— ער איז אין אַמעריקע?...

— ווער ווייס?... אַזאַ מענש, ווי ער, האָט נאָך געקענט צו־

ריק קומען. ס'איז דאָך געוואָרן „פרייהייט"... מ'האָט דאָך דעם קייסער אַראָפּגעוואָרפן!...

די לעצטע ווערטער זיינען אזוי געזאָגט געוואָרן, אַז סענדער האָט ניט פאַרשטאַנען, צי ער לאַכט, דער זיידע, צי ער רעדט ערנסט...

אויפן אַנדערן טאָג זיינען אויף די גאַסן אויפרופן פון דער פּעטליורישער מאַכט צעהאַנגען געוואָרן. די אויפרופן האָבן זיך אָנגעהויבן לפי ערך מיט די ווערטער:

„ברידער אוקראַינער, יידן און פּאָליאַקן!... מיר ווענדן זיך צו אייער געוויסן. אונזער אַטאַמאַן און פירער, דער באַטקאָ סימאָן פּעטליורא, שלאָגט זיך פאַר אויפשטעלן אַ זעלבסטשטענדיקע, באַזונדערע, אומאָפּהענגיקע, „סאַמאָסטינע" אוקראַינע. די אַלע פעלקער, וואָס באַוואוינען די אוקראַינישע ערד, איבערהויפּט די יידן און פּאָליאַקן, זיינען פאַררעכנט אַלס בירגער פון דער הייליקער אוקראַינע. ווער מאַכט פּאָגראָמען אויף יידן און פּאָליאַקן?... ניט קיין אמתער אוקראַינער, ניט קיין געטרייער קאָזאַק, וואָס קעמפט פאַר דער מוטער־אוקראַינע, נאָר אַ באַנדיט, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונזער מאַכט, אַ באַנדיט, וואָס האָט זיך אַריינגעדרייט אין אונזער אַרמיי. סימאָן פּעטליורע איז קעגן פּאָגראָמען. איך באַפעל עפענען אַלע מאַגאַזינען, ווארשטאַטן און אונטערנעמונגען. איך זיכער אַלע בירגער אַ נאָרמאַל רואיק לעבן און אָרדענונג. די שולדיקע אינם פּאָגראָם וועלן היינט איינס אַ זייגער בייטאָג אויפן פּלאַץ פון קרעשטשאַטיק עפנטלעך באַשטראָפט ווערן דורך הענגען. אזוי, אַז דאָס גאַנצע פאָלק און אַלע בירגער זאָלן זיך איבערצייגן, אַז פּעטליוראָוועצעס זיינען קעגן פּאָגראָמען און קעגן אומאָרדענונג. קאָמענדאַנט פון שטאָט. גענעראַל־מאַיאָר: קאָפּילענקאָ".

ביסלעכווייז האָט מען צוריק די קראָמען אין שטאָט געעפנט.

אָבער אויף די גאַסן זיינען נאָך ווייניק מענשן ארויס. מ'האָט ניט געגלויבט דעם אויפרוף... אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער אויפרוף איז נאָר אַ טאַט פון שוואַכקייט, דעמאַגאָגיע און פּראָוואָקאַציע... צו איינס אַ זייגער בייטאָג האָט מען אויפן קרעשטשאַטיק ארויסגעפירט צוויי דאָרפס־יינגען, באַרוויסע מיט גרויסע טשובן... אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ זיינען געהאַנגען צוויי תליות. די יינגען זיינען געווען מיט געבונדענע הענט און פיס. מ'האָט זיי צוגעפירט צו די תליות. צוויי קאָזאַקן, אָנגעטאָן אין דער גאַנצער פּעטליורישער אוניפאָרם, האָבן זיי די תליות אויף די העלדזער ארויפגעוואָרפן, די שטריק פאַרצויגן... די צוויי דאָרפס־יינגען זיינען גע־

בליבן הענגען אין דער הויף. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע געוואָרפן און דערנאָך געבליבן רואיק מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מיט אויסגעשטעקטע ווייסע צינגער... דערנאָך איז אַ היידאַמאַק רייטנדיק אויף אַ פערד צו די געהאָנגענע צוגעפאָרן און האָט יעדער איינעם אויפן האַלדז אויפגעהאָנגען אַ ווייסע שילד מיט שוואַרצע בוכשטאַבן: „וואָט שאָ ראָביטסיא קאָזאַטשקאָם זאַ גראַביעזש — אָט וואָס מ׳טוט קאָזאַקן פאַר ראַבעווען..."

מ׳איז זיך צעגאַנגען אומרואיק פון קרעשטשאַטיק. מ׳האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קאָמעדיע דער פעטליורישער קאָמענדאַנט פון שטאָט האָט פאַר דער באַפעלקערונג אויפגעפירט... ניט קיין אמתע פעטליוראָווצעס האָט מען אויפגעהאָנגען, נאָר פשוטע דאָרפסשקצים... און באַלד זײַנען טאַקע אָנגעלאָפן פרויען פון אַ נאָענטן דאָרף, זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן טעלעגראַף־סלופּ, וואו די צוויי יינגען זײַנען געהאָנגען, און האָבן אויף אַ קול געיאָמערט:

— אוי, מילינקי.. מילעסינקי.. זאַ שטאָ וואַס קאַראַלי?...

— אוי, ליבינקע.. האַרציקע.. פאַרוואָס האָט מען אייך געמשפּט?...

סענדערל האָט אַוועקגעטראָגן פון דעם קרעשטשאַטיק אַ פאַרביטערט האַרץ:

— ניטאָ קיין אמת, אַ רוח אין זייער טאַטן!...

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די רויטע אַרמיי אַרײַן אין שטאָט.

48. דריי טעג

אויף דער קיעווער גאַס איז געווען דער שטאַב פון דער רויטער אַרמייאישער טייל, וואָס האָט די שטאָט פאַרנומען... סענדער איז אַהין אַוועק. אויף דער גאַס לעבן אַ פּאַראַד־טיר איז געהאָנגען אַ טאָוול: „שטאַב פון נ־ער דיוויזיע". איבערן טאָוול אַ רויטע פאָן. ניט ווייט פון דער טיר זײַנען געשטאַנען צוויי מענטשן, אָנגעטאָן אין לעדערנע קליידער, אין לעדערנע רעקלעך, אין לעדערנע היטלען מיט רויטע שטערנס אויף די אָקאָלעשקעס. זיי האָבן עפּעס צווישן זיך גערעדט... לעבן דער טיר איז געשטאַנען אַ רויט־אַרמייער מיט אַ ביקס אין האַנט. באַלד איז פון טיר אַרויס אַ הויכער מענטש, אויך אָנגעטאָן אין אַ לעדערן רעקל, נאָר אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שוואַרצע פּאַפּאַכע מיט אַ רויטן דעקל, אויף דער לינקער זייט אַ

גרויסע, א ביסל אויסגעבויגענע ווייסע שווערד. ער איז געווען א בלאָנדלעכער, דער ארויסגעקומענער, מיט בלויע אויגן, מיט שיינע, בלאָנדע וואָנצעלעך. ער האָט געהאַט א טבע אלעמאָל אויפהויבן א האַנט און א ציפּע טאָן די וואָנצעלעך... איצט איז ער צוגעגאַנגען צו די צוויי מענשן, וואָס זיינען אין לעדערנע קליידער אָנגעטאָן, ער האָט מיט זיי אויך וועגן עפּעס אָנגעהויבן ריידן...

סענדער איז צוגעגאַנגען צום רויט־ארמייער, וואָס ביי דער טיר.

— איך דאַרף צום סאַמע עלטסטן!...

— אהאַ! — האָט דער רויט־ארמייער אויסגערופן — וואָס דאַרפסטו צו אים?

— דעם עלטסטן וועל איך זאָגן, וואָס איך דאַרף!...

— אָט, א בויקע יאַט...

— און דאָ האָסט געמיינט וואָס?...

— נו, זאָג וואָס דו דאַרפסט!

די דריי מענשן אין לעדערנעם אָנטאָן האָבן זיך אומגעקוקט. זיי זיינען צו דער טיר צו. דער בלאָנדער, מיט דער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ און מיט דער ווייסער שווערד אויף א זייט, האָט א ציפּע געטאָן די וואָנצעלעך און ער האָט געפרעגט ביי סענדערן:

— וואָס איז, וועמען דאַרפסטו?...

— איך דאַרף דעם סאַמע עלטסטן. — האָט סענדער געענטפערט.

דער בלאָנדער מיט די וואָנצעלעך האָט א קוק געטאָן אויף די צוויי מענשן אין די לעדערנע אָנצוגן און זיך צעשמייכלט:

— ווי געפעלט אייך דער יאַט?...

און באַלד האָט ער צו סענדערלן געזאָגט:

— איך בין דער „סאַמע" עלטסטער. דערצייל וואָס ווילסטו?

סענדער האָט זיך אויסגעצויגן ווי א סטרונע און געמאָלדן:

— איך בין א רויט-ארמייער פון ערשטן אָדעסער פּאָלק. איך וויל אייך מעלדן, ווי אזוי איך קום אהער... איך וויל, איר זאָלט מיך צוריק אריינגעמען אין ארמיי!...

— קום אריין!...

אין א ווייכן שטול, אינם קאַבינעט פון קאָמאַנדיר פון דער נ־ער דיוויזיע, איוואַן שעווטשענקאָ, איז סענדער געזעסן און האָט אויסגעדערציילט זיין גאַנצע לעבנס-געשיכטע. דריי מענשן אין לעדער־נעם אָנטאָן, דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר, דער נאַטש־פּאָליט און דער נאַטש־שטאַב, האָבן אויסגעהערט די געשיכטע פונם יינגל און מ'האָט באַשטימט אים איבערלאָזן ביי זיך.

אין אַ חודש אַרום האָט די טייל, לויט אַן אויפטראַג פון דער העכערער קאָמאַנדשאַפט, זיך איבערפאָרמירט. די בירגער־קריג אין רוסלאַנד האָט זיך אין גרונט פאַרענדיקט. אין קרים האָט מען דער־שלאָגן וראַנגעלן. די ווייסע פּאָליאַקן האָט מען געטריבן אַזש ביז וואַרשע. די אויפגאַבע פון טאָג איז איצט געוועזן אויסראָטן די רעשטלעך פון באַנדעס, וועלכע האָבן זיך נאָר אין די וועלדער אויפ־געהאַלטן... ס'האָט זיך שוין איינגעשטעלט די סאָוועטן־מאַכט, נאָר דאָ און דאָרט זיינען ביינאַכט און אַמאָל אין מיטן העלן טאָג אויף שטעטלעך באַנדעס אָנגעפאַלן און צעשטערט דאָס נאָרמאַלע לעבן... די נ־ער טייל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייל אויף צו קעמפן מיט די רעשטלעך פון די פאַרבליבענע באַנדעס. דער קאַמף איז געווען אַ שווערער. דאָ איז קיין פראָנט ניט געווען. דער שונא האָט זיך מאַסקירט. ער איז געווען אין וואַלד און אין דאָרף און אָפט האָט ער זיך אַפילו אינם שטעטל אומגעדרייט און מ'האָט אים ניט דערקענט... מ'האָט אים באַדאַרפט זוכן, דעם שונא, און אים פאַרניכטן.

איצט איז דער שטאַב פון דיוויזיע אַריבער פון אומאַן אויף יענער זייט סטעפּקאָוועקער וואַלד, קיין האָלעוועניסק.

דער קאָמאַנדיר פון דיוויזיע האָט סענדערן צו זיך אַריינגע־רופן. ער האָט אים געזאָגט:

— פאַראַן ידיעות, אַז אין דאָרף מאַקאַרעווקע, ערגעץ אין אַ כאַטע, האַלט זיך אויף אַליין דער באַטקאַ פון דער האַלב־צעשלאָגענער באַנדע, וואָס געפינט זיך אין דעם סטעפּקיווקער וואַלד. אָנפאַלן אויפן דאָרף ראַפּטאָם קענען מיר ניט. מיר מוזן פריער האָבן זיכערע ידיעות, אין וועלכער כאַטע ער האַלט זיך אויף. אונז ווילט זיך אויך וויסן גענוי דאָס אָרט אין וואַלד, וואו די באַנדע געפינט זיך. פאַרשטייסט, אַלעקסאַנדער. דער וואַלד איז אומענדלעך גרויס. אים אַרומרינגלען האָט איצט קיין זין ניט. אונז איז וויכטיק דער וועג צום בערס בערלאָגע... האָסט פאַרשטאַנען?...

— פאַרשטאַנען, חבר קאָמאַנדיר!...

— איך האָב געטראַכט. קיין פּאַסיקערן אויסשפּירער, ווי דו, ניט געפונען. דיין אויפגאַבע איז אַזאַ: טוסט זיך אָן אין ציווילע קליידער. מיר גיבן דיר אַ מעטריקע פון אַ היגן יידישן ייִנגל. זיאָמע גאָלדשטיין הייסט ער. דו בסיט אַ יתום. אַ ספּעקוליאַנט... האָסט אַן אייגן פערד און וועגעלע. איצט האַנדלט מען מיט בוימל. אין אומאַן איז בוימל וואָלוול און דאָ איז טייער. מ'זאָגט, אַז אין אייניקע

דערפער, אויף יענער זייט סטעפּקיווקער וואַלד, איז בוימל נאָך וועלווועלער. דו ביסט אַן אָרים יינגל, אַ יתום, אַ ספּעקולאַנט. דו הייסט זיאָמע גאָלדשטיין. האָסט אַן אייגן פערד און וועגעלע און דערפאַר פאָרסטו איבער די דערפער זוכן וואו עס איז וועלווועלער בוימל, כדי זאָלסט קענען מערער פאַרדינען... און אַט אַזוי פאָרנ־דיק דורכן וואַלד קוקסטו אויס יעדער וועג און שטעג. הערסט זיך איין צו יעדער שאָרך, צו יעדער שעפּטשע, צו יעדער געשפּרעך. אַלץ פאַרגעדענקסטו... און טאָמער עפּעס, ביסטו אַן אָרים יינגל, אַ יתום, אַ ספּעקולאַנט. זיאָמע גאָלדשטיין הייסטו... און מיר קענסטו גאָרניט!... דערנאָך פאָרסטו אריין אין דאָרף מאַקאַ־רעווקע. גייסט צו די פּויערים איבער די הייזער. אין דיין וועגעלע ליגן פיר בלעכן, דאַרפסטו זיי אָנפילן מיט בוימל... פאַר דיר וועלן זיך פּויערים ניט היטן. אַלץ זעסטו, אַלץ הערסטו, אַלץ פאַר־געדענקסטו... צייט אויפן מאַרשרוט, אהין און צוריק, איז דריי טעג. אויפן דריטן טאָג מוזטו זיין צוריק און מיר אַלץ דערציילן. האָסט פאַרשטאַנען?...

— פאַרשטאַנען, חבר קאָמאַנדיר!...

— נו, איז ווי אַזוי?... קענסט עס אויספירן?...

— איך קען, חבר קאָמאַנדיר!...

— גוט!...

דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר האָט זיך אַ ציפּע געטאָן מיט אַ האַנט די בלאָנדע וואָנצעלעך. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אַרומגענומען סענדערן. ער האָט אים אַ דריק געטאָן צו זיך און ליב אים אַ קוש געטאָן אין די קאָרע אויגן.

— סאַשקאַ, נו, זיי געזונט, סאַשקאַ!...

אויפן אַנדערן טאָג, גאַנץ פרי, איז פון האָלעווענינסק אַ יינגל אַרויסגעפאָרן. ער איז געזעסן אין אַ קליין וועגעלע, געשפּאַנט מיט איין פערד. דאָס וועגעלע איז געווען אויסגעבעט מיט שטרוי און צווישן די שטרוי זיינען פיר בלעכענע קענדלעך געשטאַנען. די לײדי־קע בלעכן זיינען אונטערגעשפּרונגען, ס'האָט זיך פון זיי געטראָגן אַ שטיל, נאָר הילכיקער געקלאַפּ... דאָס יינגל איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר אַלטע שטיוול, אַ שוואַרצן אָפּגעריבענעם גאַרניטער, אַן אָפּגעריבן טונקל־גרוי פּאַלטאַכל, אַן אַלטע גרויע קעפּע מיט אַ צע־בראָכענעם דאַשעק. דאָס יינגל האָט שטיל געטריבן דאָס פערדל, גע־קייט אַ שטרויעלע אין מויל און שטיל געמורמלט אַ לידל, וואָס ער האָט נאָך אַמאָל, אין זיין קינדהייט, געהערט:

— פון לײדיקע פּעסער איז דער ליאַרם גרעסער, פון לײדיקע בלעכער איז דער ליאַרם העכער...

ס'איז געװען האַרבסט.

פאַרטאָג איז קאַלט געװען. דערנאָך איז געװאָרן װאַרימער. ס'האָט מאַראַקעט אַ רעגנדל. דער פאַרכמורעטער הימל האָט זיך אָנגעהױבן אױסלײטערן. ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ װינטל, דערנאָך האָט זיך באַװיזן די זון און עס איז געװאָרן שטיל.

סענדער איז אַרײנגעפאָרן אין װאַלד. ער האָט שטיל פאַר זיך געחזרט:

— איך הײס זיאָמע, זיאָמע גאָלדשטײן, זיאָמע גאָלדשטײן און מער װײס איך גאָרניט...

דער װאַלד איז געװען שטיל. די שװאַרצע בױמער זײַנען געשטאַנען, פאַרטראַכטע, פאַרזאָרגטע, און פון זײערע צװײַגן זײַנען בלעטער געפאַלן אױף דער ערד, פאַרגעלטע און פאַרטריקנטע בלעטער... שטיל איז געװען אין דעם װאַלד. קײן פײגל האָבן ניט געזונגען, קײן מענטש האָט ניט גערעדט, נאָר דער קרעכץ פון די פאַלנדיקע, פאַרװעלקטע בלעטער האָט זיך געהערט... ס'האָט זיך געצױגן אַ לאַנגער װעג אין מיטן װאַלד. די בױמער פון בײדע זײַטן װעג האָבן געקוקט אָנגעכמורעט אױף דעם אײנציקן פערד און װעגעלע, װאָס האָט זיך באַװיזן... ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ װינטל און די הױלע צװײַגן, װי צעשפּרײטע הענט, האָבן זיך אַ בױג געטאָן פאָרױס, גלײַך װי זײ װאָלטן געװאָלט אַ כאַפּ טאָן דאָס ייִנגל פונם װעגעלע און אים אַרױפציִען צו זיך און נאָך אַ װאָרף טאָן העכער, צו די סאַמע קרױנען פון די בױמער, אונטער װעלכע עס זײַנען פּוסטע נעסטן פון אַװעקגעפלױגענע פײגעלעך פאַרבליבן... דער װעג האָט זיך נאָך אַלץ געצױגן און װײַטער... און באַלד האָט ער זיך אַ קערעװע געטאָן אױף לינקס. און פּלוצלונג האָט זיך פון אײן זײַט װאַלד אױפן מיטן װעג אַ בױם אַ װאַלגער געטאָן.

דאָס פערד און װעגעלע איז געבליבן שטײן.

און װי פון אונטער דער ערד זײַנען אַרום פערד און װעגעלע אױסגעװאַקסן מענטשן מיט ביקסן און מיט שװערדן... מ'האָט סענדערן באַלד פון װעגעלע אין װאַלד פאַרשלעפּט. אײנער האָט אים אױסגעטאָן די שטיװל. אַ צװײטער האָט אים באַזוכט, דאָס טאַשל מיט געלט און די פּאַפּירן בײ אים צוגענומען. אַן אַלטער מיט גרױ־ בײזע אױגן, מיט אַ גרױער באָרד, װעלכע איז אים מיט אַ װײַס טיכל

ארומגעבונדן געווען, ווי ביי איינעם, וואָס אים טוט וויי די ציין, האָט זיך צעשריגן:

— ווער ביסטו, אַ ייד?...

— יאָ, — האָט סענדערל געזאָגט.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך פאַר האַנדלען!... — האָט זיך סענדער צעוויינט — מיט בוימל האַנדל איך...

ס'אַ רויט־אַרמייער! — האָט דער אַלטער אַ ריטשע געטאָן — איך האָב אים אין גאַלאָוואַנינסק נאָך צוריק מיט אַ פּאָר טעג געזען!..

דער אַלטער האָט אין האַנט אַ נאַהייקע געהאַלטן. ער האָט סענדערן איבער דער פּלייצע דערלאַנגט.

— אוי... — האָט סענדער אויסגעשריגן — איך ווייס גאָר־ניט, פּעטערל. איך בין אַ יתום, איך פאָר האַנדלען, קויפן בוימל!..

— הו.. וך.. — האָט אַ געשריי געטאָן דער אַלטער באַנדיט און האָט אַ כאַפּ געטאָן די ביקס.

איינער, אַ ייִנגער, האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— מ'דאַרף ניט, סעמען!... לאָמיר אים פירן צום באַטקאַ, אין דער האַלאַטשע.

— שלעפּ אים!... — האָט דער אַלטער בייז אַ כריפּע געטאָן.

טיף אין וואַלד האָט מען אים פאַרשלעפּט. ער האָט זיך געצויגן, דער וואַלד, באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. דערנאָך אויף אַ גלייכן שטח זיינען בוימער איינס לעבן אַנדערן געשטאַנען. ס'איז דאָ געווען טונקל. ס'האָט זיך אויף ווייטע וואָרסטן געצויגן די טונקלקייט פון דעם געדיכטן וואַלד. און פּלוצלונג האָט אַ שיין געטאָן די זון. אין מיטן וואַלד איז אַ לאָנקע געווען. עס זיינען דאָ געזעסן עטלעכע מענטשן, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס. סענדערן האָט מען אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. ער איז געלעגן, סענדער, און האָט געוויינט..

ס'האָבן זיך אַרום אים אַרומגעשטעלט די באַוואָפנטע. איינער פון זיי, אַ נידעריקער, אין אַ בלויען אויבער־ראָק, מיט אַ הוילן קאָפּ לענגלעכע, רוסע האָר, מיט אַ קורץ נעזל, אויף וועלכן עס זיינען אַלט־מאָדישע פּענסנע געהאָנגען. די פּענסנע זיינען ביי איינעם פון די גלעזלעך אויף אַ שוואַרץ, זיידן שנירל צוגעבונדן געווען. דאָס שנירל איז געווען אויפן האַלדז אָנגעטאָן. אַלע מאָל זיינען די פּענסנע אַראָפּ־געפאַלן פונם קורצן נעזל און ער האָט זיי צוריק אַרויפגעזעצט... דער בלויער אויבער־ראָק איז מיט אַ גאַרטל אַרומגעבונדן געווען. אינם גאַרטל האָט אַ רעוואָלווער געשטעקט. אין איין האַנט האָט ער

אַן אײַזערנעם שאַמפּל פֿון אַ ביקס געהאַלטן. ער האָט זיך אָנגעבױגן צו סענדערן. דורך די פֿענסטער־גלעזלעך האָבן אַ קוק געטאָן קלײנינקע, גרינע חיהשע אױגעלעך. ער האָט צעעפֿנט דאָס מױל און עס האָבן זיך באַװיזן געלע אױסגעקרימטע צײן.

— װײן ניט, ײנגל. ס'אַ טעות. ניט דיך מײנט מען. מיט קײן קינדער שלאָגן מיר זיך ניט!...

סענדער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער באַטקאַ, דער עלטסטער פֿונם רעשטל פֿאַרבליבענע באַנדיטן. ער האָט זיך צעװײנט.

—כ'בין אַ יתום. נאָר אַ פֿערד און װעגעלע געבליבן. געװאָלט אין דאָרף קױפֿן בױמל. פֿאַרדינען צום לעבן. כ'האָב אַ מאַמע, ברידערלעך...

דער באַטקאַ האָט זיך אױפֿגעהױבן און זיך מיט אַ פֿױסט אַ װאָרף געטאָן אױפֿן אַלטן, װאָס מיט דער איבערגעבונדענער באָרד:

— שיסן װעל איך, װער עס װעט אַ פֿינגער אױף אים אַרױפֿלײגן. איך שלאָג זיך ניט מיט קײן קינדער!...

מ'איז אַלע אַװעק. נאָר אײנער מיט אַ ביקס אין האַנט איז אים געבליבן היטן. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, סענדער, װאָס דאָ קומט פֿאָר. האָט דער באַטקאַ ערנסט גערעדט צו אים, איז פֿאַרװאָס לאָזט מען אים ניט אָפּ?... און דאָ איז אָנגעפֿאַלן די נאַכט. ס'איז געװען קאַלט. דאָס גראָז איז פֿײכט געװאָרן. ס'האָבן אים געבראָכן די בײנער. ס'האָט געדרײט דער קאָפּ. עמיצער האָט אױף אים אַ מאַנטל אַרױפֿגעװאָרפֿן... ער איז אַנטשלאָפֿן געװאָרן...

אין דער פֿרי איז צו אים דער באַטקאַ צוגעגאַנגען. ער האָט אױף אים אַ קוק געטאָן דורך זײנע פֿענסטער. די פֿענסטער זײנען אַראָפּגעפֿאַלן פֿונם קורצן נעזל. זײ זײנען געבליבן הענגען אױפֿן שװאַרצן שנירל, װאָס אױף זײן האַלדז. ער האָט איצט מיט אַ בײזן שמײכל אױף סענדערן געקוקט.

— איז װער ביסטו ײנגל?...

פֿון דעם קוק איז סענדערן קאַלט געװאָרן אױפֿן האַרצן. ער האָט זיך אָבער פֿעסט אין די הענט געהאַלטן:

— איך האָב דאָך געזאָגט, אַן אָרים ײנגל, אַ יתום, איך פֿאָר קױפֿן בױמל...

— װי אַזױ הײסט דו?...

— זיאָמע הײס איך. זיאָמע גאָלדשטײן!...

— זיאָמע, זיאָמע... — האָבן די געלע אױסגעקרימטע צײן

אים זיך נאָכגעקרימט — און אזא איינעם קענסטו ?... — האָט ער אַ געשריי געטאָן — איוואַן שעווטשענקאָ הייסט ער !...

ס׳האָט זיך ביי סענדער אין האַרץ עפּעס אָפּגעריסן. איוואַן שעווטשענקאָ, אַזוי רופט מען זיין קאָמאַנדיר, דעם קאָמאַנדיר פון דער ספּעציעלער נ־ער טייל אויף צו ליקווידירן דעם באַנדיטיזם אויף דער אוקראַינע. דאָס האָט ער, דער חבר שעווטשענקאָ, געשיקט אים, סענדערן, אויף דער געפערלעכער ארבעט... און סענדער האָט נאַאיוו און אומשולדיק, נאָר מיט קינדערשן פּחד, געקוקט דעם באַטקאָ אין די אויגן...

— איך ווייס ניט. איך קען ניט...

ס׳איז ניט קיין טאָג, נאָר אַ גאַנצע אייביקייט אוועק... מ׳האָט אים גאָרניט ניט געטאָן, סענדערן. קיינער האָט מיט אים ניט גערעדט. בייטאָג און פאַרנאַכט האָט מען אים עסן דערלאַנגט און איינער מיט אַ ביקס אין דער האַנט האָט נאָך אים געשפּירט, נאָך יעדער באַוועגונג זיינער האָט ער געשפּירט. דאָס איז איצט סענדערס שאָטן געווען... ראַטעווען זיך פון דאַנען איז געווען אומעגלעך.

ס׳איז געווען דער דריטער טאָג.

דער באַטקאָ איז געשטאַנען איבערן סענדערן מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, אין וועלכער ער האָט אַ שאַמפּל געהאַלטן. ער האָט איצט מיט די ציין געקריצט און פון זיינע גרינע אויגעלעך זיינען דויטע פייערלעך געשפּרונגען.

— זאָג זשיד, ווער ביסטו ?!...

— כ׳ווייס גאָרניט, פּעטער!... — האָט סענדער זעך צעוויינט.

— וועסטו ביי מיר ריידן ! — האָט דער באַטקאָ געשריגן און מיטן שאַמפּעל אים איבער דער פּלייצע דערלאַנגט — אַ רויט־אַרמייער ביסטו !... זאָג, צוליב וואָס ביסטו געשיקט געוואָרן אין וואַלד ?

דער שאַמפּעל האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויף סענדערס קערפּער און סענדער האָט געוויינט און געשריגן :

— אוי, פּעטערל, איך ווייס גאָרניט, אוי, אוי !...

— ווייסט גאָרניט ?! זאָג, שעווטשענקאָ איז איצט אין שטאָב? אין האָלאָוואָנעוסק ?! וואָס קלייבט ער זיך איצט טאָן ?! וואָס זיינען זיינע פּלענער ?! זאָג !...

— אוי, פּעטערל, לאָזט מיך אָפּ. איך ווייס גאָר ניט, איך ווייס גאָרניט !...

— וועסט ריידן, זשידיוגאָ ?!

און דער שטאַמפּעל האָט געקלאַפּט איבערן לייב, איבער די הענט, איבערן בויך, איבער די פּלייצעס. סענדער האָט זיך מיט די פינגער פון זיינע הענט אין דער ערד איינגעגראָבן, דעם קאָפּ אין די אַקסל איינגעצויגן, מיט די ציין זיך איינגעביסן אינם גראָז און ער האָט שוין ניט געשריגן, נאָר געזויפצט:

— כרו.. כרמו.. כרמו!..

ער האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן דעם זינען, אָדער פון היץ ריידן, וואָס מ'דאַרף ניט... האָט ער אין זיך געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— איך היים זיאָמע, זיאָמע גאָלדשטיין!... אַ יתום בין איך, איך האַנדל, בוימל קויף איך. איך היים זיאָמע און וויים גאָר ניט!...

און דער באַטקאַ איז פון געדולד אַרויס. ער האָט דאָס מויל צעקרימט, די לענגלעכע רוסע האָר האָבן זיך ווי שטעכלעך ביי אַ יאָזש אויפגעשטעלט. די פּענסנע זיינע איז פונם קורצן נעזל אַראָפּ-געפאַלן און האָבן זיך אויף זיין בלויען אויבער־ראָק געבאָמבלט. ער האָט שוין איצט סענדערן מער מיטן שטאַמפּעל ניט געשלאָגן, נאָר מיט די פיס געטראָטן.

— זאָג, זשידיוגאַ!... מיינע מענשן האָבן דאָך דיך אין האָלאָוואַניוווסק געזען. מיינע מענשן זיינען אומעטום דאָ. מ'האָט דיך דערקענט!...

סענדער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. דער באַטקאַ האָט אים אַלץ געשלאָגן און געשריגן:

— צוועלב וואָס האָט מען דיך געשיקט? ... זאָג דיין אויפ־גאַבע!...

דער באַטקאַ האָט אים אויפגעהערט שלאָגן. ער איז געלעגן, סענדער, אַן אומבאַוועגלעכער, ווי אַ פרישער בר־מנן, וועלכער איז נאָך היים געוועזן און דאָס בלוט, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון זיינע צעשפּאָלטענע אברים איז נאָך ניט פאַרטריקנט געווין.

די באַנדיטן האָבן פאַרלאָזט די לאַנקע פונם מיטן וואַלד און זיינען אַוועק...

דריי טעג זיינען אַריבער. דער קאָמאַנדיר פון דער נ־ער טייל האָט איצט נערוועז געציפּט מיט אַ האַנט די בלאָנדע וואָנצעלעך. ער האָט געקלונגען אין טעלעפאָן, זיך עפּעס אָנגעפרעגט און דער־נאָך אַרויס פון זיין קאַבינעט. באַלד איז אַ ספּעציעלע מחנה רייטער מיט שווערדן און מיט קוילנוואַרפערס אַרויס פון האָלאָוואַניעוווסק און האָט זיך געלאָזט אויפן וועג, וואָס פירט דורכן סטעפּקיוווקער

וואלד קיין אומאן ... פאָרויס דער מחנה איז איוואן שעווטשענקא געפאָרן ...

ס'האָט פרי א שיין געטאָן די זון איבער דער וואלד־לאַנקע. דער הארבסט, וואָס איז נעענטער צום ווינטער געווען, האָט זיך ראפטאָם אין גאָלדענע קליידער פון זומערדיקער זון אויסגעפוצט. די שטראָלן האָבן א ברי געטאָן און דער ארום האָט אָנגעהויבן בליען ... ערגעץ אין וואלד האָט גערוישט. מ'האָט געשאָסן. א קולנווארפער האָט גע־קלאפט ... סענדער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט אים צוריק אראָפּגעלאָזט. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען די זון. עס האָט זיך אים שטארק געוואָלט טרינקן ... פּלוצלונג איז אונטער אים די ערד נאס געוואָרן. ער האָט די נאסקייט ניט געפילט. א גרינ־לעך ריטשקעלע איז איבער דער ערד געפלאָסן, אין א גריבל זיך געזאמלט און געבליבן שטיין. ער האָט מיט די לעצטע כוחות זיך צוגעשלעפּט צום גריבל און איז אין דעם וואסערל מיטן פּנים אריין... איצט האָט ער שוין בולט געהערט די שיסעריי! ... און באלד האָבן זיך אויף דער לאַנקע מענשן באוויזן. עמיצער האָט אים אויף די הענט גענומען, צום הארצן געדריקט און ערגעץ געטראָגן. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און אַרויפגעקוקט. ער האָט דערזען דאָס מילדע געזיכט מיט די בלויע אויגן. די שווארצע פּאפּאכע מיטן רויטן דענקל איז אים אויף א זייט, די שיינע, בלאָנדע וואָנ־צעלעך הענגען איצט אראָפּ. אָט־אָט הויבט ער האָנט א אויף, גיט זיי א ציפּע ... נאָרביידע הענט זיינען איצט ביי אים פארנומען. ער טראָגט אים, סענדערן, פון וואלד ארויס ... האָט ער זיך צוגע־טוליעט צום הארצן, צו זיינעם, און שטיל געשעפּטשעט:

— חבר קאָמאנדיר, חבר קאָמאנדיר, איך בין ניט שולדיק, וואָס איך האָב די אויפגאבע ניט אויסגעפירט! ..

איוואן שעווטשעקאָ האָט אים צום הארצן געדריקט און צו אים גוט און מיט מיטלייד געשמייכלט:

— סאשקע, דו לעבסט? ... לעב, און זאָרג ניט! ... האָסט גוט אויסגעפירט דיין אויפגאבע! ...

— ווי אזוי? ... חבר קאָמאנדיר!

— לעב, סאשקע, לעב. וועסט שוין אלץ גוואויר ווערן! ...

— און די באנדיטן?

— געכאפּט!

— און דער באטקא?

— דער באטקא אויך. די גאנצע באנדע איז ליקווידירט.

א גאנצן ווינטער איז סענדער אָפּגעלעגן אין קיעוו אין שפּיטאָל. דער קאָמאַנדיר פון דער נ־ער טייל איוואַן שעווטשענקאָ האָט אים אהין איבערגעשיקט. עטלעכע מאָל האָט ער אים באַזוכט. און פון די באַזוכן האָט זיך סענדער דערוואוסט פאָלגנדעס:

— דאָס פּערדל וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט אינם וועגעלע, אויף וועלכן ער איז געזעסן, איז געווען געקאָוועט מיט ספּעציעלע פּאָדקאָוועס, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט טיפע און באַזונדערע שפּורן אין דער ערד אויפן גאַנצן וועג און אין וואַלד. סענדערן האָט מען וועגן דעם ניט געזאָגט. לויט די שפּאָרן איז די רייטער־מחנה בראש מיט איוואַן שעווטשענקאָ אַוועק אינם סטעפּקיוועקער וואַלד, דאָרט זיך מיט דער באַנדע באַגעגנט און נאָך אַ גרויסן שלאַכט זי אינגאַנצן ליקווידירט.

פאַר דער צייט, וואָס סענדער איז אין שפּיטאָל געלעגן, האָט ער פון אומאַן צוויי בריוו באַקומען. אין דעם ערשטן בריוו האָט אים דער זיידע געבעטן, ווען ער וועט זיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל, זאָל ער צוריק קיין אומאַן קומען. ער האָט אים אויך מודיע געווען, אַז די מאַמע מיט די קינדער זיינען שוין אין אומאַן.

דער צווייטער בריוו האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„צו מיין ליב אייניקל סענדער, זאָל מיר לעבן און געזונט זיין — אמן!...

אַ גורס דיר פון דער באָבען דיינער, פון דיין מאַמען מיט די קינדער, פון דיינע פעטערס און מומעס און פון דיינע שוועסטער־קינדלעך... ערשטנס, קום איך דיר מעלדן, אַז מיר זיינען דאַנקן גאָט געזונט און גיב גאָט פון דיר אויך דאָס נעמליכע צו הערן... צווייטנס, זיי וויסן, סענדערל, אַז אָכרימאָווע ווערט צוריק אַ שטאָט. יידן קערן זיך אום אהין און מיר קלייבן זיך אויך צוריק קיין אָכרימאָווע. דער פעטער שלמה האָט ביי דער וולאַסט אַרויסבאַקומען אַזאַ פּאַפּיר, וואָס באַשטעטיקט, אַז דער סאָד געהערט מיר און אַלע מיינע קינדער, פריינט און אייניקלעך. איך קען דיר שרייבן, אַז דער סאָד האָט שטאַרק געליטן פון דער צייט פון די אומרוען... פיל בוימער זיינען צעבראָכן, נאָר נשקשה, שלמה און דער פעטער שמואל האָבן גאָלדענע הענט. איך לעב נאָך אויך דערווייל און מיר וועלן מיט גאָטס הילף צוריק אויפשטעלן דעם סאָד און צוריק אויפבויען אונזערע הייזער.

איך וויל דיר אויך שרייבן, אַ דער קלויסטער איז שוין אין סאָד מער ניטאָ. אין אָכרימאָווע איז געווען אַ גרויסער שלאַכט. די פּעטליור־

ראָוועצעס האָבן זיך באַפּעסטיקט אין קלויסטער, און כדי זיי פון דאָרטן אַרויסזועצן, האָט מען געמוזט דעם קלויסטער פאַרניכטן. די פּוערים בויען איצט פאַר זיך אַ קלויסטער אין דאָרף. מיר האָט איינער, אַן אַלטער פּויער, געזאָגט, אַז עס איז גלייכער אַזוי, ווייל אין אַכרימאָווע האָבן געוואוינט נאָר יידן און אים איז ניט פאַרשטענדלעך געווען צוליב וואָס מ'האָט דעם קלויסטער געבויט אין שטעטל. איצט וועט שוין זיין אין דאָרף אַ קלויסטער און די אַלטע גויים און גויעס וועלן זיך פאַרשפּאָר צו שלעפּן פון דאָרף אין שטעטל...

דאָס לעבן, סענדערל, ווערט איצט צוריק איינגעשטעלט. און איך מיין, אַז עס וועט איצט זיין נאָך בעסער ווי אַמאָל... האָסט אונז געשריבן, סענדערל, אַז גיך שרייבט מען דיך אויס פון שפּיטאָל און דו ווילסט פאָרן קיין אָדעס. וויל איך וויסן דעם שכל פון דעם?... וואָס וועסטו איינער אַליין טאָן אין דער גרויסער שטאָט, אין דער פרעמד?... פאָר בעסער קיין אַכרימאָווע. דאָ וואַרט אויף דיר אַרבעט און זאַטקייט. עס וואַרט אויף דיר אַ סאָד, אַ גאָרטן און אַ פעלד. יאָ, יאָ. יידן קענען איצט ווערן פּויערים, גלייך מיט אַלע. מ'דאַרף נאָר וועלן אַרבעטן...

קום צופאָרן איך וואַרט אויף דיר. עס וואַרטן אויף דיר דיין מאַמע מיט די קינדער. זיי געזונט. ווי עס ווינשט דיר דיין זיידע ישראָל קראָוועץ.

געשריבן לויט די פינקטלעכע ווערטער פון זיידן. דיין פעטער שמואל..."

מ'האָט סענדערן אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. מ'האָט אים באַפרייט פון דער דינסט אין דער רויטער אַרמיי. נאָר ער האָט קיין אַכרימאָווע ניט געהאַט קיין חשק צו פאָרן... אים האָט געצויגן צוריק קיין אָדעס, וואו ער האָט זיין אָרימע קינדהייט פאַרבראַכט, וואו ער האָט אַזויפיל געטרוימט וועגן גליק און געהאָפט אויף בעסערע צייטן...

נ אָ כ װ אָ ר ט

װעגן די „בעסערע צײַטן" פֿון דער באָלשעװיסטישער מאַכט אין רוסלאַנד, און װעגן סענדערס לעבנס־געשיכטע: זײַן דערגרײכטע קאַריערע אַלס פֿידלער און קאָמפּאָזיטאָר, זײַנע ליבעס, זײַנע פֿרײדן און לײדן, זײַן פֿאַמיליען־לעבן און זײַן גרױסע אַנטױשונג, אין אידעאַלן און אין מענטשן; װי אױך דאָס, װאָס מיט סענדערן האָט פּאַסירט אין צײַט פֿון דער צװײטער װעלט־קריג, װען היטלער מיט סטאַלינען האָבן זיך פֿריער געקושט און דערנאָך זיך געפּאַטש, און טױזנטער יידן זײַנען אין װײַטן סיביר פֿאַרשיקט געװאָרן און מיליאָ־נען יידן זײַנען דורך די דײַטשישע נאַצים אױסגעמעקט געװאָרן פֿון לעבן...

און װײַטער: דער אױפֿקום פֿון מדינת ישראל, דאָס האָט דאָך אױך געװירקט אױף סענדערס נשמה און געמיט?!...

— — —

װי אַזױ האָט זיך סענדערל, דער שפּעטערדיקער גרױסער פֿידל־שפּילער, דער אָרדן־טרעגער פֿון מאָסקװע, אַלעקסאַנדער װאָלכאָװ, פֿלוצים באַװיזן אין תל־אביב און די װעלט האָט פֿון דאָרט דערהערט זײַן יידישע מעלאָדיע?

— פֿאַרװאָס איז סענדער אַװעק פֿון סאָװעט־רוסלאַנד?...

* * *

דאָס אַלץ װעט באַשריבן, געמאָלט און געדרוקט װערן אין צװײטן בוך פֿון „ד ו ר ך ז י ב ן פֿ יי ע ר ן".

א י נ ה א ל ט :

א וואָרט פאַרן אָנהויב, וואָס איז אייגנטלעך אויך א ראָמאַן... 7—8
(אנשטאָט א פאָרעדע)

ע ר ש ט ע ר ט י י ל 9

1. ערשטע געשעעניש! 11
2. פארוואָס האָט דער זיידע ארויסגעוואָרפן דאָס אייניקל? 21
3. אָכרימאָווער גרים... 29
4. סענדערלס געבורט־שטאָט 32
5. די משפחה פאָפּערעקעס 34
6. ביי דער אָם 42
7. גרשון מלאך... 49
8. מע פאָרט קיין אָדעס 56

צ ו ו י י ט ע ר ט י י ל 65

9. אין אָדעס אויף דער מאָלדאָוואַנקע 67
10. א לעבעדיקער יתום... 69
11. אין חדר... 78
12. סענדערל און וועלוועלע אָקסמאַן 84
13. קינדער־שפּילן... 90
14. דריי הונדערט יאָר פון ראָמאַנאָווס הויז... 99
15. סענדערל וויל פאָרן קיין אָכרימאָווע 105
16. ביי ווידער דעם פארבער אונטערן בוים 110
17. די מעשה, וואָס גרשון מלאך האָט דערציילט... 114
18. יידישע יום־טובים און דער סקאַנדאַל מיט א גלח... 128
19. פוסט און פאַס איבער די אָדעסער גאַסן... 135
20. ווידער אין אָכרימאָווע 142
21. סענדערל און רייזעלע... 154
22. דער זיידע און דער גלח 159

23. דער פעטער ברוך און די מומע בתיה 163
24. אין סאַד... 167
25. דער זיידע מיטן אייניקל... 170
26. דער גאָלדענער ווינטער... 174
27. צוריק שפּיטאָל־גאַס נומער ניין 188
28. סענדערל לערנט זיך מלאכות 196

דריטער טייל 207

29. מלחמה 209
30. ניטאָ קיין גליק... 218
31. דער ערשטער געשלעג... 233
32. מע פּאַרט קיין אומאַן... 243
33. די רייכע מומע 246
34. געליימט... 253
35. פאַר א שטורעם 255
36. פעוראל... 259

פערטער טייל 267

37. נאָך אמאָל אָדעס... 269
38. שטורעם־טעג 274
39. דייטשן... 287
40. ערשטער אָדעסער פּאָלק 293
41. אין שפּיטאָל 305
42. דער טויט פון דעם פרייליכן קירזשנער... 310
43. זיך ראַטעווען 315
44. פון כריסטימאָווקע ביז אָכרימאָווע... 323
45. פּאָגראָם 327
46. וואוהין פירט דער וועג? 338
47. זעלבסטשוץ... 344
48. דריי טעג 351

דערשינענע ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

„אין אויפקום" (אָדעסער דערציילונגען)
פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1932.

„טייגע־בערג" (בירא־בידזשאַנער דערציילונגען)
„מעלוכע־פאַרלאַג ווייסרוסלאַנד", מינסק. 1932.

„א בריק איבער דער בירע" — — — מינסק, 1936.

„דער ערשטער יעגער" — — — — — — מינסק, 1939.

„דאָס יינגל פון אָכרימאָווע" (ראָמאַן) — מינסק, 1941.

„גלות־בייערן: (נאָוועלן און סקיצן)
פאַרלאַג „הנוער הציוני", דייטשלאַנד, מינכען, 1947.

„בלוט אויף דער זון" (יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד)
פאַרלאַג „מענטש און ייד", ברוקלין־ניו יאָרק, 1950.

— — — — — — — — — — — — — — —

גרייט צום דרוק פון דעם זעלבן מחבר:

„דורך זיבן פייערן" (ראָמאַן וועגן א משפחה־לעבן אין רוסלאַנד).

צווייטער בוך: 1923—1946.

דריטער בוך: 1947—1950.

„א ייד אין דער וועלט" (נאָוועלן און סקיצן).

„דער אויפשטאַנד פון די טויטע"
(נאָטיצן און בילדער וועגן 200 פארשוואונדענע, פארפייניקטע און געשטאָרבענע יידישע שרייבער, ארטיסטן, מוזיקער, פעדאַגאָגן, דאָקטוירים און פראָפעסאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד).

„אַדאַמיזם" (פאַמפלעט וועגן פילאָזאָפיע, אידעאָלאָגיע און רעליגיע).